# תנד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר תְּרוּמָה כ"ט שְׁבָט ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**מֶען** דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ דֶעם וואוּנְדֶערְלִיכְן מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ אַיינְקוֹיפְן דֶעם מִדָּה פוּן גֶעדוּלְדִקֵייט, עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא שֵׁיינֶע אוּן וואוּנְדֶערְלִיכֶע מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת, הָאבְּן גֶעדוּלְד, דִי אַלֶע וָואס זֵיי הָאבְּן סַבְלָנוּת גֶעדוּלְד, זֵיי זֶענֶען דִי גְרֶעסְטֶע מוּצְלָחִים, אוּן זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעזוּנְט אוּן עֶס פֶעלְט זֵיי גָארְנִישְׁט, מַה שֶּׁאֵין כֵּן דִי גְרֶעסְטֶע צָרוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט, נֶעמְט זִיךְ פוּן נֶערְוֶועזְקֵייט, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן חֲלָאִים רָעִים רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ דִי מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת, לֶעבְּן מִיט גֶעדוּלְד, אֲפִילוּ עֶר מַאכְט מִיט שְׁוֶוערֶע מַצָּבִים, הֵן פוּן זִיךְ, הֵן פוּן שְׁטוּב, הֵן פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן הֵן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ' וְכוּ', עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא רְפוּאָה צוּ דִי אַלֶע צָרוֹת וִוי אָפְּשְׁוַוייגְן אוּן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן אוּן הָאבְּן גֶעדוּלְדִיג

**צוּקוּמֶען** צוּ דִי טֵייעֶרֶע מִדָּה זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קנ"ה) מֶען זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וְוִיסְן דָאס

אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער אִיז פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטֵי פְּרָטִיּוּת, מִיט דֶעם וָואס מֶען נֶעמְט אִין זִיךְ אַרַיין גֶעטְלִיכְקֵייט, דָאס דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וִויסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער אִיז נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (חולין ז:) אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעְלָה; דָאס אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט קַיין קְלַאפּ אִין דֶעם קְלֵיינֶעם פִינְגֶער אֵיידֶער מֶען הָאט קוֹדֶם אוֹיסְגֶערוּפְן אוֹיבְן אִין הִימְל וְכוּ', וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אִין זִיךְ אַרַיין דִי יְדִיעָה אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעדוּלְדִיג, וָוארוּם עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דַארְף עֶר זַיין נֶערְוֶועז?

**אָבֶּער** צוּקוּמֶען צוּ אֱמוּנָה קֶען מֶען נִישְׁט, נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן אִים אוֹיסְדֶערְצֵיילְן דָאס גַאנְצֶע הַארְץ, וָואס דָאס אַלֵיין בּוֹיעֶט אוֹיף דִי אֱמוּנָה, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (ליקוטי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ז') דָאס אֱמוּנָה אוּן תְּפִלָּה אוּן נִסִים אִיז פַארְבִּינְדֶען אֵיינְס אִין דֶעם אַנְדֶערְן, וֶוען אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר וֵוייסְט דָאס אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אִיז נָאר פוּן אִים יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ, דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר שְׁטֶענְדִיג מִתְפַּלֵל זַיין אוּן רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן הָאבְן

גֶעדוּלְד אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, אוּן דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר זֶען גְרוֹיסֶע נִסִים.

**אִיךְ** הָאבּ דוּ וֶועסְט וֶועסְט אַרַיין נֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער בַּיי דִיר אִין הַארְץ, אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גְרִינְג לֶעבְּן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תנה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר תְּרוּמָה כ"ט שְׁבָט ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** ווִיסְן אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט רַאטֶעוֶוען פוּן פְּגַם הַבְּרִית וְכוּ' אוּן שְׁמוּצִיגֶע גֶעדַאנְקֶען וְכוּ' נָאכְדֶעם וָואס מֶען אִיז שׁוֹין לֵיידֶער דוּרְכְגֶעפַאלְן וְכוּ', נָאר דוּרְךְ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם דֶער לִימוּד פוּן מִשְׁנַיוֹת אִיז מְזַכֵּךְ דִי נְשָׁמָה, ווִי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן אֲרִיזַ"ל מִשְׁנֶ"ה אִיז דִי אוֹתִיוֹת נְשָׁמָ"ה, אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת וֶוערְט נִזְדַכֵּךְ דִי נְשָׁמָה, אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי בַּיים אָנְפַאנְג אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין אֲפִילוּ פָּשׁוּט פְּשַׁט פוּן אַ מִשְׁנָה וְכוּ', הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן דִי עֵצָה (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, אֲפִילוּ בַּיים

אָנְפַאנְג פַארְשְׁטֵייט עֶר גָארְנִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט, פוּנֶדְעסְטְוֶועגְן זָאל עֶר נֶעמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן אָנְפַאנְג מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת, אוּן דוּרְכְזָאגְן אֵיין פֶּרֶק נָאכְן אַנְדֶערְן, בִּיז עֶר וֶועט מְסַיֵּים זַיין מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת זָאל עֶר אָנְהֵייבְּן מַסֶּכֶת פֵּאָה, אוּן אַזוֹי זָאל עֶר זָאגְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, אַ מְסֶכְתָּא נָאךְ אַ מְסֶכְתָּא, בִּיז עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין דוּרְכְצוּזָאגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, זָאל עֶר אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה יט.) לְעוֹלָם לִיגְרִים אִינִישׁ וְאַף עַל גַּב דְמִשְׁכַּח וְאַף עַל גַּב דְלָא יָדַע מַאי קָאָמַר; אוּן דֶער מַהַרַ"ל מִפְּרַאג זי"ע אִיז מַסְבִּיר (חִידוּשֵׁי אַגָדוֹת) וָוארוּם מִיט נָאר זָאגְן אִיז מֶען מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ אַ הֶעכֶערֶע סָארְט לֶעבְּט, אוּן דָאס וֶועט אִים בַּאשִׁיצְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְץ.

דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סִפְרָא אֱמוֹר פֶּרֶק ט') וּשְׁמַרְתֶּם זוּ מִשְׁנָה; הָאבְּן צַדִיקִים גֶעזָאגְט אַז אַ מֶענְטְשׁ וויל וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְץ זָאל עֶר לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אִיבֶּערְדֶעם אַז דוּ בִּיסְט אַזוֹי בִּיטֶער דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע זִינְד פוּן פְּגַם הַבְּרִית וְכוּ' וְכוּ', זָאלְסְטוּ שׁוֹין נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג, וָואס מֶער אִיז בֶּעסֶער, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט בַּאשַאפְט עֶר קְלִיפּוֹת אוּן מַשְׁחִיתִים וָואס זֵיי זֶעגֶען זִיךְ נוֹקֵם אִין אִים, פוּן דֶעם קוּמְט וָואס ס'פַאלְט אַרוֹיף אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֶענְדִיג טְרוֹיעֶרִיגְקֵייט מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן בִּיטֶערְקֵייט וְכוּ', אָבֶּער מִיט דֶעם וָואס מֶען לֶערְנְט אוּן מֶען זָאגְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, פַארְבְּרֶענְט מֶען אַלֶע קְלִיפּוֹת וָואס עֶר הָאט בַּאשַאפְן דוּרְךְ זַיינֶע זִינְד.

**אויסערדעם** דַארְפְסְטוּ וויסְן דָאס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה ז' סִימָן ג') אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת; דָאס דִי גְאוּלָה וֶועט זַיין נָאר אִין זְכוּת וָואס מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, אַז וואויל אִיז דֶעם בָּחוּר וָואס עֶר גֶעוואוינְט זִיךְ צוּ נָאךְ יוּנְגֶערְהֵייט צוּ זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, און עֶנְדִיגְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אֵיינְמָאל נָאכְן אַנְדֶערְן.

**עֶם** וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (מִדְרַשׁ תַּלְפִּיּוֹת) דָאס אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט אוֹיפְן טוֹיעֶר פוּן גֵיהִנּוֹם און וֶוער עֶס הָאט גֶעלֶערְנְט אִין זַיין לֶעבְן אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת לָאזְט עֶר אִים נִישְׁט אַרַיינְגֵיין דָארְטְן, און דֶער חִידָ"א בְּרֶענְגְט אוֹיף דֶעם אַ רֶמֶז עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית מ"ט) "מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ" שְׁמֵנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת מִשְׁנָ"ה, אַז וואויל אִיז דֶעם בָּחוּר וָואס עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וֶועט עֶר נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶע קְלִיפּוֹת וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דוּרְךְ זַיינֶע זִינְד.

**עֶם** וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן גְרוֹיסְן מַגִּיד רֶבִּי מָרְדְּכַי מִטְשֶׁערְנָאבִּיל זי"ע (לִיקוּטֵי תּוֹרָה הַדְרָכָה ז') **תֹּאמַר** חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת בְּכָל יוֹם בְּלִי פֵּירוּשׁ, כְּדֵי שֶׁתִּגְמוֹר בְּכָל חוֹדֶשׁ כָּל הַשִּׁשָּׁה סְדָרִים, כֵּן תִּנְהוֹג כָּל יְמֵי חַיֶּיךָ; און אַזוֹי וֶוערְט אוֹיכֶעט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן אֲרִיזַ"ל אַז אַ תִּיקוּן אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית אִיז צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, און דִי הַנְהָגָה צוּ זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְן פַאר כַּמָה וְכַמָּה מֵאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ,

(עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קפ"ה). און אֵיינֶע פון זֵיי אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט קֵיין בַּטְלָן, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, און הֵייבּ אָן צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן אַ מוֹרָא'דִיגְן חַיוּת, און דָאס וֶועט פַארְבְּרֶענֶען דִי שְׁלֶעכְטְס וָואס אִיז דָא אִין דִיר, וָוארוּם וֶוען אֵיינֶער הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן וְכוּ', הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רמ"ט) אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְגֶערֶעגְט וְכוּ', און עֶר אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית ל"ח) "וַיְהִי עֵר בְּכוֹר יְהוּדָה רַע בְּעֵינֵי הֲוָיָ"ה" פַארְוָואס שְׁטֵייט 'רַע' און פַארְוָואס שְׁטֵייט נִישְׁט 'רָשָׁע'? נָאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, דֶער וָואס עֶר זִינְדִיגְט אִין דֶעם חֵטְא אִיז שְׁטֶענְדִיג בֵּייז, שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְגֶערֶעגְט, שְׁטֶענְדִיג שְׁלֶעכְט, און מִיט דֶעם וָואס מֶען לֶערְנְט און מֶען זָאגְט יֶעדְן טָאג זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דָאס רַייסְט פוּן אִים אַרוֹיס דָאס שְׁלֶעכְטְקֵייט און נֶערְוֶועזְקֵייט, און עֶס בְּרֶענְגְט אִים צוּ גֶעדוּלְדְקֵייט, וָוארוּם דֶער לִימוּד מִשְׁנַיוֹת אֵיידְלְט אוֹיס אַ מֶענְטְשׁ.

קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, נָאר גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ, פוּן הַיינְט אָן זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דֶער הֵיילִיגֶער "בֵּית יוֹסֵף" (רַבִּי יוֹסֵף קַארוֹ זי"ע) הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז עֶס זָאל זִיךְ אַנְטְפְּלֶעקְן צוּ אִים אַ מַגִיד פוּן הִימְל, וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אִים תּוֹרָה נָאר אִין זְכוּת וָואס עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט און גֶעזָאגְט מִשְׁנַיוֹת.

**אִיךְ** הָאף דו וֶועסְט דָאס מְקַיֵּים זַיין, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג און אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תנו

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר תְּרוּמָה כ"ט שְׁבָט ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** פְרֵיידְט מִיר זֵייעֶר וָואס דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען מְקוֹרָב צוּ וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זֶעה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן און דוּ זָאלְסְט נִישְׁט צוּהֶערְן קַיין שׁוּם מַחְלוֹקֶת וְכוּ', וָוארוּם גֶעוֶוענְדְלִיךְ יֶעדֶער נַייעֶר מְקוֹרָב הֶערְט שׁוֹין מַחְלוֹקֶת צְוִוישְׁן בְּרֶסְלְבֶ'ר חֲסִידִים וְכוּ', און אוֹיף בְּרֶסְלְבֶ'ר חֲסִידִים וְכוּ', בִּיז עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער, און עֶר פְרֶעגְט זִיךְ וָואס גֵייט דָא פָאר? אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ה') דָאס וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית אִיז עֶר נִישְׁט רָאוּי מְקוֹרָב וֶוערְן צוּם צַדִיק, נָאר פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט אוֹיף אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים רַחֲמָנוּת, וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוּאֵל ב' י"ד) "לְבִלְתִּי יִדַּח מִמֶּנּוּ נִדָּח" און עֶר ווִיל מְקַבֵּל זַיין יֶעדְן אֵיינֶעם בִּתְשׁוּבָה נָאר וֶועגְן דִי בְּחִירָה שְׁטֶעלְט עֶר אַוֶועק מַחֲלוֹקֶת, הָאט אַ מֶענְטְשׁ שֵׂכֶל און עֶר וֵוייסְט אַז דִי מַחְלוֹקֶת אִיז נָאר פַאר אִים כְּדֵי אִים צוּ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן צַדִיק, טְרַאכְט עֶר בַּיי זִיךְ וָואס אַרְט מִיר

וָואס מֶען קְרִיגְט אוֹיף דֶעם צַדִיק, אוּן וָואס מֶען קְרִיגְט זִיךְ צְוִוישְׁן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ' וְכוּ', אִיךְ הָאבּ חַיּוּת דָא וְכוּ', דִי סְפָרִים זֶענֶען מַיין לֶעבְּן וְכוּ', וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט מַחֲלוֹקֶת, אוּן בְּלַייבְּט בַּיים צַדִיק, דֶער אִיז דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ, אָבֶּער אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, וִויפֶער עֶר הֶערְט מַחֲלוֹקֶת, לוֹפְט עֶר אַוֶועק, דֶער אִיז אַ גְרוֹיסֶער טִיפֶּשׁ, אוּן בְּלַייבְּט זִינְקֶענְדִיג אִין זַיינֶע זִינְד, אִיבֶּערְדֶעם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיבּ דוּ הֶערְסְט מַחְלוֹקֶת זָאלְסְטוּ וִויסְן דָאס דִי מַחְלוֹקֶת אִיז פַּאר דִיר, דִיךְ אַוֶועקְצוּטְרַייבְּן פוּן דִי קְדוּשָׁה, אִיבֶּערְדֶעם זֶעה וָואס אִיז פַּאר דִיר? עֶס שְׁטֵייט פַּאר דִיר אַ גְרוֹיס שְׁוֶוערְן בִּיטֶערְן נִסָיוֹן, וָוארוּם מַחְלוֹקֶת וַוארְפְט אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ.

אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר, מִישׁ זִיךְ נִישְׁט אִין קַיין מַחֲלוֹקֶת, אֲפִילוּ מַחְלוֹקֶת וָואס אִיז דָא צְוִוישְׁן אוּנְזֶערֶע לַייט, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת צַדִיק סִימָן קמ"ט) הִתְנַגְדוּת עַל הַצַדִיקִים זֶה בָּא מֵהִתְנַגְדוּת שֶׁבֵּין הַצַדִיקִים, אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה מז:) מִשֶׁרָבּוּ תַּלְמִידֵי שַׁמַאי וְהִילֵל שֶׁלֹא שִׁימְשׁוּ כָּל צוֹרְכָּן רָבּוּ מַחְלוֹקֶת בְּיִשְׂרָאֵל וְנַעֲשֵׂית תּוֹרָה כִּשְׁתֵּי תּוֹרוֹת; וָוארוּם דִי פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן דֶעם גַאנְץ לֶעבְּן אוּן גֶעהָארְוֶועט אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים בִּיז זֵיי קֶענֶען דָאס אוֹיסֶעוֶוייְנִיג אוֹיפְּן לָשׁוֹן דִי מִישְׁן זִיךְ נִישְׁט אִין קַיין מַחֲלוֹקֶת, נָאר דִי אַלֶע אִינְגֶעלַייטְלֶעךְ וָואס זֶענֶען הֶדְיוֹטִים הַקוֹפְּצִים בְּרֹאשׁ וְכוּ' וְכוּ', דִי מַאכְן דִי אַלֶע מַחֲלוֹקֶת'עֶר.

**אִיךְ** הָאפְ אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים מִיט גְרוֹיסֶע הַתְמָדָה, בִּיז דוּ וֶועסְט דָאס מְקַיֵים זַיין בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, וֶועסְטוּ זֶעהְן וָואסֶערֶע לֶעבְּט, וָואסֶערֶע זִיסְקֵייט, אִיז דָא בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דוּ וֶועסְט שׁוֹין נִישְׁט וֶועלְן אַוֶועקְגֵיין פוּן אִים.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תנז

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר תְּרוּמָה כ"ט שְׁבָט ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** וִויסְן אַז אַן אֱמֶתְ'ן עֶרְלִיכְן אִיד קֶען מֶען נִישְׁט דֶערְקֶענֶען פוּן אִינְדְרוֹיסְן, אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן קט"ז) וַוייל פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעהְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוֹיס וִוי אַלֶע מֶענְטְשְׁן, נָאר דֶער פְּנִימִיוּת אִיז אַן עִנְיָן אַחֵר לְגַמְרֵי, אַ צַדִּיק בְּרֶענְט שְׁטֶענְדִיג פוּן אִינֶעוֵוייניג צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אִיז גְרֵייט יֶעדֶע מִינוּט אוֹיסְצוּגֵיין פַאר אִים, אוּן דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי מֶען רֶעדְט וְכוּ', וַוייל אוֹיבּ אֵיינֶער רֶעדְט אוֹיף אַזַא צַדִּיק וָואס עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג דָבוּק אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים

קֶען בַּאקוּמֶען אַ גְרוֹיסְן עוֹנֶש, אִיבֶּערְדֶעם אִיז וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְש וָואס עֶר מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט אִין קַיין שׁוּם מַחֲלוֹקֶת, וָוארוּם דוּ דַארְפְסְט וויסְן דָאס אַ אֱמֶת'ן עֶרְלִיכְן אִיד קֶען מֶען נִישְׁט דֶערְקֶענֶען בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן, עֶר בַּאהַאלְט זִיךְ אוּיס אֲפִילוּ פַאר זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

**עֶם** אִיז בַּאוואוּסְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶער רָב זי"ע בַּעַל "דִבְרֵי יוֹאֵל" הָאט גֶעזָאגְט אוּיף זַיין פָּאטֶער דֶער "קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב", דֶער טַאטֶע הָאט זִיךְ אַזוֹי אוּיסְבַּאהַאלְטְן אֲפִילוּ פוּן אוּנְז קִינְדֶער אוֹיךְ, ווִידֶער הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין אִינְגֶל נָאכְדֶעם וָואס דֶער טַאטֶע אִיז גֶעקוּמֶען פוּן דִי מִקְוֶה עֶרֶב שַׁבָּת הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט "זֶעהסְט גָארְנִישְׁט"? הָאט עֶר אִים גֶעֶנְטְפֶערְט נֵיין טַאטֶע אִיךְ זֶעה גָארְנִישְׁט, וָואס דַארְף מֶען זֶעהְן? הָאט אִים דֶער פָּאטֶער דֶער "קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב" גֶעֶנְטְפֶערְט, דִי שְׁטֵיינֶער לַייכְטְן שׁוֹין פוּן דֶעם שַׁבָּת'דִיגְן לֶעכְט, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶער רָב זי"ע אוּיסְגֶעלָאזְט, דֶער טַאטֶע אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין בַּעַל מְגַזֵם, אוּיבּ עֶר הָאט דָאס גֶעזָאגְט הָאט עֶר עֶס גֶעזֶעהְן, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר זִיךְ אַזוֹי אוּיסְבַּאהַאלְטְן פוּן אוּנְז קִינְדֶער.

**אַ** אִיד וָואס עֶר נֶעמְט אִין זִיךְ אַרַיין שְׁטֶענְדִיג דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִין זַיין גֶעדַאנְק דֶער דַארְף קֵיינְמָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין חֲלִישׁוּת הַדַעַת וָואס אֲפִילוּ זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אִין אִים מְזַלְזֵל וְכוּ' וְכוּ', וָוארוּם אַז עֶר אִיז אִינְגַאנְצְן בָּטוּל וּמְבוּטָל אֶל הָאֵין

סוֹף בָּרוּךְ הוּא, עֶר אִיז זִיךְ מְבַטֵּל צוּ עֶצֶם עַצְמִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרֵךְ וְכוּ׳, ווי קֶען מֶען הָאבְּן אִין אִים אַ הַשָּׂגָה? אִיבֶּערְדֶעם טוּט מֶען אִים גְרִינְגְשֶׁעצְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס אִיז דָבוּק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טָאר נִישְׁט בַּיי זִיךְ אַרָאפְּפַּאלְן וֶוען מֶען אִיז אִין אִים מְזַלְזֵל וְכוּ׳ אוּן מֶען טוּט אִים גְרִינְגְשֶׁעצְן וְכוּ׳ וְכוּ׳ וָוארוּם וֶוער הָאט דֶען אַ הַשָּׂגָה אִין רוּחָנִיּוּת?

שְׁטַארְק זִיךְ, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְּרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תנח

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ד׳ לְסֵדֶר תְּרוּמָה כ״ט שְׁבָט ה׳תשע״ב**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זָאלְסְט ווִיסְן אַז דֶער לֶעבְּן אִיז נִישְׁט גְרִינְג, יֶעדֶער אֵיינֶער גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ׳, יֶעדֶער אֵיינֶער לוֹיט זַיין שׁוֹרֶשׁ נְשָׁמָה וְכוּ׳, יֶעדֶער אֵיינֶער לוֹיט וָואס עֶר דַארְף פַּארְרֶעכְטְן וְכוּ׳, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אוּן מִיט דֶעם וֶוערְט גֶעמָאסְטְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וִויפִיל מָאס הִתְחַזְּקוּת עֶר הָאט אִין זִיךְ, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי גָאר גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים,

זַיי הָאבְּן גֶעלִיטְן וָואס זַיי הָאבְּן גֶעלִיטְן שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, הֵן זַיי הָאבְּן גֶעלִיטְן גְרוֹיס דַחֲקוּת אוּן הִינְגֶער, אוּן הֵן זַיי הָאבְּן גֶעהַאט אוֹיף זִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מַחֲלוֹקֶת, אָבֶער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאבְּן זַיי זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן דָאס הָאט זַיי גֶעבְּרֶענְגְט צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם זֶעה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן גָארְנִישְׁט זָאל דִיךְ אַרָאפְּוַוארְפְן, וֶועסְטוּ קוּמֶען צוּ דַיין זַאךְ.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תנט

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר תְּרוּמָה א' דר"ח אֲדָר ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**זָאלְסְט** ווִיסְן אַז דַאֲגַת פַּרְנָסָה אִיז אַ שְׁוֶוערֶע דַאֲגָה וְכוּ', וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (עֵירוּבִין מא:) דִקְדוּקֵי עֲנִיוּת מַעֲבֶרֶת אֶת הָאָדָם עַל דַעְתּוֹ וְעַל דַעַת קוֹנוֹ; ווִידֶער זָאגְן דִי חֲזַ"ל (שְׁמוֹת רַבָּה פָּרְשָׁה לא סִימָן י"ב) אֵין בָּעוֹלָם קָשֶׁה מִן הָעֲנִיוּת שֶׁהוּא קָשֶׁה מִכָּל יִסוּרִין שֶׁבָּעוֹלָם וְכוּ', אָמַר אִיּוֹב, רִבּוֹן הָעוֹלָם מְקַבֵּל אֲנִי עָלַי כָּל יִסוּרִין שֶׁבָּעוֹלָם וְלֹא עֲנִיוּת, כְּשֶׁאֵצֵא לַשּׁוּק וְאֵין בְּיָדִי פְּרוּטָה לִקְנוֹת מָה אוֹכַל וְכוּ' עַיֵּין שָׁם. זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם דָאס שְׁוֶוערְן בִּיטֶערְן נִסָּיוֹן פוּן עֲנִיּוּת, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקְן וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן

(נְדָרִים מ״א) אֵין עָנִי אֶלָּא בְּדַעַת; וָוארוּם וֶוען אַ אִיד נֶעמְט אִין זִיךְ אַרַיין אִין דִי מַחֲשָׁבָה אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אַלֶעס אִיז עֶצֶם עַצְמִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, אוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר אִיז אַ לְבוּשׁ לְגַבֵּי אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, דֶעמָאלְט עֶפְנְט זִיךְ אִים אוֹיף אַ צִינוֹר אִין פַּרְנָסָה, אָבֶער דִי מַחֲשָׁבָה דַארְף זַיין אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אַוַודַאי** קוּמְט עֶס נִישְׁט אָן גְרִינְג וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט נֶעבֶּעךְ אִין פְּגַם הַבְּרִית קוּמְט אוֹיף אִים גְרוֹיס עֲנִיּוּת, ווִי סְ׳שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (רַעְיָא מְהֵימְנָא פִּנְחָס רמד.) מַאן דְמִזַלְזֵל בְּפֵרוּרִין דְנַהֲמָא וְזָרִיק לוֹן בְּאֲתַר דְלָא אִצְטְרִיךְ (הַאי סָבִיל עֲנִיּוּת), כָּל שֶׁכֵּן מַאן דְמִזַלְזֵל בְּפֵירוּרִין דְמוֹחָא דְאִינוּן טִפִּין דְזֶרַע דְזָרִיק לוֹן בְּאַרְעָא דְאִתְּמַר בְּהוֹן (בְּרֵאשִׁית ו׳) ״כִּי הִשְׁחִית כָּל בָּשָׂר אֶת דַּרְכּוֹ עַל הָאָרֶץ״ (הַאי בְּוַודַאי סָבִיל עֲנִיּוּת); אִיבֶּערְדֶעם אִיז דִי עֵצָה נָאר צוּ זַיין פְרֵייְלִיךְ, אַזוֹי קוּמְט מֶען צוּ גַּדְלוּת הַמּוֹחִין, אִיבֶּערְדֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּנְז אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן הַבְּרִית צוּ זַיין פְרֵייְלִיךְ, וָואס דָאס אִיז דִי עֲשָׂרָה מִינֵי נִגּוּנִים וָואס עֶס קוּמְט אַרוֹיס פוּן ״תִּיקוּן הַכְּלָלִי״ דִי מִינוּט וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵייְלִיךְ וֶוערְט אִים נִתְהַפֵּךְ זַיין בִּיטֶער מַזָל וְכוּ׳, אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה אַז סְ׳עֶפְנְט זִיךְ אִים אַ שֶׁפַע פוּן הִימְל, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶעהְן נָאר צוּ זַיין פְרֵייְלִיךְ, כָאטְשׁ אִיךְ ווֵייס אַז עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט דֶער

הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) מֶען דַארְף זִיךְ נֵייטְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

**בִּפְרַט** דוּ הָאסְט מִיט וָואס צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, דוּ בִּיסְט אַ זוֹכֶה וּמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וויפִיל טוֹיזֶענְטֶער אִידְן מֶענֶער פְרוֹיעֶן בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵק מִיט דִי אִידִישֶׁע סְפָרִים, אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אִין זֵיי אַרַיין אַ גְרוֹיסֶע הָאפְּפֶענוּנְג צוּ לֶעבְן, אוּן דֶער עִיקָר אַז עֶס וֶוערְט אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זֵיי דִי אֶמֶת'ע פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת מִיט דִי סִטְרָא אַחֲרָא, דָאס מַלְכוּת הַמִינוּת, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ, וֶועסְטוּ זֶעהְן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן, עֶס וֶועט זִיךְ דִיר מַאכְן גְרוֹיסֶע נִסִים.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן חוֹדֶשׁ**

## תס

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר תְּרוּמָה א' דר"ח אֲדָר ה'תשע"ב**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דוּ** מוּזְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן טָארְסְט זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, כָאטְשׁ עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע אָרֶעמְקֵייט וְכוּ', דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט טוּן אִיז אוֹיסְטֶערְלִישׁ מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ, וָוארוּם אַזוֹי זָאגְן

דִי חֲזַ"ל (בָּבָא מְצִיעָא נט.) לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בִּכְבוֹד אִשְׁתּוֹ, שֶׁאֵין בְּרָכָה מְצוּיָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם אֶלָּא בִּשְׁבִיל אִשְׁתּוֹ, שֶׁנֶּאֱמַר (בְּרֵאשִׁית י"ב) "וּלְאַבְרָם הֵטִיב בַּעֲבוּרָהּ" וְהַיְינוּ דְּאָמַר לְהוּ רָבָא לִבְנֵי מְחוֹזָא, אוֹקִירוּ לִנְשַׁיְיכוּ כִּי הֵיכִי דְּתִתְעַתְּרוּ, (זַייט מְכַבֵּד אוּן הַאלְט טֵייעֶר דִי וַוייבּ וֶועט עֶטְץ וֶוערְן רַייךְ) אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ט) אַז דָאס עִיקָר עֲשִׁירוּת קוּמְט נָאר אִין זְכוּת פוּן זַיין וַוייבּ; אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי כָּבוֹד פוּן דִי וַוייבּ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶועןְ, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ד) דָאס מֶען דַארְף זֵייעֶר טֵייעֶר שֶׁעצְן אַ וַוייבּ, וָוארוּם זִי לַיידְט שְׁוֶוערֶע צָרוֹת אוּן וֵוייטָאגְן וְכוּ' וְכוּ', צַעַר עִיבּוּר צַעַר לֵידָה, אוּן צַעַר גִידוּל וְכוּ', אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף זַיין וַוייבּ אוּן עֶר הֶעלְפְט אִיר אַרוֹיס, דֶעמָאלְטְס הָאט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים רַחֲמָנוּת אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן עֶר הֶעלְפְט אִים אַרוֹיס.

**דֶער** עִיקָר זָאלְסְט זֶעהְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם דֶער שֵׁם פוּן פַּרְנָסָה וָואס עֶס קוּמְט אַרוֹיס פוּן פָּסוּק (תְּהִלִּים קמ"ה) פּוֹתֵחַ' אֶת' יָדֶיךָ' סוֹפֵי תֵּיבוֹת חת"ך קוּמְט אוֹיבֶעט אַרוֹיס פוּן פָּסוּק (דְּבָרִים ט"ז) וְהָיִיתָ' אַךְ' שָׂמֵחַ'; אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ וֶוערְט נִתְרַחֵב דֶער מֹחַ אוּן עֶס קוּמְט אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסֶע שֶׁפַע, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (נְדָרִים מא) אֵין עָנִי אֶלָּא מִדַּעַת; אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נֶעבֶּעךְ נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל קוּמְט אוֹיף אִים אַרוֹיף עֲנִיוּת, אִיבֶּערְדֶעם מוּז מֶען זִיךְ נֵייטְן צוּ

זַיין פְרֵיילִיךְ און פְרֵיילִיךְ מַאכְן דָאס וַוייבּ, ווי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו') **אִשָּׁה בַּעֲלָהּ מְשַׂמְּחָהּ**; און עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר (תִּצַוֶּה קפד:) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים ק' ב') "**עִבְדוּ אֶת הֲוָיָ"ה בְּשִׂמְחָה**", חֶדְוָה דְבַּר נַשׁ מָשִׁיךְ לְגַבֵּיהּ חֶדְוָה אַחֲרָא עִלָּאָה, [דִי שִׂמְחָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, בְּרֶענְגְט אִים אַ שִׂמְחָה פוּן יֶענֶע וֶועלְט]; וָוארוּם שִׂמְחָה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט (דִבְרֵי הַיָּמִים א' ט"ז) "**עוֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ**", דָארְטְן בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶערְשְׁט נָאר שִׂמְחָה, דָאס אִיז אַ סִימָן וֶוען אַ אִיד אִיז אִין דִי קְדוּשָּׁה, וֶוען עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, זָאלְסְט זֶעהְן צוּ זַיין בְּגַדְלוּת הַמּוֹחִין, און גֵיי נָאךְ צְדָקָה, וֶועט דִיר דֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְפְן אַז דוּ וֶועסְט נָאכְדֶעם קֶענֶען גֶעבְּן אַנְדֶערֶע וְכוּ', אָבֶּער קוֹדֶם דַארְף מֶען זִיךְ אַרָאפְּבֵּייגְן וְכוּ', און אַוֶועקְוָוארְפְן דֶעם כָּבוֹד הַמְדוּמֶה וְכוּ', און גֵיין נָאךְ צְדָקָה, וֶועט דִיךְ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן אַז דַיין מַזָל וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן און דוּ וֶועסְט נָאךְ קֶענֶען זַיין אַ נוֹתֵן און נִישְׁט אַ מְקַבֵּל.

**אִיךְ** וֵוייס אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ גֵיין נָאךְ צְדָקָה וְכוּ', ווי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:) **כֵּיוָן שֶׁנִּצְטָרֵךְ אָדָם לַבְּרִיּוֹת פָּנָיו מִשְׁתַּנּוֹת כִּכְרוּם**; אַז אַ מֶענְטְשׁ מוּז אָנְקוּמֶען צוּ מֶענְטְשְׁן טוּישְׁט זִיךְ בַּיי אִים דִי פָּנִים אִין עֶטְלִיכֶע קָאלִירְן פוּן רוֹב בּוּשָׁה וְכוּ' וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן זָאגְט מֶען נָאךְ פוּן צַדִיקִים, 'וֶוען אַ אִיד גֵייט נָאךְ צְדָקָה אִין אַלֶע פִיר עֶקְן פוּן שְׁטָאט

טוּישְׁט מֶען אוּיס אַז עֶר זָאל נִישְׁט דַארְפְן דוּרְכְגֵיין דִי ד׳ מִיתוֹת בֵּית דִין סְקִילָה שְׂרֵיפָה הֶרֶג חֶנֶק׳, וָוארוּם דִי בּוּשָׁה וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט בַּיים גֵיין נָאךְ צְדָקָה מִיט דֶעם קוּמְט עֶר אָפּ דִי ד׳ מִיתוֹת בֵּית דִין אוֹיבּ ס׳אִיז אוֹיף אִים חָלִילָה וְחַס נִגְזָר גֶעוָוארְן, אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַריין, דוּ זָאלְסְט נָאר זַיין פְרֵייליךְ, אוּן דוּ זָאלְסְט פְרֵייליךְ מַאכְן דַיין וַוייבּ, אוּן דוּ זָאלְסְט טוּהְן וָואס מֶען הֵייסְט דִיךְ, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵייליכְן חוֹדֶשׁ**

# תסא

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה׳ לְסֵדֶר תְּרוּמָה א׳ דר״ח אֲדָר ה׳תשע״ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וַויסְן** דַארְפְסְטוּ וַויסְן אַז דִי חֲזַ״ל זָאגְן (קִדּוּשִׁין פ״ב:) רַבִּי מֵאִיר אוֹמֵר לְעוֹלָם יְלַמֵּד אָדָם אֶת בְּנוֹ אוּמְנוּת נְקִיָּה וְקַלָּה וְיִתְפַּלֵּל לְמִי שֶׁהָעוֹשֶׁר וְהַנְּכָסִים שֶׁלּוֹ שֶׁאֵין אוּמְנוּת שֶׁאֵין בָּהּ עֲנִיּוּת וַעֲשִׁירוּת שֶׁלֹּא עֲנִיּוּת מִן הָאוּמְנוּת וְלֹא עֲשִׁירוּת מִן הָאוּמְנוּת אֶלָּא הַכֹּל לְפִי זְכוּתוֹ; אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ אַסַאךְ מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר׳ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דִי פַּרְנָסָה וָואס דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאל גֵיין מִיט גְרוֹיס הַצְלָחָה, אוּן דֶער עִיקָר אִיז צוּ זַיין פְרֵייליךְ, וָוארוּם דֶער שֵׁם פוּן פַּרְנָסָה וָואס

עֶס קוּמְט אַרוֹיס פוּן פָּסוּק (תְּהִלִּים קמ"ה) פּוֹתֵחַ' אֶת' יָדֶיךָ' סוֹפֵי תֵיבוֹת חַתָ"ךְ קוּמְט אוֹיבֶּעט אַרוֹיס פוּן פָּסוּק (דְבָרִים ט"ז) וְהָיִיתָ' אַךְ' שָׂמֵחַ'; אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ וֶוערְט נִתְרַחֵב דֶער מֹחַ אוּן עֶס קוּמְט אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסֶע שֶׁפַע, אוּן וִויסְן דַארְפְסְטוּ וִויסְן דָאס שִׂמְחָה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דִבְרֵי הַיָמִים א' ט"ז) "עוֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ", דָארְטְן בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶערְשְׁט נָאר שִׂמְחָה, דָאס אִיז אַ סִימָן וֶוען אַ אִיד אִיז אִין דִי קְדוּשָׁה, וֶוען עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר (תְּצַוֶה קפד:) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים ק' ב') "עִבְדוּ אֶת הוי"ה בְּשִׂמְחָה", חֶדְוָה דְבַּר נַשׁ מָשִׁיךְ לְגַבֵּיה חֶדְוָה אַחֲרָא עִלָאָה, [דִי שִׂמְחָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, בְּרֶענְגְט אִים אַ שִׂמְחָה פוּן יֶענֶע וֶועלְט].

וֶועה צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיט אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וְעַל כּוּלָם אַ דַף גְמָרָא יֶעדְן טָאג, וָואס דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע הַצְלָחָה, אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קכ.) "וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה" שֶׁאֵין בְּיָדִי לֹא מִקְרָא וְלֹא מִשְׁנָה וְלֹא תַּלְמוּד; אַז וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן עֶר כַאפְּט אַרוֹיס יֶעדְן טָאג מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא מֶדְרָשׁ, וָואס דָאס אִיז אַקֶעגְן דִי ד' עוֹלָמוֹת עֲשִׂיָה יְצִירָה בְּרִיאָה אֲצִילוּת, אַז מֶען לֶערְנְט דִי פִיר לִימוּדִים וֶוערְט נִמְשָׁךְ אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסְן לֶעכְטִיגְקֵייט פוּן דִי אַלֶע עוֹלָמוֹת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן חוֹדֶשׁ**

# תסב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר תְּרוּמָה ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעכְטְן בַּיינַאכְט הָאט מֶען מִיר גֶעגֶעבְּן דֶעם נַייעֶם סֵפֶר וָואס עֶס אִיז גֶעדְרִיקְט גֶעוָוארְן בַּיי עֶנְק "אוֹצַר הַפּוּרִים", וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווִי הָאט אִיר גֶעקֶענְט דְרִיקְן אַזוֹי שֵׁיין? אִיךְ הָאבּ מַצִיעַ גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל דְרִיקְן אוֹיךְ אִין דֶעם זֶעלְבְּן פָארְמַאט אִין דֶעם זֶעלְבְּן שְׁטַיינֶער דֶעם סֵפֶר "גִּנְזֵי הַמֶּלֶךְ" אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף מְגִילַת אֶסְתֵּר מִיט דִי מְגִילָה צוּזַאמֶען, עֶס וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען וואוּנְדֶערְלִיךְ שֵׁיין, דֶער סֵפֶר "אוֹצַר הַפּוּרִים" דָאס אִיז צַאמְגֶענוּמֶען קוּנְטְרֵסִים וָואס זֵיי רֶעדְן פוּן חוֹדֶשׁ אֲדָר, יֶעדֶער קוּנְטְרֵס אִיז אַ דְרָשָׁה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְטְן בָּרַבִּים, אוּן פוּן יֶעדְן דְרָשָׁה הָאט מֶען גֶעמַאכְט אַ קוּנְטְרֵס, אוּן מֶען הָאט עֶס צַאמְגֶענוּמֶען, אוּן מֶען הָאט גֶעמַאכְט פוּן דֶעם אַ סֵפֶר, אוּן בִּיז יֶעצְט הָאט מֶען שׁוֹין אָפְּגֶעדְרִיקְט צֶענְדְלִינֶער טוֹיזֶענְטֶער סְפָרִים, אוּן עֶס אִיז שׁוֹין עֶטְלִיכֶע מָאל אִיבֶּערְגֶעדְרִיקְט גֶעוָוארְן, אִיבֶּערְדֶעם פְרֵיי אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר אַז עֶטְץ הָאטְס דָאס אִיבֶּערְגֶעדְרִיקְט.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ דֶערְהַאלְטְן דֶעם "אֲשֶׁר בְּנַחַל" חֵלֶק ט"ו, עֶס אִיז אוֹיבֶּעט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַזוֹי שֵׁיין, אוּן דָאס

אִיז אַזַא זְכוּת הָרַבִּים וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן, אוּן אִיךְ בִּין זִיכֶער דָאס אִיז דֶעם זְכוּת וָואס דוּ דְרִיקְסְט דִי "אֲשֶׁר בַּנַחַל" וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, וָוארוּם וֶוער סְ'וֶועט אָפְּדְרִיקְן אַ כְּרַךְ "אֲשֶׁר בַּנַחַל" וֶועט הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה, אוּן אִיךְ בִּין שְׁטַארְק אִין דֶעם דָאס וֶוער עֶס גֶעפוּנְט זִיךְ אִין אַ צָרָה לֹא עָלֵינוּ, אוֹיב עֶר וֶועט אָפְּדְרִיקְן אֵיין חֵלֶק "אֲשֶׁר בַּנַחַל" וֶועט עֶר הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה, וָוארוּם דִי אַלֶע בְּרִיוו אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן נָאר מִיט דִי רְצוֹנוֹת פוּן בָחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וְכוּ' וְכוּ', אוּן עֶס טוּט מְחַיֶה זַיין יֶעדְן אֵיינֶעם, אִיבֶּערְדֶעם וֶוער עֶס וֶועט אָפְּדְרִיקְן אֵיין חֵלֶק וֶועט עֶר זֶעהְן אַ יְשׁוּעָה אִין זַיין לֶעבְּן.

דוּ אַלֵיין זֶעהסְט דָאךְ ווִי דֶער שָׁלוֹם בַּיִת הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט לְטוֹבָה, אוּן גְלֵייבּ מִיר אַז דָאס אִיז אַלֶעם בִּזְכוּת דְרִיקְן דִי חֲלָקִים פוּן "אֲשֶׁר בַּנַחַל".

שְׁטַארְק זִיךְ יֶעצְט אַ גַאנְצְן חוֹדֶשׁ אֲדָר חוֹדֶשׁ הַשִׂמְחָה, וֶועסְטוּ זֶעהְן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶער שַׁבָּת אוּן אַ לֶעכְטִיגְן חוֹדֶשׁ**

# תסג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג׳ לְסֵדֶר תְּצַוֶּה ה׳ אֲדָר ה׳תשע״ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֶע זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי דִיר, וָוארוּם וִויסְן דַארְפְּסְטוּ וִויסְן דָאס גָאט בָּרוּךְ הוּא אִיז מִיט דִיר בַּיי דִיר לֶעבְּן דִיר אִין דִיר, מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פְּלַאץ וָואס עֶר זָאל נִישְׁט זַיין, מִיט דֶעם וָואס דוּ וֶועסְט אַרַיינְנֶעמֶען אִין דִיךְ דִי יְדִיעָה, וֶועט דַיין לֶעבְּן זַיין אַן אַנְדֶער סָארְט לֶעבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף אַסַאךְ הָארֶעוֶוען אִין דֶער יוּגְנְט מֶען זָאל קֶענֶען זַיין אוֹיף דֶער עֶלְטֶער אַ פָּשׁוּטֶער אִיד, וָואס מֵיינְסְטוּ אִיז אַ פָּשׁוּטֶער אִיד? עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ דָאס ״שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי״ מִיט דֶעם אִיז עֶר זִיךְ מְחַיֶּה אַ גַאנְצְן טָאג אוּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט, עֶר אִיז נִזְהַר צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה, אוּן טוֹבֵל׳ט זִיךְ פַאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ׳ס וֶועגְן, אוּן דַאוֶוענְט אַלֶע דְרֵיי תְּפִילּוֹת מִיט מִנְיָן מִיט אַ חַיּוּת אוּן אַ בְּרֶען, אוּן דַאוֶוענְט נִישְׁט אוֹיסֶענְוֵויינִיג, נָאר אִין אַ סִידוּר, עֶר גֶעבְּט זֵייעֶר אַכְטוּנְג וָואס עֶר עֶסְט, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין סְפֵק סְפֵיקָא פוּן קַיין שְׁאֵלָה אוֹיף דָאס עֶסְן, בִּפְרַט פְלֵייש גֶעט עֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג פוּן וַואנֶעט עֶר נֶעמְט דָאס, עֶר בֶּענְטְשְׁט עֶרְלִיךְ אִין אַ

סִידוּר, עֶר זָאגְט אַלֶע בְּרָכוֹת אַ גַאנְצְן טָאג בְּכַוָונָה, עֶר הַאנְדְלְט עֶרְלִיךְ, עֶר בַּא'עַוְולְ'ט נִישְׁט קַיין מֶענְטְשְׁן, עֶר בַּאגַנְבֶ'עט קֵיינֶעם נִישְׁט, (כָאטְשׁ עֶס זֶעהְט אוֹיס פָּשׁוּטֶע זַאכְן, אָבֶּער דִי אַלֶע פְּשׁוּטֶע זַאכְן זֶענֶען זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיס אוּן חָשׁוּב אִין הִימְל, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט אַז אַ פָּשׁוּטֶער אִיד וָואס וֶועט זִיךְ וַואשְׁן צוּם עֶסְן אוּן בֶּענְטְשְׁן עֶרְלִיךְ וֶועט זַיין אַ חִידוּשׁ וִוי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי"ע), עֶר אִיז קוֹבֵעַ עִתִּים לַתּוֹרָה, עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וָואס דָאס הֵיילִיגְט דִי נְשָׁמָה, אוּן עֶר אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא מִיט מְפוֹרְשִׁים, וְעַל כּוּלָם לֶערְנְט עֶר אַסַאךְ הֲלָכָה, טוּר בֵּית יוֹסֵף אוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַזָא אִיד, אוּן אַלֶעס טוּט עֶר מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע פַּשְׁטוּת, וָואס פוּן אִינְדְרוֹיסְן קֶען מֶען אוֹיף אִים גָארְנִישְׁט דֶערְקֶענֶען.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס חָשׁוּבְ'קֵייט אִין הִימְל פוּן אַזָא אִיד וָואס עֶר פִּירְט זִיךְ אַזוֹי אוֹיף טָאג אַיין טָאג אוֹיס, עֶר הִיט אוֹיף זַיין דִיבּוּר נִישְׁט רֶעדְן קַיין לָשׁוֹן הָרַע רְכִילוּת אוּן לֵיצָנוּת, עֶר מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט אִין קַיין שׁוּם מַחֲלוֹקֶת.

דֶער עִיקָר אִיז, אַז עֶר אִיז צוּגֶעוואוּינְט צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת

הָרַ"ן סִימָן קנ"ד) אַז דֶער עִיקָר וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה אִיז נָאר גֶעוֶוען וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִּירְט ווי אַ פְּרָאסְטִיק, דָאס הֵייסְט עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִּירְט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, גֶערֶעדְט זֵייעֶר אַסַאךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אִידִישׁ, אוּן גֶעזָאגְט אַסַאךְ תְּהִלִים, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט וֶוען אִיךְ זָאל וִויסְן אִין דֶער יוּגְנְט צוּ וָואס מֶען קֶען קוּמֶען דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת דָאס הֵייסְט רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אַ גַאנְץ יָאר וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן אִין אֵיין טָאג, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן נָאךְ דִי עֲבוֹדָה פוּן תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַסַאךְ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אִידִישׁ, אַזוֹי ווי אַ פְּרָאסְטֶער פָּשׁוּטֶער מֶענְטְשׁ; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם עִנְיָן פוּן רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָוארוּם פַאר אַ מֶענְטְשׁ זֶעהְט עֶס אוֹיס ווי סְתָּם עֶר רֶעדְט וְכוּ' וְכוּ', אוּן קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער אִין דֶער אֱמֶתְ'ן אַרֵיין אִין הִימְל מַאכְט עֶס אַ גְרוֹיסֶער רוֹשֶׁם, וֶוען אַ אִיד וָואלְט גֶעוְויסְט וָואס וֶוערְט אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת פוּן זַיין רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואלְט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רֶעדְן, וואוּ עֶר וָואלְט גֶעגַאנְגֶען, אוּן וואוּ עֶר וָואלְט גֶעוֶוען, וָואלְט עֶר פוּן דָארְטְן גֶערֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר וָואלְט זִיךְ מְדַבֵּק גֶעוֶוען צוּ אִים מִיט אַן אֱמֶתְ'ן דְבֵיקוּת, וָוארוּם דֶער עִנְיָן פוּן רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס אִיז אַ דְבֵיקוּת אִין אִים בָּרוּךְ הוּא, אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיסְמָאלְן ווי

דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט אִיז נָאר עֶצֶם עַצְמִיוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, בִּיז עֶר זָאל נִישְׁט זֶעהְן אוּן נִישְׁט הֶערְן נָאר גֶעטְלִיכְקֵייט, אַ אִיד דַארְף קוּמֶען צוּ אַזַא מִין בִּיטוּל עֶס זָאל אִים נִישְׁט אָנְגֵיין גָארְנִישְׁט, נָאר זַיין גַאנְצְן רָצוֹן זָאל זַיין וְויאַזוֹי מֶען אִיז נִכְלָל אִין דֶעם אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, וְכוּ', וְכוּ'.

**גְלֵייבּ** מִיר אַז דָאס הֵייסְט אַ פָּשׁוּטֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר פִירְט זִיךְ אַזוֹי, וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תסד

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר תְּצַוֶּה ז' אֲדָר ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דִי "מְגִילַת אֶסְתֵּר" מִיטְן פֵּירוּשׁ "גִנְזֵי הַמֶּלֶךְ" וָואס דוּ הָאסְט גֶעדְרִיקְט, עֶס אִיז מַמָּשׁ צוּ עֶרְשְׁטוֹינֶען וְויאַזוֹי דוּ הָאסְט דָאס גֶעקֶענְט בַּאוַויזְן אִין אַ קוּרְצֶע צַייט אָפְּדְרִיקְן, אַז וואוּיל אִיז דִיר אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט זַייעֶר מֶען זָאל אָפְּדְרִיקְן פוּן דֶעם וָואס מֶער, כְּדֵי מֶען זָאל דָאס נָאךְ קֶענֶען מֵפִיץ זַיין פַאר פּוּרִים, אוּן דָאס אִיז אַ זְכוּת הָרַבִּים לְדוֹרוֹת עוֹלָם.

**אִיךְ** וָואלְט דִיךְ זֵייעֶר גֶעוָואלְט בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זַיין בַּיי זִיךְ אַזוֹי גֶעפַאלְן, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס פַּאר אַ זְכוּת דוּ הָאסְט, וָוארוּם עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶעגְגְט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תְּרוּמָה קכ"ח:) תָּא חֲזִי כָּל מַאן דְאָחִיד בְּיָדָא דְחַיָּיבָא, [קוּם אוּן זֶעה, יֶעדֶער וָואס עֶר הַאלְט אָן אִין דִי הֶענְט פוּן זִינְדִיגֶע] וְאִשְׁתַּדֵּל בֵּיה לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִישָׁא, [אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִשְׁתַּדֵּל זֵיי זָאלְן אָפְּלָאזְן דִי שְׁלֶעכְטֶע וֶועגְן וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דֶעם] אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין מַה דְלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נַשׁ אַחֲרָא [עֶר גֵייט אַרוֹיף הוֹיךְ אִין דִי עוֹלָמוֹת וָואס אַן אַנְדֶערֶע אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ דֶעם] גָרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא [עֶר אִיז גוֹרֵם מַכְנִיעַ צוּ זַיין דִי סִטְרָא אַחֲרָא] וְגָרִים דְאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִיקָרֵיה, [אוּן עֶר אִיז גוֹרֵם דָאס כִּבְיָכוֹל דֶער נָאמֶען פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל זַיין טֵייעֶר אוֹיף דֶער וֶועלְט] וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עַלְמָא בְּקִיוּמֵיה לְעֵילָא וְתַתָּא, [אוּן עֶר אִיז גוֹרֵם אַז דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט זָאל הָאבְּן אַ קִיּוּם, וָוארוּם אַז מֶען אִיז מְקָרֵב מֶענְטְשְׁן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן זֵיי אַיינְגֶעוְרֶקֶענֶען אִים, דָאס אִיז דֶער עִיקָר קִיּוּם פוּן דֶער וֶועלְט] וְעַל הַאי בַּר נַשׁ כְּתִיב (מַלְאָכִי ב') "בְּרִיתִי הָיְתָה אִתּוֹ הַחַיִּים וְהַשָּׁלוֹם" וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי, וְזָכֵי בְּהַאי עַלְמָא וְזָכֵי לְעַלְמָא דְאָתֵי, [אוּן אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק אַז מַיין בּוּנְד וֶועט זַיין מִיט אִים אוּן עֶס וֶועט רוּעֶן אוֹיף אִים דָאס לֶעבְּן אוּן דֶער שָׁלוֹם, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהְן קִינְדֶער

פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין גְלִיקְלִיךְ צוּ זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט] כָּל מָארֵי דִינִין לָא יָכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ בְּהַאי עַלְמָא וּבְעַלְמָא דְאָתֵי [קַיין שׁוּם מְקַטְרֵג קֶען נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט] עָאל בִּתְרֵיסָר תַּרְעֵי וְלֵית מַאן דְיִמְחֵי בְּיָדֵיהּ [אוּן עֶר גֵייט אַרַיין אִין דִי צְוֶועלְף טוֹיעֶרְן פוּן אַלֶע צְוֶועלֶעף שְׁבָטִים, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁטֶערְן] וְעַל דָא כְּתִיב [אוּן אוֹיף אִים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק] (תְּהִלִּים קי״ב) ״גִּבּוֹר בָּאָרֶץ יִהְיֶה זַרְעוֹ דּוֹר יְשָׁרִים יְבֹרָךְ הוֹן וָעוֹשֶׁר בְּבֵיתוֹ וְצִדְקָתוֹ עֹמֶדֶת לָעַד זָרַח בַּחֹשֶׁךְ אוֹר לַיְשָׁרִים״ וְגוֹ׳.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ זֶעהְן צוּ דְרִיקְן וָואס מֶער סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים, וָואס דָאס אִיז אַ זְכוּת הָרַבִּים לְדוֹרוֹת, וָוארוּם וֶוען אִידְן קוּקְן אַרַיין אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים וֶוערְט זֵיי דָאס הַארְץ דֶערְוֶועקְט, אוּן זֵיי הֵייבְּן אוֹיבֶּעט אָן צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס רָצוֹן, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט דֶעם לֶעצְטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה דִי תּוֹרָה ״תִּקְעוּ תוֹכָחָה״ (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ח׳) **אַז** יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף זֶעהְן אַרַיינְבְּרֶענְגְן נָאךְ נְפָשׁוֹת אִין בֵּית הַתְּפִלָּה, אוּן דוּרְכְדֶעם וֶוערְן צֵירוּפִים אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, וָוארוּם אַז נָאךְ אַ אִיד הֵייבְּט אָן צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז עֶר גוֹרֵם גְרוֹיסֶע שַׁעֲשׁוּעִים אִין הִימְל, וּמִכָּל שֶׁכֵּן נָאךְ אַ אִיד אוּן נָאךְ אַ אִיד וְכוּ׳ וְכוּ׳, אַזוֹי פִיל

שַׁעֲשׁוּעִים וֶוערְט אוֹיבְן וְכוּ', עַיֵּין שָׁם. אוּן עֶס אִיז בַּאוואוּסְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קנ"ד) אַז דֶער עִיקָר וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה אִיז נָאר גֶעוֶוען וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט ווִי אַ פְּרָאסְטִיק, דָאס הֵייסְט עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, גֶערֶעדְט זַייעֶר אַסַאךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אִידִישׁ, אוּן גֶעזָאגְט אַסַאךְ תְּהִלִים, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט וֶוען אִיךְ זָאל ווִיסְן אִין דֶער יוּגְנְט צוּ וָואס מֶען קֶען קוּמֶען דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת דָאס הֵייסְט רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אַ גַאנְץ יָאר וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן אִין אֵיין טָאג, אוּן עֶר הָאט זַייעֶר גֶעבֶּעֶנְקְט נָאךְ דִי עֲבוֹדָה פוּן תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַסַאךְ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אִידִישׁ, אַזוֹי ווִי אַ פְּרָאסְטֶער פָּשׁוּטֶער מֶענְטְשׁ.

זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, דוּ זָאלְסְט זַיין זַייעֶר פְּרֵיילִיךְ אוֹיף דַיין גְרוֹיסְן זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט, אוּן זֶעה אוֹיבֶּעט זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְּרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תסה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר תְּצַוֶּה ז' אֲדָר ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעט דִיךְ זַייעֶר דוּ זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ וְכוּ' וְכוּ', וָוארוּם אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט אִיבֶּער שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ז) דָאס יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס אִיז גְרֶעסֶער אוּן פַארְשְׁטַאנְד אִין רוּחָנִיוּת אֱלֹקוּת, אוֹיף אִים גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (קֹהֶלֶת א') "יוֹסִיף דַּעַת יוֹסִיף מַכְאוֹב" אִיבֶּערְדֶעם טָארְסְטוּ נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן בַּיי דִיךְ, נָאר אַרְבֶּעטְן אוֹיף אֵיין נְקוּדָה, צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ וָואס דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאשַׁאפְן וֶוערְן אַ אִיד "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי", וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י') דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה, אוּן דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם קֶען דֶעם מֶענְטְשׁ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן מִיט דֶעם, וָוארוּם וָואס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט זַיין, קַיין גּוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט, אוּן מִיט דֶעם קֶען מֶען זִיךְ זַייעֶר מְחַיֶּה זַיין.

**עֶס** וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי צָדוֹק הַכֹּהֵן זי"ע אִין זַיין סֵפֶר "פְּרִי צַדִּיק" (חַג הַשָּׁבוּעוֹת - אוֹת יג) אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי"ע הָאט זִיךְ צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַמָאל צוּם עָמוּד אוּן גֶעזָאגְט דִי בְּרָכוֹת אוּן עֶר הָאט

פַארְפֶעלְט דִי בְּרָכָה "שֶׁלֹא עָשַׂנִי גוֹי", אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אַ פָּשׁוּטֶער אִיד, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט, רֶבִּי אִיר הָאט פַארְפֶעלְט דִי בְּרָכָה 'שֶׁלֹא עָשַׂנִי גוֹי', הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי"ע גֶעעֶנְטְפֶערְט גְלֵייבּ מִיר אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַארְגֶעסְן, נָאר וֶוען אִיךְ בִּין אוּיפְגֶעשְׁטַאנֶען בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אַזוֹי צוּבְרָאכְן אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וָואס זִיךְ מְחַיֶה צוּ זַיין, בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן אַ טַאנְץ אוּן גֶעזָאגְט דִי בְּרָכָה "שֶׁלֹא עָשַׂנִי גוֹי", אוּן מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְחַיֶה גֶעוֶוען, אוּן אַז אִיךְ הָאבּ עֶס שׁוֹין גֶעזָאגְט אֵיינְמָאל דַארְף אִיךְ עֶס נִישְׁט זָאגְן נָאכְאַמָאל.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם ווִי אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִיק ווִי דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי"ע וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִים זַייעֶר אוּיסְגֶערוּמְט אוּן הָאט אִים גֶערוּפְן דֶער "פְּאֵר הַדוֹר", אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז דִי תְּפִילִין פוּן הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וָוארוּם עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג מְלַמֵד זְכוּת אוּיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וָואס מְחַיֶה זַיין זִיךְ אוּן פְרֵיילִיךְ זַיין, נָאר מִיט דִי בְּרָכָה פוּן "שֶׁלֹא עָשַׂנִי גוֹי", אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זֶעהְן זַייעֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן פְרֵיילִיךְ זַיין, וָוארוּם דֶער עִיקָר פוּן אַ אִיד אִיז שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, וּבִפְרַט וֶוען עֶר אִיז מְקַיֵים אַ מִצְוָה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִדוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א') כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה בְּיָדוּעַ שֶׁלִבּוֹ שָׁלֵם עִם אֱלֹקָיו; אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר (תְּצַוֶה קפר:) חֶדְוָה דְבַר נַשׁ מָשִׁיךְ לְגַבֵּיהּ חֶדְוָה אַחֲרָא עִלָאָה, [וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פְרֵיידְט

זִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט וֶוערְט נִמְשָׁךְ אוֹיף אִים אַ שִׂמְחָה פוּן יֶענֶע וֶועלְט]; אִיבֶּערְדֶעם זֶעה צוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, וָוארוּם אוֹיף יֶעדְן מֶענְטְשׁ גֵייט אִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) אַז אוֹיף שִׂמְחָה מוּז מֶען הָאבְּן מְסִירוּת נֶפֶשׁ, זִיךְ נֵייטְן פְרֵיילִיךְ צוּ זַיין, מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת.

**אִיךְ** הָאף דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תסו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר כִּי תִשָּׂא י"ב אֲדָר ה'תשע"ב

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**זֶעה** זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט זָאל דִיר נִישְׁט קֶענֶען אַרָאפְּוַוארְפְן.

דוּ זָאלְסְט וִויסְן, בְּאוֹפֶן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן כֹּחַ זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ זָאל דִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן, אִיז נָאר דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, וָוארוּם דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה אִיז דִי חָכְמָה פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט

תּוֹרָה גֵייט עֶר אַרַיין כִּבְיָכוֹל אִין דִי חָכְמָה פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דָאס הִיט אִים אָפּ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (אֵיכָה רַבָּה הַקְדָמָה) הַמָּאוֹר שֶׁבָּהּ יַחְזִירֶנּוּ לְמוּטָב; דָאס דִי לֶעכְט פוּן דִי תּוֹרָה בְּרֶענְגְט צוּרִיק אַ אִיד צוּם גוּטְן, עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן פָאלְגְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּ אִים.

אִיךְ וָואלְט דִיךְ זֵייעֶר גֶעוָואלְט בֶּעטְן פַאר דַיין טוֹבָה וֶועגְן, דוּ זָאלְסְט מַאכְן זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין בַּבְלִי אִין יְרוּשַׁלְמִי אוּן תּוֹסֶפְתָּא, דָאס הֵייסְט יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל אִין דִי דְרֵיי לִימוּדִים, אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט לֶערְנֶען אַ דַף אִיז נִישְׁטָא קֵיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם, מִיט דֶעם בּוֹיֶעסְטוּ זִיךְ אוֹיף אַ בַּיִ"ת, דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת בּ'בְלִי יְ'רוּשַׁלְמִי תּ'וֹסֶפְתָּא, דוּ בִּיסְט אִינְגַאנְצְן יֶעצְט דְרֵיי חֳדָשִׁים נָאכְן חֲתוּנָה, וֶוען דוּ זָאלְסְט יֶעצְט אָנְהֵייבְּן יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען אַ שִׁיעוּר אִין דִי דְרֵיי לִימוּדִים, בְּמֶשֶׁךְ כַּמָּה יָארְן וֶועסְטוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן גַאנְץ בַּבְלִי יְרוּשַׁלְמִי אוּן תּוֹסֶפְתָּא אוּן דוּ הָאסְט זִיךְ אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט אַ בַּיִ'ת', אוּן דוּ זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל, אַזוֹי זָאלְסְטוּ זִיךְ פִירְן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אִיךְ קֶען דִיךְ נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן דֶעם, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן אַן אַנְדֶערֶע סָארְט טַעַם אִין דַיין לֶעבְּן, וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא בַּבְלִי, אַ דַף גְמָרָא יְרוּשַׁלְמִי, אַ פֶּרֶק אִין תּוֹסֶפְתָּא, שְׁפִּירְט עֶר אַ גֶעוַואלְדִיגְן לֶעבְּט, עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ גוּט מִיט זִיךְ, אִיךְ וֵויים אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט הַיינְטִיגְן טָאג אַ בַּיִת, אַ רוּחְנִיוּת'דִיג הוֹיז, אוּן אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ

בַּאפְלַייסְן וֶועסְטוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אֲפִילוּ צְוֵוי דַפִּים אָדֶער דְרֵיי דַפִּים, בִּפְרַט דוּ בַּאקוּמְסְט יֶעצְט קֶעסְט, הָאסְט נִישְׁט קַיין טֶרְדוֹת פַאר דִי נֶעקְסְטֶע צְווֵיי יָאר, וִוי מֶען הָאט דִיךְ צוּגֶעזָאגְט, נוּץ אוֹיס דִי הֵיילִיגֶע צַייט, וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ.

דִי חֲזַ"ל זָאגְן (כְּתוּבּוֹת נט.) הַבְּטֵילָה מְבִיאָה לִידֵי שִׁעֲמוּם, לֵיידִיגְגֵיין בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ אַלֶע סָארְטְן מְשׁוּגַעתְ'ן, בִּיז לִידֵי זִימָה וְכוּ', אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט דִי צַייט עֶר פִיסְטֶעוֶועט וְכוּ' גֵייט אַרוּם לֵיידִיג וְכוּ', מוּז עֶר קוּקְן אִין שְׁמוּץ וְכוּ', טְרַאכְטְן אִין שְׁמוּץ וְכוּ', אוּן אַזוֹי וֶוערְט עֶר פַארְשְׁטָאפְּט דֶער קָאפּ דֶער מֹחַ אוּן דָאס הַארְץ, אוּן עֶר וֶוערְט פַארְדְרֵייט מִיט קַשְׁיוֹת אוּן מִיט סְפֵיקוֹת אִין דִי אֱמוּנָה רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן.

**אִיבֶּערְדֶעם** פָּאלְג מִיר יֶעצְט דַיְיקָא זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין דִי דְרֵיי לִימוּדִים, בַּבְלִי יְרוּשַׁלְמִי אוּן תּוֹסֶפְתָּא.

**אוֹיסֶערְדֶעם** זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, אָנְהֵייבְּן פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אוּן דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף אֲרִיכוּת יָמִים, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם שֶׁכָּל הַמַשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַשְׁלִימִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו.

**אוֹיסֶערְדֶעם** זָאלְסְטוּ זֶעהְן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן, וָוארוּם מִשְׁנָה אִיז דִי

אותִיוֹת נְשָׁמָה, אַז אַ אִיד לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת אִיז עֶר מְזַכֵּךְ זַיין נְשָׁמָה פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

**וְעַל** כּוּלָם זָאלְסְטוּ זִיךְ זֶעהְן צוּגֶעוואוינֶען אוֹיסְגִיסְן זִיךְ דָאס הַארְץ פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, דוּ זָאלְסְט אִים דֶערְצֵיילְן אַלְסְדִינְג וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיךְ דוּרְךְ, אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק אִין דֶעם וֶועט דִיךְ קֵיינֶער נִישְׁט קֶענֶען אַרָאפְּוַוארְפְן.

**זָאלְסְט** וויסְן אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וֶוערְט גֶעפִירְט נָאר דוּרְכְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטֵי פְּרָטִיוּת, גָארְנִישְׁט וֶוערְט גֶעפִירְט אַלֵיין, דִי אַלֶע זַאכְן אִיז נָאר אַ דִמְיוֹן, אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶס אִיז אַלֵיין, סְ'אִיז נִישְׁטָא אַ זַאךְ אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, אוּן אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, בַּיים אָנְפַאנְג וֶועט דָאס דִיר אָנְקוּמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער, עֶס וֶועט זִיךְ דִיר דַאכְטְן אַז קֵיינֶער הֶערְט דִיךְ נִישְׁט אוֹיס, אָבֶּער וֶוען דִי אֱמוּנָה וֶועט דִיר זַיין שְׁטַארְק וֶועסְטוּ גֶעוואוּיר וֶוערְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא, וָוארוּם מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, עֶר גֶעפִינְט זִיךְ אִיבֶּערָאל, אִיבֶּערְדֶעם קֶענְסְטוּ מִיט אִים רֶעדְן אִיבֶּערָאל, וואוּ דוּ גֵייסְט, וואוּ דוּ שְׁטֵייסְט, וואוּ דוּ זִיצְט קֶענְסְטוּ רֶעדְן מִיט אִים, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק דוּ זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן, קֵיין שוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט זָאל דִיר נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן פוּן אִים, אוּן הָאב נִישְׁט קֵיין חֲלִישׁוּת

הַדַּעַת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ח) עֶס אִיז קַיין יֵאוּשׁ נִישְׁט פַאְרהַאנְדִין; ס'אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז אַ אִיד זָאל זִיךְ מְיַיאֵשׁ זַיין, אֲפִילוּ פוּן דִי גְרֶעסְטֶע יְרִידוֹת אוּן נְפִילוֹת קֶען עֶר זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן אוּן צוּרִיקְקוּמֶען.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן וֶועסְטוּ הָאבְּן אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן, אוּן עֶס וֶועט דִיר אַלֶעס גְרִינְג אָנְקוּמֶען, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זֶעהְן הִיטְן אוֹיף דַיין שְׁלוֹם בַּיִת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תסז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר כִּי תִשָּׂא י"ב אֲדָר ה'תשע"ב

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

וַוייפִיל אִיךְ זָאל דִיר נִישְׁט שְׁרַייבְּן, אוּן ווִיפִיל אִיךְ זָאל נִישְׁט רֶעדְן מִיט דִיר אוּן מַסְבִּיר זַיין דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אִיז נִישְׁט גֶענוּג, וָוארוּם דָאס אִיז אַ זְכוּת הָרַבִּים לְדוֹרֵי דוֹרוֹת, אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט אַ דְרָשָׁה וֶוערְן אַלֶע אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, בִּיז בִּיטוּל הַבְּחִירָה וְכוּ', אָבֶּער וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן קוּמְט דֶער ווִינְט וְכוּ' אוּן לוּיטֶערְט אוֹיס דֶעם מֹחַ אוּן מֶען הָאט שׁוֹין אַלֶעס פַארְגֶעסְן, אֲפִילוּ פְרִיעֶרְט אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים בִּיטוּל הַבְּחִירָה

וְכוּ׳, קֶען זַיין אַ מֶענְטְשׁ גֶעדֶענְקְט נָאךְ אַ וָואךְ צְוֵויי דִי דְרָשָׁה אוּן זַיין הַארְץ צִיט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דוּרְכְדֶעם, אָבֶּער נָאכְדֶעם וֶוערְט עֶר אָפְּגֶעקִילְט וְכוּ׳, וָוארוּם אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט אִיבֶּער אוֹיף דֶעם עוֹלָם פַארְשִׁידֶענֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען וְכוּ׳, אֲפִילוּ וֶוען עֶס וֶוערְט אָפְּגֶעטֶעיפְּט דֶער שִׁיעוּר אוּן מֶען לֵייגְט דָאס אַרוֹיף אוֹיף אַ טֶעיפּ וְכוּ׳, דִי מְצִיאוּת וַוייזְט אַז בַּיים סוֹף וֶוערְט דָאס צוּרִיסְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, מַה שֶּׁאֵין כֵּן אַ סֵפֶר גֵייט מִסוֹף הָעוֹלָם וְעַד סוֹפוֹ אוּן עֶס בְּלַייבְּט לְדוֹרֵי דוֹרוֹת, דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן גֶעטַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קי״ט) ״צִדְקָתְךָ צֶדֶק לְעוֹלָם וְתוֹרָתְךָ אֱמֶת״ וָואסֶערֶע צְדָקָה בְּלַייבְּט אוֹיף שְׁטֶענְדִיג? וֶוען מֶען הֶעלְפְּט אַרוֹיס דְרִיקְן סְפָרִים וָואס זֶענֶען תּוֹרַת אֱמֶת פוּן צַדִיק אֱמֶת, אוּן מֶען זֶעהְט בְּחוּשׁ דָאס אַלֶע בְּרֶסְלְבֶ׳ר חֲסִידִים זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן נָאר דוּרְךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן אַן אַנְדֶער סֵפֶר וָואס הָאט אִים גֶעצוֹיגְן.

דֶער טְשֶׁעהְרִינֶער רָב זַצַ״ל בְּרֶענְגְט אִין זַיין סֵפֶר פַּרְפְּרָאוֹת לְחָכְמָה (אוֹיף דִי תּוֹרָה אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ס״א) דָאס עֶר הָאט אַלֵיין גֶעהֶערְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זי״ע אַז עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעטְרַאכְט וויאַזוֹי עֶר קֶען מַמְשִׁיךְ זַיין דֶעם רֶבִּינְ׳ס אוֹר אוֹיף לְדוֹרֵי דוֹרוֹת אוּן עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אִין דֶער וֶועלְט, אִיז אִים גֶעקוּמֶען דִי הַחְלָטָה נָאר צוּ שְׁרַייבְּן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אוּן מְחַדֵשׁ זַיין אִין דֶעם, וָואס דָאס אִיז זַיינֶע סְפָרִים.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם טְשֶׁערִינֶער רַב זַצַ"ל, עֶר אִיז גֶעוֶוען בָּקִי בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ (אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט נָאךְ אִים) זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז גֶעוֶוען, עֶר פְלֶעגְט זַיין פַארְמַאכְט עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט הָאבְּן צוּטוּהְן מִיט קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, וָוארוּם עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מַתְמִיד, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶען זָאל אִים שְׁטֶערְן. וֶוען אוּנְזֶערֶע לַייט פְלֶעגְן אִים בֶּעטְן עֶר זָאל פָארְלֶערְנֶען בָּרַבִּים "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" פְלֶעגְט עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיסְדְרֵייעֶן מִיט אַנְדֶערֶע תֵּירוּצִים, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט פָארְלֶערְנֶען בָּרַבִּים. אֵיינְמָאל הָאבְּן אוּנְזֶערֶע לַייט זִיךְ גֶ'עַקְשֶׁנְ'ט מִיט אִים, אֶפְשַׁר דָאךְ וֶועט עֶר דָאס מָאל יָא לֶערְנֶען בָּרַבִּים "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט "וָואס ווילְט אִיר פוּן מִיר? אִיךְ וֶועל לֶערְנֶען "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" לְדוֹרוֹת, אוּן עֶר הָאט זִיי מְרַמֵּז גֶעוֶוען אַז עֶר וֶועט אִיבֶּערְלָאזְן אַ סֵפֶר אַ פֵּירוּשׁ אוֹיפְן "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן", אוּן אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּהְן, עֶר הָאט אָפְּגֶעדְרִיקְט זַיין סֵפֶר "פַּרְפְּרָאוֹת לְחָכְמָה" אַ פֵּירוּשׁ אוֹיפְן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער פֵּירוּשׁ אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סֵפֶר, אוּן רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זַ"ל הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים, אַז זַיין פֵּירוּשׁ "בֵּיאוּר הַלִּיקוּטִים" אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אִיז עֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן מְחַבֵּר צוּ זַיין נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעזֶעהְן דֶעם סֵפֶר "פַּרְפְּרָאוֹת לְחָכְמָה".

וָוען איך בִּין יוּנְג גֶעוֶוען הָאבּ איךְ גֶעלֶערְנְט זֵייעֶר אַסַאךְ
דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע הַתְמָדָה, וָואס מֶען קֶען גָארְנִישְׁט מַסְבִּיר זַיין, וּבִפְרַט דִי "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת" הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, אוּן אִיךְ הָאבּ אַיינְגֶעזֶעהְן ווִי הַיינְט אִיז דֶער דוֹר אַזוֹי גֶעפַאלְן וְכוּ', הֵן מִיט כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת וְכוּ', הֵן מִיט שְׁמוּץ פוּן נִיאוּף וְכוּ', אוּן וָואס ס'גֵייט דוּרְךְ אוֹיף בָּחוּרִים אוּן יוּנְגֶעלַייט וְכוּ' וְכוּ', הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען אַז מֶען דַארְף אַרוֹיסְגֶעמֶען דֶעם תַּמְצִית פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אוּן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן'ס סְפָרִים (וָואס דָאס אִיז אֵיין זַאךְ וָוארוּם דֶער רֶבִּי מִיטְן תַּלְמִיד אִיז אֵיינְס, ווִי ס'אִיז בַּאוואוּסְט בַּיי אוּנְז וְכוּ'), אוּן פוּן דֶעם אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דִי אַלֶע קוּנְטְרֵסִים וָואס אִיז עַל פִּי רוֹב דְרָשׁוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאלְטְן בָּרַבִּים, אוּן עֶס אִיז שׁוֹין גֶעדְרִיקְט גֶעוָוארְן בִּיז יֶעצְט אִיבֶּער טוֹיזֶענְט פוּנְף הוּנְדֶערְט עֶרְלֵיי קוּנְטְרֵסִים וָואס רֶעדְן פוּן אַלֶע נוֹשְׂאִים וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אוֹיסֶער דֶעם אַ פֵּירוּשׁ "שְׂפַת הַנַחַל" אוֹיפְ'ן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אוּן אַ פֵּירוּשׁ "נַהֲרֵי אַפַּרְסְמוֹן" אוֹיפְ'ן סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת, אוּן אַ פֵּירוּשׁ "בֵּיאוּרֵי הַמִדוֹת" אוֹיפְן סֵפֶר הַמִדוֹת, אוּן נָאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ סְפָרִים אוֹיף דִי תוֹרָה אוּן מוֹעֲדִים אוּן אַגָדוֹת חֲזַ"ל וְכוּ' וְכוּ', אוּן עֶס אִיז שׁוֹין דָא זִיבְּן פֵּירוּשִׁים אוֹיף אָבוֹת, וְעַל כּוּלָם טוֹיזֶענְטֶער בְּרִיוו אִין שַׁאֲלוֹת וּתְשׁוּבוֹת "אֲשֶׁר בַּנַחַל", וָואס בִּיז יֶעצְט הָאט מֶען שׁוֹין אָפְּגֶעדְרִיקְט אַכְט אוּן נַיינְצִיג חֲלָקִים, וָואס עֶנְטְהַאלְט דְרֵיי אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזֶענְט בְּרִיוו, בִּיז שְׁנַת

תשנ"ד, וָוארוּם אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דֶער הַיינְטִיגֶער דוֹר דַארְף הָאבְּן, אוּן דִי סְפָרִים זֶענֶען שׁוֹין גֶעדְרִיקְט גֶעוָוארְן אִין דִי לֶעצְטֶע פֶערְצִיג יָאר אִין מִילְיָאנֶען, אָן קַיין שׁוּם גוּזְמָא, אוּן עֶס אִיז צוּשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארְן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן מֶען זֶעהְט וָואס דָאס הָאט אוֹיפְגֶעטוּהְן, וָוארוּם אִין דִי לֶעצְטֶע פֶערְצִיג יָאר אִיז גֶעוָוארְן אַ מַהְפֵּיכָה אִין דִי בְּרֶסְלְבֶ'ר חֲסִידִים, עֶס אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזֶענְטֶער חֲסִידִים, יֶעדְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה קוּמֶען צוּ נָאךְ טוֹיזֶענְטֶער אוּן טוֹיזֶענְטֶער חֲסִידִים צוּם הֵיילִיגְן קִיבּוּץ קַיין אוּמַן.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט מִיךְ אַרוֹיסְהֶעלְפְן, וָוארוּם וָואס אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעטוּהְן אִין דִי לֶעצְטֶע פֶערְצִיג יָאר אִיז נָאךְ גָארְנִישְׁט וָואס אִיךְ וִויל הֶערְשְׁט יֶעצְט אָנְהֵייבְּן, (זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיר גֶעבְּן יָארְן), אִיבֶּערְדֶעם פְּרֵיי דִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק וָואס דוּ הָאסְט גֶעקוֹיפְט דִי מַאשִׁינֶען, אוּן דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דְרִיקְן דִי סְפָרִים, עֶס אִיז אַ אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע זְכוּת הָרַבִּים, עֶס רַאטֶעוֶועט אָפּ בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וְכוּ' וְכוּ', אוּן עֶס הֶעלְפְט זֵיי אַרוֹיס אִין זֵייעֶרֶע שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ וְכוּ' וָואס זֵיי מַאכְן מִיט.

**נָאכְן** קוּנְטְרֵס "סֵדֶר הַיְשִׁיבָה" זָאלְסְטוּ אָפְּדְרִיקְן דֶעם קוּנְטְרֵס "כִּיבּוּד אָב וָאֵם" קוֹדֶם צוּ וַוייזְן פַאר דִי וֶועלְט אַז אַדְרַבָּה מִיר זֶענֶען יָא מְכַבֵּד רָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת אוּן מַשְׁגִיחִים וְכוּ' אוּן אַ וֶועג וִויאַזוֹי צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, אוּן אוֹיךְ וִוי מִיר זֶענֶען מוֹרָא'דִיג מַקְפִּיד אוֹיף כִּיבּוּד אָב וָאֵם, נִישְׁט וִוי

מֶען הָאט אַרויסְגֶעלָאזְט אויף אוּנְז אַ שְׁלֶעכְטְן נָאמֶען. אוּן גְלַייךְ נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ זַייעֶר גֶעוָואלְט זָאלְסְטוּ שׁוין נָאךְ פּוּרִים אָנְהֵייבְּן צוּ דְרִיקְן דִי הַגָּדָה מִיטְן פֵּירוּשׁ "אוֹר זָרוּעַ", אִיךְ הָאבּ זַייעֶר גֶעוָואלְט דְרִיקְן לְכָל הַפָּחוֹת פוּנְף טוֹיזֶענְט, דָאס וֶועט אַלֶעס אַוֶועקְגֵיין בִּיז פֶּסַח, (זָאלְסְט דָאס דְרִיקְן פּוּנְקְט דִי גְרוֹיסְקֵייט וִוי דוּ הָאסְט גֶעדְרִיקְט דֶעם סֵפֶר "גִּנְזֵי הַמֶּלֶךְ" אַ פֵּירוּשׁ אויף מְגִילַּת אֶסְתֵּר). דִי הַגָּדָה קוֹיפְט יֶעדֶער אֵיינֶער, אוּן דָאס אִיז אַ זְכוּת הָרַבִּים, וָוארוּם עֶס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע פֵּירוּשׁ.

**דֶער** עִיקָר זָאלְסְט זִיךְ זֶעהְן צוּ שְׁטַארְקְן, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ גֶעבְּן שֶׁפַע בְּרָכָה וְהַצְלָחָה, אוּן וָואס דוּ וֶועסְט טוּהְן וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין, אוּן עֶס וֶועט דִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט פֶעלְן קַיין פַּרְנָסָה, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט "פוּן וֶועמֶען אִיךְ נֶעם, דֶעם גֶעבּ אִיךְ".

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן אוּן פְרֵיילִיכְן פּוּרִים**

## תסח

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי י"ז אֲדָר ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**בָּאטְשׁ** דַיין כַּוָּונָה אִיז לְשֵׁם שָׁמַיִם, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקְן וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (חולין מד:) הַרְחֵק מִן

הַכִּיעוּר וּמִן הַדוֹמֶה לוֹ; אֵיינְמָאל אַז מֶען לָאזְט זִיךְ אַרַיין אִין דִי כְּלֵי שׁוּפְכִין וָואס עֶס הֵייסְט אִינְטֶערְנֶעט וְכוּ׳, קֶען מֶען שׁוֹין פוּן דָארְט נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין, דֶער סַמֶ״דְ מֶ״ם רֶעדְט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ גֵיי אַרַיין אִין דִי כְּלֵי שׁוּפְכִין וְכוּ׳, אוּן דוּ וֶועסְט פוּן דָארְטְן אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן מֶענְטְשְׁן וְכוּ׳, זֵיי וֶועלְן דָאךְ הָאבְּן פוּן דָארְטְן הִתְחַזְקוּת וְכוּ׳, אָבֶּער דֶערְוַוייל כַּאפְּסְטוּ נִישְׁט אֵיינְמָאל דוּ וֶועסְט אַרַיינְגֵיין אִין דִי כְּלֵי שׁוּפְכִין וָואס עֶס הֵייסְט אִינְטֶערְנֶעט וְכוּ׳, יוּא טָאבּ וְכוּ׳, וֶועסְטוּ אַרַיינְפַאלְן אִין אַזַא שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו וָואס דוּ וֶועסְט שׁוֹין נִישְׁט קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם.

**אִיבֶּערְדֶעם** פָאלְג מִיר, אַנְטְלוֹיף פוּן דֶעם, וָוארוּם קַיין גוּטְס וֶועט דָאס דִיר נִישְׁט בְּרֶענְגְן, אוּן שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ז׳) וְעַתָּה בָנִים שִׁמְעוּ לִי וְהַקְשִׁיבוּ לְאִמְרֵי פִי: אַל יֵשְׂטְ אֶל דְּרָכֶיהָ לִבֶּךָ אַל תֵּתַע בִּנְתִיבוֹתֶיהָ כִּי רַבִּים חֲלָלִים הִפִּילָה וַעֲצֻמִים כָּל הֲרֻגֶיהָ: אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**וזאוֹיל** אִיז דֶעם אִינְגֶערְמַאן אָדֶער דֶער בָּחוּר וָואס עֶר אַנְטְלוֹיפְט פוּן דִי כְּלֵי שׁוּפְכִין וָואס עֶס הֵייסְט אִינְטֶערְנֶעט, אָדֶער אֵיי פַּאד, אָדֶער יוּא טָאבּ, וְכוּ׳, וְכוּ׳, וַוייל מֶען קֶען דוּרְכְדֶעם פַארְלִירְן בֵּיידֶע וֶועלְטְן, אוּן וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער נוֹאֵף אוּן אַ אֶפִּיקוֹרֶס רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תסט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג׳ לְסֵדֶר וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי י״ט אֲדָר ה׳תשע״ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֶעה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן, דִי וֶועלְט אִיז הוּילֶע נִסְיוֹנוֹת, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַּארְ׳ן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן ש׳) אַלֶעס וָואס דוּ זֶעהְסְט אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז וֶועגְן דִי בְּחִירָה אוּן דִי נִסָּיוֹן; דָאס הֵייסְט, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס יֶעדְן מֶענְטְשׁ צוּ זֶעהְן צוּ וֶועמֶען עֶר וֶועט לוֹיפְן וֶוען עֶר וֶועט הָאבְּן אַ אִיבֶּערְגֵייעֶכְטִץ וְכוּ׳ וְכוּ׳, אִיבֶּערְדֶעם הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ פַּארְ׳ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, כָּאטְשׁ בַּיים אָנְפַאנְג וֶועט זִיךְ דַאכְטְן אַז וָואס רֶעד אִיךְ דָא? וֶוער הֶערְט מִיר דֶען אוֹיס? דָאס אַלֶעס קוּמְט פוּן כְּפִירוֹת וָואס אִיז אַרַיין אִין דֶעם מֶענְטְשׁ וֶועגְן זַיין זִינְד וָואס עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט, בִּפְרַט מִיט חַטְאוֹת נְעוּרִים וָואס דָאס פַארְבְּלֶענְדְט דֶעם מֶענְטְשְׁ׳נְס אוֹיגְן, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זי״ע בְּרֶענְגְט אִין זַיין צֶעטִיל קָטָן דָאס חַטְאוֹת נְעוּרִים פַארְבְּלֶענְדְט דֶעם מֶענְטְשׁ דִי אוֹיגְן, בִּיז עֶר כַאפְּט נִישְׁט ווִי וַוייט עֶר אִיז פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן כ״ב)

הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה בְּאָדָם; און ווי דֶער נָבִיא זָאגְט (יְשַׁעְיָה נ"ט ב') "כִּי אִם עֲוֹנֹתֵיכֶם הָיוּ מַבְדִּלִים בֵּינֵכֶם לְבֵין אֱלֹקֵיכֶם וְחַטֹּאותֵיכֶם הִסְתִּירוּ פָּנִים מִכֶּם מִשְּׁמוֹעַ" וָוארוּם וֶוען אַ אִיד הָאט דִי אֱמֶת'ע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און עֶר וֵוייסְט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער אִים, און אַלֶעס וָואס עֶר זֶעהְט און הֶערְט און שְׁפִּירְט אִיז גֶעטְלִיכְקֵייט, און עֶר אִיז זִיךְ מְבַטֵּל אִינְגַאנְצְן צוּ עֶצֶם עַצְמִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, דֶעמָאלְט וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם נִסָּיוֹן צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם עֶר וָואלְט גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז דָא, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ב) פַארְוָואס רֶעדְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים? וַוייל סְ'אִיז אַרַיין אִין אִים כְּפִירוֹת דוּרְךְ זַיינֶע זִינְד. אָבֶּער וֶוען עֶר וָואלְט גֶעהַאט דִי אֱמֶת'ע אֱמוּנָה אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶעמָאלְט וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם נִסָּיוֹן צוּ רֶעדְן צוּ אִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זֶעה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן
פוּן וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ, און גֶעוואוֹין
זִיךְ צוּ זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין פַארְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט וֶוערְט אַרַיינְגֶעקְרִיצְט דִי עֲבֵירוֹת זַיינֶע אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אַזוֹי ווִי דֶער נָבִיא זָאגְט (יְחֶזְקֵאל ל"ב) וַתְּהִי עֲוֹנוֹתָם חֲקוּקָה עַל עַצְמוֹתָם; און דָאס פַּיינִיגְט אִים, אָבֶּער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה און

עֶר זָאגְט אַרוֹיס פַאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן וְכוּ', דֶעמָאלְט גֵייעֶן אַרוֹיס אַלֶע זַיינֶע עֲווֹנוֹת וָואס זֶענֶען אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אוּן עֶס הֵייבְּט אִים אָן צוּ לַייכְטְן דָאס גֶעטְלִיכֶע לֶעבְּט, עֶר שְׁפִּירְט וִוי דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים, לֶעבְּן אִים, אִיבֶּערְדֶעם זַיי שְׁטַארְק אִין דִי עֲבוֹדָה פוּן רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, קוּק אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, וָואס הָאסְטוּ מִיט אַן אַנְדֶערְן? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת עַצְבוּת סִימָן כ"ח) מִי שֶׁאֵינוֹ מִתְוַודֶּה עַל עֲווֹנוֹתָיו אֲנָחָה וְדַאֲגָה בָּאִים עָלָיו; ווִידֶערְאוּם זָאגְט עֶר (שָׁם, אוֹת ווִידּוּי דְּבָרִים סִימָן ד') מִי שֶׁאֵינוֹ מִתְוַודֶּה עַל עֲווֹנוֹתָיו מוֹרָא בָּא עָלָיו; אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, דוּ הָאסְט יֶעצְט אַסַאךְ צָרוֹת וְכוּ', דוּ הָאסְט זִיךְ פַארְפְּלָאנְטֶערְט אִין שְׁוֶוערֶע מַצָּבִים, וְכוּ', פַּארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, אוּן גֵיי אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא אוּן דַארְטְן זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אוֹיסְדֶערְצֵיילְן אַלְסְדִינְג וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ, אוּן זָאלְסְט בֶּעטְן מִיט רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּהְן טָאג אֵיין טָאג אוֹיס, נִישְׁט מִיד וֶוערְן, וֶועסְטוּ זֶעהְן וִוי דוּ וֶועסְט הָאבְּן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, אוּן אָפֶּענֶע נִסִּים, אַז וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר פָּאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן עֶר אִיז דָאס מְקַיֵּים אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קנ"ד) אַז דֶער עִיקָר וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה אִיז נָאר גֶעוֶוען וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט וִוי אַ פְּרָאסְטִיק,

דָאס הֵייסְט עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, גֶערֶעדְט זֵייעֶר אַסַאךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אִידִישׁ, אוּן גֶעזָאגְט אַסַאךְ תְּהִלִּים, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט וֶוען אִיךְ זָאל וִויסְן אִין דֶער יוּגְנְט צוּ וָואס מֶען קֶען קוּמֶען דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת דָאס הֵייסְט רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אַ גַאנְץ יָאר וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן אִין אֵיין טָאג, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט נָאךְ דִי עֲבוֹדָה פוּן תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַסַאךְ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אִידִישׁ, אַזוֹי וִוי אַ פְּרָאסְטֶער פָּשׁוּטֶער מֶענְטְשׁ.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע הַנְהָגָה, וֶועסְטוּ זֶעהְן בַּיי דִיר אַ גְרוֹיסֶע שִׁינּוּי לְטוֹבָה, אָבֶער דוּ זָאלְסְט זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן נִישְׁט נָאכְלָאזְן, טָאג בַּיי טָאג נַאכְט בַּיי נַאכְט זָאלְסְטוּ גֵיין צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן פוּן אִים בֶּעטְן, וֶועסְטוּ אַוַודַאי גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵייליכְן תָּמִיד**

## תע

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ג׳ לְסֵדֶר וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי י״ט אֲדָר ה׳תשע״ב**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיךְ זָאלְסְט זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, כָאטְשׁ דָאס קוּמְט דִיר אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, וָוארוּם דִי חֲזַ״ל זָאגְן (יְבָמוֹת סב:)

אָמַר רַבִּי תַּנְחוּם אָמַר רַבִּי חֲנִילַאי, כָּל אָדָם שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה שָׁרוּי בְּלֹא שִׂמְחָה, בְּלֹא בְּרָכָה, בְּלֹא טוֹבָה, וְכוּ׳, פוּנֶדעסְטְוֶועגְן אוֹיבּ אַ בָּחוּר שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט שִׂמְחָה דָאס אַלֵיין דֶערְנֶענְטֶערְט זַיין יְשׁוּעָה, אַ בָּחוּר וָואס אִיז אַ פְרֵיילִיכֶער וְכוּ׳, אוּן נֶעמְט יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיף מִיט אַ שְׁמֵייכְל, אוּן עֶר אִיז אַ גֶעדוּלְדִיגֶער, עֶר הָאט אַן אַנְדֶערֶע סָארְט חֵן אוֹיף זִיךְ, אוּן מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִים לִיבּ, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ אֵיינֶער וָואס עֶר גֵייט אַרוּם מִיט אַ זוֹיעֶר פָּנִים וְכוּ׳, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר בַּאקְלָאגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג וְכוּ׳, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ אֵיינֶער וָואס עֶר הָאט נָאר טַעֲנוֹת אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וְכוּ׳, אִיבֶּערְדֶעם נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן זֶעה צוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ אוּן גֵיי אַרוּם מִיט אַ פְרֵיילִיכְן פָּנִים, מִיט אַ שְׁמֵייכְל, אוּן נֶעם אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין לַאנְג דָאס דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַ חָתָן אוּן חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן.

דִי חֲזַ״ל דֶערְצֵיילְן אוּנְז (בְּרָכוֹת יז.) דָאס מֶען זָאגְט אוֹיף רַבָּן יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי שֶׁלֹּא הִקְדִימוֹ אָדָם שָׁלוֹם מֵעוֹלָם וַאֲפִילוּ נָכְרִי בַּשּׁוּק; אַז וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס גֶעוואוּינְט זִיךְ צוּ, צוּ גֵיין אִין דֶעם וֶועג שְׁטֶענְדִיג מַקְדִים זַיין שָׁלוֹם דֶעם צְווייטְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל, דֶער אִיז זוֹכֶה צוּ זֶעהְן דֶעם גַּן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט, וָוארוּם אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ קֶען מֶען זֶעהְן זַיין גַּן עֵדֶן אוֹיף זַיין פָּנִים, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק חֵלֶק ב׳ סִימָן ה׳) כָּל אָדָם מְצוּיָּיר בְּזִיו פָּנָיו גַּן עֵדֶן

שֶׁלוֹ; אוּן דָאס אִיז וֶוען עֶר הָאט אַ פְרֵיילִיךְ פָּנִים שְׁטֶענְדִיג, וָוארוּם בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים שְׁטֵייט (דִבְרֵי הַיָמִים א׳ ט״ז) "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ" אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן קנ"ג) אַז אַ מֶענְטְשׁ גֵייט מִיט אַ פְרֵיילִיךְ פָּנִים קֶען מֶען זֶעהְן אִין זַיין פָּנִים דֶעם צַדִיק וָואס עֶר אִיז מְקוֹרָב צוּ אִים, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר גֵייט שְׁטֶענְדִיג מִיט אַ לֶעבְּטִיג פְרֵיילִיךְ פָּנִים, נָאר מִיט קוּקְן אוֹיף אִים מַאכְט עֶר פְרֵיילִיךְ אַנְדֶערֶע.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תעא

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו׳ עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר צַו ז׳ נִיסָן (שַׁבָּת הַגָּדוֹל) ה׳תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

דוּ דַארְפְסְט זִיךְ זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט חַבֶרְ'ן זִיךְ מִיט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, זָאלְסְט נִישְׁט זָאגְן דָאס מִיר וֶועט גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁעהְן, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן מ"ג) דָאס אֲפִילוּ דִי הָאעֶךְ אוּן אָטֶעם אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן דִי דִיבּוּרִים פוּן אַ רָשָׁע שַׁאדְט פַּארְ'ן מֶענְטְשׁ אוּן בְּרֶענְגְט אִין אִים אַרַיין שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען אוּן פִירְן אִים אַרָאפּ פוּן אִידִישְׁן וֶועגְן, מִכָּל שֶׁכֵּן אַז מֶען חַבֶרְ'ט זִיךְ מִיט זֵיי אוּן מֶען הֶערְט זַייעֶרֶע דִיבּוּרִים וֶוערְט מֶען אַוַדַאי

צוּגֶעצוֹיגְן צוּ זֵיי, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים אוּן זָאלְסְט עֶס נִישְׁט הַאלְטְן גְרִינְג, וָוארוּם דוּ קֶענְסְט פַארְלִירְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט אִין אַ קוּרְצֶע צַייט אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ מְחַבֵּר זַיין מִיט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים.

**אִיךְ** פְרֶעג דִיךְ, וָואס פֶעלְט דִיךְ אוֹיס זִיךְ חַבֶר'ן מִיט פַארְדָארְבֶּענֶע חֲבֵרִים? דוּ וֶועסְט דָאךְ נָאר לַיידְן פוּן דֶעם וְכוּ', אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט קֶענֶען קַיין שִׁידוּךְ טוּהְן, וָוארוּם מֶענְטְשְׁן קֶען מֶען נִישְׁט פָּאפֶּען, זֵיי וֶועלְן זֶעהְן מִיט וֶועמֶען דוּ חַבֶר'סְט זִיךְ, אוּן עֶס אִיז דָא אַ פָּאלְקְ'ס וָוארְט "זָאג מִיר נָאר וֶוער דַיין חַבֵר אִיז, וֶועל אִיךְ וִויסְן וֶוער דוּ בִּיסְט" אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, אַנְטְלוֹיף פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, אַזוֹי וִוי מֶען אַנְטְלוֹיפְט פוּן פֵייעֶר, וָוארוּם דוּרְךְ שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים קֶען מֶען זֵייעֶר שְׁנֶעל אַרָאפְּגֵיין פוּן אִידִישְׁן וֶועג רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, אוּן אוֹיבֶּעט וֶוערְן אַן אוֹיסְוָוארְף.

**נִישְׁט** בְּחִינָם הָאבְּן דִי חֲזַ"ל גֶעזָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק א') "הַרְחֵק מִשָּׁכֵן רָע וְאַל תִּתְחַבֵּר לָרָשָׁע" מֶען קֶען גְרִינְג נִשְׁפַּע וֶוערְן פוּן זֵיי וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם כְּדֵי דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית מוּז מֶען דִיר וָוארֶענֶען דוּ זָאלְסְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף זִיךְ, אוּן הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף דַיין טַאטֶע מַאמֶע, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא פ"ו.) מַה הַבְּרִיּוֹת אוֹמְרוֹת עָלָיו אוֹי לוֹ לִפְלוֹנִי שֶׁלָּמַד תּוֹרָה, אוֹי לוֹ לְאָבִיו שֶׁלִּמְדוֹ תּוֹרָה, אוֹי לוֹ לְרַבּוֹ שֶׁלִּמְדוֹ תּוֹרָה, פְּלוֹנִי שֶׁלָּמַד תּוֹרָה רְאוּ כַּמָּה מְקוּלְקָלִין מַעֲשָׂיו וְכַמָּה מְכוֹעָרִין דְּרָכָיו; וֶוען אַ יוּנְג פוּן יְשִׁיבָה פִּירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי

ס'דאַרף צו זיין, זאָגן די מֶענטשְׁן אָךְ און ווייַ פאַר יֶענֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה אִין די יְשִׁיבָה וְכוּ', קוּק ווי עֶר זֶעהְט אוּיס, אָךְ און ווייַ אִיז פאַר זַיין טַאטְן און מַאמֶען וְכוּ', און אָךְ און ווייַ אִיז פאַר זַיין רֶבִּי'ן, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, רַאטֶעוֶוע זִיךְ, און אַנְטְלוֹיף פון די שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף די וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶעם וֶועלְט, און דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ גוּטְן נָאמֶען, און קֶענֶען טוּהְן אַ גוּטְן שִׁידוּךְ, און חַתוּנָה הָאבְּן נָארְמַאל, און אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ אִידִישְׁן שְׁטוּבּ.

**אִיךְ** הָאף דוּ וֶועסְט מִיר פָּאלְגְן, וֶועסְטוּ נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן. **זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְּרֵיילִיכְן שַׁבָּת און כָּשֶׁר'ן פֶּסַח.**

## תעב

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר צַו ז' נִיסָן (שַׁבַּת הַגָּדוֹל) ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס דוּ טוּהסְט אוֹיף מִיט די סְפָרִים וָואס דוּ דְרִיקְסְט, דוּ רַאטֶעוֶועסְט אָפּ צוּבְרָאכֶענֶע און פַארְלוֹירֶענֶע נְשָׁמוֹת, דַיין זְכוּת אִיז נִישְׁט צוּ בַּאשְׁרַייבְּן, ווי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תְּרוּמָה קכ"ח:) תָּא חֲזֵי כָּל מַאן דְאָחִיד בְּיָדָא דְחַיָּיבָא, [קוּם און זֶעה, יֶעדֶער וָואס עֶר הַאלְט אָן אִין די הֶענְט פון זִינְדִיגֶע] וְאִשְׁתַּדֵּל בֵּיהּ לְמִשְׁבַּק אָרְחָא

בִּישָׁא, [און עֶר איז זיך מִשְׁתַּדֵל זַיי זָאלְן אָפְּלָאזְן די שְׁלֶעכְטֶע וֶועגְן וָואס זַיי הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דֶעם] אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלוּקִין מַה דְלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נַשׁ אַחֲרָא [עֶר גֵייט אַרוֹיף הוֹיךְ אִין די עוֹלָמוֹת וָואס אַן אַנְדֶערֶע אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ דֶעם] גָרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא [עֶר אִיז גוֹרֵם מַכְנִיעַ צוּ זַיין די סִטְרָא אַחֲרָא] וְגָרִים דְאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיה, [און עֶר אִיז גוֹרֵם דָאס כִּבְיָכוֹל דֶער נָאמֶען פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל זַיין טֵייעֶר אוֹיף דֶער וֶועלְט] וְגָרִים לְקַיְימָא כָּל עַלְמָא בְּקִיוּמֵיה לְעֵילָא וְתַתָּא, [און עֶר אִיז גוֹרֵם אַז די וֶועלְט און יֶענֶע וֶועלְט זָאל הָאבְּן אַ קִיוּם, וָוארוּם אַז מֶען אִיז מְקָרֵב מֶענְטְשְׁן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים און זַיי אַיינֶערְקֶענֶען אִים, דָאס אִיז דֶער עִיקָר קִיוּם פוּן דֶער וֶועלְט], וְעַל הַאי בַּר נַשׁ כְּתִיב (מַלְאָכִי ב') "בְּרִיתִי הָיְתָה אִתּוֹ הַחַיִים וְהַשָּׁלוֹם" וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי, וְזָכֵי בְּהַאי עַלְמָא וְזָכֵי לְעַלְמָא דְאָתֵי, [און אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק אַז מַיין בּוּנְד וֶועט זַיין מִיט אִים און עֶס וֶועט רוּעֶן אוֹיף אִים דָאס לֶעבְּן און דֶער שָׁלוֹם, און עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהְן קִינְדֶער פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, און עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין גְלִיקְלִיךְ צוּ זַיין אוֹיף די וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט] כָּל מָארֵי דִינִין לָא יָכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ בְּהַאי עַלְמָא וּבְעַלְמָא דְאָתֵי [קַיין שׁוּם מְקַטְרֵג קֶען נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין נִישְׁט אוֹיף די וֶועלְט און נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט] עָאל בִּתְרֵיסָר תַּרְעֵי וְלֵית מַאן דִימְחֵי בְּיָדֵיה [און עֶר גֵייט אַרַיין אִין די צְוֶועלְף טוֹיעֶרְן פוּן אַלֶע צְוֶועלֶעף שְׁבָטִים, און קֵיינֶער

קֶען אִים נִישְׁט שְׁטֶערְן] וְעַל דָא כְּתִיב [און אויף אִים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק] (תְּהִלִּים קי"ב) "גִּבּוֹר בָּאָרֶץ יִהְיֶה זַרְעוֹ דּוֹר יְשָׁרִים יְבוֹרָךְ הוֹן וָעוֹשֶׁר בְּבֵיתוֹ וְצִדְקָתוֹ עוֹמֶדֶת לָעַד זָרַח בַּחֹשֶׁךְ אוֹר לַיְשָׁרִים" וְגוֹ'; זֶעה זִיךְ צוּ בַּאפְלַייסְן און אָפְּצוּדְרִיקְן אֵיין חֵלֶק "אֲשֶׁר בַּנַחַל" נָאכְן אַנְדֶערְן, וָוארוּם דָאס וֶועט צוּכַאפְּט הַיינְט, סְ'אִיז מַמָּשׁ הַצָּלַת נְפָשׁוֹת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת און כָּשֵׁרְ'ן פֶּסַח.**

## תעג

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים ט' אִיָּר ה'תשע"ב**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**דַאנְקֶען** גָאט בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ וָואס אִיךְ דֶערְהוֹיל זִיךְ וְכוּ', דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט מִיט מִיךְ גֶעטוּהְן נִסֵּי נִסִּים און אִיךְ בִּין מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דָאס אִיז נָאר בִּזְכוּת תְּפִילַת רַבִּים, וָואס דָאס מַאכְט אַ גְרוֹיסֶער רוֹשֶׁם אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר דָאס דוּ הָאסְט גֶעקוֹיפְט נַייעֶ מַאשִׁינֶען פַאר "קֶרֶן הַדְפָּסָה - הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ", אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט קֶענֶען אָפְּדְרִיקְן אַלֶע חֲלָקִים אֲשֶׁר בַּנַחַל אִין אִידִישׁ, און זֶעה מֶען זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען קַיין שׁוּם בְּרִיוו, וַוייל יֶעדֶע בְּרִיוו אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן נִישְׁט מִיט טִינְט נָאר מִיט בְּלוּט.

**אִיךְ** הָאבּ זֵייעֶר גֶעוָואלְט אוֹיבּ סְ'אִיז מֶעגְלִיךְ אָפְּצוּדְרִיקְן אַלֶע חֶלְקֵי אֲשֶׁר בַּנַחַל וָואס אִיז גֶעדְרִיקְט גֶעוָוארְן

בִּיז יֶעצְט שׁוֹין פִינְף אוּן נַיינְצִיג בְּרָכִים, (פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אֵיינְמָאל, נָאר יֶעדְעס מָאל אַן אַנְדֶערְע בְּרַךְ).

**אִיךְ** הָאף דוּ וֶועסְט קֶענֶען אָפְּדְרִיקְן אַלֶע סְפָרִים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען, עֶס אִיז נָאךְ דָא אַ וֶועלְט מִיט כְּתַב יַד, גֶעבּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין מַיינֶע וֶוערְטֶער פְרֶעמְדֶע הֶענְט וְכוּ' וְכוּ', וָוארוּם יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ אִיז דוּרְכְגֶעוֵוייקְט מִיט טְרֶערְן, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רס"ב, וְחֵלֶק ב' סִימָן ל') וֶוען מֶען אִיז מְחַדֵּשׁ אִין תּוֹרָה דַארְף זַיין דִי חִידוּשִׁים דוּרְכְגֶעוֵוייקְט מִיט טְרֶערְן, כְּדֵי עֵשָׂיו מִיט זַיינֶע אַלוּפִים וְכוּ' וְכוּ' זָאלְן נִישְׁט יוֹנֵק זַיין פוּן דֶעם וְכוּ', עַיֵין שָׁם. ווִידֶערָאוּם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י"ח) אַז מִיט חִידוּשֵׁי דְאוֹרַייתָא דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, מֶען קֶען זַיין אִין אֵיין מִינוּט אַ גַנָב אַ נוֹאֵף אוּן אַ רוֹצֵחַ וְכוּ' עַיֵין שָׁם. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר אַז אִין מַיינֶע סְפָרִים זָאל זִיךְ קֵיינֶער נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן וְכוּ', קַיין אֵיין פְרֶעמְדֶע הֶענְט זָאל נִישְׁט מוֹסִיף זַיין אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן וְכוּ', אֲפִילוּ דִי וָואס זֵיי זֶעצְן אִיבֶּער מַיינֶע סְפָרִים אוֹיף אִידִישׁ זָאלְן גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערְן מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת, אָבֶּער נִישְׁט צוּלֵייגְן אֲפִילוּ אֵיין עִנְיָן.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין אוּן דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן אָפְּדְרִיקְן אַלֶע סְפָרִים, וֶועסְטוּ זֶעהְן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן פְרֵיילִיכְן טָאג**

# תעד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים ט' אִיָּר ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר תַּלְמִיד יְשִׁיבָה "תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה"

דַּאנְקֶען גָאט בָּרוּךְ הוּא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ בִּזְכוּת דָאס וָואס דוּ הָאסְט אוֹיסְגֶעזָאגְט תְּהִלִּים פַּאר מַיינְס וֶועגְן הָאט מִיר אַסאךְ גֶעהָאלְפְן צוּ הֶערְהוֹילְן זִיךְ, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זַייעֶר אוֹיב עֶס אִיז מֶעגְלִיךְ אוּן עֶס אִיז נִישְׁט צוּ שְׁוֶוער פַאר דִיר, זָאלְסְטוּ אוֹיסְזָאגְן יֶעדְן טָאג גַאנְץ תְּהִלִּים, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן צ"ח) אֲמִירַת תְּהִלִּים מַעֲלָה גְּדוֹלָה כְּאִילוּ אֲמָרָם דָּוִד הַמֶּלֶךְ בְּעַצְמוֹ. כִּי הוּא אֲמָרָם בְּרוּחַ הַקֹּדֶשׁ, וְהָרוּחַ הַקֹּדֶשׁ מוּנָּח בְּתוֹךְ הַתֵּיבוֹת וּכְשֶׁאוֹמְרָם הוּא מְעוֹרֵר בְּרוּחַ פִּיו אֶת הָרוּחַ הַקֹּדֶשׁ עַד שֶׁנֶּחֱשָׁב כְּאִילוּ אֲמָרָם דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם בְּעַצְמוֹ. וְהוּא מְסוּגָּל מְאֹד לְרַפְאוּת הַחוֹלֶה לִהְיוֹת לוֹ בִּטָּחוֹן רַק עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁעַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים יוֹשִׁיעוֹ הַשֵּׁם. וְהַבִּטָּחוֹן הוּא בְּחִינַת מִשְׁעֶנֶת כְּמוֹ שֶׁהָאָדָם נִשְׁעָן עַל הַמִּטָּה כֵּן הוּא נִשְׁעָן עַל הַבִּטָּחוֹן שֶׁבּוֹטֵחַ שֶׁיּוֹשִׁיעוֹ הַשֵּׁם, כְּמוֹ שֶׁאָמַר דָּוִד (תְּהִלִּים י"ח י"ט) "וַיְהִי הֲוָיָ"ה לְמִשְׁעָן לִי". וְעַל כֵּן עַל יְדֵי זֶה נִתְרַפֵּא הַחוֹלֶה כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שְׁמוֹת כ"א י"ט) "אִם יָקוּם וְהִתְהַלֵּךְ בַּחוּץ עַל מִשְׁעַנְתּוֹ וְנִקָּה". וְכוּ', עַיֵּין שָׁם. דָאס הֵייסְט זָאגְן תְּהִלִּים אִיז אַזוֹי וִוי מֶען לַיינְט זִיךְ אָן אוֹיף אַ שְׁטֶעקְן, אוּן דוּרְכְדֶעם קֶען מֶען גֵיין, אִיבֶּערְדֶעם אַז דוּ קֶענְסְט מַמְשִׁיךְ זַיין אוֹיסְזָאגְן יֶעדְן טָאג גַאנְץ תְּהִלִּים פַאר מַיינֶעט וֶועגְן וֶועל אִיךְ דִיר זַייעֶר דַאנְקְבַּאר זַיין.

**זָאלְסְט** מַמְשִׁיךְ זַיין לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס מִשְׁנַיוֹת טוּט אוֹיף אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בֵּית יוֹסֵף זי"ע הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ מַגִּיד אִין הִימְל וָואס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה בִּזְכוּת וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט יֶעדְן טָאג פֶּערְצִיג פּוּפְצִיג פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה ז' סִימָן ג') אֵין כָּל הַגָּלֻיוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת; אוּן דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זי"ע הָאט נָאכְגֶעזָאגְט פוּן זַיין גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן רַבִּי נָתָן אַדְלֶער זי"ע אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר וַוייל עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן, אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, זָאלְסְט הַאלְטְן אִין אֵיין לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת.

**אוֹיבּ** דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט דוּרְכְלֶערְנֶען הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל מַסֶּכֶת תַּעֲנִית, הֵייבּ אָן צוּ לֶערְנֶען הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת, ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (חֲגִיגָה ט:) אֵינוֹ דוֹמֶה שׁוֹנֶה פִּרְקוֹ מֵאָה פְּעָמִים לְשׁוֹנֶה פִּרְקוֹ מֵאָה וְאֶחָד.

**אַלֶעם** וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן זָאלְסְטוּ בֶּעטְן נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם נָאר עֶר קֶען הֶעלְפְן, ווִי ס'שְׁטֵייט אִין דִי י"ג עִיקְרִים "אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה. שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ לוֹ לְבַדּוֹ רָאוּי לְהִתְפַּלֵּל, וְאֵין רָאוּי לְהִתְפַּלֵּל לְזוּלָתוֹ".

**אוֹיךְ** מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין "קִיצוּר שׁוּלְחָן עָרוּךְ" כְּדֵי דוּ זָאלְסְט ווִיסְן ווִי אַ אִיד דַארְף זִיךְ פִירְן, אוּן דֶער

הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף לִימוּד שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"ט) אַז מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קַיין אִיד נָאר דוּרְךְ לֶערְנֶען שׁוּלְחָן עָרוּךְ אוּן מְקַיֵים זַיין, אִיבֶּערְדֶעם לֶערְן יֶעדְן טָאג אַסַאךְ "קִיצוּר שׁוּלְחָן עָרוּךְ".

**זֶעה** פִּיר זִיךְ אוֹיף מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן דוּ זָאלְסְט פָּאלְגְן דֶעם רֹאשׁ הַיְשִׁיבָה, וֶועסְטוּ מִיר גוֹרֵם זַיין אַ גְרוֹיסְן נַחַת רוּחַ.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן פְרֵיילִיכְן טָאג**

## תעה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר אֱמוֹר ט"ז אִיָר ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו ווִי דוּ בִּיסְט מִיר מְבַשֵׂר אַזַא בְּשׂוֹרָה טוֹבָה אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין אָפְּגֶעדְרִיקְט מִיט דִי נֵייעֶ מַאשִׁין צְוֶועלְף טוֹיזֶענְט סְפָרִים'לֶעךְ פַארְשִׁידֶענֶע סָארְטְן סְפָרִים.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ ווִי הַדְפָּסָה דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אוּן הַפָּצָה אוּן זֵיי צוּשְׁפְּרֵייטְן צְווִישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וָוארוּם הַיינְט גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער וְכוּ' שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן נָאר דֶעם הֵיילִיגְן

רֶבִּינְ'ס סְפָרִים קֶען רַאטֶעוֶוען דִי וֶועלְט, אַזוֹי וִוי מִיר זֶעהְן בְּחוּשׁ דָאס אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַּארְקְלוֹיבְּן זִיךְ צֵאם צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזֶענְטֶער אִידְן אָן אַ גוּזְמָא פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מְקַבֵּל זַיין אַ תִּיקוּן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דָאס אִיז אַ דַאנְק דִי סְפָרִים, וִוי דִי מְצִיאוּת בַּאוַוייזְט.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן פוּן דְרִיקְן יֶעדְן טָאג נָאךְ אוּן נָאךְ סְפָרִים, אוּן דֶער זְכוּת וֶועט דִיךְ בַּיישְׁטֵיין, דוּ וֶועסְט קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע דַיינֶע חוֹבוֹת, אוּן סְ'וֶועט נִשְׁפַּע וֶוערְן אוֹיף דִיר אַ גְרוֹיסֶע שֶׁפַע אִין פַּרְנָסָה.

מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר פִירְט דִי וֶועלְט בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִיוּת, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (חולין ז) אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְמַטָּה אֶלָא אִם כֵּן מַכְרִיזִין מִלְמַעֲלָה; אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט קַיין קְלַאפּ אִין קְלֵיין פִינְגֶער אֵיידֶער מֶען הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן קוֹדֶם אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת אַז דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט יֶעצְט כַאפְּן אַ קְלַאפּ, אַזוֹי וַוייט אִיז דִי הַשְׁגָּחָה פְּרָטִיוּת, מִכָּל שֶׁכֵּן וָואס סְ'טוּט זִיךְ מִיט אַ מֶענְטְשׁ וְכוּ' וְכוּ', אִיז אַלֶעם בְּהַשְׁגָּחָה, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים רוּפְט אוּנְז מֶען זָאל צוּרִיקְקוּמֶען צוּ אִים, אִיבֶּערְדֶעם גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם אַנְדֶערֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער וְכוּ', נָאר לֵיידֶער הָאבְּן מִיר פַּארְלָארְן דֶעם שֵׂכֶל, אוּן מֶען הָאט פַּארְגֶעסְן דֶעם קוֹל פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ר"ו) דָאס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים רוּפְט דֶעם מֶענְטְשׁ, אִיז

עֶר יוּנְג הֶערְט עֶר נָאךְ דֶעם קוֹל, וְויפִיל עֶר וֶוערְט פַארְעֶלְטֶערְט מִיט זַיינֶע שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים אוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען וְכוּ' וְכוּ', פַארְגֶעסְט עֶר דֶעם קוֹל, אוּן דָאס בֶּעט דָוִד הַמֶּלֶךְ (תְּהִלִּים קי"ט) "תָּעִיתִי כְּשֶׂה אוֹבֵד בַּקֵּשׁ עַבְדֶּךָ" אַ שֶׁעפֶּעלֶע וֶוערְט פַארְלָארְן פוּן פַאסְטֶעךְ זוּכְט אִים דֶער פַאסְטֶעךְ, כָּל זְמַן דָאס שֶׁעפֶּעלֶע הֶערְט דֶעם קוֹל פוּן פַאסְטֶעךְ קוּמְט עֶר צוּרִיק, אָבֶּער אוֹיבּ עֶר פַארְבְּלָאנְדְזְשֶׁעט אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הֶערְט שׁוֹין נִישְׁט דֶעם קוֹל פוּן פַאסְטֶעךְ, אִיז זִיךְ דֶער פַאסְטֶעךְ מְיַיאֵשׁ פוּן אִים, דָוִד הַמֶּלֶךְ בֶּעט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אֲפִילוּ אִיךְ בִּין פַארְלָארְן גֶעוָוארְן אַזוֹי וְוִי אַ פַארְלָארֶענֶע שָׁאף, בֶּעט אִיךְ דִיךְ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם "בַּקֵּשׁ עַבְדֶּךָ" דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין פוּן מִיר, אוּן דוּ זָאלְסְט מִיר רוּפְן אַזוֹי פִיל מָאל בִּיז אִיךְ וֶועל דִיךְ הֶערְן.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד וֶוען עֶר לֵייגְט צוּ דָאס הַארְץ אוּן דֶער מֹחַ צוּ יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס פַאסִירְט אִים, אוּן עֶר טְרֶעפְט רְמָזִים דָאס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים רוּפְט אִים, אַזוֹי וְוִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ד) דָאס כַּבְיָכוֹל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז זִיךְ מְצַמְצֵם מֵאֵין סוֹף עַד אֵין תַּכְלִית, יֶעדְן טָאג יֶעדֶע שָׁעָה יֶעדֶע רֶגַע, אוּן רוּפְט דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר אִיז אִים מְרַמֵז רְמָזִים עֶר זָאל צוּ אִים צוּרִיקְקוּמֶען, הָאט דֶער מֶענְטְשׁ שֵׂכֶל קוּמְט עֶר גְלַייךְ צוּרִיק, הָאט עֶר נֶעבֶּעךְ פַארְלָארְן דֶעם שֵׂכֶל וְכוּ' מֵיינְט עֶר אַז מֶען שְׁטְרָאפְט אִים, אוּן עֶר פַאלְט אַרַיין אִין אַ יֵאוּשׁ אוּן אַ דִיפְּרֶעסְיֶע.

**אִיבֶּערְדֶעם** שְׁטַארְק זִיךְ, און דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, וָוארום דֶער צַדִיק הָאֱמֶת עֶר וַוארְפְט דִי קוֹלוֹת, און עֶר אִיז מְקַרֵב נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און כִּבְיָכוֹל דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים צוּ נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל דוּרְךְ זַיינֶע תּוֹרוֹת און שִׂיחוֹת און מַעֲשֶׂה׳ס וָואס עֶר רֶעדְט און דֶערְצֵיילְט פַאר זַיינֶע מְקוּרָבִים, און דוּרְכְדֶעם בְּרֶענְגְט עֶר צַאם נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און דָאס אִיז דִי טֵייעֶרְקַייט פוּן דִי סְפָרִים, דָאס וֶוער ס׳קוּקְט אַריין אִין דֶעם וֶוערְט נִמְשָׁךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגְן בְּרֶענֶעדִיגְן תְּשׁוּקָה בֶּענְקֶענִישׁ צוּ אִים, אַז וואויל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג און אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תעו

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד׳ לְסֵדֶר אֱמוֹר י״ז אִיָּר ה׳תשע״ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר תַּלְמִיד "תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה"**

**דוּ** קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דֶעם גְרוֹיסְן שִׂמְחָה וָואס דוּ גֶעסְט מִיר מִיט דֶעם וָואס אִיךְ הֶער אַז דוּ לֶערְנְסְט זֵייעֶר זֵייעֶר פְּלַייסִיג, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס אִיז לִימוּד הַתּוֹרָה, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ד׳ הֲלָכָה ח׳) כֵּיוָן שֶׁקִיבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ

לֹא חַטָאתֶם מִיְמֵיכֶם; אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַזוֹיפִיל גֶעזִינְדִיגְט וְכוּ׳, אָבֶּער עֶר נֶעמְט זִיךְ אִין דִי הֶענְט אוּן עֶר הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען תוֹרָה, אִיז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִים מוֹחֵל אַלְסְדִינְג, בִּיז עֶר רֶעכְנְט אִים אַזוֹי וִוי עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט. בִּפְרַט וֶוען עֶר לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם מִשְׁנָ"ה אִיז אוֹתִיוֹת נְשָׁמָ"ה, אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת רֵיינִיגְט עֶס דִי נְשָׁמָה, אוּן עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (בְּרֵאשִׁית מ"ב) מַאן דְקָארֵי וְתָנֵי שִׁית סִדְרֵי מִשְׁנָה, דָא הוּא מַאן דְיָדַע לְסַדְרָא וּלְקַשְׁרָא קִשׁוּרָא וְיִחוּדָא דְמָארֵיה כִּדְקָא יָאוּת, אִילֵין אִינוּן דִמְקַדְשִׁין שְׁמָא קַדִישָׁא דְמָארֵיהוֹן בְּכָל יוֹמָא תָּדִיר; [וֶוער עֶס לֶערְנְט אוּן חַזֶר'ט שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דֶער וֵוייסְט וִויאַזוֹי מְסַדֵר זַיין אוּן מְקַשֵׁר זַיין דִי יִיחוּדִים אִין דִי עוֹלָמוֹת הָעֶלְיוֹנִים, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת אִיז מֶען מְקַדֵשׁ דֶעם נָאמֶען פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדְן טָאג] אַז וואוּיל אִיז דֶעם בָּחוּר וָואס עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אִים נָאנְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶס רֵיינִיגְט אִים פוּן אַלְדֶעם שְׁלֶעכְטְס. אוֹיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט עֶס דִי גְאוּלָה אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (וַיִקְרָא רַבָּה פַּרְשָׁה ז׳ סִימָן ג׳) אֵין כָּל הַגָלְיוֹת הַלָלוּ מִתְכַּנְסוֹת אֶלָא בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת; אַ בָּחוּר הָאט אַסַאךְ צַייט, דֶערִיבֶּער עֶנְדֶערְשׁ וִוי זִיךְ אַרוּמְצוּדְרֵייעֶן פִּיסְט אוּן לֵיידִיג וְכוּ׳, אָדֶער סְתָּם רֶעדְן לָשׁוֹן הָרַע מִיט לֵצָנוּת אוֹיף דֶעם אָדֶער אוֹיף יֶענֶעם וְכוּ׳ וְכוּ׳, אִיז בֶּעסֶער צוּ זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אוּן אַ בָּחוּר אַז עֶר נֶעמְט זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין קֶען עֶר עֶנְדִיגְן

יֶעדֶע וָואךְ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין גוּזְמָא, "אַז מֶען וויל קֶען מֶען" הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי"ע גֶעזָאגְט, "וויל וֶועסְטוּ קֶענֶען".

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען דֶעם "סֵפֶר הַמִּדּוֹת" וֶוען עֶר אִיז אַלְט גֶעוֶוען צְוֶועלְף יָאר אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער סֵפֶר הָאט מִיךְ גֶעמַאכְט פַאר אַ אִיד, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג לֶערְנֶען אִין דֶעם סֵפֶר, וַוייל דִי מִדּוֹת אִיז אַ יְסוֹד פוּן אַ אִיד, אָן מִדּוֹת אִיז מֶען רַחֲמָנָא לִיצְלָן אַזוֹי וִוי אַ חַיָּה בִּדְמוּת אָדָם, אִיבֶּערְדֶעם וַוייל דוּ לֶערְנְסְט אִין אַזַא הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה, זֶעה צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ "סֵפֶר הַמִּדּוֹת", אוּן דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דוּ זָאלְסְט הָאבְּן גוּטֶע מִדּוֹת, וִוי סְ'פַּאסְט פַאר אַ תַּלְמִיד פוּן אַזַא גְרוֹיסְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צוּ וֶועמֶען מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב.

**כִּיבּוּד** אָב וָאֵם, אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע אוּן דִי הֶעכְסְטֶע מִצְוָה, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה פָּרָשָׁה כ"ו) כָּל הָעוֹלָם כּוּלּוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַקֵּשׁ מֵהָאָדָם רַק שֶׁיְּכַבֵּד אָב וָאֵם; וְאָמְרוּ (פְּסִיקְתָּא רַבָּתִי) חֲמוּרָה שֶׁבַּחֲמוּרוֹת כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ; וְאָמְרוּ (קִידּוּשִׁין ל:) שְׁלֹשָׁה שׁוּתָּפִין הֵן בְּאָדָם, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאָבִיו, וְאִמּוֹ, בִּזְמַן שֶׁאָדָם מְכַבֵּד אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיהֶם כְּאִילוּ דַּרְתִּי בֵּינֵיהֶם וְכִבְּדוּנִי; זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אוֹיב מֶען אִיז מְכַבֵּד טַאטֶע מַאמֶע אִיז אַזוֹי

ווי מֶען הָאט מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזָא כִּיבּוּד אָב וָאֵם ווי מֶען פִּירְט זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ בַּאשֵׁיידְן וְכוּ' וְכוּ', און מֶען הָאט גוּטֶע מִדּוֹת, און מֶען לֶערְנְט אַסאךְ תּוֹרָה, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע נַחַת רוּחַ פַאר עֶלְטֶערְן, און וָואס מֶען טוּט פַאר עֶלְטֶערְן קְרִיגְט מֶען צוּרִיק בַּיי זַיינֶע קִינְדֶער, אִיבֶּערְדֶעם זֶעה דוּ מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע, און מַאךְ זֵיי הָאבְּן גְרוֹיס נַחַת.

דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב זָאלְסְטוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן דַיְיקָא, אִין סִידוּר, נִישְׁט אוֹיסֶענְוֶוייניג, וָוארְט בַּיי וָוארְט, וֶועט עֶס אוֹיף דִיר אַרוֹיפְצִיעֶן אַ מוֹרָא'דִיגֶע לֶעבְּטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ח) דָאס "מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל" אִיז דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת וָואס אַ אִיד דַאוֶוענְט יֶעדְן טָאג, אָבֶּער עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן וויל אַרוֹיפְוַוארְפְן אַ בַּארְג אוֹיף יֶעדְן מֶענְטְשׁ, און מַאכְט אִים פִילְן אַז עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת, עֶר בְּרֶענְגְט אִים אַרַיין אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת, און מֶען זֶעהְט דָאס ווִיאַזוֹי לָאזְט מֶען אָפּ חַס וְשָׁלוֹם אִידִישְׁקֵייט וְכוּ', עֶס וֶוערְט בִּילִיג אַ מִנְחָה אָדֶער אַ מַעֲרִיב אָדֶער מֶען כַאפְּט אָפּ אַ שַׁחֲרִית בִּשְׁעַת דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת זֶענֶען דִי דְרֵיי זוּילְן וָואס אוֹיף דֶעם שְׁטֵייט דֶער טָאג, און דִי גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט אִיז תָּלוּי אִין דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת, אִיבֶּערְדֶעם זֶעה צוּ דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה וֶועט רוּעֶן אוֹיף דִיר דִי שְׁכִינָה, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי

זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ה) אַז וֶוען אַ אִיד דַאוֶוענְט דִי דְרַייִ תְּפִילוֹת דֶעמָאלְט אִיז עֶר מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ דִי קְדוּשָׁה פוּן דִי אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב, אוּן דִי שְׁכִינָה טוּט רוּעֶן אוֹיף אִים, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַּאר אוּנְזֶערֶע לַייט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נ"א) אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, דִי וֶועלְט נַארְט עֶנְק.

אִיךְ הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן, אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן וֶועסְטוּ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועסְטוּ זַיין אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ דַאנְק דִיר זֵייעֶר אוֹיף אַלֶע תְּפִילוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעבֶּעטְן פַּאר מַיינְ'ט וֶועגְן.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטְן לֶעכְטִיגְן טָאג**

## תעז

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר בְּהַר בְּחוּקוֹתַי כ"ד אִיָּר ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶם דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵינוּ, עֶס אִיז אַן אַנְדֶערֶע שִׂמְחָה פַּאר אַ בָּחוּר אָדֶער אַ אִינְגֶערְמַאן וְכוּ', וֶוען עֶר קוּמְט צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה מִיט אַפָּאר סִיוּמְ'ים, דָאס הֵייסְט אַז אַ בָּחוּר קוּמְט צוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת מִיט אַ סִיוּם שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אָדֶער שַׁ"ס

אָדער ד׳ חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אָדֶער עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעחַזֶר׳ט אַ מַסֶכְתָּא עֶטְלִיכֶע מָאל וְכוּ׳ וְכוּ׳, דָאס אִיז אַ הֶעכֶערֶע סָארְט שִׂמְחָה, אִיבֶּערְדֶעם וויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֶעהְן צוּ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן בַּיי זִיךְ בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפָן, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיךְ גֶעהָאלְפְן דוּ בִּיסְט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּן דוּ הָאסְט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פָאלְגְן מִיטְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן ע״ו), אוּן דוּ הָאסְט שׁוֹין מְסַיֵים גֶעוֶוען מֶערֶערֶע מָאל שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן דוּ לֶערְנְסְט כְּסִדְרָן אַ סֵדֶר אִין שַׁ״ס, אוּן אִין ד׳ חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וְכוּ׳ וְכוּ׳, מִיט דֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, אוּן נִישְׁט אוּמְזִיסְט זָאגְט מֶען בַּיי אַ סִיוּם מַסֶכְתָּא ״אִיךְ דַאנְק דִיר בַּאשֶׁעפֶער וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֵייגְט מַיין חֵלֶק אִין זִיצְן אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, אוּן נִישְׁט אַרוּמְדְרֵייעֶן זִיךְ אוֹיף דִי גַאסְן פִּסְט אוּן לֵיידִיג, אוּנְז שְׁטֵייעֶן אוֹיף, אוּן זֵיי שְׁטֵייעֶן אוֹיף, אוּנְז שְׁטֵייעֶן אוֹיף לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן זֵיי שְׁטֵייעֶן אוֹיף רֶעדְן דְבָרִים בְּטֵלִים״ וְכוּ׳ וְכוּ׳, מִיט דֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ מוֹרָא׳דִיג שְׁטַארְקְן, דָאס דוּ לֶערְנְסְט אִין אַ יְשִׁיבָה וָואס עֶס פִירְט זִיךְ עַל פִּי דֶעם דֶרֶךְ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּן דוּ הָאסְט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען אַזוֹיפִיל מָאל עֶנְדִיגְן מִשְׁנַיוֹת גְמָרָא אוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ו׳) לְפִי שֶׁבִּשְׁעַת פְּטִירָתוֹ שֶׁל אָדָם. אֵין מְלַוִין לוֹ לְאָדָם לֹא כֶּסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָלִיוֹת. אֶלָא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבַד; עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין

סֵפֶר "רַחֲמֵי הָאָב" (אות לימוד) דָאס הַארְץ זָאגְט מִיר אַ עֵצָה דָאס וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ גוּטְן פַארְשְׁטַאנְד אִין לֶערְנֶען, אָדֶער עֶר אִיז טָרוּד אִין פַּרְנָסָה אוּן עֶר קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען בְּעִיּוּן, זָאל עֶר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא אוּן אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, פָּשׁוּט זָאגְן אַזוֹי ווִי עֶר זָאגְט זוֹהַר אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, וָוארוּם דֶער לָשׁוֹן אַלֵיין אִיז מְסוּגָל פַאר דִי נְשָׁמָה, אוּן אִיךְ בִּין זִיכֶער אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ אַזוֹי פִירְן וֶועט אִים בְּלַייבְּן דִי תּוֹרָה אִין זַיין הַארְץ, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אַ שׁוּסְטֶער וָואס עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט לֶערְנֶען, נָאר עֶר הָאט דוּרְכְגֶעזָאגְט יֶעדֶעס יָאר גַאנְץ שַׁ"ס פָּשׁוּט זָאגְן, אוּן דֶער פָּנִים הָאט אִים גֶעלָאכְטְן ווִי אַ פְלַאם פֵייעֶר אַזוֹי ווִי דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, אֲפִילוּ עֶס קוּמְט דִיךְ אָן שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, זָאלְסְטוּ זֶעהְן צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, כְּדֵי דוּ זָאלְסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אֵיינְמָאל נָאכְן אַנְדֶערְן, דוּ וֶועסְט אַזוֹיפִיל מָאל זָאגְן בִּיז עֶס וֶועט זִיךְ דִיר עֶפֶענֶען דֶער מֹחַ אוּן דוּ וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ זָאגְסְט, אוּן אַזוֹי אוֹיכֶעט גְמָרָא, זָאלְסְטוּ זָאגְן אֵיין דַף נָאכְן אַנְדֶערְן, בִּיז דוּ וֶועסְט מְסַיֵים זַיין אַ מַסֶכְתָּא, אוּן אַזוֹי וֶועסְטוּ מְסַיֵים זַיין אֵיין מַסֶכְתָּא נָאכְן אַנְדֶערְן, בִּיז דוּ וֶועסְט מְסַיֵים זַיין גַאנְץ שַׁ"ס, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז סוֹף כָּל סוֹף וֶועסְטוּ גֶעדֶענְקְן אָן אַ שִׁיעוּר מַאֲמָרֵי חֲזַ"ל, אַז עֶס וֶועט זִיךְ דִיר עֶפֶענֶען דֶער מֹחַ אוּן דִי הַארְץ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (קידושין ל׳)

אָמַר הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּרָאתִי יֵצֶר הָרַע וּבָרָאתִי תּוֹרָה תַּבְלִין כְּנֶגְדוֹ; מֶען קֶען נִישְׁט בֵּיישְׁטֵיין דֶעם בְּרֶענֶענְדִיגֶע יֵצֶר הָרַע נָאר וֶוען מֶען לֶעשְׁט דָאס מִיט תּוֹרָה וָואס אִיז צוּגֶעגְלִיכֶנְט צוּ וַואסֶער. (בָּבָא קַמָא יז.) וְאֵין מַיִם אֶלָא תּוֹרָה שֶׁנֶאֱמַר (יְשַׁעְיָה נ"ה א') "הוֹי כָּל צָמֵא לְכוּ לַמַּיִם" מֶען זֶעהְט הַיינְט מֶען זוּכְט עֵצוֹת פַּאר דִי יוּגְנְט וְכוּ' וְכוּ', אַלֶע חֲכָמִים אוּן נְבוֹנִים פִילוֹסוֹפִ'ירְן וָואס מֶען טוּט הַיינְטִיגֶע צַייטְן מִיט דִי יוּנְגֶע בָּחוּרִים, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער קוּמְט אַרוֹיף מִיט אַנְדֶערֶע עֵצוֹת וְכוּ', בְּשָׁעַת דֶער יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְט אוּן פְלַאקֶערְט וְכוּ' וְכוּ', אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע עֵצָה נָאר דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים'ס עֵצָה "בָּרָאתִי יֵצֶר הָרַע וּבָרָאתִי תּוֹרָה תַּבְלִין כְּנֶגְדוֹ" אֵיי דֶער בָּחוּר שְׁרֵייט אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען וְכוּ', אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין קָאפּ צוּ לֶערְנֶען וְכוּ', אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען וְכוּ', דָאס אִיז אַלֶעס וַוייל מֶען לֶערְנְט נִישְׁט כְּפִי דֶער סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אָבֶער דִיר הָאט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעהָאלְפְן אַז דוּ לֶערְנְסְט כְּפִי דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, אוּן עֶס קוּמְט יֶעצְט דֶער יוֹם טוֹב פוּן קַבָּלַת הַתּוֹרָה, וֶועסְטוּ קֶענֶען קוּמֶען מִיט אַסַאךְ סִיוּמִ'ים, ווִי מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא, אוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ.

דוּ זָאלְסְט וויסְן דָאס דֶער הֵיילִיגֶער שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְזָא זי"ע הָאט גֶעזָאגְט, אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז מְכַוֵון פֵּירוּשׁ הַמִילוֹת בַּיים דַאוֶוענֶען פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף קֶען עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, וָוארוּם דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב

איז צאַמְגֶעשְׁטֶעלְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה מִיט גְרוֹיס רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, אִיבֶּערְדֶעם וֶוען אַ אִיד דַאוֶונְט דִי דְרַייִ תְּפִילוֹת אִין אַ סִידוּר דַיְיקָא, נִישְׁט אוֹיסֶענְוֵוייניִג, און עֶר אִיז מְכַוֵּון פֵּירוּשׁ הַמִילוֹת, און דַאוֶונְט שְׁטַייטֶעלֶעךְ, דֶעמָאלְט וֶוערְט נִמְשָׁךְ אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסֶע הֶאָרָה און אַ לֶעבְּטִיגְקֵייט פוּן אֱמוּנָה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ה) אַז וֶוען מֶען דַאוֶונְט דִי דְרֵייִ תְּפִילוֹת וֶוערְט נִמְשָׁךְ אוֹיף אִים דִי זְכוּת פוּן דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים, און דִי שְׁכִינָה רוּהְט אוֹיף אִים, אָבֶּער דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן נָאר וֶוען מֶען דַאוֶונְט לַאנְגְזַאם שְׁטַייטְלִיךְ מִיט אַ חַיוּת און אַ בְּרֶען, וָואס דָאס עֶפְנְט אוֹיף דִי הַארְץ צוּ מַשִּׂיג זַיין גֶעטְלִיכְקֵייט, ווִידֶערְאוּם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ח') אַז דִי מַחֲנֶה פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִיז דְרֵייִ פַּרְסָאוֹת, דָאס הֵייסְט דִי דְרֵייִ תְּפִילוֹת, און עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן וִויל אַרוֹיפְוַוארְפְן אַ בַּארְג אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט דַאוֶוענֶען דִי דְרֵייִ תְּפִילוֹת, עֶס אִיז שְׁוֶוער אַזוֹי ווִי אַ בַּארְג וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דַאוֶוענֶען דִי דְרֵייִ תְּפִילוֹת יֶעדְן טָאג מִיט אַ מִנְיָן דַיְיקָא, וָוארוּם אַזוֹי צִיט מֶען אוֹיף זִיךְ אַרוֹיף דִי הַשְׁגָחָה פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:) כָּל הָרָגִיל לָבֹא לְבֵית הַכְּנֶסֶת וְלֹא בָּא יוֹם אֶחָד הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַשְׁאִיל בּוֹ; אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִזְהָר זֵייעֶר שְׁטַארְק דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אִין סִידוּר דַיְיקָא, נִישְׁט אוֹיסֶענְוֵוייניִג, וֶועסְטוּ אַרוֹיפְצִיעֶן אוֹיף זִיךְ אַ מוֹרָא'דִיגְן חֵן.

**גֶעבּ** אַכְטוּנְג וָואס דוּ עֶסְט, אַלֶעס זָאל הָאבְּן אַ הֶכְשֵׁר פוּן הֵיימִישֶׁע רַבָּנִים וָואס זֶענֶען בַּאקַאנְט פַאר יִרְאֵי הַשֵּׁם, וָוארוּם הַיינְטִיגֶע צַייטְן קֶען מֶען גְרִינְג נִכְשָׁל וֶוערְן אִין מַאֲכָלִים אֲסוּרִים, וָואס אִיז מְטַמְטֵם הַלֵב.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה אִין דַיין לֶעבְּן, אוּן בְּקָרוֹב וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַ גוּטְן שִׁידוּךְ, אוּן דוּ וֶועסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ אַזוֹי וִוי דַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵייליכְן תָּמִיד**

## תעה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר בְּהַר בְּחוּקוֹתַי כ"ה אִיָר ה'תשע"ב

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ יֶעצְט דֶערְהַאלְטְן דִי סְפָרִים וָואס דוּ הָאסְט גֶעדְרִיקְט, דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט, עֶס הַאלְטְן מִיר אִין אֵיין דֶערְצֵיילְן בָּחוּרִים אִין יוּנְגֶעלַייט אַז זֵייעֶר גַאנְצֶע חִיוּת אִיז נָאר דִי סְפָרִים, צוּלִיבּ דִי סְפָרִים לֶערְנֶען זֵיי אוּן דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן אוּן זֶענֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ, זָאלְסְט ווִיסְן, אֲפִילוּ מְקָרֵב זַיין אֵיין אִיד צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָאס מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב אִין הִימְל, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (תְּרוּמָה קכ"ח:) תָּא חֲזִי כָּל מַאן דְאָחִיד בְּיָדָא דְחַיָיבָא,

[קוּם און זֶעה, יֶעדער וָואס עֶר הַאלְט אָן אִין דִי הֶענְט פוּן זִינְדִיגֶע] וְאִשְׁתַּדֵּל בֵּיהּ לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא [און עֶר אִיז זִיךְ מִשְׁתַּדֵּל זֵיי זָאלְן אָפְּלָאזְן דִי שְׁלֶעכְטֶע וֶועגְן וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דֶעם] אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין מַה דְלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נַשׁ אַחֲרָא, [עֶר גֵייט אַרוֹיף הוֹיךְ אִין דִי עוֹלָמוֹת וָואס אַן אַנְדֶערֶע אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ דֶעם] גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא [עֶר אִיז גּוֹרֵם מַכְנִיעַ צוּ זַיין דִי סִטְרָא אַחֲרָא] וְגָרִים דְאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, [און עֶר אִיז גּוֹרֵם דָאס כִּבְיָכוֹל דֶער נָאמֶען פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל זַיין טֵייעֶר אוֹיף דֶער וֶועלְט] וְגָרִים לְקַיְימָא כָּל עַלְמָא בְּקִיוּמֵיהּ לְעֵילָא וְתַתָּא [און עֶר אִיז גּוֹרֵם אַז דִי וֶועלְט און יֶענֶע וֶועלְט זָאל הָאבְּן אַ קִיוּם, וָוארוּם אַז מֶען אִיז מְקָרֵב מֶענְטְשְׁן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים און זֵיי אַיינְעֶרְקֶענֶען אִים, דָאס אִיז דֶער עִיקָר קִיוּם פוּן דֶער וֶועלְט], וְעַל הַאי בַּר נַשׁ כְּתִיב (מַלְאָכִי ב') "בְּרִיתִי הָיְתָה אִתּוֹ הַחַיִּים וְהַשָּׁלוֹם" וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי, וְזָכֵי בְּהַאי עַלְמָא וְזָכֵי לְעַלְמָא דְאָתֵי, [און אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק אַז מַיין בּוּנְד וֶועט זַיין מִיט אִים און עֶס וֶועט רוּעֶן אוֹיף אִים דָאס לֶעבְּן און דֶער שָׁלוֹם, און עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהְן קִינְדֶער פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, און עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין גְלִיקְלִיךְ צוּ זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט] כָּל מָארֵי דִינִין לָא יָכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ בְּהַאי עַלְמָא וּבְעַלְמָא דְאָתֵי [קַיין שׁוּם מְקַטְרֵג קֶען נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט און

נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט] עָאָל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי וְלֵית מַאן דִּימְחֵי בְּיָדֵיהּ [אוּן עֶר גֵייט אַרַיין אִין דִי צְוֶועלְף טוֹיעֶרְן פוּן אַלֶע צְוֶועלֶעף שְׁבָטִים, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁטֶערְן] וְעַל דָּא כְּתִיב [אוּן אוֹיף אִים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק] (תְּהִלִּים קי״ב) ״גִּבּוֹר בָּאָרֶץ יִהְיֶה זַרְעוֹ דּוֹר יְשָׁרִים יְבֹרָךְ הוֹן וָעוֹשֶׁר בְּבֵיתוֹ וְצִדְקָתוֹ עֹמֶדֶת לָעַד זָרַח בַּחֹשֶׁךְ אוֹר לַיְשָׁרִים״ וְגוֹ׳; אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן אִיבֶּער דֶעם גְרוֹיסְן זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט, אוּן דִי חֲזַ״ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא יא.) כָּל הַמְקַיֵּים נֶפֶשׁ אַחַת מִיִּשְׂרָאֵל כְּאִילוּ קִיֵּים עוֹלָם מָלֵא; שְׁטֶעל זִיךְ פָאר וִויפִיל עוֹלָמוֹת דוּ הָאסְט שׁוֹין אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט צוּלִיב דַיין הַדְפָּסָה וָואס דוּ דְרִיקְסְט אַזוֹי שֵׁיין אִיבֶּער אַלֶע סְפָרִים, אִיבֶּערְדֶעם בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען דִיךְ שְׁטַארְקְן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט מִיד וֶוערְן, בִּפְרַט אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן צְוֵויי כְּרָכִים פוּן שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת ״אֲשֶׁר בַּנַּחַל״ חֵלֶק צ״ב, אוּן חֵלֶק פ״ח, עֶס אִיז אַ שָׁאד אַז דוּ דְרִיקְסְט נִישְׁט פוּן חֵלֶק צ״ח צוּרִיקְצִיוֶועגְס צ״ז צ״ו וְכוּ׳ וְכוּ׳, וָוארוּם דִי כְּרָכִים אִיז נִישְׁטָא דָאהִי, אוּן עֶס אִיז אַ שָׁאד אַז עֶס זָאל נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעדְרִיקְט וֶוערְן, וָוארוּם דִי סְפָרִים אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן פַאר בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס זֵיי בֶּענְקְן זֵייעֶר צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶס גֵייט אוֹיף זֵיי דוּרְךְ וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ וְכוּ׳.

**עֶס** אִיז דָא אַ שִׂיחָה פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זי״ע דָאס עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט, ״דֶער וָואס עֶר טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דֶעם לֶעצְטְן טָאג וִוי עֶר וֶועט זַיין אַ גוֹסֵס אוּן אַ

מֵת, און לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּ דִי טִיר, פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ רֶעד אִיךְ נִישְׁט, וַוייל עֶר אִיז בַּיי מִיר צוּגֶעגְלִיכְנְט אַזוֹי וְוי אַ בְּהֵמָה וָואס עֶסְט און טְרִינְקְט און אַרְבֶּעט וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער אֵיינֶער וָואס עֶר טְרַאכְט יָא פוּן דֶעם, און בְּוַודַאי גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער, פַאר אִים הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁרִיבְּן מַיינֶע "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת", דִי אַלֶע בְּרִיוו פוּן שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת "אֲשֶׁר בַּנַחַל" אִיז אַרוֹיסְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים און פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן'ס סְפָרִים, נָאר אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבְּן אִין אַ גְרִינְגֶע לָשׁוֹן וָואס אִיז שַׁיָיךְ צוּ אוּנְזֶער דוֹר, דִי אַלֶע בְּרִיוו אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן מִיט גְרוֹיס מְסִירוּת נֶפֶשׁ און בֶּענְקֶענִישׁ פוּן בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען מְבַקְשִׁים וְכוּ', און ווילְן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין אִידִישְׁקֵייט, אִיבֶּערְדֶעם אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ וָואס דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן אִיבֶּערְצוּדְרוּקְן דִי בְּרָכִים פוּן שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת "אֲשֶׁר בַּנַחַל" אָבֶּער בִּיז יֶעצְט אִיז שׁוֹין אָפְּגֶעדְרִיקְט גֶעוָוארְן אַכְט און נַיינְצִיג בֶּענְדֶער וָואס עֶס צֵיילְט זִיךְ שׁוֹין אִיבֶּער צְוֵויי און צְוָואנְצִיג טוֹיזֶענְט בְּרִיוו בִּיז שְׁנַת תשנ"ד, אִיבֶּערְדֶעם וָואלְט גֶעוֶוען זֵייעֶר גוּט זָאלְסְט אִיבֶּערְדְרִיקְן צוּבִּיסְלֶעךְ אַלֶע בְּרָכִים, און אִיךְ זָאג דִיר צוּ, בִּזְכוּת דֶעם וֶועסְטוּ זֶעהְן אָפֶענֶע נִסִים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט דִיר טוּהְן, וָוארוּם סְ'אִיז נִישְׁט קַיין פְּשׁוּטֶע זַאךְ מְזַכֶּה זַיין אֶת הָרַבִּים, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא פז.) כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ; אַז וואויל אִיז דִיר אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט מִיר גֶעשָׁאנְקְן צוּרִיק דֶעם לֶעבְּן, אִיךְ שְׁפִּיר מַמָשׁ וִוי אִיךְ בִּין אַרוֹים פוּן קֵבֶר וְכוּ', מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין וָואס אִיךְ הָאבּ דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען, זֵייעֶר וֵוייניג מֶענְטְשְׁן לֶעבְּן דָאס אִיבֶּער, פִיר הַארְץ אַטַאקֶעס אִין נָאכְדֶעם מַאכְן אַ עֶנְגֶדְשִׁי גֶרֶעם בְּלַעֲ"ז אוּן נָאכְדֶעם אַ אָפֶען הַארְץ אַפַּארַאצִיֶע, וָואס דִי דָאקְטוֹרִים וואוּנְדֶערְן זִיךְ אַלֵיין וְויאַזוֹי אִיךְ הָאבּ דָאס אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט, אָבֶּער אִיךְ לֵייג דָאס אַרוֹיף נָאר אִין זְכוּת פוּן דִי תְּפִילוֹת הָרַבִּים וָואס זֵיי הָאבְּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען פַאר מַיינְ'ס וֶועגְן, וּבִפְרַט דִי תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ דֶער זְכוּת הָרַבִּים וָואס אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן דֶערְהַאלְטְן זִיךְ מִיט זֵייעֶרֶע שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע אִיבֶּערְגֵייעֶבְצֶער אִין זְכוּת דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, אִיבֶּערְדֶעם דַאנְק אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ גֶענוּמֶען אִיבֶּערְדְרִיקְן אַלֶע כְּרָכִים פוּן שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת "אֲשֶׁר בַּנַחַל", אוּן בִּפְרַט וָואס דוּ בִּיסְט דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס דוּ הָאסְט צוּזַאמְגֶענוּמֶען אַלֶע בְּרִיוו וָואס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיפְן אִידִישְׁן שְׁפְּרַאךְ, אוּן דוּ הָאסְט עֶס אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דְרִיקְן, אוּן דוּ הַאלְסְט שׁוֹין הַיינְט קָרוֹב צוּ פוּנְף הוּנְדֶערְט בְּרִיוו גֶעדְרִיקְט, דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דַיין זְכוּת, אוּן וִויפִיל אִידְן דוּ בִּיסְט מְחַיֶה, זָאל דִיר דִי זְכוּת בֵּיישְׁטֵיין, אוּן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער, אוּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, וָוארוּם בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב וֶוען אַ אִיד אִיז מְחַזֵק אַ צְוֵוייטְן אִיד, אוּן הַיינְטִיגֶע צַייטְן דַארְף מֶען דָאס זֵייעֶר הָאבְּן, וָוארוּם דִי שְׁוֶועֶרֶע

בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת מַאטֶערְן יֶעדְן אֵיינֶעם וְכוּ' וְכוּ', און וואויל אִיז דֶעם וָואס עֶר אִיז מְחַזֵּק אַלֶע צוּבְּרָאכֶענֶע נְשָׁמוֹת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג און אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תעט

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי כ"ה אִיָּר ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר דֶערְפְרֵייט צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט מְנַדֵּב גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶעם סְכוּם צוּ דְּרִיקְן דֶעם וואוּנְדֶערְלִיכְן סֵפֶר "אֶרֶךְ אַפַּיִם" וָואס עֶס רֶעדְט אַרוּם דֶעם גְרוֹיסְקֵייט פוּן סַבְלָנוּת, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא גוּטֶע מִדָּה וָואס אַ אִיד דַארְף זִיךְ אֵיינְקוֹיפְן ווִי דִי מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת - זַיין גֶעדוּלְדִיג, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ) אַז אַלֶע צָרוֹת קוּמְט פַאר'ן מֶענְטְשׁ נָאר מַחֲמַת דְּחִיקַת הַשָּׁעָה, עֶר פַארְלִירְט דֶעם גֶעדוּלְד וְכוּ', עֶר מוּז הָאבְּן יֶעדֶע זַאךְ שׁוֹין וְכוּ', און אַז ס'גֵייט נִישְׁט ווִי עֶר וויל וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן, און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע אִיז מַאֲרִיךְ (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת גְּזֵילָה הֲלָכָה ה') דֶעם עִנְיָן פוּן דְּחִיקַת הַשָּׁעָה, אַז אַ מֶענְטְשׁ פַארְלִירְט דִי גֶעדוּלְד פוּן דֶעם קוּמְט אַרוֹיס אַלֶע צָרוֹת און אַלֶע מַחְלוֹקֶת און קְרִיגֶערֵייעֶן און אַלֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְף זִיךְ אַ אִיד צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ דִי שֵׁיינֶע מִדָּה

פון סַבְלָנות גֶעדולְדִיגְקֵייט, אַוַדַאי און אַוַדַאי אִיז דָאס דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ צוקומֶען צו דֶעם, וָוארום יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז נֶערְוֶועז פון זַיין אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ וָואס עֶס גֵייט אויף אִים דורְךְ, דֶער און שָׁלום בַּיִת וְכו' דֶער אִין פַּרְנָסָה וְכו' דֶער אִין גֶעזונְט וְכו', יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זִיךְ זַיין פֶּעקְל צָרות וָואס דָאס דֶענֶערְוִוירְט אִים וְכו', אִיבֶּערְדֶעם אִיז דֶער גְרֶעסְטֶע גְבורָה פון אַ אִיד וֶוען עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן און זַיין גֶעדולְדִיג, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא זָאגְט (אָבות פֶּרֶק ד') אֵיזֶהו גִבּור הַכּובֵשׁ אֶת יִצְרו, שֶׁנֶאֱמַר (מִשְׁלֵי ט"ז) "טוב אֶרֶךְ אַפַּיִם מִגִבּור ומושֵׁל בְּרוחו מִלוכֵד עִיר"; זֶעהְט מֶען פון דֶעם פָּסוק אַז דָאס רֶעדְט זִיךְ פון דֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס עֶר בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צו כַּעַס, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף יֶעדֶער אִיד זִיךְ אַיינְקויפְן דִי טֵייעֶרֶע מִדָה פון סַבְלָנות, וָואס אויף דֶעם אִיז גֶעבּויעֶט דֶער גַאנְצֶער סֵפֶר "אֶרֶךְ אַפַּיִם" מֶען מוז הָאבְּן גֶעדולְד, און עֶס אִיז דָא אַ מַאֲמַר הֶחָכָם "אֵין גְבורָה כְּהִתְאַפְּקות" עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע גְבורָה ווִי זִיךְ אַיינְהַאלְטְן, נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן אֵיינֶעם וָואס עֶר אִיז דִיךְ מְבַזֶה וְכו', אָדֶער אֵיינֶער וָואס עֶס רֶעדְט אויף דִיר וְכו', אויב אַ אִיד הָאט גֶעדולְד וֶועט עֶר שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן שָׁלום בַּיִת, נִישְׁט שְׁטֶענְדִיג מוז מֶען עֶנְטְפֶערְן, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (דֶרֶךְ אֶרֶץ זוטָא פֶּרֶק א') דַרְכָּן שֶׁל תַּלְמִידֵי חֲכָמִים עָנָיו ושְׁפַל רוחַ זָרִיז מְמולָא עָלוב וְאָהוב לְכָל אָדָם שָׁפָל לְאַנְשֵׁי בֵּיתו וְכו', נִישְׁט שְׁטֶענְדִיג מוז מֶען עֶנְטְפֶערְן, מֶען דַארְף זִיךְ צוגֶעוואוינֶען צו שְׁווַייגְן, עֶס ווערְט דֶערְצֵיילְט אַז דֶער גְרויסֶער צַדִיק

רֶבִּי דָוִד פוּן סְקְווירָא זי"ע הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרִיקְט "מֶען דַארְף שְׁוַויינְן אוּן שְׁוַויינְן אוּן שְׁוַויינְן, אוּן נָאכְדֶעם רוּהְט מֶען זִיךְ אָפּ, אוּן מֶען שְׁוַויגְט וַוייטֶער" עֶס זֶעהְט אוֹיס ווִי פָּשׁוּטֶע וֶוערְטֶער, אָבֶּער עֶס לִיגְט אִין דֶעם זֵייעֶר אַ טִיפֶער דֶערְהֶער, וָוארוּם אַלֶע צָרוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ צִיט אוֹיף זִיךְ אִיז נָאר וֶוען עֶר פַארְלִירְט זַיין גֶעדוּלְד, אוּן עֶר מוּז עֶנְטְפֶערְן יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס עֶר בַּאלֵיידִיגְט אִים וְכוּ', אוּן אוֹיךְ אִין שְׁטוּבּ קֶען עֶר זִיךְ נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן פוּן זַיין אוֹיפְגֶערֶעגְט וְכוּ' נֶערְוֶועז וְכוּ' כַּעַס וְכוּ', אַ אִיד דַארְף ווִיסְן ס'גֵייט נִישְׁט אַזוֹי, מֶען דַארְף הָאבְּן גֶעדוּלְד, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') עִיקַר הַתְּשׁוּבָה לִשְׁמוֹעַ בִּזְיוֹנוֹ וְיִדּוֹם וְיִשְׁתּוֹק; מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד שְׁוַויגְט אָפּ אוֹיף וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ וְכוּ', מִיט דֶעם קֶען עֶר זוֹכֶה זַיין מֶען זָאל אִים מוֹחֵל זַיין אַלֶע עֲווֹנוֹת.

**עֶס** אִיז מְקוּבָּל בַּיי צַדִיקִים אִישׁ מִפִּי אִישׁ וְכוּ' וָואס מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן אֵלִיָהוּ הַנָבִיא זָכוּר לַטוֹב, אַז וֶוען עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אַ אִיד אַ צָרָה (לֹא עָלֵינוּ), אָדֶער עֶס גֵייט אִים נִישְׁט ווִי עֶר הָאט גֶעוָואלְט וְכוּ', זָאל עֶר זָאגְן דֶעם פָּסוּק (תְּהִילִים כ"ה) "רְאֵה עָנְיִי וַעֲמָלִי וְשָׂא לְכָל חַטֹּאותָי" אוּן דֶעמָאלְט אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אַלֶע עֲווֹנוֹת, וָוארוּם דֶער מֶענְטְשׁ אַנְעֶרְקֶענְט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אִיז אַלֶעס מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן

(חולין ז') אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעְלָה; אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט קַיין קְלַאפּ אִין דֶעם קְלֵיינֶעם פִינְגֶער אֵיידֶער מֶען הָאט קוֹדֶם אוֹיסְגֶערוּפְן אִין הִימְל, אַזוֹי וַוייט גֵייט דִי הַשְׁגָחָה, אוּן וֶוער עֶס נֶעמְט דָאס אַריין בַּיי זִיךְ דֶער קוֹיפְט זִיךְ אַיין דִי טֵייעֶרְע מִדָה פוּן סַבְלָנוּת גֶעדוּלְדִיגְקֵייט, אוּן אוֹיף דֶעם אִיז גֶעבּוֹיעֶט דֶער גַאנְצֶער סֵפֶר "אֶרֶךְ אַפַּיִם" אוּן יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַז דוּ הָאסְט מְנַדֵב גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסְן סְכוּם דָאס אָפְּצוּדְרִיקְן, מוּז אִיךְ דִיר זֵייעֶר זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען, וָוארוּם דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט אַ זַאךְ וָואס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן אוּן גֶעדְרִיקְט אִיז אַזוֹי ווִי מֶען דַרְשֶׁנְ'ט פַאר צֶען טוֹיזֶענְט מֶענְטְשְׁן, אוּן הַיינְט וָואס דֶער דְרִיקֶערֵיי אִיז שׁוֹין אַזוֹי פָארְגֶעשְׁרִיטְן מוּז אִיךְ דִיר זָאגְן אִיז דָאס אַזוֹי ווִי מֶען דַרְשֶׁנְ'ט פַאר מִילְיָאן מֶענְטְשְׁן, וָוארוּם דֶער סֵפֶר וֶוערְט גֶעדְרִיקְט אוּן אִיבֶּערְגֶעדְרִיקְט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, אוּן עֶס וֶוערְט צוּשְׁפְּרֵייט אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

**דֶער** זְכוּת זָאל דִיר בַּיישְׁטֵיין, דוּ זָאלְסְט הָאבְּן שֶׁפַע בְּרָכָה וְהַצְלָחָה אוּן וָואס דוּ וואוּנְטְשְׁט זִיךְ.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְּרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תפ

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר בְּהַר בְּחוּקוֹתַי כ"ה אִיָּר ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** וויסְן דָאס אוֹיף דֶעם עוֹלָם גֵייט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם אִיבֶּער וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער וְכוּ', וָוארוּם דֶער עִיקָּר תַּכְלִית אִיז מַכִּיר זַיין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פוּן יֶעדֶע זַאךְ, דִי נְשָׁמָה צִיט שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיף צוּ רוּחָנִיוּת, אוּן דֶער גוּף צִיט שְׁטֶענְדִיג אַרָאפּ צוּ גַשְׁמִיוּת, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין צא:) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים נ') "יִקְרָא אֶל הַשָּׁמַיִם מֵעָל" זֶה הַנְּשָׁמָה, "וְאֶל הָאָרֶץ" זֶה הַגּוּף, דִי נְשָׁמָה צִיט אַלְץ צוּ רוּחָנִיוּת וָואס דָאס אִיז אִיר שׁוֹרֶשׁ, אָבֶּער דֶער גוּף צִיט אַלְץ צוּ גַשְׁמִיוּת וָואס דָאס אִיז אִיר שׁוֹרֶשׁ, אוּן פוּן דֶעם קוּמְט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט צוּבְּרָאכְן וְכוּ', וָוארוּם עֶס אִיז אַ מַחְלוֹקֶת צְווִישְׁן דֶעם גוּף אוּן דִי נְשָׁמָה, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן י"ד) אַז דָאס דַארְף זַיין אַ אִידְ'ס אַרְבֶּעט ס'זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן גוּף אוּן דִי נְשָׁמָה, אַז בֵּיידֶע זָאלְן ווֶעלְן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ב) אַז אַ אִיד דַארְף אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דֶעם גוּף הַגַּשְׁמִי צוּ רוּחְנִי, דָאס הֵייסְט אַז דֶער גוּף זָאל אוֹיבֶעט זֶעהְן גֶעטְלִיכְקֵייט, אַזוֹי ווִי ס'שְׁטֵייט (אִיּוֹב י"ט) "מִבְּשָׂרִי אֶחֱזֶה אֱלוֹהַּ" פוּן דֶעם בְּשַׂר הַגּוּף, פוּן דֶעם גַשְׁמִיוּת זָאל עֶר קֶענֶען אַרוֹיסְזֶעהְן אֱלֹקוּת, אוּן דָאס אִיז וָואס דֶער נָבִיא זָאגְט (יְשַׁעְיָה

נ"ח) "וּמִבְּשָׂרְךָ לֹא תִתְעַלָּם" דָאס הֵייסְט זָאלְסְט נִישְׁט מַעֲלִים זַיין דַיינֶע אוֹיגְן פוּן בְּשַׂר הַגוּף אַז זִי זָאל אוֹיכֶעט זֶעהְן גֶעטְלִיכְקֵייט, אוּן דֶעמָאלְט קֶען זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ דֶערְהַאלְטְן, וָוארוּם וֶוען דֶער גוּף אוּן דֶער נְשָׁמָה ווִילְן אֵיין זַאךְ, נָאר מַכִּיר זַיין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶערְשְׁט צְווִישְׁן זֵיי בֵּיידְן אַ שָׁלוֹם, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט צוּבְרָאכְן, אַדְרַבָּה אִין יֶעדֶע זַאךְ טְרֶעפְט עֶר גֶעטְלִיכְקֵייט.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א') **אַ אִיד** דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען קוּקְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ נָאר אוֹיפְן רוּחָנִיוּת פוּן דִי זַאךְ, אוּן דָאס וֶועט אִים שְׁטֶענְדִיג לַייכְטְן, אוּן דָאס אִיז דֶער וֶועג פוּן דִי צַדִיקִים, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ד) "וְאֹרַח צַדִיקִים כְּאוֹר נֹגַהּ הוֹלֵךְ וָאוֹר עַד נְכוֹן הַיוֹם" דָאס דִי וֶועג פוּן דִי צַדִיקִים זֵיי לַייכְט שְׁטֶענְדִיג דָאס לֶעבְטִיגְקֵייט אַזוֹי ווִי אִינְמִיטְן טָאג, דָאס הֵייסְט פוּן יֶעדֶע זַאךְ זֶעהְן זֵיי אַרוֹיס גֶעטְלִיכְקֵייט, וֶוען אַ אִיד הַאלְט דֶערְבַּיי דֶעמָאלְט קֶען אִים קַיין שׁוּם זַאךְ נִישְׁט צוּבְרֶעכְן.

**אוּן** ווִיאַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם? דוּרְךְ קִיוּם מִצְוֹת מַעֲשִׂיוֹת, אַז אַ אִיד גֵייט מִיט צִיצִית אוּן לֵייגְט תְּפִילִין יֶעדְן טָאג, אוּן עֶר הָאט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים אַ בָּארְד מִיט פֵּיאוֹת וְכוּ', אוּן עֶר עֶסְט כָּשֵׁר וְכוּ', אוּן הִיט שַׁבָּת וְכוּ', דִי אַלֶע מִצְוֹת וֶוען עֶר טוּט דָאס מִיט אַ שִׂמְחָה, דוּרְכְדֶעם וֶוערְט דֶער גוּף נִזְדַכֵּךְ אוּן שְׁפִּירְט גֶעטְלִיכְקֵייט, אוּן עֶס וֶוערְט שָׁלוֹם צְווִישְׁן גוּף אוּן דִי נְשָׁמָה, אוּן עֶר אִיז אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ.

**אָבֶער** אֵיינֶער וָואס עֶר פְרֵיידְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי מִצְווֹת וְכוּ', עֶס אִיז בַּיי אִים אַזוֹי ווִי מִצְוַת אֲנָשִׁים מְלוּמָדָה וְכוּ', אִיז עֶר נִישְׁט קַיין צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ, שְׁטֶענְדִיג דְרֵייט עֶר זִיךְ אַרוּם מִיט קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וְכוּ', אוּן עֶר אִיז פַארְבִּיטֶערְט אוֹיף אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ', שְׁטֶענְדִיג אִיז עֶר טְרוֹיעֶרִיג אוּן בְּלָאזְט אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וְכוּ', אַזוֹי ווִי יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז אִים שׁוּלְדִיג וְכוּ', דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער צָרָה.

**דֶערְפַאר** דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זַיין מְקוּרָב צוּ אַן אֶמֶתְ'ן צַדִיק, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ט') אַז דֶער אֶמֶתְ'ר צַדִיק קֶען אַרָאפְּבְּלָאזְן פוּן מֶענְטְשׁ דֶעם מָרָה שְׁחוֹרָה וָואס עֶס פַאלְט אוֹיף אִים אַרוֹיף וְכוּ', אוּן גֶעט אַכְטוּנְג אוֹיף אִים עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט צוּפִיל צוּפֵייעֶרְן, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין בַּיי אִים קַיין פֶּן יֶהֶרְסוּ, נָאר עֶר זָאל זַיין אַ צוּפְרִידֶענֶער אוּן גֶעלַאסֶענֶער מֶענְטְשׁ, עַיֵין שָׁם.

**אַז** וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס עֶר אִיז דֶער צַדִיק הַדוֹר, אוּן עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דֶעם מֶענְטְשׁ אַ רוּחַ חַיִים, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ח') דֶער עִיקָר רוּחַ חַיִים אִיז מֶען מְקַבֵּל פוּן צַדִיק, דָאס הֵייסְט דֶער צַדִיק לֵייגְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ אַ גֵייסְט פוּן לֶעבְּן, עֶר זָאל שְׁפִּירְן דָאס לֶעבְּטִיגְקֵייט פוּן יֶעדֶע מִצְוָה, אוּן עֶר זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם יֶעדֶער אִיד אִיז פִיל מִיט מִצְווֹת ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נז.) עַל הַפָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ד') "כְּפֶלַח

הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ" מַאי רַקָּתֵךְ, אֲפִילוּ רֵיקָנִין שֶׁבָּךְ מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן; אוֹיךְ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת פֶּרֶק ט' הֲלָכָה ה') תָּנֵי בְּשֵׁם רַבִּי מֵאִיר אֵין לְךָ אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל שֶׁאֵינוֹ עוֹשֶׂה מֵאָה מִצְווֹת בְּכָל יוֹם. קוֹרֵא אֶת שְׁמַע וּמְבָרֵךְ לְפָנֶיהָ וּלְאַחֲרֶיהָ וְאוֹכֵל אֶת פִּתּוֹ וּמְבָרֵךְ לְפָנֶיהָ וּלְאַחֲרֶיהָ וּמִתְפַּלֵּל שְׁלֹשָׁה פְּעָמִים שֶׁל שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה וְחוֹזֵר וְעוֹשֶׂה שְׁאָר מִצְווֹת וּמְבָרֵךְ עֲלֵיהֶן. וְכֵן הָיָה רַבִּי מֵאִיר אוֹמֵר אֵין לְךָ אָדָם בְּיִשְׂרָאֵל שֶׁאֵין הַמִּצְווֹת מַקִּיפוֹת אוֹתוֹ. תְּפִילִין בְּרֹאשׁוֹ וּתְפִילִין בִּזְרוֹעוֹ וּמְזוּזָה בְּפִתְחוֹ מִילָה בִּבְשָׂרוֹ אַרְבַּע צִיצִיּוֹת בְּטַלִּיתוֹ מַקִּיפִין אוֹתוֹ. הוּא שֶׁדָּוִד אָמַר (תְּהִלִּים קי"ט) "שֶׁבַע בַּיּוֹם הִלַּלְתִּיךָ עַל מִשְׁפְּטֵי צִדְקֶךָ". וְכֵן הוּא אוֹמֵר (תְּהִלִּים ל"ד) "חֹנֶה מַלְאַךְ ה' סָבִיב לִירֵאָיו וַיְחַלְּצֵם".

**נָאר** אַ אִיד שְׁפִּירְט נִישְׁט דָאס חַיּוּת פוּן דִי מִצְווֹת, דֶערְפַאר אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג צוּגֶעלֵייגְט, כָאטְשֶׁע עֶר טוּט דָאךְ דִי מִצְווֹת יֶעדְן טָאג וְכוּ', אָבֶּער וויבַּאלד עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין חַיּוּת אִין דֶעם, דְרֵייט עֶר זִיךְ אַרוּם צוּבְּרָאכְן וְכוּ', פַארְוֶוייטָאגְט וְכוּ', פִיל מִיט טַעֲנוֹת אוֹיף זִיךְ אִין אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן עֶר אִיז אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶער מֶענְטְשׁ.

**אָבֶּער** אַז עֶר אִיז זוֹכֶה מְקוּרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דֶעם מֶענְטְשׁ אַ חַיּוּת, אַ לֶעבְּן, אַ פְרֵיילִיכְקֵייט, דֶער אִיד זָאל שְׁפִּירְן דָאס לֶעבְּטִיגְקֵייט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס אִיז מְחַיֶּה אוּן מְהַוֶּוה דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה, אוּן מֶען זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְווֹת וָואס עֶר טוּט מְמֵילָא יֶעדְן טָאג, דֶעמָאלְט וֶועט עֶר זַיין אַ צוּפְרִידֶענֶער

מֶענְטְשׁ, עֶר וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, עֶר וֶועט זַיין דֶער רַייכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ד') אֵיזֶהוּ עָשִׁיר הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ; וֶוער הֵייסְט אַ רַייכֶער מֶענְטְשׁ? דֶער וָואס עֶר פְרֵיידְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מִיט וָואס עֶר הָאט.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ זֶעהְן מְקוּרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מֶער אוּן מֶער דוּרְךְ לֶערְנֶען זַיין הֵיילִיגְן סֵפֶר "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן שמ"ז) אַז דֶער סֵפֶר אִיז אַ מִצְוָה צוּ לֶערְנֶען, אוּן מֶען קֶען וֶוערְן דוּרְכְדֶעם אַ אֱמֶת'ר בַּעַל תְּשׁוּבָה, אוּן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל מֹחַ, אוֹיךְ דַארְף מֶען אַסאךְ לֶערְנֶען זַיינֶע שִׂיחוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים "שִׂיחוֹת הָרַ"ן" אוּן "חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן", וָואס עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן שנ"ח) אַז מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה זַיינֶע וָואס עֶר רֶעדְט אוּן שְׁמוּעְסְט מִיט אוּנְז קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק דֶעם גַאנְץ לֶעבְּן, אַזוֹי ווִי אִיךְ וֵוייס וָואס הֵייסְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**אִיךְ** הָאף דוּ וֶועסְט גוּט אַרַיינְטְרַאכְטְן אִין דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶעשְׁרִיבְּן, וֶועסְטוּ זַיין דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פְרֵיידְט זִיךְ מִיט זַיינֶע מִצְווֹת וָואס עֶר אִיז מְקַיֵּים, אִיז עֶר שׁוֹין קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵּא, אַזוֹי ווִי דֶער תַּנָּא זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ו') וְאַל תִּתְאַוֶּה לְשֻׁלְחָנָם שֶׁל שָׂרִים, שֶׁשֻּׁלְחָנְךָ גָּדוֹל מִשֻּׁלְחָנָם וְכִתְרְךָ גָּדוֹל מִכִּתְרָם, וְנֶאֱמָן הוּא בַּעַל מְלַאכְתְּךָ שֶׁיְּשַׁלֶּם לְךָ שְׂכַר פְּעֻלָּתֶךָ;

אַ מֶענְטְשׁ טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט גְלִיסְטְן יֶענֶעם'ס טִישׁ וְכוּ', עֶר דַארְף וויסְן אַז זַיין טִישׁ אִיז גְרֶעסֶער פַאר זֵייעֶר טִישׁ, זַיין קְרוֹין אִיז גְרֶעסֶער פוּן זֵייעֶר קְרוֹין וְכוּ', דָאס הֵייסְט עֶר דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט זַיין אִידִישְׁקֵייט וְכוּ', אוּן גְלֵייבְּן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט אִים בַּאצָאלְן אוֹיף אַלְסְדִינְג.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תפא

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר בְּהַר בְּחוּקוֹתַי כ"ה אִיָּר ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו ווִי דוּ גִיסְט זִיךְ אוֹיס דַיין בִּיטֶער הַארְץ וְכוּ'.

**זָאלְסְט** וויסְן דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ח) עֶס אִיז קֵיין יֵאוּשׁ נִישְׁט פַארְהַאנְדִין, אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן מִיט אַ טִיפְן קוֹל "גֶעוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ" אוּן דֶעם קוֹל הֶערְט מֶען נָאךְ בִּיז הַיינְט וֶוער ס'לֵייגְט צוּ דִי אוֹיעֶר צוּ זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶעהְן זִיךְ אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועסְטוּ דָארְטְן טְרֶעפְן עֵצוֹת אוֹיף אַלְסְדִינְג, אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אוֹיף אַלֶעם וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר אִיבֶּער, אוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶועט דִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן.

**אֵיינְס** פוּן דִי זַאכְן וָואס עֶס צוּבְּרֶעכְט אַ מֶענְטְשׁ מֶער ווִי אַלְסְדִינְג אִיז דָאס אַרוּמְגֵיין לֵיידִיג, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (כְּתוּבּוֹת נ"ט) הַבַּטָּלָה מְבִיאָה לִידֵי שִׁיעֲמוּם; לֵיידִיגְגֵיין בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ אַרָאפְּגֵיין פוּן זִינֶען רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֶעהְן שְׁטֶענְדִיג צוּ זַיין פַּארְנוּמֶען, וָוארוּם אַז נִישְׁט פַאלְט עֶר אַרַיין אִין שְׁמוּץ וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם זֶעה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פַּארְנוּמֶען, אָדֶער דוּ שְׁלָאפְסְט, אָדֶער דוּ עֶסְט, אָדֶער דוּ דַאוֶוענְסְט, אָדֶער דוּ לֶערְנְסְט, אָדֶער טוּהְן מִצְווֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים און חֲסָדִים מִיט אִידְן, נָאר נִישְׁט אַרוּמְדְרֵייעֶן זִיךְ לֵיידִיג, וָואס דָאס אִיז דִי אַרְגְסְטֶע זַאךְ פַאר אַ מֶענְטְשׁ.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ וֶועג אַז אַ אִיד קֶען זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַּאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, עֶר גֵייט אִין אַ פְּלַאץ ווִי קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, און עֶר רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און עֶר דֶערְצֵיילְט אִים אוֹיס אַלְסְדִינְג וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַ טַאטְן, אֱמֶת בַּיים אָנְפַאנְג אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער, וָוארוּם אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט אִיז אַרַיין אִין אִים כְּפִירוֹת און אַפִּיקוֹרְסוּת, און עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן כ"ב) הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה בְּאָדָם, וֶועלְדִיג זַיינֶע זִינְד אַזוֹיפִיל כְּפִירָה אִיז דָא אִין אִים, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ג:) אָמַר רַב חִסְדָּא בִּתְחִילָּה קוֹדֶם שֶׁחָטְאוּ יִשְׂרָאֵל הָיְתָה שְׁכִינָה שׁוֹרָה עִם כָּל אֶחָד וְאֶחָד שֶׁנֶּאֱמַר (דְּבָרִים כ"ג) "כִּי הֲוָיָ"ה אֱלֹקֶיךָ

מִתְהַלֵּךְ בְּקֶרֶב מַחֲנֶיךָ" כֵּיוָן שֶׁחָטְאוּ נִסְתַּלְּקָה שְׁכִינָה מֵהֶם שֶׁנֶּאֱמַר (שָׁם) "וְלֹא יִרְאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ"; פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דַארְף מֶען רֶעדְן אוּן רֶעדְן אוּן רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם יֶעדֶע וָוארְט וֶוערְט צוּגֶעהֶערְט, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יַלְקוּט דְּבָרִים רֶמֶז תתכ"ה) בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו בְּכָל לָשׁוֹן שֶׁיִּשְׂרָאֵל קוֹרְאִין לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹנֶה אוֹתָם; מִיט יֶעדֶע שְׁפְּרַאךְ וָואס אַ אִיד רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶנְטְפֶערְט עֶר אִים, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעווּאוֹיֶנֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין אַלֵיין, דַארְפְסְט דָאס פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט פַארְצֵיילְן, נָאר גֵיי דִיר אוֹיף דַיין וֶועג, אוּן גֶעוואוֹין דִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן נָאר צוּ אִים, אוּן וָואס עֶס דְרִיקְט דִיךְ זָאלְסְטוּ אִים אוֹיסְדֶערְצֵיילְן, וֶועסְטוּ זֶעהְן דָאס סוֹף כָּל סוֹף וֶועט דִיךְ אָנְהוֹיבְּן צוּ לַייכְטְן דָאס גֶעטְלִיכְקֵייט אוּן דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן צוּ זֶעהְן אוּן צוּ שְׁפִּירְן דָאס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעפִינְט זִיךְ אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קנ"ד) אַז דֶער עִיקָר וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה אִיז נָאר גֶעוֶוען וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט ווִי אַ פְּרָאסְטִיק, דָאס הֵייסְט עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, גֶערֶעדְט זַייעֶר אַסַאךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אִידִישׁ, אוּן גֶעזָאגְט אַסַאךְ תְּהִלִּים, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט וֶוען אִיךְ זָאל ווִיסְן אִין דֶער יוּגְנְט צוּ וָואס מֶען קֶען קוּמֶען דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת דָאס הֵייסְט רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים

אויף פְּרָאסְטְ אִידִישׁ, וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהְן אַ גַאנְץ יָאר וָואלְט אִיךְ גֶעטוּהְן אִין אֵיין טָאג, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן נָאךְ דִי עֲבוֹדָה פוּן תְּמִימוּת וּפְּשִׁיטוּת, אַסַאךְ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אויף אִידִישׁ, אַזוֹי וִוי אַ פְּרָאסְטֶער פָּשׁוּטֶער מֶענְטְשׁ.

**אויךְ** הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אויסְגֶעלֶערְנְט אַ וֶועג וִוי יֶעדֶער אִיד קֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט אַ שְׁוֶועָרֶע הַבָנָה וְכוּ', דֶער קָאפּ פַארְנֶעמְט אִים נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען וְכוּ', עֶר פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) עֶר זָאל נֶעמֶען אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן צוּ זָאגְן פוּן אָנְפַאנְג בְּרָכוֹת אוּן אַזוֹי זָאל עֶר זָאגְן אֵיין מַסֶכְתָּא נָאכְן אַנֶדערְן, בִּיז עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין מְסַיֵים צוּ זַיין שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה זָאל עֶר אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל צוּ זָאגְן, אויף אַזַא אוֹפֶן וֶועט עֶר קֶענֶען דוּרְכְזָאגְן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, בִּיז עֶס וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען זַיין קָאפּ אוּן דֶער מֹחַ אוּן עֶר וֶועט אָנְהֵייבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין, עֶס אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶה, אוּן אַזוֹי אוֹיבֶעט זָאל עֶר נֶעמֶען דִי גְמָרָא בְּרָכוֹת אוּן אָנְהֵייבְּן צוּ זָאגְן אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט, בִּיז עֶר וֶועט עֶנְדִיגְן דִי מַסֶכְתָּא, זָאל עֶר נֶעמֶען מַסֶכֶת שַׁבָּת אוּן דוּרְכְזָאגְן אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט בִּיז עֶר וֶועט עֶנְדִיגְן דִי מַסֶכְתָּא, אַזוֹי זָאל עֶר נֶעמֶען אֵיין מַסֶכְתָּא נָאכְן אַנֶדערְן, בִּיז עֶר וֶועט דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ שַׁ"ס זָאל עֶר אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל צוּ זָאגְן אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט, בִּיז עֶר וֶועט קֶענֶען עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס, כָאטְשׁ עֶס זֶעהְט אוֹיס וִוי

אַ גֶעלֶעכְטֶער וְכוּ', אָבֶער דִי חֲזַ"ל זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה יט.) לְעוֹלָם לִיגְרִים אִינִישׁ וְאַף עַל גַב דְמְשַׁכַּח וְאַף עַל גַב דְלָא יָדַע מַאי קָאָמַר; אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "רַחֲמֵי הָאָב" (אוֹת לִימוּד) דָאס הַארְץ זָאגְט מִיר אַ עֵצָה דָאס וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ גוּטְן פַארְשְׁטַאנְד אִין לֶערְנֶען, אָדֶער עֶר אִיז טָרוּד אִין פַּרְנָסָה אוּן עֶר קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען בְּעִיוּן, זָאל עֶר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא אוּן אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת, פָּשׁוּט זָאגְן אַזוֹי וִוי עֶר זָאגְט זוֹהַר אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, וָוארוּם דֶער לָשׁוֹן אַלֵיין אִיז מְסוּגָל פַאר דִי נְשָׁמָה, אוּן אִיךְ בִּין זִיכֶער אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ אַזוֹי פִירְן וֶועט אִים בְּלַייבְּן דִי תוֹרָה אִין זַיין הַארְץ, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אַ שׁוּסְטֶער וָואס עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט לֶערְנֶען, נָאר עֶר הָאט דוּרְכְגֶעזָאגְט יֶעדֶעס יָאר גַאנְץ שַׁ"ס פָּשׁוּט זָאגְן, אוּן דֶער פָּנִים הָאט אִים גֶעלָאכְטְן וִוי אַ פְלַאם פַייעֶר אַזוֹי וִוי דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

**אוֹיךְ** דַארְף אַ בָּחוּר וִויסְן אַז מֶען דַארְף טוּהְן אַסאךְ חֶסֶד מִיט אִידְן, עֶס אִיז דָא אַ צַייט וָואס עֶר קֶען נִישְׁט קוֹנְסֶעטְרִירְן זִיךְ זָאל עֶר טוּהְן חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע, אָבֶער נִישְׁט אַרוּמְדְרֵייעֶן פִּיסְט אוּן לֵיידִיג, וָואס דָאס אִיז דִי אַרְגְסְטֶע זַאךְ.

**אַוַודַאי** אוּן אַוַודַאי טָאר אַ בָּחוּר נִישְׁט הָאבְּן בַּיי זִיךְ קַיין שׁוּם כְּלֵי מַשְׁחִית וָואס דָאס הֵייסְט סֶעלְפָאן וָואס אִיז מְחוּבָּר צוּ אִינְטֶערְנֶעט אָדֶער יוּא טָאבּ וְכוּ' אָדֶער אַלֶע סָארְטְן שְׁמוּץ, וַוייל רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט

גֶעוואָרְן (מִשְׁלֵי ב׳ י״ט) ״כָּל בָּאֶיהָ לֹא יְשׁוּבוּן וְלֹא יַשִּׂיגוּ אָרְחוֹת חַיִּים״ אַז מֶען פַאלְט אִין דֶעם אַרַיין אִיז זַייעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן, אִיבֶּערְדֶעם אִיז אַ אִיסוּר גָמוּר צוּ הָאבְּן סַיי וָואס פַאר אַ סָארְט סֶעלְפָאן, וָוארוּם הַיינְט אִיז עֶס אֲבִי אֲבוֹת הַטוּמְאָה.

**אוֹיבּ** דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן מִיט דֶעם וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תפב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה׳ לְסֵדֶר בְּהַר בְּחוּקוֹתַי כ״ה אִיָּר ה׳תשע״ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָרַב הַיָּקָר ... שְׁלִיטָ״א

דִי בָּחוּרִים הָאבְּן מִיר דֶערְצֵיילְט אַז זֵיי הָאבְּן אַלֶע סֶעלְפָאנְ׳ס וְכוּ׳, עֶס הָאט מִיר אַרוּמְגֶענוּמֶען אַ שׁוֹידֶער, וָוארוּם דָאס אִיז אַ כְּלֵי מַשְׁחִית, אֲפִילוּ פַאר דֶערְוַואקְסֶענֶע, מִכָּל שֶׁכֵּן פַאר אַ בָּחוּר, וָוארוּם הַיינְט אִיז אַלֶעס הֶפְקֵר, מֶען קֶען אַלֶעס מְחַבֵּר זַיין צוּ דִי טוּמְאָה אוּן מֶען קֶען אַרַיינְפַאלְן צוּ דִי נוּקְבָא דִתְהוֹמָא רַבָּא אוּן נָאכְדֶעם קֶען מֶען קֵיינְמָאל פוּן דֶעם נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין, אוּן אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן (מִשְׁלֵי ב׳ י״ט) ״כָּל בָּאֶיהָ לֹא יְשׁוּבוּן וְלֹא יַשִּׂיגוּ אָרְחוֹת חַיִּים״ אַז מֶען פַאלְט אִין דֶעם אַרַיין אִיז זַייעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן, אִיבֶּערְדֶעם אִיז אַ אִיסוּר גָמוּר צוּ הָאבְּן סַיי וָואס פַאר אַ

סָארְט סֶעלְפָאן, וָוארוּם הַיינְט אִיז עֶס אֲבִי אֲבוֹת הַטוּמְאָה, מֶען קֶען דָאס מְחַבֵּר זַיין צוּ אַלֶע שְׁמוּץ, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מ"ה) אֵין יֵצֶר הָרַע שׁוֹלֵט אֶלָא בַּמֶה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת; עֶס אִיז בַּאוואוּסְט וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא נ"ז:) אוֹיפְן פָּסוּק (יְשַׁעְיָה ל"ג ט"ו) "וְעֹצֵם עֵינָיו מֵרְאוֹת בְּרָע" אָמַר רַבִּי חִיָיא בַּר אַבָּא זֶה שֶׁאֵין מִסְתַּכֵּל בְּנָשִׁים בְּשָׁעָה שֶׁעוֹמְדוֹת עַל הַכְּבִיסָה הֵיכִי דָמִי אִי דְאִיכָּא דַרְכָּא אַחְרִיתָא רָשָׁע הוּא וְכוּ', וַוייל עֶס וֶוערְט אוֹיפְגֶעדֶעקְט אַבִּיסְל דִי קְלֵייד, וְכוּ', וְכוּ', מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען מֶען קוּקְט שְׁמוּץ רַחֲמָנָא לִישַׁזְבָן אִיז מֶען אַ רָשָׁע מְרוּשָׁע, אוּן דוּרְכְדֶעם קוּמְט מֶען צוּ אַלֶע עֲבֵירוֹת, דָאס הַארְץ וֶוערְט פַארְטַאמְט אִיז ווי קֶען מֶען צוּלָאזְן אַז אַ בָּחוּר זָאל זִיךְ אַרוּמְטְרָאגְן מִיט אַ סֶעלְפָאן וָואס עֶר קֶען זֶעהְן מִיט דֶעם אַלֶע שְׁמוּץ אִין דֶער וֶועלְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן אוּן דוּרְכְדֶעם קוּמְט עֶר נָאכְדֶעם צוּ אַלֶע עֲבֵירוֹת, אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בַּמִדְבָּר רַבָּה פָּרָשָׁה י' סִימָן ב') מָה רָאָה הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לִשְׁאוֹל מִיִשְׂרָאֵל הַלֵב וְהָעֵינַיִם שֶׁיִהְיוּ אַחֲרָיו לְפִי שֶׁהָעֲבֵירָה תְּלוּיָה בָּהֶם הָדָא הוּא דִכְתִיב (בַּמִדְבָּר ט"ו) "וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם" וְגוֹ', עֵינָא וְלִיבָּא תְּרֵי סַרְסוּרֵי דְחַטָאָה אִינוּן, כִּי שׁוּחָה עֲמוּקָה זוֹנָה, כְּשֵׁם שֶׁאָמַר מֹשֶׁה "אֲשֶׁר אַתֶּם זֹנִים אַחֲרֵיהֶם" לוֹמַר שֶׁהַזְנוּת תְּלוּיָה בָּהֶם הָעֵינַיִם רוֹאוֹת אֶת הַזוֹנָה וְהַלֵב מְהַרְהֵר אַחֲרֶיהָ וְכוּ' וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** אִיז אַ אִיסוּר חָמוּר פַאר אַ בָּחוּר זִיךְ אַרוּמְצוּדְרֵייעֶן מִיט אַ סֶעלְפָאן וָואס דָאס בְּרֶענְגְט נָאכְדֶעם צוּ דִי אַרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת, עֶס אִיז קַיין שׁוּם

תֵּירוּץ אַז עֶר דַארְף עֶס הָאבְּן וְכוּ', דֶער תֵּירוּץ אִיז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם דַארְף אִים הָאבְּן, אוּן עֶר ווִיל אִים אַרַייְנְכַאפְּן אִין זַיין נֶעץ, בְּרֶענְגְט עֶר אִים אַלֶע הֶיתֵּרִים וְכוּ', אָבֶּער דֶער אֱמֶתְ'ן אַרַיין אִיז דָאס נָאר אַ פֶּתַח אוּן אַ טִיר אַרַייְנְצוּפַאלְן גְלַייךְ אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמְתַחְתָּיו, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אַסֶרְ'ן אַז קַיין שׁוּם בָּחוּר טָאר נִישְׁט הָאבְּן מִיט זִיךְ אַ סֶעלְפָאן.

אוּן אֲפִילוּ אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן אַ סֶעלְפָאן מוּז דָאס זַיין מִיט אַ פִילְטֶער וָואס מֶען קֶען נִישְׁט מְחַבֵּר זַיין צוּ קַיין שׁוּם שְׁמוּץ וְכוּ' וְכוּ', אוּן ווִיסְן זָאל דֶער אִינְגֶערְמַאן ווִיסְן, אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זֶעהְט אַלֶעס, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט פוּן אִים גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטֶעקְן, אַזוֹי ווִי דֶער נָבִיא זָאגְט (יִרְמְיָה כ"ג כ"ד) "אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ נְאֻם הַוַיָ"ה הֲלוֹא אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ אֲנִי מָלֵא נְאֻם הַוַיָ"ה", דִי חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת כ"ח:) אַז דִי תַּלְמִידִים פוּן רַבָּן יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי זֶענֶען אַרַייְנְגֶעקוּמֶען צוּ אִים אֵיידֶער עֶר אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן, אָמְרוּ לוֹ רַבֵּינוּ בָּרְכֵנוּ, אָמַר לָהֶם יְהִי רָצוֹן שֶׁתְּהֵא מוֹרָא שָׁמַיִם עֲלֵיכֶם כְּמוֹרָא בָּשָׂר וָדָם, אָמְרוּ לוֹ תַּלְמִידָיו עַד כַּאן, אָמַר לָהֶם וּלְוַאי, תֵּדְעוּ כְּשֶׁאָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אוֹמֵר שֶׁלֹּא יִרְאֵנִי אָדָם; זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז פוּן אַ מֶענְטְשׁ שֶׁעמְט מֶען זִיךְ עֶר זָאל דִיךְ נִישְׁט כַאפְּן קוּקְן שְׁמוּץ, אוּן מֶען פַארְגֶעסְט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זֶעהט אַלְסְדִינְג, אִיבֶּערְדֶעם אִיז אַ אִיסוּר חָמוּר צוּ הַאלְטְן אַ סֶעלְפָאן וָואס קֶען זַיין מְחוּבָּר צוּ אַלֶע

כְּלֵי שׁוֹפְכִין וְכוּ', אַלֶע טוּמְאוֹת פוּן דִי וֶועלְט, דָאס אִיז דֶער לֶעצְטֶער נִסָיוֹן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רמ"ב) אַז עֶס אִיז דָא אֲרִיךְ אַנְפִּין דִקְדוּשָׁה, וֶוען עֶס וֶועט זַיין דִי גְאוּלָה וֶועט מֶען נָאר זֶעהְן גִילוּי אֱלֹקוּת גֶעטְלִיכְקֵייט, אָבֶּער לֵיידֶער אִין גָלוּת אִיז דָא אֲרִיךְ אַנְפִּין דִקְלִיפָּה, וִוי מֶען קוּקְט זֶעהְט מֶען שְׁמוּץ, אוּן לֵיידֶער לֵיידֶער אִיז דָאס אִין אוּנְזֶער דוֹר מְקוּיָם גֶעוָוארְן, דָאס אֵיידֶער סְ'וֶועט נִתְגַלֶה וֶוערְן דָאס גְרוֹיסֶע לֶעבְּט דוּרְךְ מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ, אִיז דָא גָאר אַ גְרוֹיסֶער פִינְסְטֶער וָואס מֶען קֶען זֶעהְן אַלֶע שְׁמוּץ אוּן עֶקְלְהַאפְטִיגֶע גֶעמֵיינֶע זַאכְן וְכוּ' וְכוּ', וָואס פַארְבְּלֶענְדְט דִי אוֹיגְן אוּן פַארְלִירְט דִי יִרְאַת שָׁמַיִם וְכוּ', אוּן פַארְטַאמְט דָאס הַארְץ אוּן דֶער מֹחַ, אוּן מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ג') אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אֶלָא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת; אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ז') אַז וֶועלְדִיג יֶעדֶער אֵיינֶער כְּפִי זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אַזוֹי פִיל רוּחַ שְׁטוּת אִיז דָא אִין דֶעם.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעהְט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט אָנְזָאגְן דִי בָּחוּרִים אַז קֵיינֶער טָאר נִישְׁט הָאבְּן קַיין סֶעלְפָאן, עֶס אִיז אַ אִיסוּר חָמוּר, אוּן עֶס אִיז אַ כְּלֵי מַשְׁחִית וָואס דָאס קֶען אָפְּהַארְגֶעגֶען דִי נְשָׁמָה זֵייעֶר גְרִינְג.

**אִיךְ** הָאבּ נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם כַּוָונָה, נָאר אִיךְ וֵויים פוּן אָן אַ שִׁיעוּר בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען אַרָאפּ פוּן אִידִישְׁן וֶועג נָאר וֶועגְן דֶעם כְּלֵי מַשְׁחִית, אַזוֹי וִוי מֶען

טָאר נִישְׁט לָאזְן אַ קִינְד הָאבְּן אַ בִּיקְס אָדֶער אַ רֶעוָואלְוֶוער, עֶר קֶען זִיךְ מַזִּיק זַיין, אוּן עֶר קֶען יֶענֶעם מַזִּיק זַיין, אַזוֹי טָאר קַיין שׁוּם בָּחוּר אָדֶער אִינְגֶערְמַאן הָאבְּן דֶעם כְּלֵי מַשְׁחִית וָואס מֶען קֶען מְחַבֵּר זַיין צוּ דִי אַרְגְסְטֶע שְׁמוּץ.

**אִיךְ** הָאף אִיר וֶועט מִיר פָאלְגְן, וֶועט אִיר קֶענֶען אָפְּרַאטֶעוֶוען אַן אַ שִׁיעוּר נְשָׁמוֹת פוּן אַרָאפְּגֵיין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# תפג

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר בַּמִּדְבָּר כ"ח אִיָּר ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**הַיינְט** אִיז דֶער יָארְצַייט פוּן שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא, דִי חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת לא:) דֶערְצֵיילְן דָאס שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא אִיז גֶעבָּארְן גֶעוָוארְן נָאר דוּרְךְ דִי תְּפִלָּה פוּן זַיין מַאמֶע חַנָּה, אוּן אַלֶע הֲלָכוֹת'ער פוּן תְּפִלָּה לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס פוּן אִיר, אוֹיךְ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת פֶּרֶק ד' הֲלָכָה א') אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוּאֵל א' א' י"ב) "וְהָיָה כִּי הִרְבְּתָה לְהִתְפַּלֵּל לִפְנֵי ה'" מִכַּאן שֶׁכָּל הַמַּרְבֶּה בִּתְפִלָּה נַעֲנֶה; זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז תְּפִלָּה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער נִיצְט זֵייעֶר שְׁטַארְק.

**אִיבֶּערְדֶעם** הַיינְט בַּיינַאכְט הֵייבְּט זִיךְ אָן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, אוּן עֶס אִיז בַּאקַאנְט דִי תְּפִלָּה וָואס דֶער שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען מֶען זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין עֶרֶב

ראֹש חוֹדֶש סִיוָן בֶּעטְן אוֹיף דִי הַצְלָחָה פוּן דִי קִינְדֶער, עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען קֵיינְמָאל אַזַא צַייט וָואס מֶען דַארְף אַזוֹיפִיל רַחֲמִים אוֹיף הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער אוּן דִי קִינְדֶער זָאלְן חָלִילָה וְחַס נִישְׁט קַאלְיֶע וֶוערְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, ווִי אוּן אוּנְזֶער דוֹר וָואס אִיז דָא אַזוֹיפִיל כְּלֵי מַשְׁחִית וָואס זֵיי פִירְן אַרָאפּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין אָפְּגְרוּנְד פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער.

**דֶער** הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זי"ע הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין גְרוֹיסְן תַּלְמִיד מַהֲרַ"ם אֵ"ש זי"ע וֶוען עֶר הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט וִויאַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא גְרוֹיסְן זוּהְן ווִי דֶער כְּתַב סוֹפֵר זי"ע, הָאט אִים זַיין רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט וַויינְדִיג אוֹיף זַיין קָאלְפִּיק, זֶעהְסְט דֶעם הִיט, אִיךְ הָאבּ עֶס אָנְגֶעפִילְט מִיט פִילֶע טְרֶערְן יֶעדְן טָאג, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא זוּהְן, זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם וִויפִיל טַייכְן טְרֶערְן מֶען דַארְף פַארְגִיסְן אוֹיף הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט חַבְר'ן מִיט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים וָואס זֵיי טְרָאגְן זִיךְ אַרוּם מִיט סֶעלְפָאנְ'ס וָואס מֶען קֶען מְחַבֵּר זַיין צוּ אַלֶע שְׁמוּץ וְכוּ', וְכוּ', אוּן נִישְׁט מִיט אַזֶעלְכֶע חֲבֵרִים וָואס זֵיי רֵייכֶערְן צִיגֶערֶעטְלֶעךְ, וָוארוּם סְ'אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל נִישְׁט רֵייכֶערְן, עֶס אִיז קַיין שׁוּם הֶיתֵּר נִישְׁט פַאר קֵיינֶעם צוּ רֵייכֶערְן, בַּיי אוּנְז בְּרֶסְלְבֶ'ר חֲסִידִים וֵוייסְט מֶען אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט עֶפֶּעס דַארְף מֶען פָאלְגְן בִּיז מְסִירוּת נֶפֶש, אַז

## נִישְׁט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַ"ל אַז מֶען פָאלְגְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּי'ן וָואס דַארְף מֶען פָארְן צוּ אִים?

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, אוּן דֶער עִיקָר זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט חַבֶר'ן מִיט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים קַאלְיֶעדִיגֶע פַארְדָארְבֶּענֶע בָּחוּרִים, אוּן אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן וואוּ מֶען לֵייגְט אַרַיין דִי קִינְדֶער, אוּן וָואסֶערֶע חֵדֶר, אוּן אִין וָואסֶערֶע מֵיידְל שׁוּלֶע, דֶער עִיקָר וָואס מֶען דַארְף אַרַיינְלֵייגְן אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן ס'אִיז נִישְׁט גֶענוּג וָואס מֶען רֶעדְט אֱמוּנָה וְכוּ', נָאר מֶען דַארְף אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זֶעהְט אַלְסְדִינְג, אוּן אִים קֶען מֶען נִישְׁט פָּאפֶּען וְכוּ', מֶען דַארְף הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם, מוֹרָא הָאבְּן פַאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וִוי דֶער תַּנָא רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ג') כָּל שֶׁיִרְאַת חֶטְאוֹ קוֹדֶמֶת לְחָכְמָתוֹ, חָכְמָתוֹ מִתְקַיֶימֶת. וְכָל שֶׁחָכְמָתוֹ קוֹדֶמֶת לְיִרְאַת חֶטְאוֹ, אֵין חָכְמָתוֹ מִתְקַיֶימֶת. הוּא הָיָה אוֹמֵר, כָּל שֶׁמַּעֲשָׂיו מְרוּבִּין מֵחָכְמָתוֹ, חָכְמָתוֹ מִתְקַיֶימֶת. וְכָל שֶׁחָכְמָתוֹ מְרוּבָּה מִמַּעֲשָׂיו, אֵין חָכְמָתוֹ מִתְקַיֶימֶת; עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג וָואס מֶען רֶעדְט נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער, מֶען דַארְף זֶעהְן מְקַיֵים זַיין וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הֵייסְט, מֶען דַארְף זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן פוּן מַעֲשֵׂי הַגּוֹיִים, הֵן מִיט דִי קְלֵיידוּנְג נִישְׁט גֵיין קַיין שִׁיךְ וִוי גוֹיִים וְכוּ', אָדֶער אַנְדֶערֶע קְלֵיידֶער וִוי גוֹיִים וְכוּ', מֶען דַארְף זֶעהְן מֶען זָאל

נִישְׁט נָאכְמַאכְן גוֹיִים מִיט זֵייעֶרע זִינְגֶען אוּן טֶענְץ וְכוּ׳, בִּכְלַל דַארְף אַ אִיד זַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט אִינְגַאנְצְן פוּן מַעֲשֵׂי הַגוֹיִים, אַלֶעס דַארְף זַיין מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, נִישְׁט מִיט ווִילְדְקֵייט וָואס דָאס אִיז דֶער וֶועג פוּן גוֹיִים, דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט זָאלְסְט אַרֵיינְלֵייגְן אִין אַלֶע אִינְגֶעלַייט וָואס זֵיי הָאבְּן אַ שַׁייְכוּת צוּ דִיר, אִיךְ הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דוּ וֶועסְט מִיךְ פָּאלְגְן, וֶועט מֶען קֶענֶען אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ שֵׁיינֶעם דוֹר וָואס מֶען וֶועט זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שֶׁעמֶען מִיט זֵיי אַקֶעגְן גֵיין מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ.

**דָא** שִׁיק אִיךְ דִיר דִי תְּפִלָּה פוּן דֶעם הֵיילִיגְן שְׁלָ״ה, אוּן צוּשִׁיק דָאס פַאר דַיינֶע חֲבֵרִים.

**תְּפִלָּה לְכָל עֵת, וּבִפְרַט לְעֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, לְהִתְפַּלֵּל עַל עַצְמוֹ וְעַל צֶאֱצָאָיו לֵילֵךְ בְּדַרְכֵי יְשָׁרִים מִסֵּפֶר שְׁלָ״ה הַקָּדוֹשׁ:**

**אַתָּה** הוּא יְיָ אֱלֹהֵינוּ עַד שֶׁלֹּא בָרָאתָ הָעוֹלָם, וְאַתָּה הוּא אֱלֹהֵינוּ מִשֶּׁבָּרָאתָ הָעוֹלָם, וּמֵעוֹלָם וְעַד עוֹלָם אַתָּה אֵל, וּבָרָאתָ עוֹלָמְךָ בִּגִין לְהִשְׁתְּמוֹדָעָא אֱלָקוּתָךְ בְּאֶמְצָעוּת תּוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, ״בְּרֵאשִׁית״, בִּשְׁבִיל תּוֹרָה וּבִשְׁבִיל יִשְׂרָאֵל, כִּי הֵם עַמְּךָ וְנַחֲלָתְךָ אֲשֶׁר בָּחַרְתָּ בָּהֶם מִכָּל הָאֻמּוֹת, וְנָתַתָּ לָהֶם תּוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה, וְקֵרַבְתָּם לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל:

וְעַל קִיּוּם הָעוֹלָם וְעַל קִיּוּם הַתּוֹרָה בָּא לָנוּ מִמְּךָ יְיָ אֱלֹהֵינוּ שְׁנֵי צִוּוּיִים, כָּתַבְתָּ בְּתוֹרָתְךָ ״פְּרוּ וּרְבוּ״, וְכָתַבְתָּ בְּתוֹרָתְךָ ״וְלִמַּדְתֶּם אֹתָם אֶת בְּנֵיכֶם״, וְהַכַּוָּנָה בִּשְׁתֵּיהֶן אֶחָת, כִּי לֹא

לְתֹהוּ בְרָאתָ כִּי אִם לָשֶׁבֶת, וְלִכְבוֹדְךָ בְּרָאתָ יְצַרְתָּ אַף עָשִׂיתָ, כְּדֵי שֶׁנִּהְיֶה אֲנַחְנוּ וְצֶאֱצָאֵינוּ וְצֶאֱצָאֵי כָּל עַמְּךָ בֵּית יִשְׂרָאֵל יוֹדְעֵי שְׁמֶךָ וְלוֹמְדֵי תוֹרָתֶךָ:

**וּבְכֵן** אָבוֹא אֵלֶיךָ יְיָ מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים, וְאַפִּיל תְּחִנָּתִי, וְעֵינַי לְךָ תְּלוּיוֹת עַד שֶׁתְּחָנֵּנִי וְתִשְׁמַע תְּפִלָּתִי לְהַזְמִין לִי בָּנִים וּבָנוֹת, וְגַם הֵם יִפְרוּ וְיִרְבּוּ הֵם וּבְנֵיהֶם וּבְנֵי בְנֵיהֶם עַד סוֹף כָּל הַדּוֹרוֹת לְתַכְלִית שֶׁהֵם וַאֲנִי כֻּלָּנוּ יַעַסְקוּ בְּתוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה לִלְמֹד וּלְלַמֵּד לִשְׁמֹר וְלַעֲשׂוֹת וּלְקַיֵּם אֶת כָּל דִּבְרֵי תַלְמוּד תּוֹרָתְךָ בְּאַהֲבָה, וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתֶךָ וְדַבֵּק לִבֵּנוּ בְּמִצְוֹתֶיךָ לְאַהֲבָה וּלְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ:

**אָבִינוּ** אָב הָרַחֲמָן, תֵּן לְכֻלָּנוּ חַיִּים אֲרֻכִּים וּבְרוּכִים, מִי כָמוֹךָ אָב הָרַחֲמִים זוֹכֵר יְצוּרָיו לְחַיִּים בְּרַחֲמִים, זָכְרֵנוּ לְחַיִּים נִצְחִיִּים כְּמוֹ שֶׁהִתְפַּלֵּל אַבְרָהָם אָבִינוּ "לוּ [יִשְׁמָעֵאל] יִחְיֶה לְפָנֶיךָ", וּפֵרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, "בְּיִרְאָתֶךָ":

**כִּי** עַל כֵּן, בָּאתִי לְבַקֵּשׁ וּלְחַנֵּן מִלְּפָנֶיךָ שֶׁיְּהֵא זַרְעִי וְזֶרַע זַרְעִי עַד עוֹלָם זֶרַע כָּשֵׁר, וְאַל יִמָּצֵא בִי וּבְזַרְעִי וּבְזֶרַע זַרְעִי עַד עוֹלָם שׁוּם פְּסוּל וָשֶׁמֶץ, אַךְ שָׁלוֹם וֶאֱמֶת וְטוֹב וְיָשָׁר בְּעֵינֵי אֱלֹהִים וּבְעֵינֵי אָדָם, וְיִהְיוּ בַּעֲלֵי תוֹרָה, מָארֵי מִקְרָא, מָארֵי מִשְׁנָה, מָארֵי תַלְמוּד, מָארֵי רָזָא, מָארֵי מִצְוָה, מָארֵי גוֹמְלֵי חֲסָדִים, מָארֵי מִדּוֹת תְּרוּמִיּוֹת, וְיַעַבְדוּךָ בְּאַהֲבָה וּבְיִרְאָה פְּנִימִית, לֹא יִרְאָה חִצוֹנִית, וְתֵן לְכָל גְּוִיָּה וּגְוִיָּה מֵהֶם דֵּי מַחְסוֹרָהּ בְּכָבוֹד, וְתֵן לָהֶם בְּרִיאוּת וְכָבוֹד וָכֹחַ, וְתֵן לָהֶם קוֹמָה וְיֹפִי וְחֵן וָחֶסֶד, וְיִהְיֶה אַהֲבָה וְאַחְוָה וְשָׁלוֹם בֵּינֵיהֶם,

וְתַזְמִין לָהֶם זִוּוּגִים הֲגוּנִים מִזֶּרַע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים מִזֶּרַע צַדִּיקִים, וְגַם זִוּוּגָם יִהְיוּ כְּמוֹתָם כְּכָל אֲשֶׁר הִתְפַּלַּלְתִּי עֲלֵיהֶם, כִּי זִכָּרוֹן אֶחָד עוֹלֶה לְכָאן וּלְכָאן:

אַתָּה יְיָ יוֹדֵעַ כָּל תַּעֲלוּמוֹת, וּלְפָנֶיךָ נִגְלוּ מַצְפּוּנֵי לִבִּי, כִּי כַוָּנָתִי בְּכָל אֵלֶּה לְמַעַן שִׁמְךָ הַגָּדוֹל וְהַקָּדוֹשׁ וּלְמַעַן תּוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה, עַל כֵּן עֲנֵנִי יְיָ עֲנֵנִי בַּעֲבוּר הָאָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב, וּבִגְלָלָם תּוֹשִׁיעַ בָּנִים לִהְיוֹת הָעֲנָפִים דּוֹמִים לְשָׁרְשָׁם, וּבַעֲבוּר דָּוִד עַבְדְּךָ רֶגֶל רְבִיעִי בַּמֶּרְכָּבָה, הַמְשׁוֹרֵר בְּרוּחַ קָדְשֶׁךָ:

שִׁיר הַמַּעֲלוֹת אַשְׁרֵי כָּל יְרֵא יְיָ הַהֹלֵךְ בִּדְרָכָיו: יְגִיעַ כַּפֶּיךָ כִּי תֹאכֵל אַשְׁרֶיךָ וְטוֹב לָךְ: אֶשְׁתְּךָ כְּגֶפֶן פֹּרִיָּה בְּיַרְכְּתֵי בֵיתֶךָ בָּנֶיךָ כִּשְׁתִלֵי זֵיתִים סָבִיב לְשֻׁלְחָנֶךָ: הִנֵּה כִי כֵן יְבֹרַךְ גָּבֶר יְרֵא יְיָ: יְבָרֶכְךָ יְיָ מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָםִ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ: וּרְאֵה בָנִים לְבָנֶיךָ שָׁלוֹם עַל יִשְׂרָאֵל: אָנָּא יְיָ שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה יְקֻיַּם בָּנוּ הַפָּסוּק וַאֲנִי זֹאת בְּרִיתִי אוֹתָם אָמַר יְיָ רוּחִי אֲשֶׁר עָלֶיךָ וּדְבָרַי אֲשֶׁר שַׂמְתִּי בְּפִיךָ לֹא יָמוּשׁוּ מִפִּיךָ וּמִפִּי זַרְעֲךָ וּמִפִּי זֶרַע זַרְעֲךָ אָמַר יְיָ מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם: יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ יְיָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי:

הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם

# תפד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר בַּמִּדְבָּר ג' סִיוָן ה'תשע"ב

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**דַאנְקֶען** דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס עֶר הָאט דִיךְ אַהֵיימְגֶעבְּרֶענְגְט שׁוֹין פוּן שְׁפִּיטָאל, דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה שְׁלֵימָה, אוּן זָאלְסְט זִיךְ זֶעהְן צוּ שְׁטַארְקְן מִיט שִׂמְחָה, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) דָאס אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן חֲלָאִים רָעִים קוּמֶען פַּאר'ן מֶענְטְשׁ נָאר מֵחֲמַת עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן אַזוֹי זָאגְן אוֹיךְ דִי גְרוֹיסֶע דָאקְטוֹרִים, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ צַאמְנֶעמֶען מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת בַּאטְשֶׁע מֶען אִיז זֵייעֶר שְׁוַואךְ, אוּן שְׁטַארְקְן זִיךְ מִיט מִדַּת הַשִּׂמְחָה, אוּן דַאנְקֶען גָאט בָּרוּךְ הוּא דוּ הָאסְט מִיט וָואס צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ, וָוארוּם דוּ הָאסְט מְקָרֵב גֶעוֶועןְ אַזוֹיפִיל בָּחוּרִים צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיבֶּעט אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר פְלַייסִיג דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, וָואס דָאס אִיז אַ זְכוּת הָרַבִּים וָואס עֶס הָאט נִישְׁט אִיר גְלֵייכֶנְ'ס, עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (תְּרוּמָה קכ"ח:) תָּא חֲזִי כָּל מַאן דְאָחִיד בִּיְדָא דְחַיָּיבָא, [קוּם אוּן זֶעה, יֶעדֶער וָואס עֶר הַאלְט אָן אִין דִי הֶענְט פוּן זִינְדִיגֶע] וְאִשְׁתַּדֵל בֵּיה לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא, [אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִשְׁתַּדֵל זֵיי זָאלְן אָפְּלָאזְן דִי שְׁלֶעכְטֶע וֶועגְן וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דֶעם] אִיהוּ אִסְתַּלַּק בִּתְלַת סִלּוּקִין מַה דְלָא אִסְתַּלַּק הָכִי בַּר נַשׁ אַחֲרָא, [עֶר גֵייט

אַרוּיף הוֹיךְ אִין דִי עוֹלָמוֹת וָואס אַן אַנְדֶערֶע אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ דֶעם] גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא [עֶר אִיז גוֹרֵם מַכְנִיעַ צוּ זַיין דִי סִטְרָא אַחְרָא] וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ [אוּן עֶר אִיז גוֹרֵם דָאס כַּבְיָכוֹל דֶער נָאמֶען פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל זַיין טֵייעֶר אוֹיף דֶער וֶועלְט] וְגָרִים לְקַיְימָא כָּל עַלְמָא בְּקִיוּמֵיהּ לְעֵילָא וְתַתָּא [אוּן עֶר אִיז גוֹרֵם אַז דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט זָאל הָאבְּן אַ קִיוּם, וָוארוּם אַז מֶען אִיז מְקָרֵב מֶענְטְשְׁן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן זֵיי אַיינֶערְקֶענֶען אִים, דָאס אִיז דֶער עִיקָר קִיוּם פוּן דֶער וֶועלְט], וְעַל הַאי בַּר נַשׁ כְּתִיב (מַלְאָכִי ב) "בְּרִיתִי הָיְתָה אִתּוֹ הַחַיִּים וְהַשָּׁלוֹם" וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי, וְזָכֵי בְּהַאי עַלְמָא וְזָכֵי לְעַלְמָא דְאָתֵי, [אוּן אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק אַז מַיין בּוּנְד וֶועט זַיין מִיט אִים אוּן עֶס וֶועט רוּעֶן אוֹיף אִים דָאס לֶעבְּן אוּן דֶער שָׁלוֹם, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהְן קִינְדֶער פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין גְלִיקְלִיךְ צוּ זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט] כָּל מָארֵי דִינִין לָא יָכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ בְּהַאי עַלְמָא וּבְעַלְמָא דְאָתֵי [קַיין שׁוּם מְקַטְרֵג קֶען נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט] עָאל בִּתְרֵיסָר תַּרְעֵי וְלֵית מַאן דִּימְחֵי בְּיָדֵיהּ [אוּן עֶר גֵייט אַרַיין אִין דִי צְוֶועלְף טוֹיעֶרְן פוּן אַלֶע צְוֶועלֶעף שְׁבָטִים, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁטֶערְן] וְעַל דָא כְּתִיב [אוּן אוֹיף אִים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק] (תְּהִלִּים קי"ב) "גִּבּוֹר בָּאָרֶץ יִהְיֶה זַרְעוֹ דוֹר יְשָׁרִים יְבוֹרָךְ הוֹן וָעוֹשֶׁר בְּבֵיתוֹ וְצִדְקָתוֹ

עוֹמֶדֶת לָעַד זָרַח בַּחֹשֶׁךְ אוֹר לַיְשָׁרִים" וְגוֹ'; אִיבֶּערְדֶעם בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ, אוּן לָאז נִישְׁט צוּ צוּ דִיר קַיין עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, וֶועסְטוּ זֶעהְן דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה.

קוּק מִיךְ גוּט אָן וֶועסְטוּ זֶעהְן תְּחִיַּית הַמֵּתִים מַמָּשׁ פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, וֶוען אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען מִיטְוָואךְ נַאכְט דָאס עֶרְשְׁטֶע הַארְץ אַטַאקֶע אִיז עֶס גֶעוֶוען אַזוֹי מֶערְכְטִיג אוּן שְׁטַארְק אַז עֶס אִיז אַ וואוּנְדֶער אִיבֶּער אַ וואוּנְדֶער אַז אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן וְכוּ' וְכוּ', נָאר אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט אַלֶע שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע יִסוּרִים עֶר זָאל אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת הָאבְּן, אוּן אַ דַאנְק דֶעם בִּין אִיךְ עֶס בֵּייגֶעקוּמֶען, דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהְן בַּאשֵׁיינְפֶּערְלִיךְ וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (תָּנָא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה פֶּרֶק ט"ו) לְפִי שֶׁכָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחוֹת וּתְפִילוֹת, הֵם הַמְלַוִּים אוֹתוֹ עַד שֶׁיַּגִּיעַ לְבֵית עוֹלָמוֹ; עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וָואס עֶס בַּאגְלֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ בִּיז צוּם לֶעצְטְן אָטֶעם וִוי דָאס רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, דִי דָאקְטוֹרִים בַּאוואוּנְדֶערְן וִוי אִיךְ הָאבּ דָאס אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט? אָבֶּער גֵיי זַיי זֵיי מַסְבִּיר וָואס דָאס הֵייסְט הִתְבּוֹדְדוּת רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וְכוּ', אוּן נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ מִיטְגֶעמַאכְט נָאךְ דְרֵיי הַארְץ אַטַאקֶעס, בִּיז זֵיי הָאבְּן מַחְלִיט גֶעוֶוען מִיר אַפֶּערִירְן אוֹיפְ'ן הַארְץ, דִי יִסוּרִים פוּן דֶעם אִיז נִישְׁט צוּ בַּאשְׁרַייבְּן, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן וַוייל אִיךְ לֶערְן שׁוֹין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים קָרוֹב צוּ זֶעכְצִיג יָאר, אוּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט

נָאר צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס אִיז וָואס עֶס דֶערְהַאלְט מִיךְ.

**אִיבֶּערְדֶעם** שְׁטַארְק זִיךְ דוּ אוֹיכֶעט, אוּן לֵייג אַרַיין אִין דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן הַאלְטְן אִין אֵיין חַזֶרְן מִשְׁנַיוֹת וָואס דָאס הִיט אָפּ יֶעדְן מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע קְרֶענְק אוּן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה בִּרְמַ"ח אֵיבָרֶיךָ וּשְׁסָ"ה גִידֶךָ וְכָל טִיפֵּי דָמֶיךָ ,אוּן דוּ זָאלְסְט קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה בְּשִׂמְחָה.

**הֵיי** יָאר פוּן רוֹב שְׁוַואכְקֵייט וֶועל אִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אוֹיפְזֵיין אַ גַאנְצֶע נַאכְט שָׁבוּעוֹת, אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט קֶענֶען דַאוֶוענֶען וָותִיקִין, וֶועל אִיךְ דַאוֶוענֶען שְׁפֶּעטֶער, אַרוּם אַ פֶערְטְל צוּ צֶעהְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת אוּן אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטְן פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב**

## תפה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר בַּמִדְבָּר ג' סִיוָן ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ יֶעצְט דֶערְהַאלְטְן דֶעם נֶעכְטִיגְן סֵפֶר "אַשְׁר בַּנַחַל" חֵלֶק ב' מִיט דִי מַפְתֵּחוֹת, עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַזוֹי שֵׁיין דָאס פָּשׁוּט אִיךְ בִּין דִיר מְקַנֵא אוֹיף דֶעם זְכוּת הָרַבִּים

וָואס דוּ הָאסְט, וויפִיל בָּחוּרִים אִין אִינְגֶעלַייט וְכוּ' וְכוּ', שְׁרַייבְּן מִיר וְכוּ' אוּן דֶערְצֵיילְן מִיר וְכוּ' אַז דָאס אִיז זֵייעֶר גַאנְץ חַיוּת, אוּן עֶס אִיז בַּאוואוּסְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, מְחַיֶה זַיין אַ אִיד אִיז נִישְׁט קַיין פָּשׁוּטֶע זַאךְ, אוּן בִּפְרַט אַז מֶען שַׁיינְט אִין אִים אַרַיין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס עֶר זָאל שְׁפִּירְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער אִים, אוּן דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר אִיז אַ לְבוּשׁ לְגַבֵּי אֵין סוֹף, וָואס דָאס אִיז תַּעֲנוּג'ער פוּן אַלֶע תַּעֲנוּגִים, אוּן זִיסֶער פוּן אַלֶע זִיסְקֵייטְן וְכוּ' וְכוּ', וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט דָאס דִי לֶעבְּטִיגְקֵייט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים נֶעמְט אִים אַרוּם, דָאס אִיז דֶער גַּן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"א) דָאס אוֹיף דִי וֶועלְט קֶענֶען זִיצְן צְווֵיי מֶענְטְשְׁן אֵיינֶער לֶעבְּן דֶעם אַנְדֶערְן, דֶער שְׁפִּירְט אַלֶע תַּעֲנוּגִים אוּן שַׁ"י עוֹלָמוֹת וְכוּ', אוּן דֶער צְווייטֶער שְׁפִּירְט גָארְנִישְׁט, עֶס אִיז אִים נֶעבֶּעךְ בִּיטֶער אוּן פִינְסְטֶער אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט אִין זַיין לֶעבְּן וְכוּ'. דֶער הָאט אַ לֶעבְּטִיגֶער קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים לַייכְט אִים דָאס לֶעבְּן, אוּן דֶער ווידֶערְאוּם אִיז אוֹיסְגֶעטוּהְן פוּן דִי אַלֶע הֵיילִיגְקֵייט אִין אִיז פִיל מִיט קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת וְכוּ' וְכוּ', אִיז אִים דֶער לֶעבְּן זֵייעֶר בִּיטֶער אוּן פִינְסְטֶער וְכוּ' וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס דוּ דְרִיקְסְט בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ הָאפְּֿעֶנוּנְג אוּן פְרֵיילִיכְקֵייט עֶר זָאל שְׁפִּירְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶס

בְּרֶענְגְט אִים אַרַיין קְלָארֶע אֱמוּנָה, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוּן מְחַזֵק זַיין וָואס דוּ בִּיסְט מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים, וָואס דֶער זְכוּת פוּן דֶעם קֶען מֶען נִישְׁט בַּאשְׁרַייבְּן, ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (תְּרוּמָה קכ"ח:) תָּא חֲזִי כָּל מַאן דְאָחִיד בְּיָדָא דְחַיָיבָא, [קוּם אוּן זֶעה, יֶעדֶער וָואס עֶר הַאלְט אָן אִין דִי הֶענְט פוּן זִינְדִיגֶע] וְאִשְׁתַּדֵל בֵּיה לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא, [אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִשְׁתַּדֵל זֵיי זָאלְן אָפְּלָאזְן דִי שְׁלֶעכְטֶע וֶועגְן וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דֶעם] אִיהוּ אִסְתַּלָק בִּתְלַת סְלוּקִין מַה דְלָא אִסְתַּלָק הָכִי בַּר נַשׁ אַחֲרָא, [עֶר גֵייט אַרוֹיף הוֹיךְ הוֹיךְ אִין דִי עוֹלָמוֹת וָואס אַן אַנְדֶערֶע אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ דֶעם] גָרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא [עֶר אִיז גוֹרֵם מַכְנִיעַ צוּ זַיין דִי סִטְרָא אַחֲרָא] וְגָרִים דְאִסְתַּלַק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיה, [אוּן עֶר אִיז גוֹרֵם דָאס כִּבְיָכוֹל דֶער נָאמֶען פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל זַיין טֵייעֶר אוֹיף דֶער וֶועלְט] וְגָרִים לְקַיְימָא כָּל עַלְמָא בְּקִיוּמֵיה לְעֵילָא וְתַתָּא, [אוּן עֶר אִיז גוֹרֵם אַז דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט זָאל הָאבְּן אַ קִיוּם, וָוארוּם אַז מֶען אִיז מְקָרֵב מֶענְטְשְׁן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן זֵיי אַיינְגֶעוֶרְקֶענֶען אִים, דָאס אִיז דֶער עִיקָר קִיוּם פוּן דֶער וֶועלְט וְעַל הַאי בַּר נַשׁ כְּתִיב (מַלְאָכִי ב') "בְּרִיתִי הָיְתָה אִתּוֹ הַחַיִים וְהַשָׁלוֹם" וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי, וְזָכֵי בְּהַאי עַלְמָא וְזָכֵי לְעַלְמָא דְאָתֵי' [אוּן אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק אַז מַיין בּוּנְד וֶועט זַיין מִיט אִים אוּן עֶס וֶועט רוּעֶן אוֹיף אִים דָאס לֶעבְּן אוּן דֶער שָׁלוֹם, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהְן קִינְדֶער פוּן זַיינֶע קִינְדֶער,

און עֶר װעט זוֹכֶה זַיין גְלִיקְלִיךְ צוּ זַיין אוֹיף דִי װעלְט און אוֹיף יֶענֶער װעלְט] כָּל מָארֵי דִינִין לָא יָכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ בְּהַאי עַלְמָא וּבְעַלְמָא דְאָתֵי, [קַיין שׁוּם מְקַטְרֵג קֶען נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין נִישְׁט אוֹיף דִי װעלְט און נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע װעלְט] עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּיָדֵיה, [און עֶר גֵייט אַרַיין אִין דִי צְוָועלְף טוֹיעֶרְן פוּן אַלֶע צְוָועלֶעף שְׁבָטִים, און קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁטֶערְן] וְעַל דָא כְּתִיב [און אוֹיף אִים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק] (תְּהִלִּים קי״ב) ״גִּבּוֹר בָּאָרֶץ יִהְיֶה זַרְעוֹ דּוֹר יְשָׁרִים יְבֹרָךְ הוֹן וָעוֹשֶׁר בְּבֵיתוֹ וְצִדְקָתוֹ עֹמֶדֶת לָעַד זָרַח בַּחֹשֶׁךְ אוֹר לַיְשָׁרִים״ וְגוֹ׳.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר צוּרִיק בַּאצָאלְן מִיט שֶׁפַע בְּרָכָה וְהַצְלָחָה, און נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן אַלֶעמָאל גֵיין אוֹיפְן אִידִישְׁן װעג.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת און אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטְן פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב**

## תפו

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה׳ לְסֵדֶר בַּמִּדְבָּר ג׳ סִיוָן ה׳תשע״ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**מִיר** גֵייעֶן יֶעצְט אַרַיין אִין דִי שְׁלֹשֶׁת יְמֵי הַגְבָּלָה, זִיךְ צוּגְרֵייטְן צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, װִי פֵיין װִי שֵׁיין װִי גוּט אִיז װען מֶען קוּמְט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה מִיט אַזַא מִין שִׂמְחָה דָאס מֶען הָאט אִינְטֶער זִיךְ שׁוֹין גֶעֶנְדִיגְט עֶטְלִיכֶע

יָאר מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין און גֶעלֶערְנְט אַלֶע רַשִׁ"י'ס, און מֶען הָאט מְסַיֵים גֶעוֶועזְן צֶענדְלִיגֶער מָאל שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, און אֵיינְס אָדֶער צְווֵיי מָאל שַׁ"ס וְכוּ' וְכוּ', וֶוער ס'הָאט נִישְׁט טוֹעֵם טַעַם גֶעוֶוען דֶעם טַעַם קֶען מֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין דָאס זִיסְקֵייט און לֶעבְּטִיגְקֵייט פוּן קַבָּלַת הַתּוֹרָה, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן דָאס דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען מְקוּרָב צוּ וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, און אִים פָאלְגְן און לֶערְנֶען כְּפִי דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, אִיךְ וֵויים דָאס זֵייעֶר אַסַאךְ לַאכְן פוּן דֶעם און שְׁפֶּעטְן פוּן אַ בָּחוּר וָואס עֶר הָאט מְסַיֵים גֶעוֶוען צֶענְדְלִיגֶער מָאל שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה און שַׁ"ס וְכוּ', אָבֶּער וִויסְן דַארְפְסְטוּ וִויסְן דָאס לַאכְן לַאכְט דֶער לֶעצְטֶער, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פָּרָשָׁה נ"ט סִימָן ב') אוֹיפְ'ן פָּסוּק (מִשְׁלֵי ל"א) "עֹז וְהָדָר לְבוּשָׁהּ וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן" עוֹז וְהָדָר לְבוּשָׁהּ שֶׁל תּוֹרָה, וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן, אֵימָתַי הִיא שׂוֹחֶקֶת, מַתַּן שְׂכָרָהּ לֶעָתִיד לָבֹא; וְכֵן אָמְרוּ (שְׁמוֹת רַבָּה פָּרָשָׁה נ"ב סִימָן ג') אֵימָתַי הַתּוֹרָה מְשַׂחֶקֶת לְמִי שֶׁהוּא עָמֵל בָּהּ' לְיוֹם אַחֲרוֹן הַוֵי 'וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן'; וָוארוּם וֶוען עֶס קוּמְט דֶער לֶעצְטֶער טָאג פוּן אַ מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר אִיז אוֹיף דֶעם עוֹלָם, און עֶר דַארְף זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען פוּן דֶער וֶועלְט, ווִי גוּט ווִי פֵיין ווִי זִיס אִיז וֶוען עֶר הָאט גֶעֶנְדִיגְט אִין זַיין לֶעבְּן צֶענְדְלִיגֶער מָאל חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י, און צֶענְדְלִיגֶער מָאל שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, און צֶענְדְלִיגֶער מָאל שַׁ"ס, און גֶעדַאווֶענְט יֶעדְן טָאג שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, און גֶעבֶּענְטְשְׁט אִין אַ סִידוּר, און גֶעלֵיינְט קְרִיאַת

שְׁמַע אויפְן נוסח פון אַרִיזַ"ל יֶעדְן נַאכְט, וֶוער לַאכְט דֶעמָאלְט? דִי לֵצִים וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט לֵיצָנוּת פון דֶעם? אָדֶער דֶער וָואס הָאט יֶעדְן טָאג זִיךְ בַּאפְלֵייסְט מִיט תּוֹרָה און תְּפִלָּה מִצְווֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ, נֶעם זִיךְ פָאר הַיינְט אִין דִי שְׁלֹשֶׁת יְמֵי הַגְבָּלָה לֶערְנֶען מֶער און מֶער, וָוארום מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס לִימוּד הַתּוֹרָה אִיז, אֲפִילוּ אויב אֵיינֶער הָאט גֶעזִינְדִיגְט אויב עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה אִיז אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מוֹחֵל אויף אַלֶע זַיינֶע זִינְד, אַזוי ווי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ד' הֲלָכָה ח') כֵּיוָן שֶׁקִיבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִימֵיכֶם; וֶוער וָואלְט גֶעגְלֵייבְּט דָאס יוּנְגֶע בָּחוּרִים בַּאפְלַייסְן זִיךְ מִיט לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת, בִּיז ס'אִיז דָא בָּחוּרִים וָואס זֵיי עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ שִׁשָּׁה סְדָרֵי מִשְׁנָה, און עֶס אִיז דָא בָּחוּרִים וָואס זֵיי הָאבְּן שׁוין גֶעֶנְדִיגְט הוּנְדֶערְט אִין אֵיין מָאל מַסֶכֶת תַּעֲנִית, און יֶעצְט לֶערְנֶען זֵיי מַסֶכֶת בְּרָכוֹת אויכֶעט עֶנְדִיגְן הוּנְדֶערְט אִין אֵיין מָאל, וֶוער וָואלְט גֶעגְלֵייבְּט אַז אִין אוּנְזֶער דוֹר וָואס דִי תַּאֲווֹת און שְׁמוּץ אִיז אַזוי צוּשְׁפְּרֵייט זָאלְן זִיךְ גֶעפוּנֶען בָּחוּרִים וָואס זֵיי לֶערְנֶען אִין אַ יְשִׁיבָה אַזֶעלְכֶע לִימוּדִים, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ זֶעהְן צוּ דֶערְהַאלְטְן, קוּק נִישְׁט אויף קֵיינֶעם, שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ט') "אִם חָכַמְתָּ חָכַמְתָּ לָּךְ וְלַצְתָּ לְבַדְּךָ תִשָּׂא"; אויב דוּ בִּיסְט קְלוּג בִּיסְטוּ קְלוּג פַאר דִיר, אויב דוּ מַאכְט לֵיצָנוּת מַאכְסְטוּ לֵיצָנוּת פון דִיר

נִישְׁט פוּן יֶענֶעם, לֵצִים וָואס זֵיי שְׁפֶּעטְן פוּן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד אוּן זֵיי זָאגְן מֶען דַאוֶועגְט מִשְׁנַיוֹת אוּן מֶען דַאוֶועגְט גְמָרָא וְכוּ' וְכוּ' וָואס הָאבְּן זֵיי אִין דִי הַאנְט? אַ גְרוֹיס גֶעלֶעכְטֶער וְכוּ', סֶעלְפָאנְ'ס, אֵייפַּאדְ'ס, אִינְטֶערְנֶעט, אַלֶע שְׁמוּץ אוּן אַלֶע בֵּייזְנְ'ס וְכוּ' וְכוּ', וֶוען דִי בָּחוּרִים וָואלְטְן אוֹיבֶּעט גֶעזָאגְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת וָואלְטְן זֵיי גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיטְן מִשְׁנַיוֹת, מִיט דִי גְמָרָא, וְכוּ', וְכוּ', זֵיי וָואלְטְן נִישְׁט גֶעדַארְפְט הָאבְּן קַיין כְּלֵי מַשְׁחִית אִין קֶעשֶׁענֶע וְכוּ' וְכוּ', דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם, וֶוען דִי תּוֹרָה זָאל דִיר וַוייזְן דִי פָּנִים וֶועסְטוּ אֲפִילוּ נִישְׁט וֶועלְן קַיין שְׂכַר פַאר דִי תּוֹרָה, נָאר דוּ וֶועסְט וֶועלְן דִי תּוֹרָה אַלֵיין, וָוארוּם אוֹיף דִי תּוֹרָה אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן (תְּהִלִּים י"ט י"א) "הַנֶחֱמָדִים מִזָהָב וּמִפָּז רָב וּמְתוּקִים מִדְּבַשׁ וְנֹפֶת צוּפִים", נָאר דֶער וָואס עֶר לֶערְנְט אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דֶער שְׁפִּירְט אַלֶע זִיסְקֵייט אוּן אַלֶע לֶעבְּטִיגְקֵייט אִין דִי תּוֹרָה, אוּן עֶר וִויל שׁוֹין נִישְׁט קַיין שׁוּם שְׂכַר פַאר'ן לֶערְנֶען, עֶר וִויל נָאר לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה אַלֵיין, אַז וואוֹיל אִיז דֶעם בָּחוּר וָואס עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט נָאר יֶעדְן טָאג לֶערְנְט עֶר חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אוּן עֶר לֶערְנְט אוּן זָאגְט יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת וָואס דָאס אִיז מְזַכֵּךְ דִי נְשָׁמָה אוּן מְזַכֵּךְ דֶעם גוּף פוּן אַלֶע שְׁמוּץ וָואס עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעקְלֶעבְּט אִין אִים, אוּן עֶר לֶערְנְט בְּלֶעטֶער גְמָרָא וָואס דָאס צִיט אוֹיף אִים אַרוֹיף דִי פִיר מַלְאֲכֵי הַשְׁמִירָה וָואס זֵיי זֶענֶען דִי רָאשֵׁי

תֵּיבוֹת גְ׳מָ׳רָ׳א׳, גַ׳בְרִיאֵל מִ׳יכָאֵל רְ׳פָאֵל אוּ׳רִיאֵל, און עֶר וֶוערְט אָפְּגֶעהִיטְן פון אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אַזַא בָּחוּר וָואס עֶר אִיז דָאס מְקַיֵים דַארְף שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן קַיין סֶעלְפָאן וְכוּ׳, אָדֶער דִי אַלֶע שְׁמוּץ וְכוּ׳, מֶען דַארְף אִים שׁוֹין נִישְׁט זָאגְן דָאס מֶען טָאר נִישְׁט הַאלְטְן בַּיי זִיךְ אִין בַּאזוּץ אַלֶע עֶרְלֵיי אִינְטֶערְנֶעט אָן פִּילְטֶערְ׳ס אָדֶער מִיט פִּילְטֶערְ׳ס וְכוּ׳ וְכוּ׳, דֶער וָואס הָאט טוֹעֵם טַעַם גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד דֶער וויל שׁוֹין גָארְנִישְׁט נָאר לֶערְנֶען און לֶערְנֶען, און קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי אַלֶע וָואס זֵיי שְׁפֶּעטְן און רֶעדְן אוֹיף דֶעם.

אִיךְ הָאף אַז יֶעצְט בַּיי קַבָּלַת הַתּוֹרָה וֶועסְטוּ זִיךְ פַּארְנֶעמֶען אוֹיף זִיךְ צוּ לֶערְנֶען מֶער און מֶער וָואס נָאר דָאס וֶועט דִיךְ בַּאגְלֵייטְן אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַּאר אֵיינֶעם, דִי תּוֹרָה וֶועט דִיךְ מַאכְן רַייךְ, אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט מִיט דֶעם וָואס עֶר וֶועט נָאכְלוֹיפְן נָאךְ דִי גֶעלְט וְכוּ׳ וֶועט עֶר הָאבְּן אַסַאךְ גֶעלְט וְכוּ׳, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע דִמְיוֹן, אַז מֶען בַּאהַאלְט זִיךְ אִין מִקְרָא אִין מִשְׁנָה אִין גְמָרָא וְכוּ׳ וְכוּ׳, דָאס בְּרֶענְגְט אִים אַ גְרוֹיסֶע עֲשִׁירוּת וָואס עֶר הָאט זִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט פָּארְגֶעשְׁטֶעלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת און אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטְן פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב**

# תפז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר נָשֹׂא י' סִיוָן ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דָאס** וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז נָאר בַּעֲלֵי קִנְאָה זוּכְן מַחְלוֹקֶת וְכוּ', אִיךְ וֵוייס דָאס עֶטְלִיכֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען שׁוֹין גֶעקוּמֶען צוּ מִיר זִיךְ בַּאקְלָאגְן דָאס אוֹיף דִי 'וֶוען' פוּן דִי קִינְדֶער אִיז נָאךְ אַלְץ דָא דֶער פַארְדָארְבֶּענֶער בָּחוּר וְכוּ', וָואס אִיךְ הָאבּ אִים גֶעבֶּעטְן שׁוֹין פַאר אַ הַאלְבּ יָאר עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט גֶעפִינֶען דָארְטְן וַוייל דִי חֲזַ"ל זָאגְן בְּפֵירוּשׁ (קִדּוּשִׁין פ"ב.) לֹא יְלַמֵּד אָדָם רַוָוק סוֹפְרִים; אוּן הַיינְט אִיז אֵיינֶער וָואס זִיצְט אוֹיפְן וֶוען אָדֶער אוֹיפְן בָּאס אִיז אוֹיכֶעט בִּכְלַל מְלַמֵּד, וָוארוּם דֶער גַאנְצֶער טַעַם פַארְוָואס אַ רַוָוק טָאר נִישְׁט זַיין אַ מְלַמֵּד זָאגְן דִי חֲזַ"ל וַוייל דִי מוּטֶערְ'ס קוּמֶען בְּרֶענְגְן דִי קִינְדֶער וְכוּ', אוּן בַּיי אַ וֶוען אָדֶער אַ בָּאס אִיז זִיכֶער קוּמֶען דִי מוּטֶערְ'ס אַרוֹיפְלֵייגְן אוּן אַרָאפְּנֶעמֶען דִי קִינְדֶער, אִיבֶּערְדֶעם טָאר זִיךְ בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן נִישְׁט גֶעפִינֶען אַ בָּחוּר אוֹיף אַ וֶוען אָדֶער אוֹיף אַ בָּאס וָואס פִירְט קִינְדֶער, וּבִפְרַט דֶער בָּחוּר זָאגְט אַרוֹיס אָפֶען אַז עֶר אִיז פַארְדָארְבְּן אוּן גֵייט אוֹיף שְׁמוּצִיגֶע פְלֶעצֶער, פַארְוָואס דַארְף דִי תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן הֶבֶל שֶׁאֵין לָהֶם חֵטְא אַרַיינְאָטֶעמֶען דִי הָאעֶךְ פוּן אַ פַארְדָארְבֶּענֶעם בָּחוּר, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן מ"ג) דָאס אֲפִילוּ אַ דוּךְ אַ הָאעֶךְ פוּן אַ רָשָׁע

טוט אַרייַנְבְּרֶענְגְן נִיאוּף אִין דֶער וָואס עֶר הֶערְט זַיינֶע וֶוערְטֶער, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט בַּיי בִּלְעָם (בַּמִּדְבָּר ל״א) ״הֵן הֵנָּה הָיוּ בִּדְבַר בִּלְעָם״ וִוי נָאר מֶען הָאט גֶעהֶערְט זַיינֶע וֶוערְטֶער הָאט דָאס שׁוֹין אַרייַנְגֶעבְּרֶענְגְט נִיאוּף, און דָא פַּייפְט עֶר מִיטְן מויל וָואס אוּנְז הָאט מֶען אויסְגֶעלֶערְנְט וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען קְלֵיינֶע קִינְדֶערְלֶעךְ אַז פַּייפְן בְּרֶענְגְט צוּזַאמֶען קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים וְכוּ׳, און אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה וָואס עֶס הֵייסְט אוֹיף מַיין נָאמֶען נֶעמְט מֶען אַ פַאְרדַארְבֶּענֶעם בָּחוּר און עֶר לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער פַּייפְן וְכוּ׳, אָדֶער קִינְדֶערְלֶעךְ מַאכְן נָאךְ וָואס זֵיי זֶעהְן פוּן דֶערְוַואקְסֶענֶע, וואוּ אִיז דֶער הֶיתֵּר? עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי דָאס אִיךְ הָאבּ עֶנְק גֶעזָאגְט שׁוֹין פַּאר אַ הַאלְבּ יָאר צוּרִיק אַז דֶער בָּחוּר טָאר נִישְׁט פָּארְן מִיטְן וֶוען וְכוּ׳, אִיז וִוי אִיז דָא קִנְאָה? עֶס אִיז אַזַא שָׁאד דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה הָאט גֶעקֶענְט בְּלִיעֶן און זִיךְ מֶערְן מִיט תַּלְמִידִים, וָוארוּם הַיינְט זוּכְט מֶען תַּלְמוּד תּוֹרָה׳ס, און וֶועגְן נַארִישֶׁע עַקְשָׁנוּת אָן אַ שֵׂכֶל וְכוּ׳, טוּט מֶען זִיךְ אַלֵיין פַארְדַארְבְּן דֶעם נָאמֶען, כָּל זְמַן עֶס אִיז נִישְׁט אוֹיף מַיין נָאמֶען מִישׁ אִיךְ זִיךְ נִישְׁט, אָבֶער אוֹיבּ דָאס אִיז אוֹיף מַיין נָאמֶען מוּז אִיךְ דָאס שְׁרַייבְּן.

**אִיךְ** אַלֵיין הָאבּ אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה מִיט אַ מֵיידְל שׁוּלֶע וָואס מִיר הַאלְטְן שׁוֹין הַיינְט נָאנְט צוּ טוֹיזֶענְט קִינְדֶער בְּלִי עַיִן הָרַע, און זֵיי קוּמֶען פוּן בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה וְכוּ׳, וָואס דִי אַרוּמִיגֶע מִשְׁפָּחוֹת זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי אֵיי אֵיי אֵיי וְכוּ׳, הֵן אִין שְׁמִירַת שַׁבָּת הֵן אִין קְדוּשָׁה וְטַהֲרָה וְכוּ׳, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ הָאבּ אִיךְ אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט אַ תַּלְמוּד

תוֹרָה מִיט אַ מֵיידְל שׁוּלֶע וָואס זֵיי גֵייעֶן מִיטְן הֶעכְסְטְן מָאס צְנִיעוּת, עֶקְסְטֶער אִינְגְלֶעךְ אוּן עֶקְסְטֶער מֵיידְלֶעךְ, אוּן כָאטְשׁ אִיךְ בִּין אִין דֶעם אַרְגְסְטְן פְּלַאץ פוּן גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס דָארְטְן הָאט אַרוֹיסְגֶעשְׁפְּרָאצְט דִי אֲבִי אֲבוֹת הַטוּמְאָה פוּן צִיוֹנוּת אוּן כְּפִירָה וְכוּ', אוּן דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַלֵיין זִיצְט דָארְטְן וְכוּ', אוּן עֶר הַאלְט אִין אֵיין מַסֶר'ן אוּן אָנְטוּהְן צָרוֹת וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאבּ אִיךְ מִיט גְרוֹיס מְסִירוּת נֶפֶשׁ בַּאוִויזְן וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער וְכוּ', וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען קוּמֶען זֶעהְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** הָאף אִיךְ אַז לְכָל הַפָּחוֹת פוּן יֶעצְט אָן זָאלְסְטוּ פַארְרֶעכְטְן, אַ פַארְדָארְבֶּענֶער בָּחוּר טָאר נִישְׁט זִיצְן אוֹיף אַ וֶוען אָדֶער אוֹיף אַ בָּאס פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער. אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט פָאלְגְן נֶעמְט אַרָאפּ מַיין נָאמֶען אוּן טוּט'ס וִוי אִיר פַארְשְׁטֵייט.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## תפח

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר בְּהַעֲלוֹתְךָ י"ח סִיוָן ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ הָאסְט זִיךְ גֶענוּמֶען לֶערְנֶען פֶּעסְט טוּר בֵּית יוֹסֵף אוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ מְבַרֵר זַיין זִיךְ דִי

הֲלָכָה, וָוארום דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶועֶן אויף לִימוּד שׁוּלְחָן עָרוּךְ, בִּיז עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן כ״ט) אַז יֶעדֶער אִיד אִיז מְחוּיָב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַן הֲלָכָה אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ, און וִויסְן זָאלְסְטוּ וִויסְן, כָּל זְמַן אַ אִיד דְרֵייט זִיךְ אַרום אִיבֶּערְן שׁוּלְחָן עָרוּךְ וֶועט עֶר זַיין אויסְגֶעזָאַרְגְט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד און אוֹיפְשְׁטֶעלְן הֵיילִיגֶע דוֹרוֹת, אָבֶּער וִויפֶער עֶר לָאזְט אָפּ דֶעם שׁוּלְחָן עָרוּךְ מֶעג עֶר זִיכֶער זַיין אַז צוּבִּיסְלֶעךְ וֶועט עֶר זַיין אַ קַל שֶׁבְּקַלִּים בִּיז עֶר וֶועט זִיךְ אָפְּקִילְן פוּן אִידִישְׁקֵייט רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן.

**אַ** אִינְגֶערְמַאן דַארְף וִויסְן אַז יֶעדֶע שְׁוֶוערֶע זַאךְ אָדֶער אַ שְׁאֵלָה וָואס עֶס מַאכְט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ זָאל עֶר פְרֶעגְן אַן עֶרְלִיכְן מוֹרָה צֶדֶק, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיפְן אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל, בִּפְרַט אִין דִי הַארְבֶּע הֲלָכוֹתֶ׳ער וְכוּ׳, מֶען מוּז זִיךְ גֶעוואוֹינֶען צוּ פְרֶעגְן אַ דַיָין מוּמְחֶה אַלֶע זַיינֶע שְׁאֵלוֹת אִין הֲלָכָה וְכוּ׳.

**דֶער** גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי שְׁלֹמֹה פוּן בָּאבּוּב זי״ע (אַ אֵיינִיקְל פוּן דֶעם צַאנְזֶער רָב זי״ע) הָאט גֶעזָאגְט, מֶען זֶעהְט דָאס אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִים יוֹרֶה דֵעָה אֶבֶן הָעֶזֶר וֶוערְט נִישְׁט גֶעבְּרֶענְגְט דִי דִינִים פוּן פְּשָׁרוֹת, וַוייל אִין דִי הֲלָכוֹתֶ׳ער טָאר מֶען נִישְׁט מַאכְן קַיין שׁוּם פְּשָׁרוֹת אִין אִידִישְׁקֵייט, בַּיי דִי מִצְווֹת בֵּין אָדָם לַמָקוֹם אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם פְּשָׁרוֹת, אַ אִיד דַארְף זִיךְ אִינְטֶערְוַוארְפְן דִי הֲלָכָה, אַזוֹי אִיז דָאס, און מֶען טָאר נִישְׁט אָפְּנֵייטְן פוּן הֲלָכָה כְּהוּא זֶה, מַה שֶׁאֵין כֵּן אִין חוֹשֶׁן מִשְׁפָּט וָואס דָאס אִיז הֲלָכוֹת

בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ, דִינֵי מָמוֹנוֹת, דָארְטְן אִיז דָא דֶער עִנְיָן פוּן פְּשָׁרוֹת, מֶען דַארְף זֶעהְן נָאכְצוּגֶעבְּן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, און קוּמֶען צוּ אַ פְּשָׁרָה.

**אַז** ווארויל אִיז דִיר וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ גֶענוּמֶען לֶערְנֶען הֲלָכָה, זָאל דִיךְ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען זֵייעֶר פְלַייסִיג, בִּיז דוּ וֶועסְט קֶענֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען סְמִיכָה לְהוֹרָאָה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**

## תפט

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר בְּהַעֲלוֹתְךָ י"ח סִיוָן ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת, און עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ג) אַז דֶער בַּעַל דָבָר פַארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר צוּ צוּבְּרֶעכְן דִי שְׁטוּבֶּער פוּן אִינְגֶעלַייט, כְּדֵי זֵיי מַכְשִׁיל זַיין מִיט שְׁוֶוערֶע זִינְד רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אִיבֶּערְדֶעם אַ חָכָם עֵינָיו בְּרֹאשׁוֹ קוּקְט שׁוֹין פָארְאוֹיס וָואס וֶועט זַיין שְׁפֶּעטֶער, און עֶר גֶעבְּט זֵייעֶר אַכְטוּנְג אוֹיף זַיין שָׁלוֹם בַּיִת, וָוארוּם וֶוען עֶס צִינְדְט זִיךְ אָן אַ קְלֵיין פֵייעֶרְל קֶען מֶען דָאס נָאךְ גְרִינְג אוֹיסְלֶעשְׁן וְכוּ', אָבֶּער וֶוען דֶער פֵייעֶר צוּשְׁפְּרֵייט זִיךְ שׁוֹין זֵייעֶר גְרוֹיס אִין דִי לֶענְג און אִין

דִי בְּרֵייט אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶועֶר דָאס אוֹיסְצוּלֶעשְׁן וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְף אַ אִינְגֶערְמַאן זַיין קְלוּג, אוּן זַיין אַ וַותְּרָן אִין שְׁטוּב, אוּן נִישְׁט זוּכְן חֶסְרוֹנוֹת בַּיי זַיין וַוייבּ, נָאר אִיר דַן זַיין לְכַף זְכוּת, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ד) אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר מְכַבֵּד זַיין דָאס וַוייבּ, וָוארוּם זִי לַייְדְט צֶער עִיבּוּר צַער לֵידָה אוּן צַער גִידוּל וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְף דֶער מַאן הָאבְּן מִיטְלַייד מִיט זַיין וַוייבּ ווִי זִי מִיטְשֶׁעט זִיךְ מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן עֶר מֶעג אַרוֹיסְהֶעלְפְן, סְ'וֶועט גָארְנִישְׁט שָׁאטְן דֶעם מַאן אוֹיבּ עֶר וֶועט אַרוֹיסְהֶעלְפְן זַיין וַוייבּ, אַדְרַבָּה מִיט דֶעם וָואס עֶר הֶעלְפְט אִיר אַרוֹיס הֶעלְפְט עֶר זִיךְ אַרוֹיס, אַזוֹי וֶועט עֶר הָאבְּן אַ גֶעזוּנְטֶע וַוייבּ וְכוּ', אוּן מֶען דַארְף אוֹיף דֶעם זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, אַז דָאס וַוייבּ זָאל זַיין גֶעזוּנְט, אוּן אוֹיבּ נִישְׁט אִיז מֶען אַ פָּשׁוּטֶער אַכְזָר אוּן אַ מוּפְקָר וְכוּ'.

דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.) לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בִּכְבוֹד אִשְׁתּוֹ, שֶׁאֵין בְּרָכָה מְצוּיָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם אֶלָא בִּשְׁבִיל אִשְׁתּוֹ, שֶׁנֶּאֱמַר (בְּרֵאשִׁית י"ב) "וּלְאַבְרָם הֵטִיב בַּעֲבוּרָהּ" וְהַיְינוּ דְּאָמַר לְהוּ רָבָא לִבְנֵי מְחוֹזָא, אוֹקִירוּ לִנְשַׁיְיכוּ כִּי הֵיכִי דְּתִתְעַתְּרוּ, (זַייט מְכַבֵּד אוּן הַאלְט טֵייעֶר דָאס וַוייבּ וֶועט עֶטְץ וֶוערְן רַייךְ) אוּן אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ט) אַז דֶער עִיקָר עֲשִׁירוּת קוּמְט נָאר אִין זְכוּת פוּן דֶעם פְּרוֹי, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר גֶעבְּט זֵייעֶר אַכְטוּנְג אוֹיף שְׁלוֹם בַּיִת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**

# תצ

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם א׳ לְסֵדֶר שְׁלַח כ׳ סִיוָן ה׳תשע״ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** ווִיסְן אוֹיף דֶעם עוֹלָם גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער וְכוּ׳, וָוארוּם דִי נְשָׁמָה צִיט שְׁטֶענְדִיג צוּ רוּחָנִיוּת וְכוּ׳, אוּן דֶער גוּף צִיט שְׁטֶענְדִיג צוּ גַשְׁמִיוּת, אוּן דָאס אִיז דֶער מִלְחָמָה בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן כ״ב) אַז מֶען דַארְף אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דֶעם גוּף זָאל וֶוערְן אַ חֵלֶק פוּן דֶער נְשָׁמָה, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב י״ט) ״וּמִבְּשָׂרִי אֶחֱזֶה אֱלוֹקַ״ פוּן דֶעם בְּשַׂר הַגּוּף זָאל מֶען אוֹיבֶּעט זֶעהְן גֶעטְלִיכְקֵייט, אוּן דָאס וֶוערְט גֶעטוּהְן, מִיט מִצְווֹת מַעֲשִׂיּוֹת דַיְיקָא, אַז אַ אִיד אִיז מְקַיֵּים מִצְווֹת מִיט זַיין גוּף אִיז עֶר מְזַכֵּךְ דֶעם גוּף עֶס זָאל וֶוערְן אַ חֵלֶק פוּן דֶער נְשָׁמָה, אַז פוּן דֶעם גוּף זָאל מֶען אוֹיבֶּעט אַרוֹיסְזֶעהְן אֱלֹקוּת, אוּן דָאס אִיז וָואס דֶער נָבִיא זָאגְט (יְשַׁעְיָה נ״ח) ״וּמִבְּשָׂרְךָ לֹא תִתְעַלָּם״ מֶען זָאל נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן דֶעם בְּשַׂר הַגּוּף אוֹיבֶּעט דִי הַשָּׂגוֹת וָואס דִי נְשָׁמָה אִיז מַשִּׂיג, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט זַיין אַ שָׁלוֹם צְווִישְׁן גוּף אוּן דֶעם נְשָׁמָה, וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ זַיין בְּיִשּׁוּב הַדַּעַת, וָוארוּם כָּל זְמַן אַז דֶער נְשָׁמָה צִיט צוּ אֵיין וֶועג אוּן דֶער נְשָׁמָה צוּ אַן אַנְדֶערֶע וֶועג אִיז דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטֶענְדִיג מְבוּהָל וּמְבוּלְבָּל וְכוּ׳, אוּן עֶר לֶעבְּט אָן יִשּׁוּב הַדַּעַת וְכוּ׳, אָבֶּער

וֶוען דֶער גוּף מִיט דֶער נְשָׁמָה זֶענֶען מַשְׁלִים אֵיינֶער מִיטְן אַנְדֶערְן דֶעמָאלְט אִיז דֶער מֶענְטְשׁ מְיוּשָׁב'דִיג.

**זָאלְסְט** זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען יֶעדְן טָאג אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ פַּארְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, ווָארוּם יֶעדֶער דִיבּוּר ווָאס אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מְחַבֵּר דֶעם גוּף מִיט דֶעם נְשָׁמָה צוּזַאמֶען, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דָאס זִיסְקֵייט אוּן דָאס לֶעבְּטִיגְקֵייט ווָאס אַ מֶענְטְשׁ קֶען שְׁפִּירְן אוֹיבּ עֶר ווֶעט זַיין שְׁטַארְק יֶעדְן טָאג רֶעדְן מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דָאס אִיז דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין בְּרֶסְלְבֶ'ר חַסִידוּת.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַז פוּן יֶעדְן שִׂיחָה אוּן פוּן יֶעדְן שְׁמוּעֶס ווָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מִיט אוּנְז גֶערֶעדְט אִיז בַּיים סוֹף אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן דֶעם אַ שְׁמוּעֶס פוּן דִי ווִיכְטִיגְקֵייט ווָאס יֶעדֶער אִיד דַארְף רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אָן חָכְמוֹת, אַז וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ ווָאס עֶר אִיז דָאס מְקַיֵּים, דֶעמָאלְט ווֶעט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ אַן אֱמֶת'ן יִשּׁוּב הַדַּעַת, אוּן עֶס ווֶעט זַיין שָׁלוֹם בַּיי אִים צְווִישְׁן דֶער גוּף אוּן דֶער נְשָׁמָה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן פְרֵיילִיכְן טָאג**

# תצא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א׳ לְסֵדֶר שְׁלַח כ׳ סִיוָן ה׳תשע״ב

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

**זָאלְסְט** ווִיסְן דָאס יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַ בַּת זוּג, אַזוֹי ווִי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (סוֹטָה ב.) אַרְבָּעִים יוֹם קוֹדֶם יְצִירַת הַוְלַד בַּת קוֹל יוֹצְאֵת וְאוֹמֶרֶת בַּת פְּלוֹנִי לִפְלוֹנִי; נָאר אַ בָּחוּר גֵייט אַרַיין אִין אַ פַּאנִיק וְכוּ׳, אַזוֹי ווִי אִים הָאט מֶען פַארְגֶעסְן וְכוּ׳, אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קַיין שִׁידוּךְ וְכוּ׳, אוּן עֶר וֶוערְט צוּבְּרָאכְן וְכוּ׳, בִּשְׁעַת סְ׳אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זַיין בַּת זוּג, אַמָאל דַארְף דֶער בַּת זוּג נָאךְ אִינְטֶער וַואקְסְן, זִי אִיז נָאךְ צוּ יוּנְג וְכוּ׳, אִיבֶּערְדֶעם טָארְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן, נָאר גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ ווִילְסְט שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דִי תְּפִילוֹת וֶועלְן מְקָרֵב זַיין אוּן דֶערְנֶענְטֶערְן דַיין בַּת זוּג צוּ דִיר, נָאר זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, עֶס אִיז דָא אַ קוּנְטְרֵס ״מְצִיאַת הַזִּיווּג״ עֶס וָואלְט זֵייעֶר גוּט גֶעוֶועזְן אַז דוּ זָאלְסְט נִיצְן דִי סְגוּלוֹת וָואס דָארְטְן שְׁטֵייט, אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי תְּפִילוֹת וָואס דָארְטְן שְׁטֵייט, וֶועסְטוּ זֶעהְן ווּאוּנְדֶער.

**זֶעה** צוּ חַזֶר׳ן יֶעדְן טָאג אַסַאךְ אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וָואס דָאס אִיז מְזַכֵּךְ דִי נְשָׁמָה, וָוארוּם מִשְׁנָ״ה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָ״ה, אוּן דִי חֲזַ״ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה ז׳ סִימָן ג׳) אֵיין

כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָאָרְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ בָּחוּר וָואס עֶר חַזֶר'ט אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, וָוארוּם יֶעדֶער בָּחוּר הָאט אַסַאךְ פְרַייעֶ צַייט, אוּן מַחְמַת עֶר טוּט גָארְנִישְׁט וְכוּ' וֶוערְט עֶר מְשׁוּגָע פַאר לֵיידִיגְגֵיין וְכוּ', אוּן טְרַאכְט שְׁטֶענְדִיג פוּן זַיינֶע צָרוֹת וְכוּ', אָבֶער אוֹיבּ עֶר חַזֶר'ט אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת בְּרֶענְגְט אִים דָאס אַרַיין אַ מוֹרָא'דִיגֶער חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען נָאךְ לִימוּדִים וְכוּ', אַ בָּחוּר הָאט אַזוֹיפִיל צַייט אַז עֶר קֶען יֶעדְן טָאג זָאגְן אָן אַ שִׁיעוּר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, בִּיז עֶר קֶען עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אָן קַיין שׁוּם שְׁוֶועריקֵייט, אוּן דָאס בַּאהֶעפְט אִים צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (בְּרֵאשִׁית מ"ב) מַאן דְקָארֵי וְתָנֵי שִׁית סִדְרֵי מִשְׁנָה, דָא הוּא מַאן דְיָדַע לְסַדְרָא וּלְקַשְׁרָא קִשּׁוּרָא וְיִחוּדָא דְמָארֵיה כִּדְקָא יָאוּת, אִילֵין אִינוּן דִמְקַדְּשִׁין שְׁמָא קַדִּישָׁא דְמָארֵיהוֹן בְּכָל יוֹמָא תָּדִיר; [וֶוער עֶס לֶערְנְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דֶער וַוייסְט ווִיאַזוֹי מְחַבֵּר צוּ זַיין דִי עוֹלָמוֹת וְכוּ', אוּן דוּרְךְ אִים וֶוערְט גֶעמַאכְט גְרוֹיסֶע יִחוּדִים אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת וְכוּ', אוּן דִי וָואס זַיי לֶערְנֶען שְׁטֶענְדִיג מִשְׁנָיוֹת זֶענֶען מְקַדֵּשׁ דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים'ס נָאמֶען יֶעדְן טָאג].

**אִיךְ** הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן, וֶועסְטוּ נִישְׁט צוּלֵייגְן נִישְׁט בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט בְּרוּחָנִיּוּת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן פְרֵיילִיכְן טָאג**

# תצב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם א' לְסֵדֶר שְׁלַח כ' סִיוָן ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

גֶעבּ זַייעֶר אַכְט פוּן דִי חוֹבוֹת, וָוארוּם עֶס אִיז אַ יֵצֶר הָרַע בַּיי אִינְגֶעלַייט צוּ בָּארְגְן גֶעלְט, אוּן זַיי פַּארְגֶעסְן אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ טָאג אַז מֶען וֶועט מָאנֶען פוּן זַיי דִי גֶעלְט, אוּן אַז מֶען וֶועט נִישְׁט הָאבְּן צוּ בַּאצָאלְן וֶועלְן דִי בַּעֲלֵי חוֹבוֹת זַיי נָאכְלוֹיפְן וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעלֶערְנְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קכ"ב) אַז עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ זַיין אַ בַּעַל חוֹב פַאר זִיךְ ווִי פַאר יֶענֶעם; דָאס הֵייסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף עֶפֶּעס קוֹיפְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט זָאל עֶר וַוארְטְן אוּן וַוארְטְן וְכוּ' וְכוּ' אוּן בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר אִים צוּשִׁיקְן דִי גֶעלְט אוּן עֶר וֶועט קֶענֶען אַיינְקוֹיפְן וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן, וָוארוּם מֶען דַארְף זִיךְ זַייעֶר הִיטְן פוּן חוֹבוֹת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה סִימָן מ"ו) מִי שֶׁרוֹצֶה לָשׁוּב יִזָּהֵר מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב; אַז אַ מֶענְטְשׁ ווִיל תְּשׁוּבָה טוּהְן אוּן דִינֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל עֶר זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט זַיין קַיין בַּעַל חוֹב, וָוארוּם דִי חוֹבוֹת בְּרֶענְגְן אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ אַ קַטְנוּת הַמּוֹחִין אוּן עֶר וֶוערְט צוּבְּרָאכְן אוּן פַארְדַאֲגָה'ט וְכוּ' וְכוּ', אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שָׁם אוֹת מָמוֹן סִימָן ע"ז) מִי שֶׁעוֹשֶׂה מַעֲשָׂיו בִּמְהִירוּת בְּלִי

יִשּׁוּב הַדַּעַת נַעֲשֶׂה בַּעַל חוֹב; מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף שֵׂכֶל וְכוּ׳, אַבִּי נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין חוֹבוֹת וְכוּ׳.

גְלַייבּ מִיר מֶען מֶעג גֵיין נָאךְ צְדָקָה ווִי אֵיידֶער בָּארְגְן גֶעלְט אוּן נִישְׁט בַּאצָאלְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט טָאר עֶר זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען צוּ גֵיין נָאךְ צְדָקָה, דֶער עִיקָר, נִישְׁט זַיין אַ בַּעַל חוֹב, אוּן אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי נִישְׁט בָּארְגְן אוּן נִישְׁט בַּאצָאלְן, וָוארוּם דֶעמָאלְט וֶוערְט עֶר אָנְגֶערוּפְן אַ רָשָׁע, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִילִים ל״ז) ״לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם״ אִיז וָואס פֶּעלְט דִיר דָאס אוֹיס? גְעווֹאוֹין זִיךְ צוּ, צוּ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דוּ וֶועסְט גֶעהָאלְפְּן וֶוערְן, דֶער עִיקָר פַאל נִישְׁט אַרַיין אִין קַטְנוּת הַמּוֹחִין אוּן וֶוער נִישְׁט צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן אַז דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער דַארְפְן הָאבְן וְכוּ׳, אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט צוּ גֶעבְן וְכוּ׳, אִיז קַיין שׁוּם בּוּשָׁה נִישְׁט, גֵיין נָאךְ צְדָקָה, נָאר נִישְׁט זַיין אַ בַּעַל חוֹב, דָאס אִיז אַ מַחֲלָה ווִי אַלֶע מַחֲלוֹת, סְ׳אִיז דָא אִינְגֶעלַייט וָואס זֵיי בָּארְגְן זִיךְ אָן אִין שְׁוֶוערֶע טוֹיזֶענְטֶער דָאלַארֶען, אוּן נַאטִירְלִיךְ שְׁפֶּעטֶער קֶענֶען זֵיי דָאס נִישְׁט אָפְּגֶעבְן אוּן אַזוֹי וֶוערְן זַיין אִינְגַאנְצְן פַארְלָארְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כ״ב, ז) ״עָשִׁיר בְּרָשִׁים יִמְשׁוֹל וְעֶבֶד לֹוֶה לְאִישׁ מַלְוֶה״ אַ עוֹשֶׁר גֶעוֶועלְטִיגְט אִיבֶּערְן אָרֶעמַאן, אוּן דֶער וָואס עֶר בָּארְגְט וֶוערְט אַן עֶבֶד פַאר זַיין מַלְוֶה וְכוּ׳ וְכוּ׳, אִיז פְּרֶעג אִיךְ דִיר וָואס דַארְפְסְטוּ דָאס הָאבְן? זָאלְסְט זַיין אַ קְנֶעכְט פַאר יֶענֶעם וְכוּ׳, אוּן יֶעֶנער זָאל אוֹיף דִיר גֶעוֶועלְטִיגְן

וְכוּ' בֶּעסֶער לֵייג אַוֶועק דִי בּוּשָׁה אוּן גֵיי נָאךְ צְדָקָה, אַבִּי נִישְׁט בָּארְגְן, וָוארוּם דָאס אִיז דִי אַרְגְסְטֶע זַאךְ, וֶוען מֶען אִיז שׁוּלְדִיג חוֹבוֹת אוּן מֶען קֶען נִישְׁט בַּאצָאלְן.

אִיךְ הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ וֶועסְט מִיךְ פָּאלְגְן וֶועט דִיךְ גוּט זַיין שְׁטֶענְדִיג.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן פְרֵיילִיכְן טָאג**

# תצג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר שְׁלַח כ"א סִיוָן ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ דַארְפְסְט זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אִינְטֶערְנֶעמֶען זִיךְ שְׁוֶועֶרֶע זַאכְן וָואס דוּ וֶועסְט נִישְׁט קֶענֶען בֵּיישְׁטֵיין, אִיבֶּערְדֶעם זַיי אַ חָכָם אוּן הֵייבּ נִישְׁט אָן.

זֶעה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ וָוארוּם שִׂמְחָה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דִבְרֵי הַיָמִים א' ט"ז) "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ", דָארְטְן בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶערְשְׁט נָאר שִׂמְחָה, דָאס אִיז אַ סִימָן וֶוען אַ אִיד אִיז אִין דִי קְדוּשָׁה, וֶוען עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר (תְּצַוֶּה קפד:) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים ק' ב') "עִבְדוּ אֶת הֲוָיָ"ה בְּשִׂמְחָה", חֶדְוָה דְּבַר נַשׁ מָשִׁיךְ לְגַבֵּיהּ חֶדְוָה

אַחֲרָא עִלָּאָה, [דִי שִׂמְחָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, בְּרֶענְגְט אִים אַ שִׂמְחָה פוּן יֶענֶע וֶועלְט].

לֶערְן זַייעֶר אַסאךְ מִשְׁנָיוֹת וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה פַּאר דִי נְשָׁמָה אִיר מְזַכֵּךְ זַיין, אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה ז' סִימָן ג') אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן פְרֵיילִיכְן טָאג**

## תצד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר שְׁלַח כ"א סִיוָן ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זָאלְסְט ווִיסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה ווִי צְדָקָה, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה פֶּרֶק א' הֲלָכָה א') צְדָקָה וּגְמִילוּת חֲסָדִים שְׁקוּלוֹת כְּנֶגֶד כָּל מִצְוֹתֶיהָ שֶׁל תּוֹרָה שֶׁהַצְּדָקָה נוֹהֶגֶת בַּחַיִּים וּגְמִילַת חֲסָדִים נוֹהֶגֶת בַּחַיִּים וּבְמֵתִים, הַצְּדָקָה נוֹהֶגֶת לָעֲנִיִּים וּגְמִילוּת חֲסָדִים נוֹהֶגֶת לָעֲנִיִּים וְלָעֲשִׁירִים, הַצְּדָקָה נוֹהֶגֶת בְּמָמוֹנוֹ שֶׁל אָדָם וּגְמִילוּת חֲסָדִים נוֹהֶגֶת בֵּין בְּמָמוֹנוֹ בֵּין בְּגוּפוֹ; גֶעלוֹיבְּט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶס אִיז שׁוֹין אַפָּאר יָאר וָואס אִיךְ הָאבּ אַ בֵּית הַתַּבְשִׁיל אִין יַבְנְאֵל ווִי מֶען טֵיילְט אוֹיס יֶעדְן טָאג אִיבֶּער אַכְט הוּנְדֶערְט פָּארְצִיעֶס עֶסְן פַאר אָרֶעמֶע לַייט, אוּן יֶעצְט

הָאבְּן מִיר שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן גֶעבְּן אוֹיבֶעט פְּרִישְׁטָאג אוּן מִיטָאג, וָואס דָאס אִיז שׁוֹין דָאפֶּעלְט, אוּן דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה, וָוארוּם מִיט יֶעדֶע צְדָקָה קֶען מֶען אָפְּנַארְן אַ מֶענְטְשׁ וְכוּ׳, עֶר זָאגְט עֶר אִיז אָרֶעם וְכוּ׳, אָדֶער עֶר אִיז קְרַאנְק וְכוּ׳, אָדֶער עֶר דַארְף אַ מַלְבּוּשׁ וְכוּ׳, גֵיי גְלֵייבּ אִים אוֹיבּ ס׳אִיז אֱמֶת, אָבֶּער בַּיי עֶסְן קֶען מֶען נִישְׁט אָפְּנַארְן דֶעם מֶענְטְשׁ, דוּ וֶועסְט בַּאלְד זֶעהְן אוֹיבּ עֶר קֶען עֶסְן אָדֶער עֶר קֶען נִישְׁט עֶסְן, אוּן דִי חֲזַ״ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ט) אֵין בּוֹדְקִין לִמְזוֹנוֹת; אִיבֶּערְדֶעם אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע צְדָקָה ווִי צוּ גֶעבְּן עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען פַאר הוּנְגֶערִיגֶע אוּן דָארְשְׁטִיגֶע מֶענֶער פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער, דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער צְדָקָה, אַז וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר הָאט אַ חֵלֶק אִין דֶעם, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעהְט אִיךְ דִיר זַייעֶר דוּ זָאלְסְט מִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט דִי מִצְוָה, וָוארוּם וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶעזֶעהְן ווִי גַאנְצֶע פַארְמִילְיֶעס זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶה מִיט דֶעם עֶסְן וְכוּ׳, וָואלְסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּחִירָה, מֶען קֶען זִיךְ דָאס נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, אוּן נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין, אַז אֲפִילוּ הַיינְט דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אַפָּאר הוּנְדֶערְט מִשְׁפָּחוֹת הוּנְגֶערִיג, אַז וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר לֵייגְט צוּ אַ הַאנְט אוּן עֶר הֶעלְפְט אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה גֶעבְּן צוּ עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען הוּנְגֶערִיגֶע מִשְׁפָּחוֹת.

**אוֹיךְ** וַוייסְטוּ אַז עֶס גֵייט מִיר אִין לֶעבְּן חֲתוּנָה מַאכְן בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וָואס יוּנְגֶער, כְּדֵי זֵיי רַאטֶעוֶוען

וְכוּ׳, אוּן דָאס קָאסְט אַ פַארְמֶעגְן, דִי מִצְוַת הַכְנָסַת כַּלָּה אִיז אֵיינֶע פוּן דִי גְרֶעסְטֶע מִצְווֹת, עֶס אִיז גֶעוֶועזְן דֶער גְרוֹיסֶער גָאוֹן אוּן רַב פוּן אַנְטְוֶוערְפְּן זַ״ל הָאט עֶר לֹא עָלֵינוּ בַּאקוּמֶען דֶער בִּיטֶערֶע מַחֲלָה וְכוּ׳ אִיז עֶר גֶעפָארְן צוּם סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן זִי״ע אוֹיסְגִיסְן זִיךְ זַיין בִּיטֶער הַארְץ, אוּן פְרֶעגְן אַן עֵצָה וָואס מֶען טוּט? הָאט אִים דֶער גָאוֹן גֶעעֶנְטְפֶערְט מֶען זָאגְט יֶעדְן טָאג דִי בְּרַייתָא בִּיקוּר חוֹלִים, וְהַכְנָסַת כַּלָּה, אוּן וּלְוָיַת הַמֵּת, ווִי קוּמְט אַרַיין הַכְנָסַת כַּלָּה צְווִישְׁן חוֹלִים אוּן צְווִישְׁן מֵת? נָאר אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז נִזְהָר אִין מִצְווֹת הַכְנָסַת כַּלָּה אֲפִילוּ עֶר אִיז שׁוֹין חָלִילָה קְרַאנְק וְכוּ׳, וֶועט דָאס מַאכְן אַ צְווִישֶׁנְשֵׁייד צְווִישְׁן חוֹלֶה אוּן מֵת, דָאס הֵייסְט עֶר וֶועט הָאבְּן אֲרִיכוּת יָמִים, אִיבֶּערְדֶעם עֵצָה׳ט עֶר אִים אַז עֶר זָאל שְׁטִילֶערְהֵייט עוֹסֵק זַיין אִין דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת כַּלָּה, אוּן דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר הָאבְּן אֲרִיכוּת יָמִים, וָוארוּם דִי מִצְוָה אִיז צְווִישְׁן חוֹלֶה אוּן מֵת, אוּן עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטוּהְן, עֶר הָאט עוֹסֵק גֶעוֶועזְן שְׁטִילֶערְהֵייט אִין דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת כַּלָּה אַלֶע יָארְן בְּהַצְנֵעַ לֶכֶת, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעווּסְט, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אִים גֶעשָׁאנְקְן פוּנְף אוּן צְוָואנְצִיג יָאר, (וָואס דִי דָאקְטוֹרִים הָאבְּן אִים גֶעגֶעבְּן אִינְגַאנְצְן אַפָּאר חֳדָשִׁים), זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִצְוַת הַכְנָסַת כַּלָּה, אִיבֶּערְדֶעם הֶעלְף מִיר אוֹיבֶּעט אַרוֹיס מִיט דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת כַּלָּה, אִיךְ זָאל קֶענֶען גְרִינְג חֲתוּנָה מַאכְן יוּנְגֶע פָּארְפָאלְק וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ אִינְטֶערְגֶענוּמֶען זֵיי חֲתוּנָה מַאכְן.

**זֶעה** זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין דִי צְוַויי מִצְוֹות, הַכְנָסַת כַּלָּה, אוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים, וֶועט דִיר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים נִישְׁט פַארְלָאזְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן פְרֵיילִיכְן טָאג**

# תצה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר קֹרַח כ"ט סִיוָן ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דָאס** גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה צוּקוּמֶען אוֹיף דֶעם עוֹלָם אִיז צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אַ אִיד דַארְף זַייעֶר פְרֵיילִיךְ זַיין מִיט "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי צָדוֹק הַכֹּהֵן זי"ע אִין זַיין סֵפֶר (פְּרִי צַדִּיק חַג הַשָּׁבוּעוֹת - אוֹת יג) דָאס אֵיינְמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי"ע פַארְפֶעלְט צוּ זָאגְן דִי בְּרָכָה "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", אוּן וֶוען מֶען הָאט אִיהְם גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס הָאט עֶר אוֹיסְגֶעלָאזְט דִי בְּרָכָה הָאט עֶר גֶעֶנְטְפֶערְט וֶוען אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פוּן שְׁלָאף אוּן גֶעזָאגְט דִי סֵדֶר הַבְּרָכוֹת אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וָואס זִיךְ מְחַיֶה זַיין זִיךְ, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט מִיךְ גֶעוואלְט אִינְגַאנְצְן צוּבְּרֶעכְן, הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען, וָואס סְ'זָאל נָאר נִישְׁט זַיין, אָבֶּער אִיךְ בִּין בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן מִזֶרַע יִשְׂרָאֵל,

און שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי כְּגוֹיֵי הָאֲרָצוֹת, הָאבּ אִיךְ שְׁנֶעל גֶעזָאגְט דִי בְּרָכָה "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", און מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְחַיֶּה גֶעוֶועןְ, זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם דָאס אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִּיק ווִי דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי"ע וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִיהְם אָנְגֶערוּפְן "פְּאֵר הַדּוֹר" און עֶר אִיז דֶער תְּפִילִין פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ס"ז), און פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וָואס זִיךְ מְחַיֶּה צוּ זַיין נָאר מִיט דֶעם, עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה בְּאֵין עֶרֶךְ דַארְפְן מִיר זִיךְ אַוַודַאי און אַוַודַאי מִיט דֶעם מְחַיֶּה זַיין זִיךְ, דָאס ווִי סְ'זָאל נָאר נִישְׁט זַיין זֶענֶען מִיר בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל, און דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער שִׂמְחָה, און מִיט דֶעם ווַייזְט אַ אִיד דָאס עֶר אִיז חָשׁוּב און טֵייעֶר בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם דִי נְשָׁמָה פוּן יֶעדְן אִיד אִיז אַ חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַּעַל, און עֶס צִיט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיף אוֹיבְן צוּ רוּחָנִיּוּת מַשִּׂיג צוּ זַיין גֶעטְלִיכְקֵייט, נָאר דֶער גַשְׁמִיּוּת פוּן גוּף צִיט אִיהְם שְׁטֶענְדִיג אַרָאפּ צוּ נַארִישְׁקֵייט און דִמְיוֹנוֹת וְכוּ' פוּן דִי וֶועלְט, אִיבֶּערְדֶעם וֶוען אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיט זַיין פִּינְטֶעלֶע אִיד וָואס עֶר אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אַ אִיד און נִישְׁט קַיין גוֹי, מִיט דֶעם ווַייזְט עֶר אַרוֹיס אַז עֶר אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה, און בִּפְרַט אַז עֶר טוּט אַ מִצְוָה בְּשִׂמְחָה מִיט דֶעם ווַייזְט עֶר אַרוֹיס דָאס רֵיינְקֵייט פוּן זַיין הַארְץ, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א') כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו.

**אִיךְ** ווייס אַז דָאס אִיז דֶער שְׁוֶוערְסְטֶער זַאךְ וָואס אַ אִיד דַארְף קוּמֶען צוּ דֶעם, וָוארוּם וֶועלְדִיג וָואס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם יֶעדְן טָאג שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ', דֶער מִיט פַּרְנָסָה וְכוּ', דֶער מִיט קִינְדֶער וְכוּ', דֶער מִיט שְׁלוֹם בַּיִת וְכוּ', דֶער מִיט שְׁכֵנִים וְכוּ', פוּן דֶעם אַלֶעם אִיז אִיהְם זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ קוּמֶען צוּ אֱמֶת'ע שִׂמְחָה, אָבֶּער וֶוען אַ אִיד שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דֶעמָאלְט אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אוּן מִיט דֶעם אִיז עֶר מְקַיֵים יֶעדֶע מִינוּט עֶקְסְטֶערֶע מִצְוֹות עֲשֵׂה, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס בַּאוַוייזְט אַז זַיין הַארְץ אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה, אִין יִחוּד הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ, וָואס דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה וָואס אִין דֶעם אִיז תָּלוּי אַלֶע מִצְוֹות, אִיבֶּערְדֶעם זֶעה דִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט שִׂמְחָה, אוּן דוּ זָאלְסְט בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן.

**גֶעוואוֹין** זִיךְ צוּ זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין אַלֵיין, וואוּ דוּ וֶועסְט גֵייט וֶועסְטוּ מִיטְגֵיין מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ.

**אַז** וואוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס לֵייגְט אַרַיין דִי דִיבּוּרִים בַּיי זִיךְ אִין הַארְץ, וֶועט אִיהְם גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן פְרֵיילִיכְן טָאג**

# תצו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר קֹרַח כ"ט סִיוָן ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ דַארְפְסְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן דָאס סוֹף כָּל סוֹף בִּיסְטוּ אַ חָתָן גֶעוָוארְן, אוּן בַּאלְד וֶועסְטוּ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ צוּגְרֵייטְן צוּ דֶעם.

אַזוֹי ווִי מֶען הָאט בַּאשְׁטִימְט דִי חַתוּנָה אוֹיף אִינְמִיטְן ווִינְטֶער, וָואס דָאס אִיז אַ חֶשְׁבּוֹן פוּן אַ הַאלְבּ יָאר, אוּן אִיךְ ווֵיים אַז עֶס אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער וְכוּ', אוּן עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל אָפְּשְׁטִיפְּן, צְווִישְׁן תְּנָאִים אוּן חֲתוּנָה, ווִי עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט אַמָאל "וֶוען אִיךְ קֶען אַיינְפִירְן אִין דִי וֶועלְט, אִיז הַיינְט תְּנָאִים, אוּן מָארְגְן חַתוּנָה, אוּן מֶען גְרֵייט צוּ דִי כַּלָה אַ וָואךְ פְרִיעֶר" וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאסְט נִישְׁט קַיין בְּרֵירָה אַזוֹי הָאט מֶען בַּאשְׁטִימְט, גֶעב אִיךְ דִיר אַן עֵצָה, דוּ זָאלְסְט שׁוֹין נֶעמֶען מַסֶכֶת בְּרָכוֹת אוּן אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען אַ דַף נָאךְ אַ דַף, אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט אַלֶעס וְכוּ', זָאלְסְטוּ זֶעהְן צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַסַאךְ דַפִּין, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן מַסֶכֶת שַׁבָּת וְכוּ' וְכוּ', דָאס הֵייסְט דוּרְכְלֶערְנֶען אֵיין מַסֶכְתָּא נָאכְן אַנְדֶערֶע, בִּיז דוּ וֶועסְט

עֶנְדִיגְן צוּ דִי חֲתוּנָה גַאנְץ שַׁ"ס, אוּן מִיט אַ שְׁטַארְקְן רָצוֹן קֶען מֶען דָאס בַּאוַוייזְן, אַזוֹי וֶועסְטוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רי"ד) דָאס תַּלְמוּ"ד בַּאטְרֶעפְט אַזוֹי וִוי דִי קְלִיפָּה וָואס אִיז מַכְשִׁיל דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט עֲבֵירוֹת, אִיבֶּערְדֶעם אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ גְמָרָא וֶוערְט מֶען בַּאהִיט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן וַוייל עֶס אִיז דָא יֶעצְט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ', אִיז דִי עֵצָה אַנְטְלוֹיפְן אַרַיין אִין דִי גְמָרָא.

אִיךְ ווייס אַז זֵייעֶר אַסַאךְ מַאכְן פוּן דֶעם לֵצָנוּת אָבֶּער שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ט') "אִם חָכַמְתָּ חָכַמְתָּ לָּךְ וְלַצְתָּ לְבַדְּךָ תִשָּׂא"; אוֹיבּ דוּ בִּיסְט קְלוּג בִּיסְטוּ קְלוּג פַאר זִיךְ, אוּן אוֹיבּ מַאכְסְט לֵיצָנוּת פוּן דֶעם מַאכְסְטוּ לֵיצָנוּת פוּן זִיךְ אַלֵיין, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס אַ חָתָן קֶען זוֹכֶה זַיין אִין דֶער צַייט בִּיז עֶר הָאט חַתוּנָה, יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן, אוּן דֶער עִיקָר לֶערְנֶען אַסַאךְ דַפִּין גְמָרָא, אוּן אַזוֹי אוֹיבֶּעט לֶערְנֶען שׁוּלְחָן עָרוּךְ כְּסִדְרָן, אֲפִילוּ מְחַבֵּר רְמָ"א, פוּן אָנְפַאנְג אוֹרַח חַיִּים וְכוּ', אוּן אַזוֹי וֶוען עֶר וֶועט קוּמֶען צוּ דִי חוּפָּה וֶועט עֶר הָאבְן מִיט זִיךְ דוּרְכְגֶעלֶערְנְט אַפָּאר מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, גַאנְץ שַׁ"ס, אוּן ד' חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ מְחַבֵּר רְמָ"א, אַז וואוּיל אִיז דֶעם חָתָן וָואס עֶר פִירְט זִיךְ אַזוֹי, דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר זַיין זִיכֶער אַז עֶר וֶועט בַּאהִיט וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

**אִיךְ** ווייס אַז עֶס אִיז דִיר זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער, אָבֶּער פִּיר זִיךְ אַזוֹי, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין צַייט צוּ טְרַאכְטְן זַייטִיגֶע מַחְשָׁבוֹת וְכוּ'.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן פְּרֵיילִיכְן טָאג**

## תצו

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר קֹרַח כ"ט סִיוָן ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... שֶׁיִחְיוּ**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן עֶנְקֶער בְּרִיוו.

**עֶס** וואוּנְדֶערְט מִיר זֵייעֶר וִוי אִיר לָאזְט אֵייעֶר טָאכְטֶער זִיךְ אַזוֹי אַרוּמְדְרֵייעֶן וְכוּ' וְכוּ', בְּשָׁעַת דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּמִדְבָּר רַבָּה פָּרָשָׁה י"א סִימָן ה') וְיִשְׁמְרֶךָ בְּבָנוֹת שֶׁצְרִיכוֹת שְׁמִירָה; אַ טָאכְטֶער דַארְף הָאבְּן מֶער שְׁמִירָה וִוי אַ זוּהְן, בִּפְרַט הַיינְטִיגֶע צַייטְן וָואס דֶער דוֹר אִיז אַזוֹי הֶפְקֶר דַארְף מֶען זֵייעֶר זֵייעֶר אָכְּטְגֶעבְּן אוֹיף אַלֶע קִינְדֶער מִיט וֶועמֶען זֵיי חַבְר'ן זִיךְ? וואוּ זֵיי גֵייעֶן? מֶען דַארְף זֵייעֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף קִינְדֶער, וּבִפְרַט אוֹיף טֶעכְטֶער, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין ק:) בַּת לְאָבִיהָ מַטְמוֹנֶת שָׁוְא, מִפַּחְדָּהּ לֹא יִישַׁן בַּלַּיְלָה, בְּקַטְנוּתָהּ שֶׁמָא תִּתְפַּתֶּה, בְּנַעֲרוּתָהּ שֶׁמָא תִזְנֶה, בָּגְרָה שֶׁמָא לֹא תִינָּשֵׂא, נִישְּׂאת שֶׁמָא לֹא יִהְיוּ לָהּ בָּנִים; מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן מִיר וֶועט דָאס נִישְׁט פַּאסִירְן וְכוּ', קֵיינֶער אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעזָארְגְט, וָוארוּם אֲפִילוּ פוּן דִי בֶּעסְטֶע הֵיימִישֶׁע

שְׁטוּבֶּער אַז מֶען גֶעט נִישְׁט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער גֵייעֶן זֵיי אַרוֹים לְתַרְבּוּת רָעָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְן טַאטֶע מַאמֶע זִיךְ אָפְּגֶעבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן זֵיי אַרוֹיסְוַוייזְן אַסַאךְ לִיבְּשַׁאפְט, אוּן זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְן אִין זֵייעֶר פְּרָאבְּלֶעמֶען, נִישְׁט גֵיין מִיט זֵיי מִיט אַ שְׁטְרֶענְגֶע הַאנְט, נָאר מִיט גוּטְ'ן, וְעַל כּוּלָם דַארְף מֶען אַסַאךְ טְרֶערְן פַארְגִיסְן פַארְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז מֶען זָאל הָאבְּן גֶערָאטֶענֶע גוּטֶע קִינְדֶער, וָוארוּם אָן תְּפִלָּה וֶועט דָאס נִישְׁט גֵיין.

**אִיךְ** בֶּעהְט עֶנְק זֵייעֶר, גֶעט זֵייעֶר אָכְטוּנג אוֹיף אֵייעֶר טָאכְטֶער.

**אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן פְרֵיילִיכְן טָאג**

## תצח

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר קֹרַח ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**פְּרֶעג** נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת, אוֹיבּ דוּ הָאסְט אַ מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ קוֹיפְן אַ דִירָה אָדֶער אַ הוֹיז, זָאלְסְטוּ דָאס טוּהְן וָואס שְׁנֶעלֶער, וָואס דַארְפְסְטוּ פְרֶעגְן אַזוֹיפִיל קַשְׁיוֹת, אוּן וָואס דַארְפְסְטוּ זַיין מִיט בִּלְבּוּלִים וְכוּ' וְכוּ'.

**אַ** אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן דֶעם אֶמֶתְ'ן יִשּׁוּב הַדַּעַת אוּן דָאס אִיז מֶען זוֹכֶה נָאר אוֹיבּ מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ

רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי ווי מֶען רֶעדְט צוּ אַ טַאטֶען, און דֶעם מַתָּנָה הָאבְּן מִיר בַּאקוּמֶען פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיבֶּערְדֶעם פְרֶעג נִישְׁט אִיבֶּער דִי זֶעלְבֶּע קַשְׁיָא אַזוֹיפִיל מָאל, אַ תֵּירוּץ אִיז נָאר דָא אֵיינְס, אַ אִינְגֶערְמַאן דַארְף הָאבְּן אַ אֵייגֶענֶע דִירָה און נִישְׁט וואוֹינֶען בַּיי יֶענֶעם וְכוּ', אַז עֶר קֶען נִישְׁט דַארְף עֶר וַוארְטְן און בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טָאג אַיין און טָאג אוֹיס בִּיז עֶר וֶועט אִיהְם גֶעבְּן אַ אֵייגֶענֶע דִירָה, וָוארוּם וָואס תְּפִלָּה טוּט אוֹיף טוּט קַיין שׁוּם זַאךְ נִישְׁט אוֹיף.

וָוען דוּ וָואלְסְט גֶעאַרְבֶּעט נָאר אוֹיף אֵיין נְקוּדָה, זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם בִּלְבּוּלִים וְכוּ', און וָואלְסְט נִישְׁט גֶעהַאט אַזוֹיפִיל צָרוֹת וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם זֶעה צוּ אַרְבֶּעטְן נָאר אוֹיף נְקוּדַת הַשִּׂמְחָה שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ צוּ זַיין, עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (תְּצַוֶּה קפד:) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים ק' ב') "עִבְדוּ אֶת הַוַי"ה בְּשִׂמְחָה", חֶדְוָה דְּבַר נַשׁ מָשִׁיךְ לְגַבֵּיה חֶדְוָה אַחֲרָא עִלָּאָה, [דִי שִׂמְחָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, בְּרֶענְגְט אִיהְם אַ שִׂמְחָה פוּן יֶענֶע וֶועלְט].

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן חוֹדֶשׁ**

# תצט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר קֹרַח ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז ה'תשע"ב

## שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֶעה שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ צוּ זַיין, זָאלְסְט גֵיין מִיט אַ לֶעבְּטִיג פָּנִים, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קנ"ג) אַז מֶען גֵייט שְׁטֶענְדִיג מִיט אַ לֶעבְּטִיג פָּנִים קֶען מֶען זֶעהְן אִין זַיין פָּנִים דֶעם פָּנִים פוּן צַדִיק, וָוארוּם דֶער צַדִיק אִיז דָבוּק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס בַּיי אִיהְם שְׁטֵייט (דִּבְרֵי הַיָּמִים א' ט"ז) "עוֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ", ווידֶערוּם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ג) וֶוען אַ אִיד גֵייט שְׁטֶענְדִיג מִיט אַ פְרֵיילִיךְ פָּנִים אִיז אַ סִימָן עֶר הַאלְט זִיךְ אִין דִי קְדוּשָׁה אוּן עֶר הָאט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר זָארְגְט נִישְׁט קַיין פְרֶעמְדֶע דַאֲגוֹת, עֶר הָאט בִּטָחוֹן אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר וֶועט אִיהְם נִישְׁט פַארְלָאזְן, עֶר וֶועט אִיהְם גֶעבְּן וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן, אוּן ווידֶערוּם פַארְקֶערְט וֶוען אֵיינֶער דְרֵייט זִיךְ אַרוּם מִיט אַ זויעֶר פָּנִים אַ פָּנִים פוּן מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן עַצְבוּת דֶער אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִי טוּמְאָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן עֶר הָאט אִין זִיךְ בַּאהַאלְטְן כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, אוֹיף אִיהְם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער לַאו (שְׁמוֹת כ) "לֹא יִהְיֶה לְךָ אֱלֹהִים אֲחֵרִים עַל פָּנָי", מֶען זָאל נִישְׁט זֶעהְן דִי עֲבוֹדָה זָרָה אוֹיף דַיין פָּנִים, אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג אַרוּמְגֵיין מִיט אַ שְׁמֵייכְל,

און מִיט דֶעם אִיז עֶר מְחַזֵק אוֹיכֶעט אַן אַנְדֶערֶע אִיד, אַז וואוֹיל אִיז דֶעם אִיד וָואס עֶר קֶען דָאס בַּאוַוייזְן, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (כְּתוּבּוֹת קיא:) טוֹב הַמַּלְבִּין שִׁינַּיִם לַחֲבֵירוֹ יוֹתֵר מִמַּשְׁקֵהוּ חָלָב שֶׁנֶּאֱמַר (בְּרֵאשִׁית מ"ט י"ב) "וּלְבֶן שִׁנַּיִם מֵחָלָב" אַל תִּקְרֵי לְבֶן שִׁינַּיִם אֶלָּא לִבּוּן שִׁינַּיִם; עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ וַוייזְן פַאר אַ צְוֵוייטְן אַ שְׁמֵייכְל אַז מֶען זָאל זֶעהְן זַיינֶע צֵיינֶער ווִי אֵיידֶער אִיהְם גֶעבְּן אַ גְלָאז מִילְךְ, אַזוֹי חָשׁוּב און טֵייעֶר אִיז שְׁמֵייכְלֶען פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, וָואס מִיט דֶעם קֶען מֶען אִיהְם מְחַיֶה זַיין.

עֶם וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אַז אַמָאל הָאט דֶער גְרוֹיסֶער בַּעַל מוּסָר רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער זי"ע גֶעזֶעהְן אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרוּם מִיט אַ זוֹיעֶר פָּנִים, הָאט עֶר אִיהְם גֶעזָאגְט ר' אִיד אִיר וֵוייסְט אַז אֵיינֶער מַאכְט אַ בּוֹר בִּרְשׁוּת הָרַבִּים אִיז חַיָיב בְּנִזְקִין, דֶער פָּנִים אִיז אַ רְשׁוּת הָרַבִּים, יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען קוּקֶען אוֹיף דֶעם, און אַז אִיר גֵייט אַרוּם מִיט אַ זוֹיעֶר פָּנִים זֶענְט אִיר גוֹרֵם אַז נָאךְ מֶענְטְשְׁן זָאלְן אַרֵיינְפַאלְן מִיט אַ זוֹיעֶר פָּנִים, זֶענְט אִיר חַיָיב בְּנִזְקִין וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְף אַ יֶעדֶער אִיד שְׁטֶענְדִיג גֵיין מִיט אַ שְׁמֵייכְל און זִיךְ מַאכְן ווִי מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, און דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען אַ אֱמֶת'ע שִׂמְחָה.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן חוֹדֶשׁ**

## תק

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם א' לְסֵדֶר חוּקַּת ד' תַּמּוּז ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעהְט דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק דוּ זָאלְסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ זָאל דִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן, נֶעם דֶעם קוּנְטְרֵס "מְצִיאַת הַזִּיווּג" אוּן דוּ זָאלְסְט זָאגְן דִי תְּפִילּוֹת אוּן דִי פַּרְשָׁה פוּן נְשִׂיאִים פֶערְצִיג טֶעג וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַ גוּטְן שִׁידוּךְ, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס תְּפִלָּה אִיז, וֶוען אַ אִיד בֶּעהְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט אַן אֱמֶת וֶוערְט עֶר גֶעהָאלְפְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קמ"ה) "קָרוֹב הֲוָיָ"ה לְכָל קוֹרְאָיו לְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָאֻהוּ בֶאֱמֶת". זַיי זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, דוּ הָאסְט אוֹיבֶּעט אַ בַּת זוּג, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ב.) אַרְבָּעִים יוֹם קוֹדֶם יְצִירַת הַוְּלַד בַּת קוֹל יוֹצְאֵת וְאוֹמֶרֶת בַּת פְּלוֹנִי לִפְלוֹנִי.

דֶערְוַוייל זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וָואס דָאס אִיז מְטַהֵר דֶעם נֶפֶשׁ פוּן אַלֶעם בֵּייזְן, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן יֶעדְן טָאג זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (אִין מִדְרַשׁ תַּלְפִּיּוֹת) דָאס אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט אוֹיף פִּתְחוֹ שֶׁל גֵיהִנּוֹם, אוּן וֶוער עֶס הָאט אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת לָאזְט עֶר אִיהְם נִישְׁט דָארְטְן אַרַיין, עֶר זָאגְט, דִי נְשָׁמָה בַּאלַאנְגְט צוּ מִיר, אוּן דֶער חִידָ"א בְּרֶענְגְט אַ רֶמֶז אוֹיף

דֶעם אַז עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית מ״ט) ״מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ״ שְׁמֵנָ״ה
אִיז דִי אוֹתִיוֹת מִשְׁנֶ״ה.

שְׁטַארְק זִיךְ וֶועט דִיךְ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים נִישְׁט פַארְלָאזְן,
דוּ וֶועסְט זֶעהְן גְרוֹיסֶע נִסִּים.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג**

## תקא

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א׳ לְסֵדֶר חוּקַת ד׳ תַּמּוּז ה׳תשע״ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**זֶעה** זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אַרָאפְּוַוארְפְן, וָוארוּם בָּזֶה הָעוֹלָם גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ׳, אַסַאךְ מָאל קִילְט עֶר זִיךְ אָפּ פוּן דִי אֱמוּנָה וְכוּ׳, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן כ״ב) הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה בְּאָדָם; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט קוּמְט אִין אִיהְם אַרַיין כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת אוּן שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען יֶעדְן טָאג בֶּעטְן פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ אוּן אַ רֵיינֶע מַחְשָׁבָה, עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוֹיף אִיהְם, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר אִיז שְׁטַארְק אִין תְּפִלָּה.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ גָארְנִישְׁט נֶעמֶען צוּם הַארְץ וְכוּ' עֶס לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְּעֶסְן זִיךְ פוּן גָארְנִישְׁט וְכוּ', הֵן אֱמֶת אִיךְ וֵויים אַז עֶס טוּט דִיר זֵייעֶר וֵויי דֶער גַאנְצֶער סִיפּוּר מִיט וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאבּ אִיךְ זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען נָאכְדֶעם וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט מִיט מִיר וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט וְכוּ', אַז אִיךְ וֶועל מְחַזֵק זַיין יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיף דִי נְקוּדָה עֶר זָאל נִישְׁט נֶעמֶען צוּם הַארְץ יֶעדֶע זַאךְ, וָוארוּם אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען זִיךְ צוּם הַארְץ קוּק וָואס פַּאר אַ פָּנִים אִיךְ הָאבּ וְכוּ'.

**אַיין** נֵס מִיר הָאבְּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט זַיינֶע לִימוּדִים, מִיט דֶעם קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן דָאס דֶערְהַאלְט מִיךְ שׁוֹין קָרוֹב צוּ זֶעבְּצִיג יָאר וָואס אִיךְ וֵויים פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט זַיינֶע עֵצוֹת, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן מוּז מֶען רֶעדְן פוּן דֶעם אוּן שְׁטַארְקְן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן.

**אוֹיבּ** דוּ וָואלְסְט גֶעקֶענְט צוּקוּמֶען צוּ מִיר וָואלְט אִיךְ דִיר מַסְבִּיר גֶעוֶוען כַּמָה עִנְיָנִים בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵייליכְן תָּמִיד**

# תקב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב׳ לְסֵדֶר חוּקַת ה׳ תַּמוּז ה׳תשע״ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דַארְפְסְט** ווִיסְן אַז אוֹיף דֶעם עוֹלָם גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, דֶער לַיידְט יִסוּרִים פוּן גוּף וְכוּ׳, דֶער לַיידְט יִסוּרִים פוּן קִינְדֶער וְכוּ׳, דֶער לַיידְט יִסוּרִים פוּן פַּרְנָסָה וְכוּ׳, אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ וָואס זָאל נִישְׁט הָאבְּן עֶפֶּעס אַ צָרָה, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ וֶועג ווִי דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זֶעהְן צוּ זוּכְן אוּן טְרֶעפְן אִין דִי צָרוֹת גְרוֹיסֶע הַרְחָבוֹת אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן קצ״ה) אַז דָאס אִיז גֶעוֶועזְן דִי כַּוָונָה וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט (תְּהִלִּים ד׳) ״בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי״ אִין דִי צָרוֹת הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן גְרוֹיסֶע הַרְחָבוֹת, דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט מִיטְגֶעמַאכְט צָרוֹת אוּן יִסוּרִים פוּן זִינְט עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן וְכוּ׳, דִי בְּרוּדֶער הָאבְּן אִיהְם פַארְטְרִיבְּן וְכוּ׳, אוּן נָאכְדֶעם הָאט אִיהְם דֶער שְׁוֶוער גֶעוָואלְט הַארְגֶענֶען וְכוּ׳, אוּן נָאכְדֶעם הָאט דָאס וַוייבּ פוּן אִיהְם גֶעשְׁפֶּעט וְכוּ׳, אוּן נָאכְדֶעם הָאט זַיין אֵייגְן זוּהְן אַבְשָׁלוֹם אִיהְם גֶעוָואלְט הַארְגֶענֶען וְכוּ׳, אוּן אוֹיסֶער דֶעם אִיז אִין זַיין דוֹר גֶעוֶועזְן דִי גְרֶעסְטֶע לֵצִים, וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט פוּן אִיהְם אַלֶע מִינֵי לֵיצָנוּת, ווִי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי שְׁקָלִים פֶּרֶק א׳ הֲלָכָה א׳) אֵין דּוֹר שֶׁאֵין בּוֹ לֵיצָנִים כְּדוֹרוֹ

שֶׁל דָוִד; און פונֶדעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר דֶערְהַאלְטְן, און עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן הַרְחָבוֹת אִין זַיינֶע צָרוֹת.

**און** דָאס אִיז פַּאר אונְז אַ מוֹרָא'דִיגְן טִיפְן לִימוד, אַז אַ אִיד טָאר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פון קַיין שׁוּם זַאךְ וְכוּ', אֲפִילוּ עֶס גֵייט אוֹיף אִיהְם אִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ', פונֶדעסְטְוֶועגְן דַארְף עֶר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט שִׂמְחָה, וָוארוּם שִׂמְחָה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (דִבְרֵי הַיָמִים א' ט"ז) "עוֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ", דָארְטְן בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶערְשְׁט נָאר שִׂמְחָה, דָאס אִיז אַ סִימָן וֶוען אַ אִיד אִיז אִין דִי קְדוּשָׁה, וֶוען עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְּרֵיילִיךְ, און עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר (תְּצַוֶה קפד:) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִים ק' ב') "עִבְדוּ אֶת הַוָיָ"ה בְּשִׂמְחָה", חֶדְוָה דְבַּר נַשׁ מָשִׁיךְ לְגַבֵּיה חֶדְוָה אַחֲרָא עִלָאָה, [דִי שִׂמְחָה פון אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, בְּרֶענְגְט אִיהְם אַ שִׂמְחָה פון יֶענֶע וֶועלְט].

**אַז** וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר גֵייט מִיט דֶעם דֶרֶךְ, וֶועט אִיהְם גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג**

# תקג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר חוּקַּת ה' תַּמּוּז ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

דוּ גֵייסְט מִיר זָאגְן וָואס צִיוֹנוּת אִיז וְכוּ', אִיךְ לֶעבּ דָאס אוֹיף מַיין הוֹיט וְכוּ', דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע רְשָׁעִים וָואס זֵיי זֶענֶען דִי עֵרֶב רַב וֶוערְן גֶעשְׁטִיצְט נָאר דוּרְךְ דִי רַע-בָּנִים, וָוארוּם דִי סְפַרְדִישֶׁע אִידְן קֶען מֶען נִישְׁט מַעֲבִיר זַיין עַל הַדַּת בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפָן, זֵיי זֶענֶען שְׁטַארְקֶער אִין אֱמוּנָה וִוי אַשְׁכְּנַזִ'ישֶׁע אִידְן, נָאר מֶען הָאט זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דָאס אוֹיף אַ רָב טָאר מֶען נִישְׁט רֶעדְן, וִוייפֶער זֵיי הֶערְן רֶעדְן אוֹיף "כְּבוֹד הָרַב" ווִילְן זֵיי שׁוֹין גָארְנִישְׁט מְקַבֵּל זַיין, גֵיי דֶערְצֵייל זֵיי וֶוער זֶענֶען דִי רַע-בָּנִים מִטַּעַם, דָאס זֶענֶען דַאךְ שְׁלוּחִים פוּן סַמֶ"ךְ מֶ"ם, זֵיי זֶענֶען דִי עֵרֶב רַב, וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (רַעֲיָא מְהֵימְנָא נָשֹׂא קכה:) וְאִתְהַדְּרוּ אִינוּן עֵרֶב רַב רַעְיָין עַל יִשְׂרָאֵל עָאנָא דְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא דְאִתְּמַר בְּהוּ (יְחֶזְקֵאל ל"ד) "וְאַתֵּן צֹאנִי צֹאן מַרְעִיתִי אָדָם" וְכוּ', [דִי עֵרֶב רַב וֶוערְן פַּאסְטֶעבֶער אוֹיף דִי אִידְן וָואס זֵיי זֶענֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶערְ'ס שֶׁעפֶּעלֶעךְ], וְאִינוּן עֵרֶב רַב אִינוּן עֲתִירִין בְּשַׁלְוָה בְּחֶדְוָוא בְּלָא צַעֲרָא בְּלָא יְגוֹנָא כְּלָל [אוּן דִי עֵרֶב רַב דִי פַאלְשֶׁע מַנְהִיגִים זֵיי זֶענֶען רַייךְ אוּן זִיצְן רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ אָן קַיין שׁוּם צַעַר] גַּזְלָנִין מָארֵי שׁוֹחַד דְאִינוּן דַיָּינִין רֵישֵׁי עַמָּא (בְּרֵאשִׁית ו') "כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ חָמָס מִפְּנֵיהֶם" עֲלֵייהוּ אִתְּמַר (אֵיכָה א' ה)

"הָיוּ צָרֶיהָ לְרֹאשׁ", [זֵיי זֶענֶען דִי גַזְלָנִים, זֵיי נֶעמֶען שׁוֹחַד, אוּן זֵיי זֶענֶען דִי דַיָינִים אוּן דִי הוֹיפְּטְן פוּן אִידִישְׁן פָאלְק, דִי צָרִים זֶענֶען גֶעוָוארְן רָאשִׁים], דֶער רֹאשׁ הַכּוֹפְרִים אִיז גֶעוֶוען אַ חָכָם לְהָרַע, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז כְּדֵי מַעֲבִיר זַיין עַל הַדַת דִי סְפַרְדִישֶׁע אִידְן וֶועט נִישְׁט גֵיין נָאר דוּרְךְ רַע-בָּנִים, הָאט עֶר אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ רַבָּנוּת, אוּן דִי זֶענֶען גֶעוֶוען דִי שְׁלוּחִים וָואס זֵיי הָאבְּן מַעֲבִיר גֶעוֶוען עַל הַדַת, אִיבֶּערְדֶעם וֶוער עֶס הָאלְט נָאר פוּן אַ רַב מִטַעַם זָאל עֶר זַיין ווִי גְרוֹיס עֶר אִיז וְכוּ', עֶר אִיז אַלֵיין אַ צִיוֹנִי אוּן נָאךְ אַרְגֶער וְכוּ'.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרַיינְגֶעצוֹיגְן אִין אַ שְׁטֶעטְל וָואס עֶס הֵייסְט יַבְנְאֵל, דָארְטְן הָאט מֶען מַעֲבִיר גֶעוֶוען עַל הַדַת צְוֵוי עֵדוֹת, דִי תֵּימָנֶ'ער אִידְן, אוּן דִי תּוּנִיסֶ'ער אִידְן, דָארְטְן זִיצְט אַ שְׁטְרָאף (רָב), דִי מִקְוֶה אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן פָּסוּל, אוֹיסֶערְדֶעם עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין וַואסֶער אִין דִי אוֹצְרוֹת, אַ עֵירוּב הָאט עֶר נִישְׁט גֶעלָאזְט מַאכְן, אַ שׁוֹחֵט הָאט עֶר גֶעהַאט אַ קַל וָורִיק אוּן אַ פּוֹחֵז וְכוּ', עַד הַיוֹם אִיז עֶר לוֹחֵם אַקֶעגְן אוּנְז מִיט אַלֶע מִינֵי מְסִירוֹת, וָואס מִיר הָאבְּן דָא דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אִיז נִישְׁט צוּ בַּאשְׁרַייבְּן, אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוּן עַקְשָׁנוּת הָאבְּן מִיר שׁוֹין הַיינְט דָארְטְן אַ קְהִילָה פוּן אִיבֶּער פִיר הוּנְדֶערְט מִשְׁפָּחוֹת, נָאנְט צוּ טוֹיזֶענְט קִינְדֶער, וָואס אַלֶעם וֶוערְט גֶעפִירְט עַל טַהֲרַת הַקוֹדֶשׁ, עֶס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט גְלֵייבְּן, אִין אַ שְׁטֶעטְל וואוּ מֶען הָאט מַעֲבִיר גֶעוֶוען עַל הַדַת צְוֵויי הֵיילִיגֶע עֵדוֹת וְכוּ', זָאל דָארְטְן יֶעצְט בְּלִיעֶן אִידִישְׁקֵייט, אוּן

די רְשָׁעִים מִיטְן שְׁטְרָאף (רָב) רוּעֶן נִישְׁט אַיין אֲפִילוּ אֵיין מִינוּט, ווי דֶער נָבִיא זָאגְט (יְשַׁעְיָה נ"ז כ') "וְהָרְשָׁעִים כַּיָם נִגְרָשׁ כִּי הַשְׁקֵט לֹא יוּכָל" אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט פוּן דֶעם, וְכוּ', אוּן מֶען מַאכְט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג פוּן דֶעם וְכוּ', גֵייסְטוּ מִיר לֶערְנֶען וָואס צִיוֹנוּת אִיז? נִישְׁט אֵיינְמָאל הָאט מֶען אוֹיפְגֶעוֶועקְט מֶענְטְשְׁן פוּן טִיפְן שְׁלָאף אוּן אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט פוּן בֶּעט אוּן אַיינְגֶעזֶעצְט אִין תְּפִיסָה פַאר גָארְנִישְׁט אוּן נִישְׁט, מֶען הָאט אַלֶע טִיטְשֶׁערְס גֶעקֵייטֶעלְט אוּן אַיינְגֶעזֶעצְט וְכוּ', דָאס וֵוייסְט קֵיינֶער נִישְׁט, אַלֶעס פוּן דִי מְסִירוּת פוּן דֶעם שְׁטְרָאף (רָב), גֵייסְטוּ מִיר לֶערְנֶען וָואס הֵייסְט צִיוֹנוּת? דָאס אִיז פַארְשָׁאלְטֶענֶע רְשָׁעִים, וֶוען נִישְׁט זֵייעֶרֶע רַע-בָּנִים וָואלְטְן זֵיי קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקֶענְט מַעֲבִיר זַיין עַל הַדָת, דָאס וֵוייסְט קֵיינֶער נִישְׁט נָאר וֶוער עֶס לֶעבְּט מִיט דֶעם.

אִיךְ לַאדֶען דִיר אַיין דוּ זָאלְסְט קוּמֶען פְּלוּצְלִינְג אִין שְׁטֶעטְל, וֶועסְטוּ זֶעהְן וָואס מֶען קֶען בַּאוַוייזְן אוֹיב מֶען הָאט עַקְשָׁנוּת אוּן מֶען הַאלְט זִיךְ אוֹיפְן אוֹיסְגֶעטְרָאטֶענֶעם וֶועג וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶועֶן פוּן אוּנְזֶערֶע אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים מִדוֹר דוֹר, אוּן מִיר הַאלְטְן זִיךְ שְׁטַארְק אִין דִי שִׁיטָה פוּן הִתְבַּדְלוּת, דַיְיקָא דוּרְכְדֶעם הָאבְּן מִיר אַזַא הַצְלָחָה, וואוּ אִיז גֶעהֶערְט אַז סְפַרְדִישֶׁע פְרוֹיעֶן זָאלְן גֵיין אָפְּגֶעשָׁארְן וְכוּ', וואוּ הָאט מֶען גֶעהֶערְט אַז סְפַרְדִישֶׁע אִידְן זָאלְן גֵיין שְׁטְרַיימְל אוּן בֶּעקֶעטְשֶׁע אוּן וַוייסֶע זָאקְן שַׁבָּת וְכוּ', הוּנְדֶערְטֶער אִינְגֶעלֶעךְ כֵּן יִרְבּוּ מִיט גֶעקְרַייזְלְטֶע פֵּיאוֹת דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אוֹיף דִי גַאסְן, אוּן דָאס אִיז אַ דָארְן פַאר דִי רְשָׁעִים, אַדְרַבָּה

קוּם וֶועסְטוּ זֶעהְן וָואס דָארְטְן טוּט זִיךְ, עֶס אִיז נִישְׁט מֵאָה שְׁעָרִים אָדֶער בְּנֵי בְּרַק, אָדֶער ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, אָדֶער בָּארָא פַּארְק וְכוּ' וְכוּ', דָאס אִיז אַ פְּלַאץ וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער מְקוֹר הַטוּמְאָה, אוּן דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַלֵיין רוּהְט דָארְטְן וְכוּ', אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דַוְקָא אַז מִיר זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אוֹיף אַן אוֹיסְגֶעטְרָאטֶענֶעם וֶועג מִיט דִי שִׁיטָה פוּן הִתְבַּדְלוּת פוּן דִי רְשָׁעִים הָאבְּן מִיר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען. עֶס אִיז דָא אַסַאךְ צוּ רֶעדְן, נָאר עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ קוּמֶען אוּן זֶעהְן אוּן אִיבֶּערְצַייגְן זִיךְ.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג**

## תקד

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר חוּקַת ו' תַּמּוּז ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**זֶעה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט** (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן קי"ב) **אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְכוֹלִים לְקַלְקֵל תַּאֲמִין שֶׁיְכוֹלִין לְתַקֵּן; אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר אִיז צוּבְּרָאכְן וְכוּ', וַוייל עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן וְכוּ', אִיז דָאךְ אַ סִימָן אַז עֶר הָאט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם, וָוארוּם עֶר אִיז צוּבְּרָאכְן פַארְוָואס עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן וְכוּ', דַארְף עֶר ווִיסְן אַז עֶס נִיצְט תְּשׁוּבָה, אוּן מֶען קֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן** (פְּסָחִים קי"ט.)

יָדוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא פְּרוּסָה תַּחַת כַּנְפֵי הַחַיּוֹת כְּדֵי לְקַבֵּל בַּעֲלֵי תְשׁוּבָה; דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט מְקַבֵּל זַיין דִי אַלֶע וָואס זֵיי קֶערְן זִיךְ צוּרִיק צוּ אִיהְם, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ח) גֶעוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנְדִין, אַ אִיד טָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין אֲפִילוּ אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע בִּיטֶערְסְטֶע מַצָּבִים, וָוארוּם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אַ אָב הָרַחֲמָן, אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא פ"ו:) בֹּא וּרְאֵה שֶׁלֹּא כְּמִדַּת הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִדַּת בָּשָׂר וָדָם, מִדַּת בָּשָׂר וָדָם מַקְנִיט אֶת חֲבֵרוֹ בִּדְבָרִים סָפֵק מִתְפַּיֵּיס הֵימֶנּוּ סָפֵק אֵין מִתְפַּיֵּים הֵימֶנּוּ, וְאִם תֹּאמַר מִתְפַּיֵּים הֵימֶנּוּ סָפֵק מִתְפַּיֵּים בִּדְבָרִים סָפֵק אֵין מִתְפַּיֵּים בִּדְבָרִים, אֲבָל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה בַּסֵּתֶר מִתְפַּיֵּים מִמֶּנּוּ בִּדְבָרִים שֶׁנֶּאֱמַר (הוֹשֵׁעַ י"ד) "קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל הֲוָיָ"ה" וְלֹא עוֹד אֶלָּא שֶׁמַּחֲזִיק לוֹ טוֹבָה שֶׁנֶּאֱמַר (שָׁם) "וְקַח טוֹב" וְלֹא עוֹד אֶלָּא שֶׁמַּעֲלָה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִילוּ הִקְרִיב פָּרִים שֶׁנֶּאֱמַר (שָׁם) "וּנְשַׁלְּמָה פָּרִים שְׂפָתֵינוּ"; דָאס הֵייסְט אַז אַ בָּשָׂר וָדָם בַּאלֵיידִיגְט אַ צְוֵייטְן אִיז נִישְׁט אַזוֹי זִיכֶער אַז עֶר וֶועט אִיהְם מוֹחֵל זַיין, מַה שֶּׁאֵין כֵּן בְּאֵין עֲרֹךְ כְּלַל וֶוען אַ אִיד פַאלְט דוּרְךְ מִיט אַ שְׁוֶוערֶע זִינְד וְכוּ', אוּן עֶר קוּמְט אוּן בֶּעהְט אִיבֶּער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן טוּט תְּשׁוּבָה, אִיז עֶר אִיהְם גְלַייךְ מוֹחֵל, אִיבֶּערְדֶעם זֶעה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי דִיר, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

עֶס וָואלְט זַייעֶר גוּט גֶעוֶועןְ וֶוען דוּ גֶעווָאוֹינְסְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען מַסֶכֶת תַּעֲנִית אוּן אִיבֶּער חַזֶר'ן הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, אֲפִילוּ דוּ קֶענְסְט נִישְׁט נָאר דוּרְכְזָאגְן דִי גְמָרָא אַלֵיין אָן רַשִׁ"י אוּן תּוֹסְפוֹת, וָוארוּם דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ פַארְשְׁפָּארְן צוּ פַאסְטְן אַזוֹיפִיל תַּעֲנִיתִים וְכוּ', ווִי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין תִּיקוּנֵי עֲווֹנוֹת וְכוּ', עֶס אִיז נִישְׁט שְׁוֶוער אוֹיבּ מֶען גֶעווָאוֹינְט זִיךְ צוּ גֵייט עֶס גְרִינְג, אוּן נָאךְ צֶען צְוָואנְצִיג מָאל וֶועסְטוּ שׁוֹין אַלֵיין וֶועלְן לֶערְנֶען מִיט רַשִׁ"י, אוּן נָאךְ פֶערְצִיג מָאל וֶועסְטוּ שׁוֹין וֶועלְן לֶערְנֶען מִיט תּוֹסְפוֹת, אוּן נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ שׁוֹין וֶועלְן אַרַיינְקוּקְן אִין מְפוֹרְשִׁים אוֹיף דִי מַסֶכֶת, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ד' הֲלָכָה ח) כֵּיוָן שֶׁקִבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִיְמֵיכֶם.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג**

## תקה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר בָּלָק י"א תַּמּוּז ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

זֶעה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן זַייעֶר שְׁטַארְק, אוּן פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט וְכוּ', וָוארוּם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן, אַזוֹי ווִי מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג דְרֵיי מָאל (תְּהִלִּים קמ"ה) "טוֹב הֲוַיָ"ה לַכֹּל וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו" ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם "גָאט אִיז תָּמִיד גוּט" אַ

מֶענְטְשׁ מַחְמַת זַיינֶע עֲוונות מָאלְט עֶר זִיךְ אוֹיס אַז פוּן הִימְל אִיז מֶען אוֹיף אִיהְם בְּרוֹגֶז אוּן מֶען וִויל אִיהְם נָאר שְׁלֶעכְטְס טוּהְן וְכוּ', וָואס אִין אֱמֶתְ'ן אַריין אִיז דָאס נָאר אַ גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן וְכוּ', ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ו) פוּן אוֹיבְן קוּמְט אַרָאפּ אַ אוֹר פָּשׁוּט, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ אִיז מְצַיֵּיר דֶעם אוֹר כְּפִי זַיינֶע כֵּלִים וְכוּ', הַאלְט עֶר זִיךְ בַּיי תּוֹרָה אוּן מִצְווֹת אִיז עֶר מְצַיֵּיר דֶעם אוֹר לְטוֹב, אוּן עֶר וֵוייסְט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פִירְט אַלֶעס נָאר לְטוֹב, אָבֶּער וִויפֶער עֶר גֵייט אַוֶועק חָלִילָה וְחַס פוּן תּוֹרָה אוּן מִצְווֹת אִיז עֶר מְצַיֵּיר דֶעם אוֹר לְרַע, אוּן עֶס גֵייט אִיהְם אַרַיין אִין דִמְיוֹן כְּאִילוּ מֶען וִויל זִיךְ אִין אִיהְם נוֹקֵם זַיין וְכוּ'.

אוּן דֶער אֱמֶתְ'ן דַארְף מֶען ווִיסְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אַ אָב הָרַחְמָן, אוּן עֶר וַוארְט דָאס יֶעדֶער אִיד זָאל זִיךְ צוּ אִיהְם אוּמְקֶערְן, אוּן עֶר שִׁיקְט יֶעדְן דוֹר אַרָאפּ צַדִיקִים וָואס זֵיי זֶענֶען מְחַזֵּק אוּן מְעוֹרֵר נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּ אִיהְם, אוּן זֵיי לֶערְנֶען יֶעדְן אִיד אַ וֶועג ווִי אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן זֵייעֶרע יְרִידָה אוּן נְפִילָה וְכוּ' וְכוּ', אַז וואוּיל אִיז דֶעם אִיד וָואס אִיז זִיךְ מְקַרֵב צוּ אַ אֱמֶתְ'ן צַדִיק וָואס וֶועט אִיהְם אַרַיינְשַׁיינֶען הָאפְפֶענוּנְג ווִיאַזוֹי מֶען קֶען אוּמְקֶערְן זִיךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן דָאס מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן וָואס בְּלָאזְט אִין אוּנְז אַרַיין אַ חַיוּת אוּמְקֶערְן זִיךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג**

# תקו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר בָּלָק י"ב תַּמּוּז ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** וויסְן ס'אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ הֶעלְפְן אַן אַנְדֶערְן, וּבִפְרַט וֶועגְן דֶעם עִנְיָן פוּן שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ', וָוארוּם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט גֶעזָאגְט (שַׁבָּת קט"ז.) לַעֲשׂוֹת שָׁלוֹם בֵּין אִישׁ לְאִשְׁתּוֹ אָמְרָה תוֹרָה שְׁמִי שֶׁנִּכְתַּב בִּקְדוּשָּׁה יִמָּחֶה עַל הַמַּיִם; וּבִפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת אַז עֶס הַאנְדֶעלְט זִיךְ וֶועגְן דַיין שְׁוֶועסְטֶער וְכוּ'.

דוּ מוּזְט אִיר מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְקְן אוּן אַריינְגֶעבְּן מוּט אוּן שְׁטַארְקֵייט זִי זָאל זִיךְ נִישְׁט שְׁרֶעקְן, אוֹיבּ עֶר טוּט נִישְׁט זַיין פְלִיכְט וְכוּ', וּבִפְרַט עֶר דֶערְנִידֶערְט אִיר אַזוֹי שְׁטַארְק וְכוּ' עֶר וִויל אִיר נִישְׁט גֶעבְּן קַיין גֶעלְט וְכוּ', אוּן עֶר סְטְרַאשֶׁעט נָאךְ אַז עֶר וֶועט אִיר אִיבֶּערְלָאזְן וְכוּ', דָאס עֶרְשְׁטֶע דַארְף זִי אַריינְמִישְׁן זַיינֶע עֶלְטֶערְן (וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז עֶר הָאט פוּן דֶעם זֵייעֶר מוֹרָא וְכוּ'), אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף זִי זַיין דִי שְׁטַארְקֶע אוּן אִיהְם זָאגְן אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט טוֹישְׁן אִיז גֶעעֶנְדִיגְט דָאס גֶעשֶׁעפְט וְכוּ'.

**לֵיידֶער** לֵיידֶער זֶעהְט אוֹיס אַז עֶר אִיז זֵייעֶר פַארְדָארְבְּן, אַז עֶר הָאט אַ בְּלֶעקְבֶּערִי וְכוּ', הָאט עֶר נָאךְ אַזוֹינֶע כְּלֵי מַשְׁחִית וְכוּ', אוּן נִישְׁט בְּחִינָם קוּמְט עֶר אַהֵיים שְׁפֶּעט

און ער זָאגְט אַז ער אַרְבֶּעט אָוֶוערְטַיים בְּלַע"ז, און אויך ער וויל נִישְׁט לֶעבְּן מִיט אִיר וְכוּ', דָאס אִיז זַייעֶר אַ שְׁלֶעכְטֶער סִימָן, אַז ער אִיז נִישְׁט פַארְקְרָאכְן אִין שְׁמוּצִיגֶע פְּלֶעצֶער וְכוּ' דָאס אִיז קַיין שׁוּם שְׁאֵלָה נִישְׁט וְכוּ', וַוייל אַז אַ אִינְגֶערְמַאן וויל נִישְׁט זַיין צוּזַאמֶען וְכוּ' אִיז זַייעֶר נִישְׁט קַיין גוּטֶער סִימָן, און לֹא בְּחִינָם שְׁרַייעֶן אַלֶע צַדִיקִים אַז דָאס הַאלְטְן אַ אִינְטֶערְנֶעט אַ בְּלֶעקְבֶּערִי אַ אֵייפַּאד וְכוּ' וְכוּ', אַלֶע עֶרְלַיי אַזוֹינֶע כְּלֵי מַשְׁחִית אִיז אַ ווִיסְטֶע סַכָּנָה אַרַיינְצוּפַאלְן אִין דֶער נֶעץ פוּן דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם וְכוּ', זֶעהְט אוֹיס אַז ער אִיז שׁוֹין אַרַיינְגֶעפַאלְן דָארְטְן, און עֲבֵירוֹת בְּרֶענְגְן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ זַיין אַ שְׁלֶעכְטֶער און אַ בֵּייזֶער וְכוּ', וּבִפְרַט אַ קַמְצָן, ווִי ס'שְׁטֵייט אִין תִּיקוּנֵי זֹהַר (דַף ב.) קַמְצָן נָבָל בְּמָמוֹנֵיהּ נָבָל שְׁמֵיהּ, דְלַאו אִיהוּ נָדִיב וְלַאו אִיהוּ מִזַרְעָא דְאַבְרָהָם דְאִתְּמַר עֲלַיְיהוּ נְדִיבֵי עַמִים נֶאֱסָפוּ, דְהָא קַמְצָן אִיהוּ עָנִי הַדַעַת; עֶס זֶעהְט אוֹיס אַז זִי אִיז נֶעבֶּעךְ זַייעֶר בִּיטֶער אַרַיינְגֶעפַאלְן, דַארְפְּסְטוּ דוּ און דַיין וַוייבּ אִיר זַייעֶר שְׁטַארְקְן, און גֶעבְּן מוּט זִיךְ נִישְׁט צוּ לָאזְן, און זָאגְן אָפְּן, וֶועסְטוּ זִיךְ טוּישְׁן אִיז גוּט, אַז נִישְׁט אַ גוּטְן טָאג, גֵיי פוּן וַואנֶעט דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען וְכוּ', און דָאס וֶועט אִיהְם אִיבֶּערְשְׁרֶעקְן, נִישְׁט אַז ער זָאל אִיר יֶעדְן טָאג וַוארְפְן דֶעם גֶט אִין פָּנִים וְכוּ', וֶועסְט מִיךְ נִישְׁט פָאלְגְן לָאז אִיךְ דִיר אִיבֶּער וְכוּ', זִי דַארְף זָאגְן מִיט אַ שְׁטַארְקַייט גֵיי פוּן וַואנֶעט דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען וְכוּ'.

**לֵיידֶער** לֵיידֶער אוֹיף דִי וָואס זַיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דִי כְּלֵי מַשְׁחִית אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן (מִשְׁלֵי ב' י"ט)

"כָּל בָּאֶיהָ לֹא יְשׁוּבוּן וְלֹא יַשִּׂיגוּ אָרְחוֹת חַיִּים" און אִיךְ בִּין שְׁטַארְק מִיט דֶעם וָואס אִיךְ זָאג, וַוייל דַיין שְׁוֶועסְטֶער הָאט שׁוֹין נִישְׁט וָואס צוּ פַארְלִירְן, עֶר הָאט אִיר אַזוֹי דֶערְנִידֶערְט וְכוּ', אַז זִי דַארְף זִיךְ בֶּעטְן וְכוּ', דָאס בַּאוַוייזְט אַז עֶר לִיגְט אִין נ' שַׁעֲרֵי טוּמְאָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

**פוּן** דֶעם קֶען מֶען זֶעהְן דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס עֶר אִיז מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן ווִי עֶר לֶערְנְט אוֹיס זַיינֶע תַּלְמִידִים זַיין שְׁטַארְק אִין שָׁלוֹם בַּיִת און מְכַבֵּד זַיין דָאס וַוייבּ וְכוּ', און נִישְׁט אַזוֹי ווִי דִי פַּארְבִּיסֶענֶע מִתְנַגְדִים זָאגְן אַז מֶען וֶוערְט אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ר וֶוערְט צוּבְרָאכְן דֶער שָׁלוֹם בַּיִת, אַדְרַבָּה אַ אֶמֶתְ'ר בְּרֶסְלֶבֶ'ר חָסִיד הָאט אַזַא שָׁלוֹם בַּיִת וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט, וָוארוּם בַּיי אוּנְז אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מוֹרָא'דִיג מַקְפִּיד אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיִת צְווִישְׁן אַ פָּארְפָאלְק, אַז וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר לֶערְנְט בִּקְבִיעוּת דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועט עֶר זֶעהְן ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַזְהִיר גֶעוֶוען אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת און מְכַבֵּד זַיין דָאס וַוייבּ, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.) 'אוֹקִירוּ לִנְשַׁיְיכוּ כִּי הֵיכִי דְתִתְעַתְּרוּ' אִיר זָאלְט מְכַבֵּד זַיין דָאס וַוייבּ כְּדֵי אִיר זָאלְט וֶוערְן רַייךְ, און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ט) אַז דָאס גַאנְצֶע עֲשִׁירוּת פוּן אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט נָאר דוּרְכְן וַוייבּ; אוֹיךְ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (יְבָמוֹת סג.) דַיֵּינוּ שֶׁמְּגַדְּלוֹת אֶת בָּנֵינוּ וּמַצֶּלֶת אוֹתָנוּ מִן הַחֵטְא; אַז וואוּיל אִיז דֶעם אִינְגֶערְמַאן וָואס עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ, און עֶר הָאט נִישְׁט בַּיי זִיךְ אִין דֶער הַאנְט דִי כְּלֵי מַשְׁחִית

בְּלֶעקְבֶּעְרִי אֵייפַּאד אִינְטֶערְנֶעט וְכוּ' וְכוּ', און עֶר דַאוֶוענְט יֶעדְן טָאג דִי דְרַיי תְּפִילּוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן דַיְיקָא, און עֶר אִיז קוֹבֵעַ עִתִּים לַתּוֹרָה, און עֶר פִּירְט זִיךְ אוֹיף מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ מִיט מֶענְטְשְׁן, וואוּיל אִיז אִיהְם אוֹיף דִי וֶועלְט און וואוּיל אִיז אִיהְם אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג**

# תקז

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר בָּלָק י"ב תַּמּוּז ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** וויסְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מַזְהִיר גֶעוֶוען זַיינֶע מֶענְטְשְׁן נִישְׁט צוּ רֵייכֶערְן, און נִישְׁט צוּ שְׁמֶעקְן טַאבַּאק, און נִישְׁט צוּ טְרִינְקֶען קַיין שׁוּם מַשְׁקֶה הַמְשַׁכֵּר, נָאר וַויין צוּ קִידּוּשׁ און הַבְדָּלָה, מֶער נִישְׁט, בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן, אִיבֶּערְדֶעם אוֹיבּ אֵיינֶער וִויל זַיין אַ בְּרֶסְלְבֶ'ר חָסִיד דַארְף עֶר זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן דִי דְרַיי זַאכְן, עֶס אִיז בַּאוואוּסְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט "אַז מֶען פָאלְגְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּי'ן וָואס דַארְף מֶען פָארְן צוּ אִיהְם"? מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַ חָסִיד מִיט אַלֶע תַּאֲווֹת וְכוּ', אוֹיבּ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף דִי דְרַיי זַאכְן דַארְף מֶען זֶעהְן אֲפִילּוּ מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ אַרוֹיסְדְרֵייסְן

זִיךְ פוּן דִי דְרֵיי זַאכְן, רֵייכֶערְן צִיגֶערֶעטְלֶעךְ, שְׁמֶעקְן טַאבַּאק, אוּן טְרִינְקֶען בְּרוֹינְפָן, אַז מֶען פָּאלְגְט נִישְׁט זָאלְסְטוּ וִויסְן אִיז מֶען וַוייט פוּן רֶבִּי'ן וְכוּ', אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן מֶען קֶען נִישְׁט דַרְשֶׁנְ'ן בְּרַבִּים דְרָשׁוֹת אוּן דִי נָאמֶען פוּן רֶבִּי'ן וְכוּ', וָוארוּם דָאס אִיז אַ פָּשׁוּטֶער לֵיצָנוּת, אַז דוּ פָּאלְגְסְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּי'ן וָואס דַרְשֶׁנְ'סְטוּ פוּן רֶבִּי'ן?

**אִיךְ** הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָּאלְגְן, אוּן דוּ וֶועסְט אַרַיינְלֵייגְן דַיין גַאנְצֶער כֹּחַ אוּן מֹחַ אִין זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דַפִּין גְמָרָא יֶעדְן טָאג כְּסִדְרָן דַיְיקָא, וֶועסְטוּ זֶעהְן ווִי דוּ וֶועסְט נִשְׁתַּנֶה וֶוערְן לְטוֹבָה.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג**

## תקח

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר בָּלָק י"ב תַּמּוּז ה'תשע"ב

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זֶעה** זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין דִי עֲבוֹדָה פוּן תְּפִלָּה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ב) וֶוען אַ אִיד הַאלְט בַּיי תִּיקוּן הַבְּרִית דֶעמָאלְט אִיז זַיין דַאוֶּוענֶען מַיִין מְתוּקָּן, עֶס קוּמְט אִיהְם אָן זִיס צוּ דַאוֶּוענֶען, עֶר הָאט אַ גֶעשְׁמַאק אִין דַאוֶּוענֶען, עֶר שְׁפִּירְט אַלֶע טַעֲמִים אִין דַאוֶּוענֶען, מַה שֶׁאֵין כֵּן וֶוען מֶען הַאלְט נִישְׁט בַּיי תִּיקוּן הַבְּרִית דֶעמָאלְט

אִיז זַיין דַאוֶוענֶען מַיִין מְרִירִין, עֶס קוּמְט אִיהְם שְׁוֶוער אָן צוּ דַאוֶוענֶען, עֶר וויל פָּטוּר וֶוערְן פוּן דַאוֶוענֶען, עֶס קוּמְט אִיהְם אָן ווי אַ עוֹל וְכוּ׳, אוּן עֶר כִּיפֶּערְט דֶעם דַאוֶוענֶען וְכוּ׳, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אוֹיף דֶעם אַלֵיין בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶר זָאל הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ אוּן נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, נָאר עֶר זָאל אִינְזִינֶען הָאבְּן פֵּירוּשׁ הַמִילוֹת פוּן דֶעם דַאוֶוענֶען, וָואס דָאס הֵייסְט תְּפִלָּה בְּכֹחַ, וָוארוּם מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ כּוֹחוֹת הַנֶפֶשׁ צוּבִּינְדֶען דֶעם מֹחַ מַחֲשָׁבָה צוּ דִי וֶוערְטֶער וָואס עֶר זָאגְט אַרוֹיס פוּן מוֹיל, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ל׳) אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת רִיקְן זִיךְ אָן בַּיים דַאוֶוענֶען, דֶער מוֹיל פוּן מֶענְטְשׁ רֶעדְט אוּן זָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן תְּפִלָּה, אָבֶּער דֶער מֹחַ מַחֲשָׁבָה טְרַאכְט פוּן אַלֶע זַאכְן נָאר נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט וְכוּ׳, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען מִיט גְרוֹיס כֹּחַ צוּבִּינְדֶען דֶעם מֹחַ מַחֲשָׁבָה צוּם דִיבּוּר, עֶר זָאל אִינְזִינֶען הָאבְּן וָואס עֶר זָאגְט, אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען לֵייגְן גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ב) אַז מֶען גֶעט פַארְן דַאוֶוענֶען צְדָקָה, קֶען מֶען נִיצוֹל וֶוערְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת בַּיים דַאוֶוענֶען, ווִי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא דַף י.) רַבִּי אֶלְעָזָר יָהִיב פְּרוּטָה לֶעָנִי וְהָדָר מַצְלִי אָמַר דִכְתִיב (תְּהִלִים י״ז ט״ו) "אֲנִי בְּצֶדֶק אֶחֱזֶה פָּנֶיךָ"; דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה אִיז צוּ גֶעבְּן פַאר אַ בֵּית הַתַּבְשִׁיל וָואס מֶען גֶעט צוּעֶסְן פַאר אָרֶעמֶעלַייט, אַזוֹי ווִי דוּ וֵוייסְט הָאב אִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ בֵּית הַתַּבְשִׁיל - אֹהֶל אַבְרָהָם אִין יַבְנְאֵל,

וָואס אִיז אָפֶען פוּן וָותִיקִין בִּיז בַּיינַאכְט, אוּן מֶען גֶעט צוּעֶסְן פַאר יֶעדְן הוּנְגֶערִיגְן מֶענְטְשׁ, עֶס אִיז אָפֶען פַאר מֶענֶער פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער, אוּן מֶען אִיז מְחַיֶה אָן אַ שִׁיעוּר אָרֶעמֶעלַייט, אוּן דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ט) אֵין בּוֹדְקִין לִמְזוֹנוֹת; דָאס הֵייסְט, מִיט יֶעדֶע זַאךְ קֶען מֶען אוֹיסְפָּאפְּן אַ מֶענְטְשׁ וְכוּ', אָבֶער אוֹיף עֶסְן קֶען מֶען נִישְׁט אוֹיסְפָּאפְּן, וַוייל מֶען וֶועט בַּאלְד זֶעהְן, קֶען עֶר עֶסְן וְכוּ' זָאל עֶר עֶסְן גֶעזוּנְטֶערְהֵייט וִויפִיל פָּארְצִיעֶס עֶר דַארְף נָאר וְכוּ', אָבֶער וֶוען עֶר דַארְף נִישְׁט עֶסְן וֶועט עֶר נִישְׁט עֶסְן וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִיךְ זָאל קֶענֶען אָנְהַאלְטְן דֶעם בֵּית הַתַּבְשִׁיל וָואס מֶען טֵיילְט אוֹיס יֶעדְן טָאג קָרוֹב צוּ טוֹיזֶענְט פָּארְצִיעֶס, אוּן דָאס אִיז אַ מוֹרָאדִיגֶ'ער זְכוּת, וָוארוּם בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז זֵייעֶר טֵייעֶר חֶסֶד, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יַלְקוּט הוֹשֵׁעַ רֶמֶז תקכ"ב) **אָמַר** הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא חָבִיב עָלַי חֶסֶד שֶׁאַתֶּם גוֹמְלִים זֶה לָזֶה יוֹתֵר מִכָּל הַזֶבַח שֶׁזָבַח שְׁלֹמֹה לְפָנַי אֶלֶף עוֹלוֹת; וָוארוּם וֶוען אִידְן הֶעלְפְן אַרוֹיס אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן אִיז דָאס מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב אִין הִימְל, אוֹיךְ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (יַלְקוּט תְּהִלִּים רֶמֶז תתל"ד) **אָמַר** רַבִּי סִימוֹן בְּשָׁעָה שֶׁבָּא הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לִבְרוֹא אָדָם הָרִאשׁוֹן, נַעֲשׂוּ הַמַלְאָכִים כִּתּוֹת כִּתּוֹת, מֵהֶם אוֹמְרִים יִבְרָא וּמֵהֶם אוֹמְרִים אַל יִבְרָא, חֶסֶד אוֹמֵר יִבְרָא שֶׁהוּא גוֹמֵל חֲסָדִים.

**שְׁטַארְק** זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין עִנְיָן פוּן תְּפִלָּה בְּצִיבּוּר, אוּן זָאלְסְט זֶעהְן הָאבְּן אַ פּוּשְׁקֶע פוּן צְדָקָה, אוּן

אַרײַנְלֵייגְן פַאר יֶעדְן דַאוָוענֶען צְדָקָה פַארְן בֵּית הַתַּבְשִׁיל, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"א) דָאס אַ מֶענְטְשׁ אֵיידֶער עֶר פָּארְט אוֹיף אַ נְסִיעָה זָאל עֶר זֶעהְן צוּ גֶעבְּן צְדָקָה, וֶועט עֶר בַּאהִיט וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס; אוֹיךְ דַארְף מֶען גֶעבְּן צְדָקָה פַאר אַ יֶעדֶע מִצְוָה, סְ'זָאל אָנְגֶענוּמֶען וֶוערְן בִּשְׁלֵמוּת אִין הִימְל, אוּן אַזוֹי זַאמֶעלְט זִיךְ אָן אַ פְּרוּטָה מִיט אַ פְּרוּטָה וְכוּ', וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ט:) מַאי דִכְתִיב (יְשַׁעְיָה נ"ט) "וַיִּלְבַּשׁ צְדָקָה כַּשִּׁרְיָן", לוֹמַר לְךָ מַה שִּׁרְיָן זֶה כָּל קְלִיפָּה וּקְלִיפָּה מִצְטָרֶפֶת לְשִׁרְיָן גָּדוֹל, אַף צְדָקָה כָּל פְּרוּטָה וּפְרוּטָה מִצְטָרֶפֶת לְחֶשְׁבּוֹן גָּדוֹל.

זֶעה זִיךְ צוּ מַאכְן אַ שִׁיעוּר יֶעדְן טָאג אִין מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין שְׁטֶענְדִיג.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג**

# תקט

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר בָּלָק ט"ז תַּמּוּז ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס דוּ הָאסְט אוֹיפְגֶעטוּהְן מִיט דַיין הַדְפָּסָה, דוּ בִּיסְט מְחַיֶּה אוּן מְחַזֵּק הוּנְדֶערְטֶער אוּן אֲפִילוּ טוֹיזְנְטֶער נְשָׁמוֹת וָואס דוּ וֶועסְטוּ קֵיינְמָאל אֲפִילוּ נִישְׁט וִויסְן.

הַיינְט דְרייעֶן זיךְ אַרום אַזויפִיל צוּבְּרָאכֶענֶע עֶלְנְדֶע נְשָׁמוֹת וְכוּ׳, און זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין וָוארְט חִיזוּק וְכוּ׳, נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אִיז זֵיי מְחַזֵק און מְעוֹדֵד און מְשַׂמֵחַ דֶערפְרֵייעֶן זֵייעֶר בִּיטֶער הַארְץ וְכוּ׳, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דַיין זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט אַז דוּ דְרִיקְסְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים און מֶען פַארְשְׁפְּרֵייט דָאס אִיבֶּערָאל.

**זָאל** דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט אַרויסְגֵיין פוּן אַלֶע דַיינֶע צָרוֹת וְכוּ׳, אַלֶע דַיינֶע חוֹבוֹת וְכוּ׳, און עֶס זָאל דִיר לֶעכְטִיג זַיין, און דוּ זָאלְסְט הָאבְּן כָּל טוּב.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**

## תקי

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו׳ עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר בָּלָק ט״ז תַּמּוּז ה׳תשע״ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַוַודַאי** און אַוַודַאי אִיז דַיין וַוייבּ גֶערֶעכְט וְכוּ׳, קוֹדֶם קוּמְט זִי וְכוּ׳, און נָאכְדֶעם דַארְפְסְטוּ הֶעלְפְן דַיין שְׁוֶועסְטֶער וְכוּ׳, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נ״ח ז) "וּמִבְּשָׂרְךָ לֹא תִתְעַלָּם" בִּפְרַט אַז דוּ הָאסְט דָאס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דֶעם אִינְגֶערְמַאן ... נֵרוֹ יָאִיר און עֶר הַאנְדְלְט מִיט דֶעם.

**זָאלְסְט** ווִיסְן אַז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת גֶעוֶוען שָׁלוֹם בַּיִת, און עֶר הָאט אוּנְז אָנְגֶעזָאגְט בְּפֵירוּשׁ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ג) אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַּארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפָאלְק נָאר זֵיי צוּבְּרֶעכְן דִי שְׁטוּב, כְּדֵי מַכְשִׁיל זַיין מִיט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע עֲווֹנוֹת, אִיבֶּערְדֶעם זֶעה צוּ טוּהְן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט דוּ זָאלְסְט הָאבְּן דֶעם אֱמֶת'ן שָׁלוֹם בַּיִת, און מִיט דֶעם וֶועסְטוּ מְמַלֵא זַיין דֶעם רָצוֹן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**דֶער** עִיקָר אִיז נָאר פְרֵיילִיךְ זַיין און שְׁטֶענְדִיג גֵיין מִיט אַ שְׁמֵייכְל, מִיט אַ לֶעבְּטִיג פָּנִים, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קנ"ג) דָאס וֶוען אַ אִיד גֵייט מִיט אַ לֶעבְּטִיג פְרֵיילִיךְ פָּנִים, מִיט דֶעם אִיז עֶר מַמְשִׁיךְ דֶעם לֶעבְּט פוּן צַדִיק; דָאס הֵייסְט אִין פָּנִים פוּן מֶענְטְשׁ קֶען מֶען זֶעהְן דֶעם פָּנִים פוּן צַדִיק צוּ וֶועמֶען עֶר אִיז מְקוּרָב, און אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז דֶער בֶּן הַשִׂמְחָה וָואס עֶר אִיז אוּנְז עוֹסֵק מְקַשֶׁר זַיין צוּם שׁוֹרֶשׁ הַשִׂמְחָה, אִיז וֶוען מֶען גֵייט שְׁטֶענְדִיג אַרוּם מִיט אַ לֶעבְּטִיג פְרֵיילִיךְ פָּנִים, שַׁיינְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צוּרָה אִין דֶעם פָּנִים.

**אִיךְ** וָואלְט דִיךְ זֵייעֶר גֶעוָואלְט בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט זַיין נִזְהָר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיט'ן תַּרְגוּם כְּדֵי דוּ זָאלְסְט עֶנְדִיגְן דִי סֶדְרָה בִּיז שַׁבָּת, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַשְׁלִימִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו; דָאס אִיז אַ זְכוּת און אַ סְגוּלָה אוֹיף אֲרִיכוּת יָמִים. און אוֹיסֶערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶעהְן צוּ לֶערְנֶען

זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, מִשְׁנֶה אִיז מְשַׁנֶה דֶעם מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן, וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ זִיךְ זֶעהְן אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶערְלֶעךְ אִין חֵדֶר, דוּ זָאלְסְט רֶעדְן מִיט זֵיי דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דוּ זָאלְסְט זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען בְּרָכוֹת, אוּן זָאגְן דִי הֲלָכוֹת'ער וָואס אִיז שַׁיָּיךְ יֶעדְן טָאג פַאר קִינְדֶער, זֵיי אוֹיסְצוּלֶערְנֶען זָאגְן דִי בְּרָכָה אֲשֶׁר יָצַר וְכוּ', אוּן וָואס קִינְדֶערְלֶעךְ זֶענֶען מְקַבֵּל פוּן זֵייעֶר רֶבִּי'ן דָאס בְּלַייבְּט זֵיי אוֹיפְן גַאנְץ לֶעבְּן.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר בַּאגְלִיקְן, אוּן דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, וְנִשְׁמַע וְנִתְבַּשֵּׂר בְּשׂוֹרוֹת מְשַׂמְּחוֹת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**

# תקיא

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר בָּלָק ט"ז תַּמּוּז ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** וָואלְט דִיר גֶעוָואלְט זֵייעֶר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן אִין קַיין שׁוּם מַחֲלוֹקֶת.

**אֵיין** זַאךְ זָאלְסְטוּ ווִיסְן, דִי אַלֶע וָואס זֵיי מֵיינֶען זֵיי וֶועלְן מִיךְ אִיבֶּערְקְלִיגְן וֶועלְן קוֹדֶם פַאלְן וְכוּ', וָואס דֶער עָבָר הָאט שׁוֹין בַּאווִיזְן, דִי אַלֶע וָואס זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעוָואלְט אִיבֶּערְקְלִיגְן וְכוּ', זֶענֶען אַלֵיין אַרָאפְּגֶעפַאלְן וְכוּ'.

**כָּל** זְמַן אִיךְ קֶען שְׁרַייבְּן פַאר בָּחוּרים פַאר אִינְגֶעלַייט וְכוּ׳ בְּרִיוו, וֶועט מִיר קֵיינֶער נִישְׁט קֶענֶען אִיבֶּערְקְלִיגְן וְכוּ׳, ווארוּם וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ זָאגְן שְׁרַייבּ אִיךְ אָפּ, וָואס מַיין דֵעָה אִיז שְׁרַייבּ אִיךְ אָפּ, זָאל קֵיינֶער מִיר נִישְׁט פַארְפִירְן, אִיךְ בִּין אַקֶעגְן שֵׁיגֶץ שְׁטִיק וְכוּ׳ וְכוּ׳, אִיךְ בִּין אַקֶעגְן נָאכְמַאכְן אַזוֹי גֶערוּפֶענֶע הֶפְקֵר יוּנְגֶען וְכוּ׳ וְכוּ׳, ווארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ג׳) אַז וֶוער ס׳הֶערְט נְגִינָה מִמְנַגֵן רָשָׁע אִיז אִיהְם זֵייעֶר שְׁוֶוער אִין עֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ, און וֶוער דֶען אִיז נִישְׁט קַיין רָשָׁע ווי דִי נארִישֶׁע פַארְפִירְטֶע יוּנְגֶעלַייטְלֶעךְ זִינְגֶער׳ס וָואס זֵיי מַאכְן נָאךְ דִי עֶקְלְהַאפְטִיגֶע גוֹיִם? אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין מוֹרָא צוּ שְׁרַייבְּן וָואס אִיךְ טְרַאכְט, עֶס אִיז דִי מְצִיאוּת אַזוֹי דָאס דִי הֶפְקֵר יוּנְגֶען וְכוּ׳ הָאבְּן שׁוֹין גוֹרֵם גֶעוֶוען אַסַאךְ בָּחוּרים און מֵיידְלֶעךְ אַרָאפְּצוּפִירְן פוּן אִידִישְׁן וֶועג וְכוּ׳ מִיט זֵייעֶר טַאנְצְן און וַוארְפְן זִיךְ דֶעם גוּף ווי אַ אוֹיסְגֶעשָׁאקֶלְטְן לוּלָב וְכוּ׳ און מִיט זֵייעֶר זִינְגֶען וְכוּ׳ און נָאכְמַאכְן גוֹיִם וְכוּ׳ זֶענֶען זֵיי גוֹרֵם דָאס הֵן בָּחוּרים און הֵן מֵיידְלֶעךְ מַאכְן זֵיי נָאךְ, און אִיךְ רֶעד פוּן קִינְדֶער פוּן דִי בֶּעסְטֶע הֵיימִישֶׁע שְׁטוּבֶּער, אִיבֶּערְדֶעם זָאג אִיךְ אַרוֹיס מַיין מֵיינוּנְג, מִיר דַארְפְן זִיךְ פוּן דֶעם זֵייעֶר הִיטְן, און וֶוער עֶס הָאט אַ שַׁיְיכוּת צוּ זֵיי הָאט נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיט׳ן רֶבִּי׳ן וְכוּ׳.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט לוֹחֵם גֶעוֶוען כָּל יְמֵי חַיָיו מִיט בִּלְעָם הָרָשָׁע, ווי עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט ״אִיךְ הָאבּ צַעַר יֶעדְן טָאג אַז אִיךְ מוּז אִינְזִינֶען

הָאבְּן בִּלְעָם", הָאט אוֹיף דֶעם גֶעזָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל אַז עֶס אִיז גֶעדְרִינְגֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אַז עֶר מוּז לוֹחֵם זַיין יֶעדְן טָאג מִיט בִּלְעָם'ן וָואס זַיין זַאךְ אִיז גֶעוֶוען נִיאוּף שְׁמוּץ.

**וָואס** מֵיינְסְטוּ אִיז גֶעוֶוען דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן פְּעוֹר? רַחֲמָנָא לִיצְלָן אַ עֶקְלְדִיגֶע עֲבוֹדָה זָרָה, מֶען הָאט גֶעדַארְפְט טוּהְן שְׁמוּץ אוֹיף דֶעם וְכוּ', וָואס מֵיינְסְטוּ אִיז אַ אֵיי פַּאד? אָדֶער אַ אֵיי-פוֹין? אָדֶער אַ בְּלֶעקְבֶּערִי וְכוּ'? וָואס מֶען נֶעמְט דָאס אַרַיין אִין בֵּית הַכִּסֵא אוּן דָארְטְן זִיצְט מֶען אוּן מֶען קוּקְט אוֹיף דֶעם וְכוּ' דִי עֶקְלְהַאפְטִיגְסְטֶע בִּילְדֶער גֶעמֵיינְסְטֶע גוֹיִם וְכוּ' וָואס מֶען זֶעהְט דָארְטְן, דָאס אִיז דִי זֶעלְבֶּע עֲבוֹדָה זָרָה פוּן פְּעוֹר וָואס בִּלְעָם הָאט צוּגֶערֶעדְט בָּלָק'ן, וֶועמֶען פָּאפְּט מֶען?

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נ"א) דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, דִי וֶועלְט נַארְט עֶנְק; אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ אַסַאךְ הָארְוֶוען אוּן אַרְבֶּעטְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע טָעוּתִים.

**צוּ** זַיין אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה מוּז מֶען זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין אוּן זַיין עֶרְלִיךְ, אוּן זִיךְ נִישְׁט מְחַבֵּר זַיין צוּ גֶעמֵיינֶע יוּנְגֶען, עֶס אִיז דָא אַ שְׁפְּרֶעךְ וָוארְט, "לָאז מִיךְ זֶעהְן וֶוער דַיין חַבֵר אִיז, וֶועל אִיךְ וִויסְן וֶוער דוּ בִּיסְט", אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט דֶערְקֶענְט דוּרְךְ זַיינֶע חֲבֵרִים מִיט וֶועמֶען עֶר חַבֶר'ט זִיךְ, אִיבֶּערְדֶעם לֹא בְּחִינָם רֶעדְט מֶען אוֹיף דֶעם אָרְט כָּל דָבָר אָסוּר וְכוּ'.

**אִיךְ** הָאבּ נִישְׁט קַיין מוֹרָא צוּ זָאגְן דֶעם אֱמֶת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מַזְהִיר גֶעוֶוען אָנְגֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט רֵייכֶערְן קַיין צִיגֶערֶעטְלֶעךְ, אָדֶער אַ לוּלְקֶע צִיבֶּעךְ, אָדֶער שְׁמֶעקְן טַאבַּאק, אָדֶער טְרִינְקֶען בְּרוֹינְפְּן, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער פָּאלְגְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּי'ן אִיז עֶר וַוייט פוּן רֶבִּי'ן, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז עֶר אִיז שׁוֹין נָאנְט צוּם רֶבִּי'ן וְכוּ' וְכוּ'.

**אַז** מֶען אִיז נִישְׁט מְקַיֵּים דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אִיז מֶען וַוייט פוּן אִיהְם. דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ אוּן מֹחַ דוּ זָאלְסְט קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי וֶוערְטֶער, וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דוּ וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת.**

## תקיב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם א' לְסֵדֶר פִּנְחָס י"ח תַּמּוּז ה'תשע"ב

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**עֶס** וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְ'ן קָאזְנִיצֶער מַגִיד זי"ע (עֲבוֹדַת יִשְׂרָאֵל מַסְעֵי) אִין נָאמֶען פוּן גְרוֹיסְן מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זי"ע, אַז אִין דִי דְרֵיי וָואכְן קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם דֶעמָאלְט אִיז דִי שְׁכִינָה אִינְדְרוֹיסְן, אוּן יֶעדֶער אִיד וָואס עֶר וִויל מִיט אַן אֱמֶת אוּמְקֶערְן זִיךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים קֶען דָאס בַּאוַוייזְן אִין

דִי דְרֵייִ וָואכְן, וָוארוּם אוֹיף דִי טֶעג אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן (אֵיכָה א׳ ג׳) ״כָּל רֹדְפֶיהָ הִשִּׂיגוּהָ בֵּין הַמְּצָרִים״, אוּן עֶס אִיז פַארְהַאנֶען אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג פוּן שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז בִּיז תִּשְׁעָה בְּאָב, וָואס דָאס אִיז כְּמִסְפָּר שֵׁם אֶהְיֶ״ה, וָואס דֶער אָפְּטַייטְשׁ פוּן דֶעם שֵׁם אִיז ׳אִיךְ וְויל זַיין׳, וְוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ו׳) **אֶהְיֶה דָא אֲנָא זָמִין לְמֶהֱוֵי**, אִיךְ וְויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דָאס הֵייסְט אוֹיבּ אִין דִי אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג טֶעג שְׁטַארְקְט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ מִיט שְׁטַארְקֶע רְצוֹנוֹת, קֶען עֶר עֶס בַּאוַוייזְן וְכוּ׳, אֲפִילוּ וֶוען סְ׳אִיז אַ צַייט פוּן פוּנְסְטֶער אוּן מֶען זֶעהְט נִישְׁט קַיין שׁוּם טְרָאפּ לִיכְטִיגְקֵייט וְכוּ׳, פוּנֶדעסְטְוֶועגְן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט שְׁטַארְקֶע רְצוֹנוֹת אוּמְקֶערְן זִיךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים קֶען עֶר קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, מֶען דַארְף זִיךְ נָאר דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, וְוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְּלֶעגְט זָאגְן ׳הָעִיקָר הוּא מַה שֶׁקוֹרִין דֶערְהַאלְטְן זִיךְ׳, אוּן מִיט דֶעם וֶוערְט גֶעמָאסְטְן אַ אִיד, וְויאַזוֹי דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ, מְ׳וֶוערְט נִישְׁט גֶעמָאסְטְן מִיט קַיין שׁוּם זַאךְ, נָאר מִיט וָואס עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, וָוארוּם עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אִין הַיינְטִיגֶע צַייטְן וְכוּ׳, וָואס דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה אִיז צוּ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט צוּבְרָאכְן וֶוערְן, אוּן דָאס זֶענֶען מִיר מְקַבֵּל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג**

# תקיג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר פִּנְחָס י"ח תַּמּוּז ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... גֵּרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**עֶס** טוּט מִיר זֵייעֶר וואוּנְדֶערְן וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַזוֹי גְרִינְג אַז דַיין וַוייבּ גֵייט מִיט אֵייגֶענֶע הָאר (בֵּיי הָאר), ווִי עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אִיז דָאס דִי הַארְבְּסְטֶע זַאךְ וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (נָשֹׂא קכ"ה:) תּוּנְבָא לֵיתֵי [אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען] עַל הַהוּא בַּר נַשׁ [אוֹיפְן מֶענְטְשׁ] דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ [וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ] דְּתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָה דְרֵישָׁהּ לְבַר [זָאל גֵיין אוֹיפְגֶעדֶעקְט דִי הָאר, אָדֶער מֶען זָאל אַרוֹיסְזֶעהְן דִי הָאר] וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְבֵיתָא [אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן דִי צְנִיעוּת פוּן אַ פְּרוֹי אִין שְׁטוּבּ] וְאִתְּתָא דְאַפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר [אוּן אַ פְּרוֹי וָואס זִי דֶעקְט אוֹיף אִירֶע הָאר] לְאִתְתַּקְנָא בֵּיהּ [זִיךְ שֵׁיין מַאכְן מִיט דֶעם] גָרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא [אִיז גוֹרֵם אָרִימְקֵייט אִין שְׁטוּבּ] וְגָרִים לִבְנָהָא דְלָא יִתְחַשְׁבוּן בְּדָרָא [אוּן ס'אִיז גוֹרֵם אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט זַיין קַיין גֶעלוּנְגֶענֶע, אוּן זֵיי זָאלְן נִישְׁט חָשׁוּב זַיין] וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְשַׁרְיָא בְּבֵיתָא [אוּן עֶס אִיז גוֹרֵם אַז דִי סִטְרָא אַחֲרָא אוּן דִי חִיצוֹנִים זָאלְן זַיין אִין דֶעם שְׁטוּבּ] מַאן גָרִים דָא [אוּן וֶוער אִיז גוֹרֵם דִי אַלֶע צָרוֹת] הַהוּא שַׂעֲרָא דְאִתְחַזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר. [דִי הָאר פוּן אַ פְּרוֹי וָואס מֶען זֶעהְט אַרוֹיס] וּמַה בְּבֵיתָא הַאי [אוּן

דִי אַלֶע קְלָלוֹת רֶעדְט זִיךְ פוּן אַ פְרוֹי וָואס זִי גֵייט אוֹיפְגֶעדֶעקְט דִי הָאר אִין שְׁטוּב] כָּל שֶׁכֵּן בְּשׁוּקָא [און אַוַדַאי און אַוַדַאי וֶוען זִי גֵייט אוֹיפְגֶעדֶעקְט אוֹיפְן גַאס מִיט דִי הָאר] וְכוּ׳.

**לֵיידֶער** הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט בַּיי אוּנְז נָאכְאַמָאל דִי קְלִיפָּה אַז הֵיימִישֶׁע פְרוֹיעֶן לָאזְן זִיךְ וַואקְסְן דִי הָאר, און זֵיי כַאפְּן נִישְׁט וָואסֶערֶע צָרָה זֵיי בְּרֶענְגְן אוֹיף זִיךְ און אוֹיפְן גַאנְצְן הויז-גֶעזוּנְט, אוֹיפְן מַאן, און אוֹיף דִי קִינְדֶער, דָאס בְּרֶענְגְט קְרִיגֶעְרַיי אִין שְׁטוּב, און אָרֶעמְקֵייט, און פַארְשִׁידֶענֶע מַחֲלוֹת און חֳלָאִים רָעִים רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

**עֶם** אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל פוּן רִימָאנוֹב זי״ע הָאט גֶעזָאגְט אַז דִי גַאנְצֶע גְאוּלָה אִיז תָּלוּי אוֹיף אַ הָאר וְכוּ׳, און עֶר הָאט דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף וֶוען מֶען זֶעהְט אַרוֹיס אֲפִילוּ אֵיין הָאר פוּן אַ פְרוֹי, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אַלֶע צָרוֹת און מֶען פַארְלֶענְגֶערְט דִי גָלוּת, און לֵיידֶער הָאט זִיךְ דָאס אַרַיינְגֶעכַאפְּט נָאכְאַמָאל צְווִישְׁן דִי הֵיימִישֶׁע פְרוֹיעֶן, אַז זֵיי לָאזְן זִיךְ וַואקְסְן דִי אֵייגֶענֶע הָאר, וָואס דָאס אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶער זִינְד.

**וֶוער** גֶעדֶענְקְט דֶען נִישְׁט דִי דְרָשׁוֹת בַּיי יֶעדְן כָּל נִדְרֵי נַאכְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רֶבִּי זי״ע בַּעַל "דִבְרֵי יוֹאֵל" הָאט גֶעוֵויינְט און פַאפִּירְט פַאר דִי פְרוֹיעֶן אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי בֵּיי-הָאר, און עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי דִי פְרוֹיעֶן זֵיי זָאלְן רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף זִיךְ און אוֹיף

זַייעֶרֶע קִינְדֶער, און זֵיי זָאלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר, וַוייל דָאס אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע זַאךְ, נִישְׁט ווִי מֶען מֵיינְט אַז עֶס אִיז אַ פָּשׁוּטֶע חוּמְרָא, נָאר מֶען דַארְף גֶעדֶענְקְן אַז דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ שֶׁעלְט אַ פְּרוֹי וָואס מֶען זֶעהְט אַרוֹיס אִירֶע הָאר, און אוֹיף דֶעם טָאר נִישְׁט דֶער מַאן אַיינְגֶעבְּן און זַיין אַ וַותְּרָן, נָאר עֶר דַארְף זִיךְ עַקְשֶׁנ'ען זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין מִיט אֵייגֶענֶע הָאר, און אַזוֹי אוֹיכֶעט זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין מִיט אוֹיפְפַאלֶענְדֶע קְלֵיידֶער וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעהְט אִיךְ דִיר אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין בַּיי דִיר דִי זַאךְ אַזוֹי פָּשׁוּט, נָאר דוּ זָאלְסְט זִיךְ אַיינְבֶּעטְן בַּיי דַיין וַוייבּ, און אִיר זָאגְן אַז דָאס גֵייט דִיךְ אִין לֶעבְּן, און דוּ זָאלְסְט מִיט אִיר אִיבֶּערְלֶערְנֶען דֶעם זוֹהַר, זִי זָאל זֶעהְן ווִי הַארְבּ דָאס אִיז.

**וֶועגְן** דִי אַנְדֶערֶע זַאכְן וְכוּ', וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן אַ צְווֵייטֶע מָאל וְכוּ', וָוארוּם אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶערְצִיטֶערְט גֶעוָוארְן פוּן דַיין נֶעמֶען אַזוֹי פָּשׁוּט דֶעם עִנְיָן פוּן אֵייגֶענֶע הָאר וְכוּ', וָואס דוּ אַלֵיין כַאפְּסְט נִישְׁט וָואסֶערֶע הַארְבֶּע זִינְד דָאס אִיז.

**זָאל** דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן און אַרַיינְבְּרֶענְגְן אַ רוּחַ טַהֲרָה אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, און מִיר זָאלְן שׁוֹין אַלֶע אוּמְקֶערְן צוּ אִיהְם.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג**

## תקיד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר פִּנְחָס י"ח תַּמּוּז ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו מִיט דִי גֶעלְט פַּארְ'ן בֵּית הַתַּבְשִׁיל.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא גְרוֹיסֶע צְדָקָה וִוי צוּ גֶעבְּן עֶסְן פַאר אָרֶעמֶעלַייט, וָוארוּם מִיט אַלֶע צְדָקוֹת קֶען מֶען אוֹיסְפָּאפְּן אַ מֶענְטְשׁ וְכוּ', אָבֶּער אוֹיף עֶסְן דָארְטְן קֶען מֶען נִישְׁט פָּאפְּן וְכוּ', אָדֶער עֶר אִיז הוּנְגֶערִיג וֶועט עֶר עֶסְן, אָדֶער עֶר אִיז נִישְׁט הוּנְגֶערִיג וֶועט עֶר נִישְׁט עֶסְן.

**אוּן** לֵיידֶער אִיז דָא הַיינְט אַזֶעלְכֶע אָרֶעמֶעלַייט גַאנְצֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט צוּ עֶסְן פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ בֵּית הַתַּבְשִׁיל דָאס וֶוער סְ'אִיז הוּנְגֶערִיג זָאל קוּמֶען אוּן עֶסְן, אוּן עֶס אִיז אָפְּן פוּן וָתִיקִין בִּיז בַּיינַאכְט, זֵיי טֵיילְן אוֹיס יֶעדְן טָאג נָאנְט צוּ טוֹיזֶענְט פָּארְצִיָאנֶען, אוּן עֶס אִיז אַ נַחַת צוּקוּקְן וִוי אִידְן זֶעעֶען זִיךְ מְחַיֶה מִיט דִי עֶסְן, מֶענֶער פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער, פַארְפַאר אִיז דָאס בַּיי מִיר דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה.

**מֶען** קֶען קוּמֶען פְּלוּצְלִינְג אִין יַבְנְאֵל, וֶוען מֶען וִויל, וֶועט מֶען זֶעהְן וִוי עֶס אִיז אָפְּן פַאר אַלֶעמֶען, אַזוֹי וַוייט אַז אֲפִילוּ הֵיימִישֶׁע אִידְן וָואס זֵיי קוּמֶען אִין גָלִיל צוּ קִבְרֵי

צַדִיקִים און נָאך אַ גַאנְצְן טָאג פָארְן וֶוערְן זֵיי אָפְּגֶעמוּטְשֶׁעט און הוּנְגֶערִיג וְכוּ׳ וְכוּ׳, וֵוייסְן זֵיי אַז בַּיי אוּנְז אִיז אָפְן דִי בֵּית הַתַּבְשִׁיל, וָואס יֶעדְן טָאג קָאכְט מֶען פְרִישֶׁע עֶסְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** פְּרֵיי אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ מִשְׁתַּתֵּף גֶעוֶוען מִיט אַ שֵׁיינֶעם סְכוּם, זָאל דִיר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע, און דוּ זָאלְסְט נִישְׁט דַארְפְן אָנְקוּמֶען קֵיינְמָאל צוּ אַן אַנְדֶערְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן תָּמִיד.**

## תקטו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ג׳ לְסֵדֶר פִּנְחָס כ׳ תַּמּוּז ה׳תשע״ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** וויסְן דָאס אוֹיף דֶעם עוֹלָם מוּז מֶען זִיךְ זֵייעֶר דֶערְהַאלְטְן, מֶען טָאר נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן, דֶער עִיקָר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ זַיין, וָואס מִיט דֶעם בַּאוַוייזְט מֶען אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת און סְפֵיקוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א׳) כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו; אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט שִׂמְחָה, הֵן אֱמֶת עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף דִיר וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער, דוּ הָאסְט טִרְדוֹת פוּן פַּרְנָסָה וְכוּ׳, עֶס גֵייט דִיךְ

נִישְׁט גוּט מִיט דַיינֶע קִינְדֶער ווִי דוּ הָאסְט גֶעוָואלְט וְכוּ׳, פוּנֶדעסְטְוֶועגְן זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקְן אַז מִיט עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה וֶועסְטוּ גָארְנִישְׁט קֶענֶען פּוֹעֵל׳ן וְכוּ׳, אַדְרַבָּה דוּ וֶועסְט פַארְפְּלָאנְטֶערְט ווערְן מֶער אוּן מֶער אִין צָרוֹת, וֶוען אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְווֹת וָואס עֶר אִיז מְקַיֵים זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן כ"ד) אֲפִילוּ עֶר זָאל זַיין שׁוֹין אִין נוּקְבָא דִתְהוֹמָא רַבָּה וְכוּ׳, מִיט שִׂמְחַת הַמִצְווֹת קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, אוּן צוּ דֶערְגְרֵייכְן בִּיז עוֹלָם אֲצִילוּת, שְׁפִּירְן רוּחָנִיוּת חַיוּת אֱלֹקוּת. אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֶעהְן זַייעֶר צוּ שְׁטַארְקְן, אוּן אַן עֵצָה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן הָאט גֶעזָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ק"ו) אִיז צוּ שְׁטַארְקְן יֶענֶעם, וֶוען מֶען שְׁטַארְקְט אַן אַנְדֶערְן וֶוערְט מֶען אַלֵיין גֶעשְׁטַארְקְט.

יֶעצְט אִין דִי זוּמְמֶער טֶעג דַארְף מֶען זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי אוֹיגְן וְכוּ׳, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מ"ה) אֵין יֵצֶר הָרַע שׁוֹלֵט אֶלָא בְּמַה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת; וֶוען אַ אִיד גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף זַיינֶע אוֹיגְן, אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט וואוּ עֶר דַארְף נִישְׁט קוּקְן וְכוּ׳, גֵייט פוּן אִיהְם אַוֶועק דֶער יֵצֶר הָרַע, מַה שֶׁאֵין כֵּן וֶוען עֶר אִיז מַפְקִיר זַיינֶע אוֹיגְן רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן וֶוערְט עֶר פָּשׁוּט מְשׁוּגָע אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (דְבָרִים כ"ח ל"ד) "וְהָיִיתָ מְשֻׁגָּע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה", דָאס הֵייסְט וֶוער עֶס הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן, אוּן עֶר קוּקְט אוֹיף יֶעדֶע פְּרוּי וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיפְן גַאס וְכוּ׳, דֶער וֶוערְט אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ל"ו)

דָאס אַלֶע מְשׁוּגָעִים וֶוערְן מְשׁוּגֶע נָאר דוּרְךְ תַּאֲוֹות נִיאוּף רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי אוֹיגְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן א') דָאס אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיפְ'ן חַיּוּת אֶלֹקוּת וָואס דֶערְהַאלְט דִי זַאךְ, וָוארוּם דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר אִיז אַ לְבוּשׁ לְגַבֵּי אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, אַז וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אוּן שְׁטֶענְדִיג טוּט עֶר אַ טוֹבָה פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, אוּן עֶר גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן הִיט זַיינֶע אוֹיגְן, דֶער שְׁפִּירְט טַעַם עוֹלָם הַבָּא אוֹיף דִי וֶועלְט, אַז וואוּיל אִיז אִיהְם.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג**

## תקטז

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר פִּנְחָס כ' תַּמּוּז ה'תשע"ב**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וֶועגְן** שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ' זָאלְסְטוּ וִויסְן מֶען דַארְף זַיין אַ וַותְּרָן, מֶען דַארְף נָאכְגֶעבְּן אוּן נִישְׁט עַקְשֶׁנְ'ן זִיךְ אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, מֶען טָאר נִישְׁט זַיין קַארְג, ווִי עֶס שְׁטֵייט (אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר הַקְדָּמָה) קַמְצָן נָבָל בְּמָמוֹנֵיהּ; אוּן מֶען דַארְף אוֹיף דֶעם זֵייעֶר

זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, וָוארוּם אַ קַמְצָן רַחֲמָנָא לִיצְלָן הָאט אַ מְצוּמְצָם'דִיגְן קָאפּ וְכוּ', אוּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אִיז זַייעֶר בִּיטֶער, אוּן עֶר אִיז וַוייט פוּן צְדָקָה, אִיבֶּערְדֶעם אַז דוּ ווִילְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין שְׁטוּב, עַקְשָׁן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ מִיט דַיין וַוייבּ, אוּן זָאלְסְט נִישְׁט זַיין קַיין קַארְגֶער וְכוּ', בִּפְרַט אַז דִי גֶעלְט אִיז אִירֶע וָואס זִי פַארְדִינְט וְכוּ'.

**אוֹיבּ** דוּ וֶועסְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן, דוּ וֶועסְט זַיין אַ וַותְּרָן אוּן נִישְׁט קַיין קַמְצָן, וֶועסְטוּ הָאבְּן דֶעם אֱמֶת'ן שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט דַארְפְן גֵיין צוּ קַיין שׁוּם שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶערְ'ס, וָוארוּם דִי אַלֶע אִינְגֶעלַייטְ'לֶעךְ וָואס זֵיי זֶענֶען עוֹסֵק אִין שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ' וְכוּ', מִכָּל שֶׁכֵּן דִי וָואס זֵיי נֶעמֶען גֶעלְט וְכוּ' וְכוּ', זֵיי זֶענֶען פְּשׁוּטֶע פַארְבְּרֶעכֶער וְכוּ', פְּשׁוּטֶע לֵיידִיגְגֵייעֶרְ'ס וכוּ', פְּשׁוּטֶע לֵצִים וְכוּ', זֵיי שְׁפִּילְן זִיךְ דָא מִיט נְפָשׁוֹת וְכוּ', זֵיי שְׁפִּילְן זִיךְ מִיט גֶעפִילְן פוּן טַאטֶע מַאמֶע פוּן בֵּיידֶע צְדָדִים וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער, סְ'הָאט זֵיי אָפְּגֶעקָאסְט דִי עֶלְטֶערְן אַ וֶועלְט מִיט גֶעלְט, זֵיי הָאבְּן זִיךְ בַּא'חוֹבוֹתְ'ט כְּדֵי חַתוּנָה מַאכְן דִי יוּנְג פָּארְפָאלְק, עֶס פַּאסִירְט אַז דִי פָּארְפָאלְק הָאבְּן צְווִישְׁן זִיךְ אַ מִיס-פַארְשְׁטֶענְדֶענִישׁ וְכוּ', אוּן עֶס אִיז נָארְמַאל, וָוארוּם זֵיי קוּמֶען פוּן צְוֵויי אַנְדֶערֶע וֶועלְטְן, דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִיק וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם אִינְטֶערֶעס פוּן גֶעלְט אָדֶער כָּבוֹד וְכוּ' וְכוּ', אוּן פְּרָאבִּירְט צוּ מַאכְן בַּיי זֵיי שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן זֵיי אוֹיפְקְלֶערְן זַאכְן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעווִיסְט בִּיז יֶעצְט, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין בּוּשָׁה, סְ'אִיז נִישְׁט

קַיין בִּזָיוֹן וְכוּ׳ וְכוּ׳, דִי חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ד.) דָוִד הַמֶלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט וַאֲנִי יָדַי מְלוּכְלָכוֹת בְּדַם וּבְשָׁפִיר וּבְשִׁלְיָא כְּדֵי לְטַהֵר אִשָּׁה לְבַעֲלָהּ; דָוִד הַמֶלֶךְ הָאט זִיךְ גֶעפָּארֶעט מִיט אַזֶעלְכֶע פָּארְפָּאלְקְ׳ן אוּן זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט זֵיי מִיט דִי הַאקֶלְ׳סְטֶע עִנְיָנִים וְכוּ׳, אַלֶעס כְּדֵי מְטַהֵר זַיין אִשָּׁה לְבַעֲלָהּ כְּדֵי סְ׳זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען גֵייט צוּ אִינְגֶעלַייטְ׳לֶעךְ וָואס זֵיי רוּפְן זִיךְ שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶעְרְ׳ס וְכוּ׳ וְכוּ׳, זֵיי זֶענֶען פָּשׁוּטֶע לֵצִים, מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען זֵיי נֶעמֶען גֶעלְט, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אִינְטֶרֶעסִירְט אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם, זֵיי זֶענֶען אִינְטֶרֶעסִירְט אַז דִי פָּארְפָּאלְק זָאל קוּמֶען צוּ זֵיי וָואס מֶער, כְּדֵי זֵיי זָאלְן קֶענֶען פַּיינִיגְן דָאס פָּארְפָּאלְק, אוּן זֵיי גֶענִיסְן פוּן דִי עַגְמַת נֶפֶשׁ וָואס עֶס אִיז דָא צְווִישְׁן דִי פָּארְפָּאלְק וְכוּ׳ וְכוּ׳, מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין בִּכְתָב, אָבֶער דָאס אִיז אַ מְצִיאוּת וְכוּ׳ וְכוּ׳.

**אִיבֶּערְדֶעם** פָּאלְג מִיר, זָאלְסְט זַיין אַ וַותְּרָן, אוּן נִישְׁט קַיין קַמְצָן, אוּן זָאלְסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ, אוּן הֶעלְף אִיר אַרוּיס מִיט וָואס דוּ קֶענְסְט, וֶועט עֶטְץ הָאבְּן אַ אֶמֶתְ׳ן שָׁלוֹם בַּיִת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן תָּמִיד.**

# תקיז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ג׳ לְסֵדֶר פִּנְחָס כ׳ תַּמוּז ה׳תשע״ב

## שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, דָאס אִיז אַזַא צְדָקָה וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערְ׳ס פוּן דֶעם, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קי״ט) ״צִדְקָתְךָ צֶדֶק לְעוֹלָם וְתוֹרָתְךָ אֱמֶת״ וָואסֶערֶע צְדָקָה בְּלַייבְּט אוֹיף שְׁטֶענְדִיג? אַז מֶען גֶעבְּט דְרִיקְן דִי תּוֹרָה פוּן דֶעם צַדִיק הָאֱמֶת! וָוארוּם אַ סֵפֶרְ׳ל גֵייט פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם אַנְדֶערְן, פוּן אֵיין עֶק וֶועלְט צוּם אַנְדֶערְן, אוּן עֶס קוּמְט אָן צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן לֵיידֶער עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אַזוֹיפִיל צוּבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי זוּכְן אֵיינֶער זָאל זֵיי זָאגְן כָאטְשֶׁע אַ גוּט וָוארְט וְכוּ׳, אֵיינֶער זָאל זֵיי מְחַזֵק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן וְכוּ׳, אָבֶּער זֵיי טְרֶעפְן נִישְׁט, אָדֶער זֵיי שֶׁעמֶען זִיךְ צוּצוּגֵיין צוּ אִיהְם וְכוּ׳, אָבֶּער אַז מֶען גֶעבְּט אִיהְם אַ סֵפֶרְ׳ל אִיז דָאס זַיין גַאנְץ חַיוּת, מִיט דֶעם שְׁטֵייט עֶר אוֹיף, מִיט דֶעם לֵייגְט עֶר זִיךְ שְׁלָאפְן, אוּן מִיט דֶעם פָארְט עֶר אוֹיפְן וֶועג, עֶר שֶׁעפְּט זַיין גַאנְצֶע חַיוּת נָאר פוּן דֶעם סֵפֶרְ׳ל, אִיז לֹא בְּחִינָם הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן צַוָואָה גֶעלָאזְט ״אֵייעֶר עוֹבְדָא זָאל זַיין יָפוּצוּ מַעְיְנוֹתֶיךָ חוּצָה״ דְרִיקְן אוּן צוּשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, וָואס דָאס אִיז אַ אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע זְכוּת הָרַבִּים, וּבִפְרַט וֶוען אַ בָּחוּר אָדֶער אַ אִינְגֶערְמַאן בַּאקוּמְט הִתְחַזְקוּת לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס

סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד, אוּן עֶר הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת כְּסִדְרָן אוּן אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא כְּסִדְרָן אוּן אַ שִׁיעוּר אִין ד' חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ כְּסִדְרָן, אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה דָאס מְסַיֵּים צוּ זַיין, אִיז דֶער וָואס הָאט אִיהְם גֶעגֶעבְּן דֶעם סֵפֶר'ל דֶער הָאט אַ חֵלֶק אִין יֶענֶעם'ס תּוֹרָה.

**אַז** ווייל אִיז דֶעם וָואס עֶר אִיז עוֹסֵק אִין הֲפָצַת מַעְיָינוֹת הַחָכְמָה חוּצָה, צוּשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן תָּמִיד.**

## תקיח

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר מַטּוֹת מַסְעֵי כ"ו תַּמּוּז ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דוּ** זָאלְסְט ווִיסְן אַז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת שָׁלוֹם בַּיִת, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד הָאט שָׁלוֹם בַּיִת הָאט עֶר אַ רֵיינֶעם מֹחַ צוּ דִינֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶערְפַאר פַּארְלֵייגְט זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַז עֶס זָאל זַיין מַחְלוֹקֶת אִין שְׁטוּבּ וְכוּ', אוּן צוּבְּרֶעכְט דֶעם שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ', כְּדֵי דֶער אִינְגֶערְמַאן זָאל שׁוֹין נִישְׁט קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוְונֶען וְכוּ', אוּן אַלֶעם הֵייבְּט זִיךְ אָן פוּן אַ וֶוערְטְל וְכוּ', עֶר זָאגְט אַ קְרוּם וָוארְט אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן זַיין וַוייבּ וְכוּ', אָדֶער אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן זַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער וְכוּ', אוּן

אַזוֹי הֵייבְּט אָן צוּ זַיין אַ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע מַחְלוֹקֶת אִין שְׁטוּבּ, אוּן נִישְׁט אוּמְזִיסְט הָאט גֶעזָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ (מִשְׁלֵי כ"א, כ"ג) "שֹׁמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ שֹׁמֵר מִצָּרוֹת נַפְשׁוֹ", אַז אַ מֶענְטְשׁ הִיט זַיין מוֹיל אוּן זַיין צִינְג וֶוערְט עֶר אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע צָרוֹת; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מַזְהִיר גֶעוֶוען (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ד) אַז אַ מֶענְטְשׁ מוּז מְכַבֵּד זַיין אוּן טֵייעֶר הַאלְטְן זַיין וַוייבּ. אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, "בַּאטְרַאכְט זִיךְ וִויפִיל צַעַר אוּן גְרוֹיסֶע יִסוּרִים לַיידְן דִי פְרוֹיעֶן: צַעַר הָעִיבּוּר, וְהַלֵידָה, וְהַגִידוּל, וְכוּ', וְכוּ', אוּן עֶס קוּמְט זֵיי זֵייעֶר שְׁוֶוער אָן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אוֹיף זֵיי רַחֲמָנוּת הָאבְּן, אוּן זֵיי אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט וָואס מֶען קֶען". אוּן וִויסְן דַארְפְסְטוּ וִויסְן, בַּיי אוּנְז אִיז אַ דִיבּוּר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים. אִיבֶּער דֶעם זָאלְסְטוּ זֵייעֶר הִיטְן אוּן מְקַיֵּים זַיין דֶעם דִיבּוּר פוּן רֶבִּי'ן, זָאלְסְט הַאלְטְן חָשׁוּב דַיין וַוייבּ, אוּן זָאלְסְט זִיךְ מִיט אִיר נִישְׁט אַרוּם טַעֲנָה'ן. וָוארוּם וָואס וִויל זִי פוּן דִיר? זָאלְסְט אִיר הֶעלְפְן מִיט דִי קִינְדֶער. אִיז וָואס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער? בַּאטְרַאכְט זִיךְ, סוֹף כָּל סוֹף אִיז דָאס אוֹיךְ דַיינֶע קִינְדֶער - לֵייג צוּ אַ הַאנְט אוּן הֶעלְף אִיר. אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן בְּפֵירוּשׁ (חוּלִין פד:), לְעוֹלָם יֹאכַל אָדָם וְיִשְׁתֶּה פָּחוֹת מִמַּה שֶׁיֵּשׁ לוֹ, וְיִלְבַּשׁ וְיִתְכַּסֶּה בְּמַה שֶׁיֵּשׁ לוֹ, וִיכַבֵּד אִשְׁתּוֹ וּבָנָיו יוֹתֵר מִמַּה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ, שֶׁהֵן תְּלוּיִין בּוֹ וְהוּא תָּלוּי בְּמִי שֶׁאָמַר וְהָיָה הָעוֹלָם.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, לֵייג אַרָאפּ דַיין גַאֲוָוה וְכוּ', אוּן בֶּעהְט זִי אִיבֶּער וְכוּ', אוּן פוּן הַיינְט אָן זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז מֶען דַארְף הִיטְן דֶעם מוֹיל וְכוּ', דֶער

תַּנָא זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק א׳) וְלֹא מָצָאתִי לַגוּף טוֹב מִשְּׁתִיקָה; שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ שַׁאֲלָה, וָואס עֶפֶּעס דֶער גוּף? פַארְוָואס שְׁטֵייט נִישְׁט דֶער נְשָׁמָה? וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט דֶעם מוֹיל אִיז דָאס גוּט פַאר זַיין נְשָׁמָה, וָואס זָאגְט עֶר 'אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטְרָאפְן בֶּעסֶערְ'ס פַאר מַיין גוּף ווִי שְׁוַוייגְן'? נָאר דוּ וֶועסְט יֶעצְט פַארְשְׁטֵיין דֶעם פְּשַׁט אוֹיף דַיין הוֹיט וְכוּ׳, עֶטְץ הָאטְ'ס זִיךְ אַרוּמְגֶעקְרִיגְט וְכוּ׳, אוּן זִי אִיז אַהֵיימְגֶעלָאפְן וְכוּ׳, אוּן דוּ בִּיסְט גֶעבְּלִיבְן אַלֵיין וְכוּ׳, יֶעצְט שְׁפִּירְט דַיין גוּף דַיְיקָא דָאס וֵוייטָאג וְכוּ׳, הָאסְט נִישְׁט וָואס צוּ עֶסְן וְכוּ׳, הָאסְט נִישְׁט קַיין פְּלַאץ וְכוּ׳, דַיינֶע עֶלְטֶערְן ווילְן נִישְׁט רֶעדְן מִיט דִיר וָואס דוּ הָאסְט אָנְגֶעמַאכְט אַזַא חוּרְבָּן וְכוּ׳.

**פָּאלְג** מִיר אַנְשְׁטָאט צוּ גֵיין צוּ דִי אַלֶע שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶערְ'ס וְכוּ׳, לֵייג אַרָאפּ דַיין גֵיאוּת אוּן בֶּעהְט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ אוּן דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער וְכוּ׳, וֶועסְטוּ זֶעהְן דוּ וֶועסְט מֶער אוֹיפְטוּהְן ווִי צוּ גֵיין צוּ דִי שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶערְ'ס וְכוּ׳, וָוארוּם דִי אַלֶע אִינְגֶעלַייטְ'לֶעךְ וָואס זֵיי זֶענֶען עוֹסֵק אִין שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ׳ וְכוּ׳, מִכָּל שֶׁכֵּן דִי וָואס זֵיי נֶעמֶען גֶעלְט וְכוּ׳ וְכוּ׳, זֵיי זֶענֶען פְּשׁוּטֶע פַארְעכֶעס וְכוּ׳, פְּשׁוּטֶע לֵיידִיגְגֵייעֶרְ'ס וכו׳, פְּשׁוּטֶע לֵצִים וְכוּ׳, זֵיי שְׁפִּילְן זִיךְ דָא מִיט נְפָשׁוֹת וְכוּ׳, זֵיי שְׁפִּילְן זִיךְ מִיט גֶעפִילְן פוּן טַאטֶע מַאמֶע פוּן בֵּיידֶע צְדָדִים וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער, ס'הָאט זֵיי אָפְּגֶעקָאסְט דִי עֶלְטֶערְן אַ וֶועלְט מִיט גֶעלְט, זֵיי הָאבְּן זִיךְ בַּא'חוֹבוֹתְ'ט כְּדֵי חַתוּנָה מַאכְן דִי יוּנְג פָּארְפָאלְק, עֶס פַּאסִירְט אַז דִי פָּארְפָאלְק הָאבְּן צְווִישְׁן זִיךְ אַ מִיס-פַארְשְׁטֶענְדֶענִישׁ

וְכוּ׳, און עֶס איז נָארְמַאל, וָוארוּם זֵיי קוּמֶען פוּן צְוֵויי אַנְדֶערֶע וֶועלְטְן, דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִיק וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם אִינְטֶערֶעס פוּן גֶעלְט אָדֶער כָּבוֹד וְכוּ׳ וְכוּ׳, און פְּרָאבִּירְט צוּ מַאכְן בַּיי זֵיי שָׁלוֹם בַּיִת, און זֵיי אוֹיפְקְלֶערְן זַאכְן וָואס זֵיי הָאבְן נִישְׁט גֶעווּסְט בִּיז יֶעצְט, עֶס איז נִישְׁט קַיין בּוּשָׁה, ס׳אִיז נִישְׁט קַיין בִּזָיוֹן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

דִי חֲזַ״ל זָאגְן (יוֹמָא פו.) וְאָהַבְתָּ אֶת הֲוָיָ״ה אֱלֹהֶיךָ שֶׁיְהֵא שֵׁם שָׁמַיִם מִתְאַהֵב עַל יָדְךָ שֶׁיְהֵא קוֹרֵא וְשׁוֹנֶה וּמְשַׁמֵשׁ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וִיהֵא מַשָׂאוֹ וּמַתָּנוֹ בְּנַחַת עִם הַבְּרִיוֹת, מָה הַבְּרִיוֹת אוֹמְרוֹת עָלָיו? אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלִמְדוֹ תּוֹרָה אַשְׁרֵי רַבּוֹ שֶׁלִמְדוֹ תּוֹרָה, אוֹי לָהֶם לַבְּרִיוֹת שֶׁלֹא לָמְדוּ תּוֹרָה, פְּלוֹנִי שֶׁלָמַד תּוֹרָה רְאוּ כַּמָה נָאִים דְרָכָיו כַּמָה מְתוּקָנִים מַעֲשָׂיו, עָלָיו הַכָּתוּב אוֹמֵר (יְשַׁעְיָה מ״ט ג׳) ״וַיֹאמֶר לִי עַבְדִי אָתָּה יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר״, אֲבָל מִי שֶׁקוֹרֵא וְשׁוֹנֶה וּמְשַׁמֵשׁ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וְאֵין מַשָׂאוֹ וּמַתָּנוֹ בֶּאֱמוּנָה וְאֵין דִבּוּרוֹ בְּנַחַת עִם הַבְּרִיוֹת, מָה הַבְּרִיוֹת אוֹמְרוֹת עָלָיו? אוֹי לוֹ לִפְלוֹנִי שֶׁלָמַד תּוֹרָה אוֹי לוֹ לְאָבִיו שֶׁלִמְדוֹ תּוֹרָה אוֹי לוֹ לְרַבּוֹ שֶׁלִמְדוֹ תּוֹרָה, פְּלוֹנִי שֶׁלָמַד תּוֹרָה רְאוּ כַּמָה מְקוּלְקָלִין מַעֲשָׂיו וְכַמָה מְכוּעָרִין דְרָכָיו וְכוּ׳, עַיֵין שָׁם.

וֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן נָאךְ דִי חֲתוּנָה זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק לֶערְנֶען אָדֶער אִין אַ כּוֹלֵל אָדֶער אִין אַ בֵּית הַמִדְרָשׁ מִיט אַ חַבְרוּתָא, אָדֶער אֲפִילוּ אַלֵיין שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן, אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא כְּסִדְרָן, אַ שִׁיעוּר אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ כְּסִדְרָן, וְכוּ׳, וְכוּ׳, און פִירְט זִיךְ אוֹיף מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, מֶען הֶערְט אִיהְם קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן

אויב אײנֶער מַאכְט אַ װֶערְטְל אויף אִיהְם וְכוּ׳, אָדֶער שְׁפֶּעט אִיהְם אָפּ וְכוּ׳, עֶר זִיצְט און לֶערְנְט פְלַייסִיג, און דַאוְֶוענְט עֶרְלִיךְ, און קוּקְט נִישְׁט וָואס אַנְדֶערֶע זָאגְן אויף אִיהְם וְכוּ׳, און אֲפִילוּ עֶר דַארְף טוּהְן שׁוֹין עֶפֶּעס אַ אַרְבֶּעט פַאר פַּרְנָסָה טוּט עֶר עֶס גֶערְן און עֶרְלִיךְ, אַזַא אִינְגֶערְמַאן הָאט אַן אַנְדֶערֶע סָארְט חֵן, און מֶענְטְשְׁן זָאגְן, וואויל אִיז דֶעם טַאטְן וָואס הָאט אִיהְם אויסְגֶעלֶערְנְט תּוֹרָה און מִדּוֹת, און וואויל אִיז דֶעם רֶבִּי׳ן וָואס עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַזַא תַּלְמִיד וְכוּ׳, און יֶעדֶער אײנֶער הָאט אַ גוּט וָוארְט אויף אִיהְם, און חָלִילָה פַארְקֶערְט עֶר פִירְט זִיךְ אויף ווי אַ פֶּרֶא אָדָם וְכוּ׳, נִישְׁט עֶר לֶערְנְט און נִישְׁט עֶר דַאוְֶוענְט און נִישְׁט עֶר אַרְבֶּעט, דְרֵייט זִיךְ אַרוּם מִיט צִיגֶערֶעטְלֶעךְ וְכוּ׳, מִיט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים וְכוּ׳, וָואס זָאגְן מֶענְטְשְׁן, אָךְ און וֵויי אִיז זַיין טַאטֶע׳ן וְכוּ׳, אָךְ און וֵויי אִיז זַיין רֶבִּי׳ן וְכוּ׳, הֵיֶר דָאס גוּט אַיין וֶועסְטוּ הָאבְּן אַן אַנְדֶער סָארְט לֶעבְּן.

**דָאס** אַלֶעס קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין אַז מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. עֶר שַׁיינְט אִין אוּנְז אַרַיין אַזַא מִין לֶעבְט אַז מֶען זָאל שְׁפִּירְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים שְׁטֶענְדִיג, און מֶען זָאל קֶענֶען רֶעדְן צוּ אִיהְם אויף פְּרָאסְט אִידִישׁ וָואס דָאס הֵייסְט "הִתְבּוֹדְדוּת", וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דֶעם מֶענְטְשׁ אַן אַנְדֶערֶע סָארְט יִשּׁוּב הַדַּעַת. אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן וֶועט דִיר גוּט זַיין אויף דִי וֶועלְט און מִכָּל שֶׁכֵּן אויף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן פְּרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תקיט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר מַטּוֹת מַסְעֵי כ"ו תַּמּוּז ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** ווִיסְן, דָאס דִי מִדָּה פוּן חֶסֶד, טוּהְן גוּטְס מִיט אַ צְווייטְן אִיד, אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יַלְקוּט תְּהִלִּים רֶמֶז תתל"ד) אָמַר רַבִּי סִימוֹן בְּשָׁעָה שֶׁבָּא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לִבְרוֹא אָדָם הָרִאשׁוֹן, נַעֲשׂוּ הַמַּלְאָכִים כִּתּוֹת כִּתּוֹת, מֵהֶם אוֹמְרִים יִבָּרֵא וּמֵהֶם אוֹמְרִים אַל יִבָּרֵא, חֶסֶד אוֹמֵר יִבָּרֵא שֶׁהוּא גּוֹמֵל חֲסָדִים; אוּן מִיט דֶעם וֶוערְט אַ אִיד גֶעמָאסְטְן, ווִיפִיל חֶסֶד עֶר הָאט אִין זִיךְ, מֶען פְלֶעגְט זָאגְן צְווִישְׁן דִי בֶּעלְזֶער יוֹשְׁבִים (וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע לוֹמְדִים), וֶוען מֶען פְרֶעגְט זִיךְ נָאךְ אוֹיף אַ בָּחוּר וֶועגְן אַ שִׁידוּךְ וְכוּ', וָואס זָאגְט מֶען אוֹיף דֶעם בָּחוּר? אוֹיבּ מֶען הָאט דֶערְמַאנְט אַז דֶער בָּחוּר אִיז אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל חֶסֶד, אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גֶענוּג, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעזוּכְט מֶער קַיין אַנְדֶערֶע יִחוּס, נָאר דָאס עֶצֶם זַאךְ אַז אַ בָּחוּר אִיז אַ גוּט הַארְצִיגֶער אוּן טוּט נָאר טוֹבוֹת אוּן חֶסֶד פַּאר אַנְדֶערֶע, דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער יִחוּס, אוּן עֶר וֶועט אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי קֶענֶען הַאלְטְן אַ ווַייבּ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת זְכוּת אָבוֹת סִימָן ג') גּוֹמֵל חֲסָדִים אֵין צָרִיךְ לִזְכוּת אָבוֹת; אִיבֶּערְדֶעם בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דַיין טֵייעֶרֶע מִדָּה וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט

צו טוהן חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע, וָוארום אִין דֶעם זְכוּת וֶועט דִיר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אַ גוּטְ'ן שִׁידוּךְ, און דוּ וֶועסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ הֵיילִיג שְׁטוּבּ.

**אוּנְזֶערֶע** לַייט פְלֶעגְן דֶערְצֵיילְן אַז אִין אוּמַאן פְלֶעגְט זִיךְ פַארְוַוארְפְן גוּטֶע בָּחוּרִים מִיט גוּטֶע מִדּוֹת, זֵיי הָאבְּן נָאר אִינְזִין גֶעהַאט אַ טוֹבָה טוהן אַ צְוֵוייטְן, דִי הָאבְּן זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אִין לֶעבְּן וְכוּ', וֶוען זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט הָאבְּן זֵיי גֶעפִירְט אַ הֵיילִיגֶע שְׁטוּבּ מִיט גְרוֹיס יִשּׁוּב הַדַּעַת וְכוּ', און זֵיי הָאבְּן מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, תּוֹרָה און תְּפִלָּה און מִצְווֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע גֶעשְׁמַאק און פְרֵיילִיכְקֵייט וְכוּ', און ווִידֶערְאוּם פַארְקֶערְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען בָּחוּרִים וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהֵייסְן גְרוֹיסֶע עוֹבְדִים וְכוּ', גֶעשְׁרִיגְן און פַארְפִירְט בַּיים דַאוֶוענֶען וְכוּ', און נָאךְ ווִילְדֶע עֲבוֹדוֹת וְכוּ', און אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט זֵיי נָאר אָנְגֶערִירְט זֵייעֶר כָּבוֹד וְכוּ' אִיז גֶעוֶוען גֶעפֶערְלִיךְ וְכוּ', און אַ טוֹבָה טוהן אַ צְוֵוייטְן אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ רֶעדְן וְכוּ', און דִי הָאבְּן אוֹיבֶּעט חֲתוּנָה גֶעהַאט וְכוּ', אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּיסְט ווִיאַזוֹי צוּ פִירְן אַ שְׁטוּבּ, עֶס אִיז גֶעוֶוען מַחְלוֹקֶת דָארְטְן וְכוּ', עֶס אִיז גֶעוֶוען קַארְגְקֵייט דָארְטְן וְכוּ', און עֶס הָאט נִישְׁט לַאנְג גֶענוּמֶען, אָדֶער מֶען הָאט זִיךְ גֶ'גֶט וְכוּ', אָדֶער מֶען הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעקִילְט פוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם וְכוּ', אוֹיס עוֹבְדִים וְכוּ', וָוארוּם אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין אַ אִיד, אִיז אַיינְקוֹיפְן זִיךְ מִדַּת הַחֶסֶד, וָואס אוֹיף דֶעם שְׁטֵייט דֶער וֶועלְט, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִילִים פ"ט) "כִּי אָמַרְתִּי

עוֹלָם חֶסֶד יִבָּנֶה שָׁמַיִם תָּכִן אֱמוּנָתְךָ בָהֶם", אַז מֶען פִּירְט זִיךְ מִיט חֶסֶד אִיז מֶען שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה, אוּן אַז מֶען אִיז שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה, קֶען מֶען אַלֶעם דוּרְכְגֵיין.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעהְט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין קַיין נַארִישֶׁע מוּסָר וָואס מֶען הָאט דִיךְ גֶעזָאגְט וְכוּ'

"אַ בָּחוּר דַארְף נִישְׁט עוֹסֵק זַיין אִין טוּהְן חֶסֶד, עֶר דַארְף זִיצְן אוּן לֶערְנֶען", דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער טָעוּת, וָוארוּם וֶוען אַ בָּחוּר אִיז עוֹסֵק אִין טוּהְן חֶסֶד מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, דֶער לֶערְנְט אַסַאךְ תּוֹרָה וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּטוּהְן מִיט וָואס מֶען הָאט דִיר גֶעזָאגְט, פָאלְג בֶּעסֶער דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן זַיי מַמְשִׁיךְ נָאר צוּ טוּהְן חֶסֶד אוּן טוֹבוֹת מִיט אַן אַנְדֶערְן, אוּן דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיאוּף חֵלֶק ב' סִימָן ה') עַל יְדֵי טוֹבוֹת שֶׁעוֹשֶׂה עִם בְּנֵי אָדָם נִתְבַּטֵּל תַּאֲווֹת נִיאוּף, וְכֵן לְהֵיפֶךְ וְכוּ', פַארְשְׁטֵיי וָואס דָא טוּט זִיךְ וְכוּ'.

**פָאלְג** מִיר, הֵייבּ אָן צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, וָוארוּם עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶער סְגוּלָה פַאר דִי נְשָׁמָה צוּ זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת יֶעדְן טָאג, ווי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (בְּרֵאשִׁית מ"ב) מַאן דְקָארֵי וְתָנֵי שִׁית סִדְרֵי מִשְׁנָה, דָא הוּא מַאן דְיָדַע לְסַדְרָא וּלְקַשְׁרָא קִשּׁוּרָא וְיִחוּדָא דְמָארֵיה כִּדְקָא יָאוּת, אִילֵין אִינוּן דִמְקַדְשִׁין שְׁמָא קַדִישָׁא דְמָארֵיהוֹן בְּכָל יוֹמָא תָּדִיר; [וֶוער עֶס לֶערְנְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דֶער וֵוייסְט וִויאַזוֹי מְחַבֵּר צוּ זַיין דִי עוֹלָמוֹת וְכוּ', אוּן דוּרְךְ אִיהְם וֶוערְט גֶעמַאכְט גְרוֹיסֶע יִחוּדִים אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת וְכוּ', אוּן דִי וָואס

זַיי לֶערְנֶען שְׁטֶענְדִיג מִשְׁנָיוֹת זֶענֶען מְקַדֵּשׁ דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים'ס נָאמֶען יֶעדְן טָאג].

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תקכ

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר מַטּוֹת מַסְעֵי כ"ו תַּמּוּז ה'תשע"ב

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

דוּ מוּזְט זִיךְ שְׁטֶעלְן זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דַיין וַוייבּ זָאל גֵיין אָפְּגֶעשׁוֹירְן, אַזוֹי וִוי אַ אִידִישֶׁער טָאכְטֶער פִירְט זִיךְ, בַּיי אוּנְז אִיז דָאס אַ עִיקָר גָּמוּר אִין אִידִישְׁקֵייט, אוּן אִין דֶעם קֶען מֶען נִישְׁט מַאכְן קַיין שׁוּם פְּשָׁרוֹת וְכוּ', אַוַודַאי דַארְף מֶען וִויסְן וִויאַזוֹי צוּ רֶעדְן מִיט דָאס וַוייבּ וְכוּ', נִישְׁט סְטְרַאשֶׁען וְכוּ', אוּן אַוַודַאי נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען אוּן דֶערְנִידֶערְן וְכוּ', נָאר שֵׁיינֶערְהֵייט, וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ט') "דִּבְרֵי חֲכָמִים בְּנַחַת נִשְׁמָעִים מִזַּעֲקַת מוֹשֵׁל בַּכְּסִילִים" אַז מֶען רֶעדְט מִיט שֵׁיינְקַייט וֶוערְט דָאס צוּגֶעהֶערְט, אָבֶּער וֶוען מֶען שְׁרֵייט וִוי אַ נַאר אוּן מֶען וִויל גֶעוֶועלְטִיגְן וְכוּ' קוּמְט מֶען אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָן.

דוּ דַארְפְסְט מִיט אִיר אִיבֶּערְלֶערְנֶען דֶעם זוֹהַר (נָשׂא קכ"ה:) תּוּנְבָּא לֵיתֵי [אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען] עַל הַהוּא בַּר נַשׁ [אוֹיפְן מֶענְטְשׁ] דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ [וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ] דְּתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָה דְרֵישָׁהּ לְבַר [זָאל גֵיין אוֹיפְגֶעדֶעקְט דִי הָאר,

אָדֶער מֶען זָאל אַרוֹיסְזֶעהְן דִי הָאר] וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְבֵיתָא [אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן דִי צְנִיעוּת פוּן אַ פְרוֹי אִין שְׁטוּב] וְאִתְּתָא דְאַפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר [אוּן אַ פְרוֹי וָואס זִי דֶעקְט אוֹיף אִירֶע הָאר] לְאִתְתַּקְנָא בֵּיהּ [זִיךְ שֵׁיין מַאכְן מִיט דֶעם] גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא [אִיז גוֹרֵם אָרִימְקֵייט אִין שְׁטוּבּ] וְגָרִים לִבְנָהָא דְלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא [אוּן סְ'אִיז גוֹרֵם אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט זַיין קַיין גֶעלוּנְגֶענֶע, אוּן זֵיי זָאלְן נִישְׁט חָשׁוּב זַיין] וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְשַׁרְיָא בְּבֵיתָא [אוּן עֶס אִיז גוֹרֵם אַז דִי סִטְרָא אַחֲרָא אוּן דִי חִיצוֹנִים זָאלְן זַיין אִין דֶעם שְׁטוּבּ] מַאן גָּרִים דָא [אוּן וֶוער אִיז גוֹרֵם דִי אַלֶע צָרוֹת] הַהוּא שַׂעֲרָא דְאִתְחַזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר. [דִי הָאר פוּן אַ פְרוֹי וָואס מֶען זֶעהְט אַרוֹיס] וּמַה בְּבֵיתָא הַאי [אוּן דִי אַלֶע קְלָלוֹת רֶעדְט זִיךְ פוּן אַ פְרוֹי וָואס זִי גֵייט אוֹיפְגֶעדֶעקְט דִי הָאר אִין שְׁטוּבּ] כָּל שֶׁכֵּן בְּשׁוּקָא [אוּן אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי וֶוען זִי גֵייט אוֹיפְגֶעדֶעקְט אוֹיפְן גַאס מִיט דִי הָאר] וְכוּ'. לֵיידֶער הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט בַּיי אוּנְז נָאכְאַמָאל דִי קְלִיפָּה אַז הֵיימִישֶׁע פְרוֹיעֶן לָאזְן זִיךְ וַואקְסְן דִי הָאר, אוּן זֵיי כַאפְּן נִישְׁט וָואסֶערֶע צָרָה זֵיי בְּרֶענְגְן אוֹיף זִיךְ אוּן אוֹיפְן גַאנְצְן הוֹיז-גֶעזוּנְט, אוֹיפְן מַאן, אוּן אוֹיף דִי קִינְדֶער, דָאס בְּרֶענְגְט קְרִיגֶערַיי אִין שְׁטוּבּ, אוּן אָרֶעמְקֵייט, אוּן פַארְשִׁידֶענֶע מַחֲלוֹת.

**אִיךְ** הַאלְט אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט מִיט אִיר שֵׁיין רֶעדְן אוּן מַסְבִּיר זַיין דָאס הַארְבְקֵייט פוּן דֶעם צוּ גֵיין מִיט בַּיי-הָאר וְכוּ', וֶועט זִי דִיר נָאכְגֶעבְן, וָוארוּם דֶעם כְּלַל זָאלְסְטוּ נֶעמֶען, וֶוען אַ אִיד מֵיינְט לְשֵׁם שָׁמַיִם פּוֹעֶל'ט עֶר.

דֶער עִיקָר דוּ זָאלְסְט קוֹדֶם זַיין שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ, וֶועסְטוּ אַוודַאי פּוֹעֵל'ן אוֹיךְ בַּיי דַיין ווייבּ.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תקכא

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר מַטּוֹת מַסְעֵי כ"ו תַּמּוּז ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ זָאלְסְט ווִיסְן דָאס דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ שְׁטֵייט נִישְׁט אַיין בַּיי קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ וְכוּ' ווִי דִי קְלֵיין קֶעפֶּלְדִיגֶע אִינְגֶעלַייטְלֶעךְ וְכוּ' אַזוֹי גֶערוּפֶענֶע מַנְהִיגִים וְכוּ' רֶעדְן אַיין וְכוּ', דֶער וָואס עֶר לֶערְנְט "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" אוּן עֶר אִיז בָּקִי אִין דֶעם יָשָׁר וְהָפוּךְ, בַּיי אִיהְם שַׁיינְט דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ. וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב) פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ בְּתוֹךְ הַסֵּפֶר; אִין יֶעדְן סֵפֶר אִיז דָארְטְן פַּארְשְׁטֶעקְט דֶער פָּנִים מִיט דֶער שֵׂכֶל מִיט דֶער נְשָׁמָה פוּן דֶעם בַּעַל מְחַבֵּר, וּבִפְרַט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז עֶר אִינְגַאנְצְן אִין זַיין סֵפֶר, אוּן עֶר הָאט אוּנְז אָנְגֶעזָאגְט דָאס מִיר זָאלְן לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ זַיין סֵפֶר, אוּן וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר וֶועט זִיךְ אִיהְם עֶפֶענֶען דִי אָדֶערְן וָואס אִיז פַּארְשְׁטָאפְּט וְכוּ', אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל תְּשׁוּבָה אוּן אַ בַּעַל מֹחַ אוּן אַ בַּעַל הַשָּׂגָה וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ אַסַאךְ לֶערְנֶען דֶעם

הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סֵפֶר, בִּיז עֶר זָאל זַיין בָּקִי אִין דֶעם בַּעַל פֶּה, אוֹיךְ דַארְף מֶען אַסַאךְ לֶערְנֶען דִי שִׂיחוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט פַארְצֵייכְנְט אִין דִי צְוֵויי סְפָרִים "שִׂיחוֹת הָרַ"ן" "חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן", אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן שנ"ח) דָאס מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה אוּן שִׂיחָה וָואס עֶר רֶעדְט אוּן שְׁמוּעְסְט מִיט אוּנְז קֶען מֶען זַיין דוּרְכְדֶעם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אֲפִילוּ אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק דֶעם גַאנְץ לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי אִיךְ ווִיל, אוּן אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אֵיין גוּטֶער אִיד, אוֹיבּ עֶר וֶועט וֶועלְן גֵיין מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה אוּן דָאס מְקַיֵים זַיין בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת גָמוּר.

אוּן זֶעלְבְּסְט פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן אַסַאךְ רֶעדְן מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים כְּדֵי עֶס זָאל זִיךְ אִיהְם אוֹיסְרֵיינִיגְן דֶעם מֹחַ פוּן אַלֶע שְׁטוּתִים אוּן דִמְיוֹנוֹת וְכוּ', וָוארוּם וֶוען אַ אִיד רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בַּאקוּמְט עֶר אַן אַנְדֶערְן סָארְט מֹחַ, אוּן הָאט שׁוֹין אַן אַנְדֶערְן יִשּׁוּב הַדַעַת וְכוּ', אוּן טְרַאכְט שׁוֹין וִוי דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט אִיז נָאר אַ דוּרְכְגַאנְג, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם תַּכְלִית בָּזֶה הָעוֹלָם נָאר לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אוּן דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען, אוּן אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא, אוּן עֶר אִיז מְחַיֶה אוּן מְהַוֶוה דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה, אוּן אַלֶעס אִיז אַ לְבוּשׁ לְגַבֵּי אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן פְרֵייליכְן תָּמִיד**

# תקכב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר מַטּוֹת מַסְעֵי כ"ו תַּמּוּז ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס פַאר אַ זְכוּת דוּ הָאסְט דָאס דוּ דְרִיקְסְט אָפּ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן עֶס וֶוערְט צוּשְׁפְּרֵייט אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, וָוארוּם אוּנְזֶערֶע מְפִיצִים קוּמֶען אָן אִין יֶעדֶע מְדִינָה אִין דֶער וֶועלְט, עֶס אִיז שׁוֹין אַ אַרְבֶּעט פוּן קָרוֹב צוּ פוּפְצִיג יָאר וָואס מִיר אַקֶערְן אוּן זֵייעֶן שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער וְכוּ' וְכוּ' מִיט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אוּן יֶעצְט זֶעהְט מֶען שׁוֹין דִי פֵּירוֹת וָואס עֶס קוּמֶען אַרוֹיס נָאךְ אַזַא שְׁוֶוערֶע הָארֶעוַואנְיֶע פוּן אַזוֹיפִיל צֶענְדְלִיגֶער יָארְן.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הַיינְט קֶען מֶען שׁוֹין פַארְקוֹיפְן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" "סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת" "סֵפֶר הַמִּדּוֹת" וְכוּ', וְכוּ', בְּרֵייש גָלֵי, אוּן מֶען דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין מַחֲלוֹקֶת, וָוארוּם אַלֶע אִידְן זוּכְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים מִיט לֶעבְּט אַ דַאנְק אוּנְזֶערֶע שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע הָארֶעוַואנְיֶע פוּן צֶענְדְלִיגֶער יָארְן, אוּן גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס דֶער קִיבּוּץ הַקָּדוֹשׁ רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן וַואקְסְט פוּן יָאר צוּ יָאר בִּיז פַארְיָארְן אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען קָרוֹב צוּ פוּפְצִיג טוֹיזֶענְט אִידְן כֵּן יִרְבּוּ, וֶוער וָואלְט זִיךְ אַמָאל פָארְגֶעשְׁטֶעלְט אַזַא זַאךְ?

אַוַדַאי דַארְף מֶען נָאךְ הָאבְּן גְרוֹיס רַחֲמִים, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זִיךְ זַיינֶע וֶועגְן ווִי צוּ בַּאהַאלְטְן דֶעם גְרוֹיסְן לֶעבְּט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וְכוּ' וְכוּ', עֶס קוּמֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְלֵיי מֶענְטְשְׁן וְכוּ' וָואס קַיין כָּבוֹד בְּרֶענְגְט דָאס נִישְׁט פַאר בְּרֶסְלְבֶ'ר חֲסִידִים, אַזוֹי ווִי דִי נ' נַח' וְכוּ', אָבֶּער מִיר וֵוייסְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז פַארְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ז') אַז אֵיידֶער זַיין נְשָׁמָה אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם גֶעמַאכְט אַ רַעַשׁ אַז אוֹיבּ דִי נְשָׁמָה וֶועט אַרָאפְּקוּמֶען וְכוּ' הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט וָואס צוּ טוּהְן אוֹיף דֶער וֶועלְט וְכוּ', הָאט מֶען אִיהְם גֶעזָאגְט אַז דִי נְשָׁמָה מוּז אַרָאפְּקוּמֶען, וָוארוּם (יְחֶזְקֵאל ז') "קֵץ בָּא הַקֵּץ עַל אַרְבַּע כַּנְפוֹת הָאָרֶץ" אוּן דוּ גֵיי זוּךְ זִיךְ אַן עֵצָה וְכוּ', אִיז עֶר צוּרִיקְגֶעקוּמֶען מִיט אַן אַלְטְן אַן אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶער, אוּן בֵּיידֶע הָאבְּן גֶעלַאכְט וְכוּ', אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אִיךְ הָאבּ זִיךְ שׁוֹין אַן עֵצָה גֶעגֶעבְּן אַקֶעגְן דִי נְשָׁמָה וְכוּ', הָאבְּן אוּנְזֶערֶע לַייט גֶעזָאגְט אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אַז מֶען וֶועט אָפְּשְׁפֶּעטְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶועגְן וְכוּ'.

אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, אִין אַלֶע דוֹרוֹת הָאבְּן בְּרֶסְלְבֶ'ר חֲסִידִים גֶעלִיטְן פוּן פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְלֵיי מְשׁוּגָעִים וְכוּ', אָבֶּער אִין דֶער אֱמֶתְ'ן אַרַיין הָאט דֶער וֶועלְט נִישְׁט גֶעקֶענְט דִי אֱמֶתֶ'ע בְּרֶסְלְבֶ'ר חֲסִידִים וָואס זֵיי פַארְפֶעלְן נִישְׁט קַיין אֵיין חֲצוֹת לַיְלָה בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיפְ'ן חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ אוּן גָלוּת אוּן צָרוֹת יִשְׂרָאֵל וְכוּ', אוּן זֵיי זֶענֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדְן טָאג, אוּן דַאוֶוענֶען

מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגְן דְבֵיקוּת דִי דְרֵייִ תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, אוּן וְעַל כּוּלָם לֶערְנֶען זֵיי מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה כְּפִי דִי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן, ווִי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען כְּסִדְרָן תַּנַ"ךְ, שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, שַׁ"ס בַּבְלִי יְרוּשַׁלְמִי וְכוּ', אוּן אַלֶע מִדְרָשִׁים וְכוּ', אוּן זוֹהַר אוּן תִּיקוּנִים וְכוּ', אוּן רַמְבַּ"ם טוּר אוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ וְכוּ' וְכוּ', אוּן דָאס וֵוייסְט קֵיינֶער נִישְׁט, וָוארוּם דִי אִידְן זִיצְן שְׁטֶענְדִיג אִין זֵייעֶר ווִינְקְל אוּן דִינֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט אַן אֱמֶת, אַז וואוּיל אִיז זֵיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן דָאס דוּ הָאסְט אַזַא גְרוֹיסְן חֵלֶק אִין דְרִיקְן אוּן צוּשְׁפְּרֵייטְן

דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וָואס וֶוערְט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן דוּרְךְ "קֶרֶן הַדְפָּסָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ", וָואס גֶעלוֹיבְּט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאבְּן מִיר זִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ שֶׁעמֶען פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, עֶס אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אַ נַייעֶר דוֹר, הוּנְדֶערְטֶער בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס זֵייעֶר גַאנְצֶער צִיל אִין לֶעבְּן אִיז נָאר דִינֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, לֶערְנֶען כְּפִי דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין יֶעדְן טָאג, אוּן פְרֵייליךְ זַיין, אוּן פְרֵייליךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע אִידְן, וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער מִצְוָה, וָוארוּם לֵיידֶער דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אַזוֹיפִיל אוּמְגְלִיקְלִיכֶע צוּבְּרָאכֶענֶע נְשָׁמוֹת וָואס עֶס גֵייט אוֹיף זֵיי אִיבֶּער אַלֶע עֶרְלֵיי צָרוֹת וְכוּ', עֲנִיוּת וְדַחֲקוּת וְכוּ', שְׁלוֹם בַּיִת פְּרָאבְּלֶעמֶען וְכוּ', אוּן צַעַר גִידוּל

בָּנִים וְכוּ׳, און דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער אִיז פַּאר זֵיי כְּמַיִם קָרִים עַל נֶפֶשׁ עֲיֵיפָה, אַז וואוּיל אִיז דֶעם אִיד וָואס עֶר קֶען מְחַזֵּק זַיין אַנְדֶערֶע אִידְן.

**און** דִי חֲזַ״ל דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כ״ב.) רֶבִּי בְּרוֹקָא חוֹזָאָה הֲוָה שְׁכִיחַ בְּשׁוּקָא דְבֵי לֶפֶט, הֲוָה שְׁכִיחַ אֵלִיָּהוּ גַּבֵּיה, אָמַר לֵיהּ, אִיכָּא בְּהַאי שׁוּקָא בַּר עָלְמָא דְאָתֵי? אָמַר לֵיהּ, לֹא וְכוּ׳. אַדְהָכִי וְהָכִי אָתוּ הָנָךְ תְּרֵי אַחֵי, אָמַר לֵיהּ: הָנָךְ נַמִי בְּנֵי עָלְמָא דְאָתֵי נִינְהוּ. אָזַל לְגַבַּייהוּ, אָמַר לְהוּ מַאי עוֹבָדַיְיכוּ? אָמְרוּ לֵיהּ, אִינְשֵׁי בְדוּחֵי אֲנָן, מְבַדְּחִינָן עֲצִיבֵי. אִי נַמִי, כִּי חַזֵינָן בֵּי תְּרֵי דְאִית לְהוּ תִּיגְרָא בַּהֲדַייהוּ טָרְחִינָן וְעַבְדִינָן לְהוּ שְׁלָמָא; [רֶבִּי בְּרוֹקָא הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען דָאס אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט מִיט אִיהְם גֶעלֶערְנְט און עֶר אִיז מִיט אִיהְם גֶעגַאנְגֶען אִיבֶּערָאל, אֵיינְמָאל זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען אִין אַ מַארְק אִין דִי שְׁטָאט לֶפֶט, הָאט רֶבִּי בְּרוֹקָא גֶעפְרֶעגְט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא׳ן, אִיז דָא אִין דֶעם מַארְק אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט עוֹלָם הַבָּא? דֶערְוַוייל אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן הָאט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא גֶעווִיזְן אַז דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען בְּנֵי עוֹלָם הַבָּא, אִיז רֶבִּי בְּרוֹקָא גֶעלָאפְן צוּ זֵיי און גֶעפְרֶעגְט, וָואס אִיז עֶנְקֶער אַרְבֶּעט? הָאבְן זֵיי גֶעֶנְטְפֶערְט, מִיר זֶענֶען פְרֵיילִיכֶע מֶענְטְשְׁן, וואוּ מִיר זֶעהְן צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ מַאכְן מִיר שָׁלוֹם, און וואוּ מִיר זֶעהְן טְרוֹיעֶרְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן מַאכְן מִיר זֵיי פְרֵיילִיךְ וְכוּ׳].

**זֶעהְט** מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד וָואס מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַנְדֶערֶע אִידְן, וָואס אַ אִיד שְׁטַארְקְט אַן אַנְדֶערֶע אִיד, וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל, און

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ק"ז) אַז דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער צְדָקָה, מְחַזֵק זַיין אַן אַנְדֶערֶע אִיד! אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים מ"א) "אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָל" ווָאוויל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר גֶעבְּט אַרַיין שֵׂכֶל אִין אָרֶעמַאן, וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל.

**שְׁטַארְק** זִיךְ זֵייעֶר וֶועסְטוּ זֶעהְן גְרוֹיסֶע נִסִים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט דִיר טוּהְן, וָוארוּם אַז מֶען שְׁטַארְקְט אַנְדֶערֶע בַּאקוּמְט מֶען צוּרִיק נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט שֶׁפַע בְּרָכָה וְהַצְלָחָה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן פְּרֵיילִיכְן טָאג.**

## תקכג

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר מַטּוֹת מַסְעֵי כ"ח תַּמּוּז ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אוֹיף דֶעם עוֹלָם מוּז מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן, עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם אַזוֹיפִיל צָרוֹת אוּן יִסוּרִים אוּן בִּיטֶערְנִישׁ וְכוּ', יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זַיינֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער וְכוּ', יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ', אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען דַארְף זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, וָוארוּם אָן דֶעם קֶען מֶען נִישְׁט

זַיין קַיין אִיד פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם אַזֶעלְכֶע שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ׳, דָאס אוֹיב מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ נִישְׁט קֶען מֶען אַוֶועקְפַאלְן אִינְגַאנְצְן פוּן דִי אֱמוּנָה וְכוּ׳.

**אִיבֶּערְדֶעם** לֹא בְּחִינָם הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מְחַזֵּק גְעוֶוען שְׁטֶענְדִיג אוֹיף אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, מֶען זָאל גְלֵייבְּן אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דָאס וֶוערְט נִתְגַלֶּה כְּפִי דָאס הִתְבּוֹדְדוּת וָואס עֶר הָאט, וָוארוּם אַ מֶענְטְשׁ וֶועט נִישְׁט רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיב עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, אוּן מִיט דֶעם וָואס עֶר רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט דֶעם אַלֵיין שְׁטַארְקְט זִיךְ זַיין אֱמוּנָה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ס"ב) וֶוען אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה אוּן עֶר וֵוייסְט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא, בַּיי אִיהְם, לֶעבְּן אִיהְם, אִין אִיהְם וְכוּ׳, מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ וְכוּ׳, דֶעמָאלְט וֶועט עֶר שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּ אִיהְם, עֶר וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם שְׁוֶועֶרֶע נִסְיוֹנוֹת צוּ רֶעדְן צוּ אִיהְם וְכוּ׳, אוּן דָאס וָואס אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט נִישְׁט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס אִיז וַוייל זַיין אֱמוּנָה אִיז נִישְׁט בִּשְׁלֵמוּת וְכוּ׳, אִיז דַארְף מֶען אוֹיף דֶעם אַלֵיין מַאכְן אַ תְּפִלָּה בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה, עֶר זָאל זַיין שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה, אוּן מֶען זָאל אִיהְם נִישְׁט קֶענֶען פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ מִיט אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן אוּן דִמְיוֹנוֹת.

**אַוַודַאי** אוּן אַוַודַאי אִיז דָאס נִישְׁט גְרִינְג, אָבֶּער וֶועגְן דֶעם זֶענֶען מִיר דָא אוֹיף דֶעם עוֹלָם, אוּן מִיר גֵייעֶן דוּרְךְ

שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דֶערְהַאלְטְן מִיר זִיךְ, אוּן מִיר שְׁטַארְקְן זִיךְ אִין אֱמוּנָה הַקְדוֹשָׁה, אוּן מִיר צִיעֶן זִיךְ נִישְׁט צוּ דִי מִינִים אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת וְכוּ׳, אַדְרַבָּה מִיר זֶענֶען מְקַיֵּים בִּשְׁלֵמוּת וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט (תְּהִלִּים קי״ט) ״וַאֲדַבְּרָה בְעֵדֹתֶיךָ נֶגֶד מְלָכִים וְלֹא אֵבוֹשׁ״, אִידְן גֵייעֶן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ מִיט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים אַ בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, צִיצִית אוּן תְּפִלִּין וְכוּ׳ וְכוּ׳, מֶען הִיט שַׁבָּת, מֶען עֶסְט כָּשֵׁר וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן מֶען אִיז מְגַדֵּל דִי קִינְדֶער עַל דֶרֶךְ יִשְׂרָאֵל סָבָא וְכוּ׳, לֹא בְּחִינָם עֶס עֶסְט דִי מִינִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים אוֹיף, וֶוען זֵיי זֶעהְן אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מַעֲבִיר זַיין גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַזוֹי וִוי זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט וְכוּ׳, מֶען זֶעהְט אַז דִי רְשָׁעִים רוּהֶען נִישְׁט אֵיין מִינוּט, יֶעצְט זֶענֶען זֵיי גוֹזֵר גְזֵירוֹת זֵיי ווִילְן פַארְמַאכְן אַלֶע יְשִׁיבוֹת וְכוּ׳, עֶס בְּרֶענְט זֵיי אוֹיס דִי אוֹיגְן וֶוען זֵיי זֶעהְן דָאס זֵיי הָאבְּן בַּאנְקְרָאטִירְט וְכוּ׳, אוּן דֶער אִידִישֶׁער צִיבּוּר וַואקְסְט אוּן זֵיי זֶעהְן נַחַת פוּן קִינְדֶער אוּן קִינְד׳ס קִינְדֶער דוֹרֵי דוֹרוֹת, אוּן בַּיי זֵיי פַּאלְן אַוֶועק דִי קִינְדֶער אוּן דִי אֵיינִיקְלֶעךְ, זֵיי עֶנְדִיגְן אִין תְּפִיסוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן וְכוּ׳, אָדֶער זֵיי לָאזְן אִיבֶּער דִי עֶלְטֶערְן אוּן פָּארְן אַוֶועק אִין אַלֶע שְׁוַוארְץ יָאר וְכוּ׳, זֵיי מִישְׁן זִיךְ אוֹיס מִיט דִי גוֹיִים וְכוּ׳, מֵרוֹב קִנְאָה בְּרֶענְט זֵיי צוּ פַארְמַאכְן אַלֶע יְשִׁיבוֹת.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, אוּן מְחַנֵּךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אוּן אוּנְזֶערֶע תַּלְמִידִים נָאר אִין פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל

עוֹלָמִים און קִיּוּם מִצְווֹת מַעֲשִׂיּוֹת, און אַזוֹי וֶועלְן מִיר קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין דָאס גָאלְדֶענֶע קֵייט פון דָאס אִידִישֶׁע קִינְדֶערְלֶעךְ וָואס זֵיי זֶענֶען שׁוֹין דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת צְוֵויי טוֹיזֶענְט יָאר, און פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאבְּן זֵיי נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מֶען הָאט נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, מֶען הָאט נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט דִי מִצְווֹת.

**אַז** וואוּיל אִיז דֶעם אִיד וָואס עֶר שְׁטַארְקְט זַיין וַוייבּ און קִינְדֶער מִיט פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, און אִין שְׁטוּבּ רֶעדְט מֶען נָאר פוּן אֱמוּנָה און נָאר סִיפּוּרֵי צַדִּיקִים, און דוּרְכְדֶעם וֶועט מֶען מַמְשִׁיךְ זַיין אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת, בִּיז מִיר וֶועלְן קֶענֶען צוּזַאמֶען מְקַבֵּל זַיין פְּנֵי מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וָואס עֶר וֶועט אַוַודַאי און אַוַודַאי קוּמֶען און אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## תקכד

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר מַטּוֹת מַסְעֵי כ"ח תַּמּוּז ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

**אִיךְ** זֶעה אַלֶע דַיינֶע צָרוֹת אִיז וַוייל דוּ בִּיסְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, וֶוען דוּ זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ וָואלְסְטוּ גֶעוֶוען דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אִין דֶער וֶועלְט, און דוּ דַארְפְסְט וִויסְן

אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם טוּט אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם אַרַיינְבְּרֶענְגֶן אִין אַ מֶענְטְשׁ עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, וָוארוּם מִיט דֶעם כַאפְּט עֶר אִיהְם אַרַיין אִין זַיין נֶעץ, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קפ"ט) אַז דֶער עִיקָר כֹּחַ פוּן דֶעם שְׁלַאנְג דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם אִיז אַרַיינְצוּכַאפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין עַצְבוּת אוּן עַצְלוּת, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ וֶוערְט עֶר נִיצוֹל פוּן אַלֶע צָרוֹת.

**וְוידֶערְאוּם** זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה חֵלֶק ב' סִימָן א') מִי שֶׁשָּׂמֵחַ תָּמִיד מַצְלִיחַ; אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ עֶר הָאט דִי הַצְלָחָה מִיט זִיךְ, אוֹיסֶערְדֶעם מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ קֶען עֶר מְשַׂמֵּחַ זַיין אַנְדֶערֶע, אוּן מְשַׂמֵּחַ זַיין אַ אַנְדֶערֶע אִיד אִיז גָאר גָאר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, אוּן דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה וָואס מֶען קֶען טוּהְן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד אִיהְם מְחַזֵּק זַיין אוּן אִיהְם אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה.

**זֶעלְבְּסְט** פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ אַז דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס מֶען דַארְף מְחַזֵּק זַיין אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן אִיז דָאס וַוייבּ, אַזוֹי ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו') אִשָּׁה בַּעֲלָהּ מְשַׂמְּחָהּ; זִי מִיטְשֶׁעט זִיךְ אָפּ מִיט דִי קִינְדֶער אַ גַאנְצְן טָאג, אוּן ס'אִיז אִיר עֶנְג וְכוּ', דַארְף דֶער מַאן אִיר זֶעהְן פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר מַזְהִיר גֶעוֶוען (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ד) אַז מֶען דַארְף רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי וַוייבּ, זִי מִיטְשֶׁעט זִיךְ מִיט דִי קִינְדֶער, צַעַר עִיבּוּר, צַעַר לֵידָה, צַעַר גִידוּל וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם אִיז דֶער מַאן מְחוּיָיב

איר שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיך צוּ מַאכְן, און אַז דָאס וַוייבּ וֶועט זַיין פְרֵיילִיך וֶועט דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ זַיין פְרֵיילִיך, און אַז דֶער גַאנְצֶער שְׁטוּבּ וֶועט זַיין פְרֵיילִיך וֶועט דִי שְׁכִינָה רוּהֶען דָארְטְן, און וואוּ דִי שְׁכִינָה רוּהְט דָארְטְן אִיז דָא אַלֶע בְּרָכוֹת, אִיבֶּערְדֶעם זֶעה אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף נְקוּדַת הַשִּׂמְחָה, דוּ זָאלְסְט פְרֵיילִיך זַיין, און דַיין וַוייבּ זָאל פְרֵיילִיך זַיין, מִמֵילָא וֶועלְן דִי קִינְדֶער פְרֵיילִיך זַיין.

דוּ וֶועסְט זֶעהְן אַז דוּ וֶועסְט שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיך, וֶועסְטוּ זַיין דֶער גֶרֶעסְטֶער מוּצְלָח בְּגַשְׁמִיוּת און בְּרוּחָנִיוּת.

**זָאלְסְט** ווִיסְן אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם גֵייט אִין לֶעבְּן צוּבְּרֶעכְן אַ מֶענְטְשׁ און אִיהְם אַרַיינְוַוארְפְן אִין יִאוּשׁ אַבִּי עֶר זָאל נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיך, בִּיז עֶר קוּמְט און עֶר זָאגְט אִיהם וֶוער זָאגְט עֶס אַז סְ'אִיז אַ מִצְוָה צוּ זַיין פְרֵיילִיך? זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד; נִישְׁט אַז סְ'אִיז אַ עֵצָה צוּ זַיין פְרֵיילִיך, נָאר סְ'אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיך צוּ זַיין, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיך מִיט דֶעם וַוייזְט עֶר אַז עֶר הָאט אַ רֵיינֶעם הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, בִּפְרַט וֶוען עֶר טוּט אַ מִצְוָה בְּשִׂמְחָה דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל, און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א') כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה בְּיָדוּעַ שֶׁלִבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו; וֶוען אַ אִיד אִיז מְקַיֵים אַ מִצְוָה מִיט שִׂמְחָה אִיז אַ סִימָן עֶר הָאט אַ רֵיינֶע הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם זֶעה אַרְבֶּעטְן נָאר אוֹיף נְקוּדַת הַשִּׂמְחָה,

און דו זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדְן טָאג אֵיין זַאךְ, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵייליךְ, און וִויפֶער דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵייליךְ וֶועסְטוּ שׁוֹין הָאבְּן אַלֶע מִדוֹת טוֹבוֹת.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן, וֶועסְטוּ נִישְׁט צוּלֵייגְן נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג און אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תקכה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר מַטּוֹת מַסְעֵי כ"ח תַּמּוּז ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**עֶס** טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי וָואס דוּ הָאסְט סְפֵיקוֹת צוּ קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וְכוּ' וֶוען דוּ קוּמְסְט שׁוֹין דִי לֶעצְטֶע דְרַייצְן יָאר וְכוּ', און פְּלוּצְלִינְג יֶעצְט הָאסְטוּ זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען אַז דוּ קוּמְסְט נִישְׁט וַוייל אַפָּאר לֵצִים הָאבְּן גֶעמַאכְט פוּן דִיר לֵיצָנוּת דָארְטְן וְכוּ', צוּ וֵוייסְטוּ דֶען נִישְׁט אַז אִין יֶעדְן פְּלַאץ וואוּ סְ'אִיז דָא אַ גְרוֹיסְן לֶעכְט דָארְטְן דְרֵייעֶן זִיךְ אַסַאךְ שְׁרָצִים און פְלִיגְן וְכוּ', גֵיי אַרוֹיס אִין דֶער טוּנְקְל אִין קָאנְטְרִי און דוּ וֶועסְט זֶעהְן וואוּ סְ'בְּרֶענְט אַ לָאמְפּ דָארְטְן פְלִיעֶן אַרוּם זֵייעֶר אַסַאךְ פְּלִיגְן מוּסְקִיטָאס און אַלֶע עֶרְלֵיי שְׁרָצִים וְכוּ', דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וואוּ סְ'אִיז דָא גָאר אַ גְרוֹיסֶע קְדוּשָׁה דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אוֹיבֶעט

אַ גְרוֹיסֶע טוּמְאָה, כְּדֵי מְרַחֵק זַיין מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיבֶּערְדֶעם מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ, אוּן זָאלְסְט שׁוֹין אָנְהֵייבְּן צוּ מִתְפַּלֵל זַיין אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פַּאר אַ תִּיקוּן, וָוארוּם סְ'אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וִוי צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

**אִיךְ** הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען צוּ מִיר, וֶועלְן מִיר רֶעדְן בַּאֲרִיכוּת, אוּן עֶס וֶועט אַלֶעס פַארְרָאכְטְן וֶוערְן.

**נָאר** אַנְטְלוֹיף פוּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת, וָואס דֶער אַרְגְסְטֶער זַאךְ אִיז אַז מֶען הָאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת פוּן יֶעדְן פַארֶעךְ וְכוּ', פוּן יֶעדְן לֵץ וְכוּ', דוּ דַארְפְסְט קוּקֶען אוֹיף דִיר! אִיךְ הָאף אַז דִי וֶוערְטֶער וֶועלְן אַרַיינְגֵיין אִין דַיין הַארְץ, אוּן דוּ וֶועסְט שׁוֹין אָנְהֵייבְּן צוּ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ ווילְסְט זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועסְטוּ הָאבְּן גֶעפּוֹעֶלְ'ט דָארְטְן אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אוּן סְ'וֶועט דִיךְ גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תקכו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א׳ לְסֵדֶר דְּבָרִים ג׳ מְנַחֵם אָב ה׳תשע״ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

זֶעה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן אִין מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן עַצְבוּת וְכוּ׳.

דֶערְוַוייטֶער זִיךְ פוּן אִינְגֶעלַייט וָואס זֵיי הָאבְּן פַארְקְרִימְטֶע דֵעוֹת וְכוּ׳, וַוייל זֵיי זֶענֶען מוֹרָא׳דִיג מְסוּכָּן, וּבִפְרַט וֶוען זֵיי ווִילְן נָאכְמַאכְן דִי אַלֶע זִינְגֶערְ׳ס אוּן טֶענְצֶערְ׳ס וְכוּ׳, קַלִים וְרֵיקִים וּפוֹחֲזִים וְכוּ׳, מִיט דֶעם קֶען מֶען נִישְׁט מְקָרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַדְּרַבָּה וֶוער ס׳אִיז זִיךְ מְחַבֵּר מִיט קַלִים וְרֵיקִים וּפוֹחֲזִים, וֶוערְט אַלֵיין אַ קַל אוּן אַ רֵיק אוּן אַ פּוֹחֵז, אוּן לְהֵיפֶךְ כָּל הַמְחוּבָּר לְטָהוֹר טָהוֹר, אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז זִיךְ מְחַבֵּר צוּ אַ עֶרְלִיכְן אִידְ׳ן וָואס עֶר אִיז דָבוּק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן עֶר דֶערְוַוארֶעמְט דָאס הַארְץ אַז מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן, וֶועט עֶר אוֹיכֶעט וֶוערְן דֶערְוַוארֶעמְט.

לוֹיף אַוֶועק פוּן אַ קְבוּצָה וָואס זֵיי מַאכְן נָאךְ אַלֶע זִינְגֶערְ׳ס אוּן טֶענְצֶערְ׳ס וְכוּ׳ אוּן מַאכְן לֵיצֵי לֵיצָנוּת פוּן אִידִישְׁקֵייט, דָאס אִיז מוֹרָא׳דִיג מְסוּכָּן.

**אַז** אָךְ אוּן וַויי מִיר הָאבְּן זִיךְ דֶערְלֶעבְּט וְכוּ׳ אַז אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס עֶר הֵייסְט אַ חֲסִידִישֶׁער אִינְגֶערְמַאן וְכוּ׳, זָאל נָאכְמַאכְן אַלֶע גוֹיאִישֶׁע נִיגוּנִים אַלֶע גוֹיאִישֶׁע טֶענְץ אוּן אַלֶע גוֹיאִישֶׁע נַארִישְׁקֵייטְן, דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער בִּזָּיוֹן, אוּן אַז וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר אִיז זִיךְ נִישְׁט מְחַבֵּר מִיט אַזֶעלְכֶע קַלִים וְרֵיקִים וּפוֹחֲזִים, מִיר הָאבְּן דָאס נִישְׁט גֶעזֶעהְן בַּיי אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן, אוּן בַּיי אוּנְזֶער עֶלְטֶערְנְ׳ס עֶלְטֶערְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן אַזוֹי נִישְׁט בַּיי אוּנְזֶערֶע רֶבִּי׳ס מִדּוֹר דּוֹר וְכוּ׳, חֲדָשִׁים מִקָּרוֹב בָּאוּ, סְתַּם לֵיידִיג-גֵייעֶר׳ס לֵיצָנִים, דַארְף מֶען זֶעהְן אַוֶועק גֵיין פוּן דֶעם אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁיְיכוּת מִיט זֵיי.

**אִיךְ** בֶּעהְט דִיךְ זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס דוּ עֶסְט, יֶעדֶער מַאֲכָל מוּז הָאבְּן אַ הֶכְשֵׁר פוּן הֵיימִישֶׁע רַבָּנִים, אָדֶער פוּן אַ הֵיימִישְׁן בֵּית דִּין, וָוארוּם דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִיז דָאס עֶסְן, וָואס אַ מֶענְטְשׁ עֶסְט אַזַא בְּלוּט הָאט עֶר וְכוּ׳, אוּן דֶער רַמְבַּ״ם זָאגְט (אִגֶּרֶת תֵּימָן) דָאס וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט נִכְשָׁל אִין טְרֵיפוֹת אוּן נְבֵילוֹת דֶעמָאלְטְס וֶוערְט דִי בְּלוּט אִיהְם צוּמִישְׁט אוּן עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט נֶעמֶען אִין זִיךְ דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף וָואס מֶען עֶסְט, וּבִפְרַט הַיינְטִיגֶע צַייטְן, אֲפִילוּ אִין פָּשׁוּטֶע סָאדֶע וָואס עֶס הָאט נִישְׁט קַיין הֶכְשֵׁר קֶען מֶען נִישְׁט וִויסְן אוֹיבּ סְ׳אִיז נִישְׁט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דֶעם טְרוֹיבְּן זַאפְּט וָואס דָאס אִיז יַיִן נֶסֶךְ, אָדֶער אַנְדֶערֶע זַאכְן פוּן חַיּוֹת

טְמֵאות וְכוּ׳, אֲפִילוּ ס׳שְׁטֵייט ׳עֶס אִיז רֵיין פוּן אַלֶעם׳ הַיינְט אִיז שׁוֹין בַּאוואוּסְט אַז אַ גֶעוִויסֶע פְּרָאצֶענְט מֶעג מֶען אַרַיינְלֵייגְן און מֶען דַארְף נִישְׁט מוֹדִיעַ זַיין וְכוּ׳, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט עֶסְן און נִישְׁט טְרִינְקְן קַיין שׁוּם מַאֲכָל וָואס עֶס הָאט נִישְׁט קַיין הֵיימִישְׁ׳ר הֶכְשֵׁר.

**אִיךְ** הָאף דוּ וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר, און זָאלְסְט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן אַ חֲבוּרָה פוּן לֵצִים וָואס זֵיי מַאכְן לֵיצָנוּת און זֵיי מֵיינֶען מִיט דֶעם וֶועלְן זֵיי מְקָרֵב זַיין אִידְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, אַז מֶען מַאכְט נָאךְ גוֹיִים וֶוערְט מֶען אַלֵיין אַ גוֹי וְכוּ׳, דָאס אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶה.

**גֶעוואוֹין** זִיךְ צוּ, צוּ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁיְיכוּת מִיט קַלִים וְרֵיקִים וּפוֹחֲזִים, און זָאלְסְט זַיין אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, וָוארוּם תְּפִלָּה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלְסְדִינְג, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז דֶער עִיקָר אִיז תְּפִלָּה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג און אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תקכז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר דְּבָרִים ד' מְנַחֵם אָב ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

זֶעה זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן דָאס וֶועט דִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (מִדְרָשׁ תַּלְפִּיּוֹת) דָאס אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט עַל פִּתְחוֹ שֶׁל גֵיהִנּוֹם, אוּן וֶוער עֶס הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת לָאזְט עֶר אִיהְם דָארְטְן נִישְׁט אַרַיין, אִיבֶּערְדֶעם זֶעה צוּ חַזֶר'ן זַייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת יֶעדְן טָאג, דוּ זָאלְסְט הַאלְטְן אִין אֵיין זָאגְן מִשְׁנָיוֹת, אוּן דָאס אִיז מְטַהֵר דֶעם נֶפֶשׁ פוּן אַלֶע שְׁמוּץ וָואס הָאט זִיךְ אָנְגֶעקְלֶעבְּט אִין אִיר וְכוּ', אֲפִילוּ בַּיים אָנְפַאנְג וֶועט זִיךְ אוֹיסְזֶעהְן אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ זָאגְסְט, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן זָאלְסְטוּ זַיין שְׁטַארְק אוּן זָאגְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל, אוּן אַזוֹי נָאכְאַמָאל, וֶועסְטוּ זֶעהְן ווִי דֶער סוֹף וֶועט אַרַיינְקוּמֶען אִין דִיר אַ גֶעוַואלְדִיגֶער חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען נָאךְ לִימוּדִים, ווִי חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אוּן גְמָרָא וְכוּ' וְכוּ', וָוארוּם מִיט דֶעם וָואס מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ זָאגְן זַייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, בַּאקוּמְט מֶען אַ מוֹרָא'דִיגְן חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען אַנְדֶערֶע לִימוּדִים, אוּן אוֹיסֶער דֶעם אִיז דָאס מְזַכֵּךְ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלְסְדִינְג, אַז וואוּיל אִיז דֶעם בָּחוּר וָואס

עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארֶען אוּן עֶר זָאגְט יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעבְּעדִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תקכח

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר דְּבָרִים ד' מְנַחֵם אָב ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר גֶעוָואלְט דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיין שָׁלוֹם בַּיִת, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיף דֶעם מַזְהִיר גֶעוֶוען מֶער ווִי אַלְסְדִינְג.

עֶס אִיז בַּיי אוּנְז בַּאוואוּסְט אַז דָאס אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, הָאט אִיהְם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעוָואלְט אָנְקוּקְן וַוייל עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער אִינְגֶערְמַאן אִיז זֵייעֶר פָּגוּם, אַזוֹי וַוייט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת. אִיבֶּערְדֶעם גֶעבּ זֵייעֶר אָכְטְּאַכְט אוֹיף דַיין שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט לָאזְן קֵיינֶעם אַרַיינְמִישְׁן זִיךְ צְווִישְׁן עֶנְק, אַדְּרַבָּה מֶען דַארְף אַ וַוייבּ זֵייעֶר מְכַבֵּד זַיין, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.) 'אוֹקִירוּ לִנְשַׁיְיכוּ כִּי הֵיכִי דְתִתְעַתְּרוּ', אִיר זָאלְט חָשׁוּב הַאלְטְן דִי וַוייבּ כְּדֵי אִיר זָאלְט וֶוערְן רַייךְ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער

רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ט) דָאס דִי גַאנְצֶע עֲשִׁירוּת קוּמְט בִּזְכוּת פוּן דֶעם ווייבּ, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט פֶעלְן גָארְנִישְׁט.

זֶעה זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר אֲרִיכוּת יָמִים, ווי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַשְׁלִימִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו; אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפ"ה סְעִיף ג') מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילָךְ נִקְרָא עִם הַצִּיבּוּר; דָאס הֵייסְט פוּן זוּנְטָאג אָן קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, אוּן בִּיז פְרַייטָאג הָאט מֶען גֶעעְנְדִיגְט דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אוּן דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בֶּעלְזֶער רָב, רֶבִּי יִשָּׂכָר דוֹב זי"ע, הָאט גֶעזָאגְט, אַז אִין דֶעם טָאג וָואס אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט חוּמָשׁ רַשִׁ"י וֶועט עֶר נִישְׁט זִינְדִיגְן, אַז ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר אִיז דָאס מְקַיֵּים.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תקכט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר דְּבָרִים ד' מְנַחֵם אָב ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**גֶעבּ** זֵייעֶר אַכְטוּנְג פוּן לֵיצָנִים, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁיְיכוּת מִיט זֵיי, וָוארוּם לֵיצָנוּת אִיז דִי אַרְגְסְטֶע קְלִיפָּה, דֶער אַרִיזַ"ל הָאט גֶעזָאגְט אַז לֵיצָנוּת לֶעשְׁט אוֹיס דָאס פִּינְק פוּן אִידִישְׁקֵייט, אוּן מֶען קֶען אַ מֶענְטְשׁ מְגַלֶּה זַיין גֶעטְלִיכְקֵייט אוּן סְ'קוּמְט אַ לֵץ הָאט עֶר אִיהְם אוֹיסְגֶעלָאשְׁן אַלְסְדִינְג, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן חֲבֵרִים לֵיצָנִים, אַנְטְלוֹיפְן פוּן זֵיי, נִישְׁט הָאבְּן מִיט זֵיי קַיין שַׁיְיכוּת.

**דֶער** גְרוֹיסֶער צַדִּיק אוּן מְקוּבָּל רֶבִּי מֹשֶׁה חַיִּים לוּצַאטוּ זי"ע זָאגְט 'לֵיצָנוּת אִיז אַ פַּאנְצֶער אַקֶעגְן יִרְאַת שָׁמַיִם', אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן לֵצִים.

**הַיינְט** אִיז שׁוֹין דָא זִינְגֶערְס אוּן שְׁפְּרִינְגֶערְס מִיט אַ לְבוּשׁ פוּן חֲסִידוּת, אָבֶּער אַלֶעס אִיז פִּיל מִיט לֵיצָנוּת, אוּן פוּן דֶעם דַארְף מֶען אַנְטְלוֹיפְן, אוּן וֶוער סְ'מַאכְט זֵיי נָאךְ, דַארְף מֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּן זֵיי אוֹיכֶעט.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר גֶעבְּן הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן.

**דוּ** זָאלְסְט לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת בְּגִירְסָא, זָאגְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיסֶע הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵייְלִיכְן תָּמִיד**

# תקל

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר דְּבָרִים ז' מְנַחֵם אָב ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו, און אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר דֶערְפְרֵייְדְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר, וּבִפְרַט אַז דוּ גֶעפִינְסְט זִיךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

**אִיךְ** הָאבּ דִיר גֶעוָואלְט זֵייעֶר בֶּעטְן, גֶעבּ זֵייעֶר אָבַּאכְט נִישְׁט גֵיין אִין פְּלֶעצֶער פוּן מַשְׁחִיתִים וְכוּ', און דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן וואוּ סְ'אִיז דָא הַפְּגָנוֹת וְכוּ', וָוארוּם זֵיי זֶעצְן אַיין אוּמְשׁוּלְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן מִיט מַכּוֹת רֶצַח, וָואס פֶּעלְט דִיר דָאס אוֹיס?

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה אִין יַבְנְאֵל און סְ'וֶועט זִיךְ אַרַיינְצִיעֶן הֵיימִישֶׁע אִינְגֶעלַייט וֶועלְן מִיר אוֹיפְמַאכְן אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה און אַ מֵיידְל שׁוּלֶע וָואס מֶען וֶועט רֶעדְן נָאר אוֹיף אִידִישׁ, און סְ'וֶועט זִיךְ פִירְן עַל טַהֲרַת הַקוֹדֶשׁ.

**דִי** סְפַרְדִישֶׁע אִידְן נֶעבֶּעךְ הָאט מֶען מַעֲבִיר גֶעוֶוען עַל הַדַּת, און זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי שְׁפְּרַאךְ וְכוּ', מוּז מֶען רֶעדְן מִיט זֵיי אוֹיף זֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ וְכוּ', אָבֶּער דַאנְקֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶוער וָואלְט

גֶעגְלֵייבְּט אַז סְפַּרְדִישֶׁע אִידְן זָאלְן זִיךְ אָנְטוּהְן שְׁטְרַיימְל בֶּעקֶעטְשֶׁע מִיט וַוייסֶע זָאקְן שַׁבָּת, אוּן דִי פְרוֹיעֶן זָאלְן גֵיין אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעשָׁארְן, דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶער, אוֹיפְשְׁטֶעלְן אִין אַזַא מָקוֹם מִדְבָּר שְׁמָמָה וואוּ מֶען הָאט דָא מַעֲבִיר גֶעוֶוען עַל הַדָת אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זָאלְן שׁוֹין וואוֹינֶען אִיבֶּער פִיר הוּנְדֶערְט מִשְׁפָּחוֹת כֵּן יִרְבּוּ, אוּן הָאבְּן אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן אַ מֵיידְל שׁוּלֶע וָואס עֶס צֵיילְט זִיךְ שׁוֹין צוּזַאמֶען קָרוֹב צוּ טוֹיזֶענְט קִינְדֶערְלֶעךְ כֵּן יִרְבּוּ.

**שְׁטַארְק** זִיךְ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא מֶדְרָשׁ, וָוארוּם דִי פִיר לִימוּדִים אִיז כְּנֶגֶד דִי ד' עוֹלָמוֹת, אֲצִילוּת, בְּרִיאָה, יְצִירָה, עֲשִׂיָה, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן בְּזֶה הָעוֹלָם.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נ"א) דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ זַייעֶר, וֶועלְן מִיר זִיךְ בְּקָרוֹב זֶעהְן.

**זָאלְסְט** זַייעֶר אָכְטּוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ דְרֵייעֶן זִיךְ צְווִישְׁן דִי ווִילְדֶע יִשְׁמָעֵאלִים וְכוּ', יֶעצְט אִיז אַ צַייט וֶוען מֶען דַארְף זִיצְן אָדֶער אִין שְׁטוּבּ אָדֶער אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר גֶעבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען זָאל הֶערְן גוּטֶע בְּשׂוּרוֹת בַּיי דִיר.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן טָאג אוּן אַ לֶעכְטִיגְן תָּמִיד**

# תקלא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר דְּבָרִים ז' מְנַחֵם אָב ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**זֶעה** צוּ טוּהְן אַלֶעס וָואס אִיז מֶעגְלִיךְ דוּ זָאלְסְט מַאכְן שָׁלוֹם בַּיִת מִיט דַיין וַוייבּ, וָוארוּם אוֹיף דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זֵייעֶר מַזְהִיר גֶעוָועְן אוּן אוּנְז אָנְגֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ד) אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְן שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן זִיךְ מְרַחֵם זַיין אוֹיפְן וַוייבּ, זִי לַיידְט אַזוֹיפִיל, צָרוֹת עִיבּוּר וְכוּ', צָרוֹת לֵידָה וְכוּ', צָרוֹת גִידוּל וְכוּ', אוּן זִי מִיטְשֶׁעט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דִי קִינְדֶער, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אִיר זֶעהְן זֵייעֶר שְׁטַארְק מְכַבֵּד זַיין.

**אִיךְ** בֶּעהְט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט אָרָאפְּלֵייגְן דֶעם קָאפּ זָאלְסְט זַיין אַ וַותְּרָן וֶועסְטוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, אַלֶע קְרִיגֶערֵייעֶן נֶעמְט זִיךְ נָאר פוּן גֵיאוּת אוּן יֵשׁוּת, וֶוען דֶער מַאן הַאלְט זִיךְ גְרֶעסֶער פוּן זַיין וַוייבּ דֶעמָאלְט קוּמְט אַרוֹיס אַסַאךְ פְּרָאבְּלֶעמֶען וְכוּ'.

דוּ זָאלְסְט וִויסְן אַז אַ וַוייבּ אִיז אַ מַתָּנָה פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן מֶען דַארְף הַאלְטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק דִי מַתָּנָה אוּן חָשׁוּב הַאלְטְן, מִיר גֶעפִינֶען בַּיי אָדָם הָרִאשׁוֹן, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אִיהְם גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה אַ וַוייבּ, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶועְן אַ כְּפוּי טוֹבָה, אוּן עֶר הָאט אַרוֹיפְגֶעוָוארְפְן

אַלֶעס אויף זַיין ווייב, אַזוי ווי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית ג׳) "וַיֹּאמֶר הָאָדָם הָאִשָּׁה אֲשֶׁר נָתַתָּה עִמָּדִי הִוא נָתְנָה לִּי מִן הָעֵץ וָאֹכֵל" זָאגְט רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ 'כָּאן כָּפַר בַּטּוֹבָה', וָואס וַוארְפְּסְטוּ אַלֶעס אַרוֹיף אויף דַיין ווייבּ? און דָאס אִיז אַ לִימוּד אויף אַלֶע דוֹרוֹת, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג דַן זַיין זַיין ווייבּ לְכַף זְכוּת, און נִישְׁט טְרֶעפְן אִין אִיר קֵיין חֶסְרוֹנוֹת, אוֹיבּ עֶר וֶועט גֵיין אויף דֶעם דֶרֶךְ וֶועט עֶר הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

**אוֹיבּ** אַ אִיד הָאט שָׁלוֹם בַּיִת הָאט עֶר אַ רוּאִיגְ'ן לֶעבְּן, און אוֹיבּ עֶס אִיז דָא מַחְלוֹקֶת און קְרִיגֶערַייעֶן אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ זֵייעֶר נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן פוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ, און דוּ זָאלְסְט זֶעהְן צוּ שְׁטַארְקְן דַיין ווייבּ, ווי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו׳) אִשָּׁה בַּעֲלָהּ מְשַׂמְּחָהּ; אַ פְרוֹי דַארְף הָאבְּן אַז דֶער מַאן זָאל אִיר שְׁטַארְקְן, דֶער מַאן זָאל אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן, און דָאס אִיז אַ יְסוֹד אִין לֶעבְּן, וָוארוּם דֶער ווייבּ קוּקְט שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיף אוֹיפְן מַאן, אוֹיבּ עֶר אִיז אַ גֶעדוּלְדִיגֶער און עֶר הָאט גֶעדוּלְד, דֶעמָאלְטְס אִיז דֶער שְׁטוּבּ אַן אַנְדֶער סָארְט שְׁטוּבּ וְכוּ׳, און אוֹיבּ עֶר אִיז אַ אוֹיפְגֶערֶעגְטֶער אַ נֶערְוֶועזֶער, אִיז וִוידֶערְאוּם דִי שְׁטוּבּ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ טוּהְן אַלֶעס וָואס אִיז מֶעגְלִיךְ, בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זַיין קֵיין כַּעֲסָן, און דוּ זָאלְסְט נָאר זַיין אַ וַותְּרָן.

**אִיךְ** הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג און אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תקלב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר דְּבָרִים ז' מְנַחֵם אָב ה'תשע"ב

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער דִּיךְ אָפְּצוּדַאנְקֶען אוֹיף דִי מְסִירוּת נֶפֶשׁ וָואס דוּ טוּהְסְט מִיט מִיר מִיט דִי עִיר קָאנְדִישָׁאן אִין מַיין צוּמֶער וְכוּ', דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן אַז עֶס זָאל דִיךְ נִתְרַחֵב וֶוערְן בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן בְּרוּחָנִיּוּת, אוּן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע אָן קַיין שׁוּם חוֹבוֹת, אוּן זָאלְסְט הָאבְּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן אֱמֶת'ן שָׁלוֹם בַּיִת.

**אַ** אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן אַרָאפְּוַוארְפְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ וְכוּ', אַוַודַאי הָאט יֶעדֶער אֵיינֶער זַיינֶע שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ', אָבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד וֶוערְט גֶעמָאסְטְן וִויאַזוֹי עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין אַלֶע זַיינֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער.

**דֶער** עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס דָאס הֵייסְט הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן זִיךְ דָאס הַארְץ פַאר אִיהְם, אוּן וִויסְן דַארְף מֶען וִויסְן דָאס יֶעדֶער דִיבּוּר וָואס מֶען רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מַאכְט אַ רַעַשׁ אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן רֶעדְן נִישְׁט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז וַוייל זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם, וְוִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:): "כְּרֻם זֻלּוּת לִבְנֵי אָדָם" 'אֵלּוּ דְּבָרִים הָעוֹמְדִים בְּרוּמוֹ שֶׁל עוֹלָם, וּבְנֵי אָדָם מְזַלְזְלִין בָּהֶם, וּמַאי

נִיהוּ, תְּפִלָּה'. וָוען אַ אִיד זָאל וויסְן וָואס תְּפִלָּה אִיז וְכוּ', און ווי יֶעדֶעס וָוארְט מַאכְט אַ רַעשׁ אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת וְכוּ', אִיז אַנְשְׁטָאט צוּ רֶעדְן און פְּלוּישְׁן וְכוּ' סְתָם דְבָרִים בְּטֵלִים מִיט דֶעם אָדֶער מִיט יֶענֶעם וְכוּ', וָואלְט עֶר עֶנְדֶערְשׁ גֶערֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואלְט עֶר מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען אוֹיף זִיךְ יְשׁוּעוֹת מִיט אָפֶענֶע נִסִים, אַז וואויל אִיז דֶעם וָואס עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן און רֶעדְט יֶעדְן טָאג צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג און אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תקלג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר דְּבָרִים ח' מְנַחֵם אָב ה'תשע"ב

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעהְט דִיךְ זַייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֶעהְן צוּ דֶערְהַאלְטְן, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרִיקְט צוּ אוּנְזֶערֶע לַייט "הָעִיקָר שֶׁקוֹרִין דֶערְהַאלְטְן זִיךְ" אַ אִיד מוּז זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, מֶען פְּרָאבִּירְט יֶעדְן מֶענְטְשׁ אוֹיס מִיט אַנְדֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, און אַפָּאר מָאל אִיז דָאס בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס אִיז זַייעֶר שְׁוֶוער דָאס צוּ נֶעמֶען, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן מוּז מֶען דָאס נֶעמֶען וְכוּ'.

**עֶם** הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט הָרַב הֶחָסִיד ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּנְדֶר זַ"ל דָאס אִין אוּמַאן אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר און

עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוואַלְדִיגֶער נְדִיב לֵב, אוּן עֶר הָאט בַּאצָאלְט פַּאר אִיבֶּער הוּנְדֶערְט מִשְׁפָּחוֹת זֵיי זָאלְן הָאבְּן חַלוֹת פִּישׁ אוּן פְלֵייש אוֹיף שַׁבָּת, עֶר פְלֶעגְט אוֹיסְצָאלְן פַּארְן בּוּטְשֶׁער פִּישׁ סְטָאר אוּן בֶּעקֶערַי, אוּן דִי אָרֶעמֶעלַייט זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען דָאס נֶעמֶען, אַזוֹי הָאט זִיךְ דָאס גֶעפִירְט זַייעֶר אַ לַאנְגֶער צַייט, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס הַצְלָחָה אוּן זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן, וָואס מֶער צְדָקָה עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן הָאט עֶר גֶעזֶעהְן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

דֶערְוַוייל הָאט זִיךְ לֵיידֶער אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט זַיין מַזָל, אוּן עֶר הָאט בַּאנְקְרָאטִירְט אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ בַּעַל חוֹב, אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט אוֹיפְהֶערְן צוּ טֵיילְן אוֹיף שַׁבָּת, דֶערְוַוייל אִיז דִי אַלֶע מְקַבְּלִים דִי אָרֶעמֶעלַייט גֶעוָוארְן זֵייעֶר פַּארְבִּיטֶערְט, אוּן אַנְשְׁטָאט צוּ הָאבְּן מִיט אִיהְם אַיינְזֶעהְן, הָאט מֶען אִיהְם גֶענוּמֶען נָאכְשְׁרֵייעֶן אוֹיף אַלֶע גַאסְן וואוּ עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען, דוּ גַנָב, דוּ גַזְלָן, דוּ קַארְגֶער וְכוּ׳, דוּ ווילְסְט נִישְׁט גֶעבְּן, וויפִיל עֶר הָאט נָאר גֶעטַענֶה׳ט מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן אַז עֶר הָאט אַלֶעס פַּארְלָארְן, הָאט מֶען אִיהְם נִישְׁט גֶעוָואלְט גְלֵייבְּן, אוּן מֶען הָאט אִיהְם מֶער אוּן מֶער פַּארְשֶׁעמְט, בִּיז עֶר אִיז אַרַיין אִין אַ טִיפְן דִיפְּרֶעסְיֶע אוּן עֶר אִיז שׁוֹין מֶער נִישְׁט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּב, וָוארוּם מֶען הָאט אִיהְם נָאכְגֶעשְׁרִיגְן אִין אַלֶע שׁוּהְל׳ן אוּן אִין אַלֶע גַאסְן וְכוּ׳, אוּן פוּן רוֹב צַעַר אוּן עָגְמַת נֶפֶשׁ ווי קֶען מֶען זַיין אַזַא כְּפוּי טוֹבָה וְכוּ׳, אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַזוֹיפִיל צְדָקָה גֶעגֶעבְּן פַּאר מֶענְטְשְׁן וְכוּ׳, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל גֶעהָאלְפְן, אוּן שׁוֹין אַלֶעס פַּארְגֶעסְן?

איז ער גֶעבְּלִיבְּן אִין שְׁטוּבּ, און עֶר הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעהְמְט אַרוֹיסְצוּגֵיין אוֹיפְן גַאס, און עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין אִין קַיין שׁוּם שׁוּהְל דַאוֶונֶען, און ווִי עֶר אִיז נָאר גֶעגַאנְגֶען הָאט מֶען אִיהְם נָאכְגֶעשְׁרִיגְן וְכוּ׳, און עֶר אִיז אַרַיין אִין אַזַא מִין טִיפֶע דִיפְּרֶעסְיֶע אַז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶערֶעדְט נִישְׁט מִיט זַיין וַוייבּ און קִינְדֶער און קֵיינֶעם נִישְׁט, און מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְגְט צוּ אִיהְם אַ דָאקְטֶער און סְ׳הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן.

**בִּיז** אֵיינְמָאל אִיז אַרַיין צוּ אִיהְם אֵיינֶער פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט און עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אִיהְם צוּ רֶעדְן, און עֶר הָאט אִיהְם גֶעזָאגְט, ״דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיךְ אוֹיסְפְּרוּבִּירְט מִיט עֲשִׁירוּת, און דוּ בִּיסְט בֵּייגֶעקוּמֶען דֶעם נִסָיוֹן, און דוּ הָאסְט גֶעטֵיילְט מִיט שֶׁפַע פַאר אַלֶע אָרֶעמֶעלַייט אוֹיף שַׁבָּת, (הָאסְט בַּאקוּמֶען אַ אוֹיסְצֵייכֶענוּנג אִין דַיינֶע מַעֲשִׂים אַ הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט 100%) יֶעצְט זָאלְסְטוּ ווִיסְן פְּרוּבִּירְט מֶען דִיר אוֹיס מִיט אָרֶעמְקֵייט, מֶען ווִיל זֶעהְן ווִיאַזוֹי דוּ וֶועסְט זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, פְּרֶעג אִיךְ דִיר, ווִילְסְטוּ יֶעצְט בַּאקוּמֶען אוֹיף דֶעם פְּרוּבִינְג אַ נָאל (זִירָה 0%)? הָאט עֶר זֵייעֶר בִּיטֶער גֶעוֵויינְט וְכוּ׳, אָבֶער פַארְוָואס קוּמְט מִיר בִּזְיוֹנוֹת? וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהְן אַזוֹיפִיל טוֹבוֹת פַאר מֶענְטְשְׁן, פַארְוָואס הָאבְּן זֵיי נִישְׁט קַיין אַיינְזֶעהֶענִישׁ מִיט מִיר? און דֶער אִיד אִיז אִיהְם מוֹרָא׳דִיג מְחַזֵק, דוּ זָאלְסְט ווִיסְן אַז דָאס אִיז אַ חֵלֶק פוּן דֶעם נִסָיוֹן וָואס מֶען פְּרוּבְט דִיךְ אוֹיס פוּן אוֹיבְן זֶעהְן ווִיאַזוֹי דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, לוֹינְט זִיךְ דִיר יֶעצְט אַלֶעם אָנְוֶוערְן?״ און עֶר

הָאט אִיהְם אַרײַנְגֶעגֶעבְּן אַזַא מִין שְׁטַארְקֵייט אַז דֶער אִיד הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען אִין דִי הֶענְט אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, אוּן עֶר הֵייבְּט אָן צוּ גֵיין אִין שׁוּהְל דַאוָּוענֶען מִיט מִנְיָן, עֶר גֵייט שׁוֹין אַרוּים אוֹיפְן גַאס, אוּן כָּאטְשׁ מֶען הָאט אִיהְם נָאךְ אַלְץ מְבַזֶה גֶעוֶוען, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט מִיט גְרוֹים שִׂמְחָה, בִּיז עֶר אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען צוּ גַדְלוּת הַמּוֹחִין, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אִיהְם גֶעהָאלְפְן עֶר אִיז צוּרִיק פַארְמֶעגְלִיךְ גֶעוָוארְן.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם וִוי אַ אִיד דַארְף זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע צַייטְן אוּן נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן פוּן דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאכְן וָואס עֶס גֵייעֶן אוֹיף אִיהְם אִיבֶּער וְכוּ' וְכוּ', אַז וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן בָּזֶה הָעוֹלָם מִיט פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**

# תקלד

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר וָאֶתְחַנָּן י"א אָב ה'תשע"ב**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

זֶעה זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶה גֶעוֶוען דָאס דִי הַצְלָחָה פוּן

אַבְרָהָם אָבִינוּ דֶער עֶרְשְׁטֶער איד וָואס הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז גֶעוֶוען וַוייל עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל גֶעוֶוען פוּן קַיין שׁוּם בְּרִיָּה שֶׁבָּעוֹלָם, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל ל״ג) אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם, דָאס אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען בִּבְחִינַת אֶחָד, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל גֶעוֶוען מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט, פוּן קַיין שׁוּם מוֹנֵעַ וּמְעַכֵּב, וָוארוּם אִין זַיין צַייט אִיז גֶעוֶוען אַלֶע סָארְטְן גֶעצְן דִינֶער׳ס, אוּן וֶוען עֶר זָאל הָאבְּן הִתְפַּעֲלוּת וָואס דֶער זָאגְט אָדֶער וָואס יֶענֶער זָאגְט וְכוּ׳ וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט מְגַלֶּה זַיין דִי אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט אוּן דוּרְכְדֶעם הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵיגָה וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען, אַז עֶר הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען אֲלָפִים וּרְבָבוֹת מֶענְטְשְׁן דִי אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין רַמְבַּ״ם דָאס אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען פַאר אֲלָפִים וּרְבָבוֹת מֶענְטְשְׁן דִי אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן אַלֶעם הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען וַוייל עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל גֶעוֶוען פוּן אַן אַנְדֶערְן, אוּן דִי מִדָּה דַארְף מֶען אִין זִיךְ אַרַיינֶעמֶען, נִישְׁט צוּבְרֶעכְן וֶוערְן פוּן אַן אַנְדֶערְן וְכוּ׳, אוּן נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין זִיךְ פוּן אַן אַנְדֶערְן וְכוּ׳.

דוּ דַארְפְסְט וִויסְן דָאס יֶעדְן טָאג אִיז אַ נַייעֶר טָאג, יֶעדֶער טָאג אִיז אַ נַייעֶר דוֹר, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן דֶעם נֶעכְטִיגְן טָאג, אוּן מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן דֶעם מָארְגֶענְדִיגְן טָאג, מֶען דַארְף וִויסְן מֶען הָאט נִישְׁט

מֶער ווי דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, אַזוי ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶה גֶעוֶוען אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִים צ"ה) "הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ" אוֹיבּ אִיר ווילְט הֶערְן אִין מַיין קוֹל זָאלְסְט אִיר וויסְן אִיר הָאט נִישְׁט נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רע"ב), אַ אִיד דַארְף וויסְן שְׁטֶענְדִיג אַז עֶר הָאט נִישְׁט נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, אוֹיבּ עֶר וֶועט דָאס אִין זִיךְ אַרייַנְנֶעמֶען, וֶועט עֶר קֶענֶען דֶעם טָאג אַסַאךְ אַסַאךְ מַצְלִיחַ זַיין.

דֶער צָרָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַז עֶר קוּקְט שְׁטֶענְדִיג וָואס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן אוּן וָואס אִיז גֶעוֶוען אֵייעֶר נֶעכְטְן וְכוּ' וְכוּ', וָואס הָאבּ אִיךְ פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, אָדֶער עֶר זָארְגְט וָואס וֶועל אִיךְ טוּהְן מָארְגְן, וָואס וֶועל אִיךְ טוּהְן אִיבֶּערְמָארְגְן, וָואס וֶועל אִיךְ טוּהְן נָאךְ אַ וָואךְ אוּן נָאךְ אַ חוֹדֶשׁ וְכוּ' וְכוּ', אוּן דֶערְוַוייל פַארְגֶעסְט עֶר אַז פוּן דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג וֶועט אִיהְם גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן, אוּן אַזוי שְׁטוּפְּט עֶר אָפּ פוּן טָאג צוּ טָאג אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ קוּקְן נָאר אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין נֶעכְטְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין מָארְגְן.

דֶער עֶרְשְׁטֶער זַאךְ אִיז גֶעדֶענְקְן וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא שְׁמִינִי) אֵין הַשִּׂמְחָה מַמְתֶּנֶת לוֹ לְאָדָם, לֹא כָּל מִי שֶׁשָּׂמֵחַ הַיּוֹם שָׂמֵחַ לְמָחָר; דֶער שִׂמְחָה וַוארְט נִישְׁט פַארְן מֶענְטְשׁ, נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס עֶר פְרֵיידְט זִיךְ הַיינְט וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן מָארְגְן, אוּן נִישְׁט יֶעדֶער וָואס וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן מָארְגְן וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן הַיינְט, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אָנְהוֹיבְּן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ הַיינְטִיגְן טָאג, אוּן אִיךְ וֵויים נִישְׁט וָואס אִיז

גֶעוֶוען גֶעבְּטְן, און אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס וֶועט זַיין מָארְגְן. און אַזוֹי אויבֶעט מִיטְן רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים נִישְׁט זִיךְ מְבַלְבֵּל זַיין וָואס אִיז גֶעוֶוען גֶעבְּטְן און וָואס וֶועט זַיין מָארְגְן. און אַזוֹי אויבֶעט מִיט לִימוּד תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין זִיךְ נִישְׁט פוּן גֶעבְּטְן און נִישְׁט פוּן מָארְגְן. און אַזוֹי מִיט רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים און מִתְפַּלֵל זַיין צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, קֵיינְמָאל נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין זִיךְ נִישְׁט פוּן גֶעבְּטְן און נִישְׁט פוּן מָארְגְן נָאר טְרַאכְטְן וָואס אִיךְ הָאבּ הַיינְט, אַז דוּ וֶועסְט גֵיין אויף דֶעם דֶרֶךְ וֶועסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט פָּאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָוארוּם דֶער עִיקָר הִתְקָרְבוּת צוּם רֶבִּי'ן, אִיז אִיהְם פָּאלְגְן, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אַז וואויל אִיז דֶעם וָואס עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אויף דִי וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג און אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תקלה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר וָאֶתְחַנַן י"א אָב ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, און פַאל נִישְׁט אַרָאפּ פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט אוּנְז אַוַדַאי נִישְׁט פַארְלָאזְן, כָּאטְשֶׁע מֶען וַוארְט שׁוֹין אַזוֹיפִיל יָארְן אוֹיף בִּנְיָן בֵּית הַמִקְדָשׁ וְכוּ׳, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דַארְף מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה דָאס בֹּא יָבֹא וְלֹא יְאַחֵר וְכוּ׳, עֶס וֶועט קוּמֶען דֶער טָאג וָואס מִיר וֶועלְן אַלֶע זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהְן בִּנְיָן בֵּית הַמִקְדָשׁ.

**אִיךְ** זָאג יֶעדְן אֵיינֶעם דֶער וָואס עֶר פְרֶעגְט מִיר קַשְׁיוֹת וִוי אַזוֹי קֶען זַיין וְכוּ׳, אוּן וִוי אַזוֹי וֶועט דָאס זַיין וְכוּ׳, קוּמְט׳ס אַרִיבֶּער קַיין יַבְנְאֵל וֶועט אִיר זֶעהְן וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרַיינְגֶעצוֹיגְן דָארְטְן אִין אַ פְּלַאץ וָואס זֵיי זֶענֶען הוֹילֶע רְשָׁעִים וּבִפְרַט דֶער ס״מ אַלֵיין אִיז דָארְטְן דָא אוּן עֶר גֶעוֶועלְטִיגְט וְכוּ׳, אַז אָךְ אוּן וֵויי אַזַא טָמֵא מְטוּמָא וְכוּ׳ וָואס אִיז מַעֲבִיר עַל הַדַת וְכוּ׳, אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן וואוֹינֶען מִיר שׁוֹין דָארְטְן פוּנְף אוּן צְוָואנְצִיג יָאר, אוּן זֵיי הָאבְּן בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפָן נִישְׁט גֶעלָאזְט אוֹיפְבּוֹיעֶן קַיין בֵּית מֶדְרָשׁ, דֶער רָשָׁע הָאט גֶעזָאגְט וֶוען סְ׳וֶועט אִיהְם וַואקְסְן הָאר אִין זַיין כַּף הַיָד, דֶעמָאלְט וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ בֵּית מֶדְרָשׁ וְכוּ׳, סְ׳אִיז כְּדַאי אַרָאפְּצוּקוּמֶען אוּן קוּקְן וָואסְפַארַא יוֹפִי פוּן אַ בֵּית מֶדְרָשׁ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אוּנְז אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין גְבִירִים אוּן קַיין נַדְבָנִים, אוּן עֶס שְׁטֵייט אַזַא מִין פְּאֵר פוּן אַ בִּנְיָן וָואס אִיז זֵייעֶר זֶעלְטְן צוּ זֶעהְן אַזַא שֵׁיינֶעם בֵּית הַמִדְרָשׁ, אוּן דָאס אִיז מַמָשׁ אַרָאפְּגֶעקוּמֶען פוּן הִימְל אַ מַתָּנָה, אַזוֹי וֶועט זַיין מִיטְן בֵּית הַמִקְדָשׁ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ, אַ אִיד דַארְף זִיךְ

שְׁטֶענְדִיג שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה אוּן רְצוֹנוֹת וְכִיסוּפִים וְכוּ', ס'אִיז דָא זֵייעֶר אַסַאךְ זַאכְן וָואס מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט אוּן מִיר דַארְפְן נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וְכוּ', אוּנְז דַארְפְן זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן זִיךְ אִין דִי אֱמוּנָה, דֶעמָאלְט וֶועלְן מִיר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה.

**הֵייבּ** אָן פוּן נַיי וֶועסְטוּ זֶעהְן גְרוֹיס הַצְלָחָה אִין דַיין לֶעבְן.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## תקלו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר וָאֶתְחַנַּן י"א אָב ה'תשע"ב

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**אִיךְ** ווִיל דִיר בֶּעטְן אֵיין זַאךְ, דוּ זָאלְסְט גוּט גֶעדֶענְקְן, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט רֶעדְן אִין מַיין נָאמֶען גָארְנִישְׁט וְכוּ', אִיךְ בִּין זֵייעֶר מַקְפִּיד אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם אוֹיסְגֶעטְרָאטֶעטֶענֶעם וֶועג וָואס אוּנְז הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן אוּנְזֶערֶע אָבוֹת אוּן אָבוֹת אֲבוֹתֵינוּ וְכוּ', בַּיי אוּנְז אִיז נִישְׁטָא דִי אַלֶע שְׁטוּתִים אוּן הַבָלִים זִינְגֶער אוּן שְׁפִּילֶעְר'ס וְכוּ' וְכוּ', דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ג') אַז מֶען הֶערְט נִיגּוּנִים פוּן מְנַגְּנִים רְשָׁעִים שַׁאדְט דָאס אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אִיבֶּערְדֶעם טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, אוּן זִיךְ הִיטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק פוּן דֶעם.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז פַארְבָּאטְן צוּ רֵייכֶערְן צוּגֶערֶעטְן, דָאס אִיז דָאס וְכוּ׳, עֶס אִיז נִישְׁטָא אִין דֶעם קַיין וויכּוּחִים וְכוּ׳, אוּן קַיין תִּירוּצִים וְכוּ׳, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז נֵיין אִיז נֵיין, סֵיידִין אַ מֶענְטְשׁ וויל נִישְׁט זַיין מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳ן, אָבֶער אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז יָא מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳ן דַארְף עֶר פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט, אַז מֶען פָאלְגְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּי׳ן וָואס דַארְף מֶען פָארְן צוּ דֶעם רֶבִּי׳ן.

**אַ** בָּחוּר דַארְף זִיךְ פִּירְן אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ, כָאטְשׁ דוּ הָאסְט נָאכְנִישְׁט גֶעלֶערְנְט קַיין שׁוּלְחָן עָרוּךְ, הֵייבּ אָן צוּ לֶערְנֶען קִיצוּר שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן דוּ זָאלְסְט מַקְפִּיד זַיין יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַפָּאר סִימָנִים אִין קִיצוּר שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דוּ זָאלְסְט קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין אַלְסְדִינְג, אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן אָפְּגִיסְן זִיךְ נֶעגְל וַואסֶער לֶעבְּן בֶּעט, אוּן זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ גֵיין נָאר אִין חֲסִידִישֶׁע מַלְבּוּשִׁים, וּבִפְרַט שִׁיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין וִוי דִי גוֹי׳אִישֶׁע שְׁפִּיצִיגֶע שִׁיךְ וְכוּ׳.

**הַיינְט** קֶען מֶען קוֹיפְן כָּשֵׁר׳ע סָאדֶע אוּן קֶענְ׳ס פוּן דִי הֵיימִישׁ׳טֶע הֶכְשֵׁרִים, וָואס דַארְף מֶען קוֹיפְן סָאדֶע אָן קַיין שׁוּם הֶכְשֵׁר וֶוען ס׳אִיז דָא אִין דֶעם אַ סָפֵק סְפֵיקָא פוּן אַרַיינְגֶעמִישְׁט שׁוּמָן חֲזִיר רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אָן אַ הֶכְשֵׁר טָאר מֶען נִישְׁט טְרִינְקֶען גָארְנִישְׁט נָאר וַואסֶער וָואס דָאס אִיז דֶער תַּם׳ס בִּיר, וִוי אוּנְזֶערֶע לַייט פְלֶעגְן זָאגְן.

דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן דֶעם כְּלֵי מַשְׁחִית וָואס עֶס הֵייסְט אֵיי פַּאד, מֶען קֶען דָארְטְן צַאמְזֶעהְן אַלֶע שְׁמוּץ, אוּן נָאכְדֶעם גֵיין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו אוּן נִישְׁט קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם.

**וֶוער** סְ'רֶעדְט אַקֶעגְן דֶעם זָאלְסְטוּ וִויסְן עֶר אִיז אַ קַל שֶׁבְּקַלִים, אוּן מֶען דַארְף פוּן אִיהְם אַנְטְלוֹיפְן, עֶר אִיז נִישְׁט קַיין מַנְהִיג, נָאר עֶר אִיז אַ פַארְפִירֶער, וְוִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) סְ'אִיז דָא וָואס זֵיי הֵייסְן פִירֶערְ'ס מַנְהִיגִים, אוּן זֵיי קֶענֶען זִיךְ לֵיידֶער זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט פִירְן, אוּן זֵיי פַארְפִירְן יֶענֶעם, אַז אָךְ אוּן וֵויי אִיז פַאר דִי מַנְהִיגִים פִירֶערְ'ס וָואס זֵיי זֶענֶען פַארְפִירֶערְ'ס וְכוּ' וְכוּ', אוּן מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין זֵייעֶרֶע הֶענְט.

**אִיךְ** הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תקלז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר וָאֶתְחַנַּן י"ב אָב ה'תשע"ב

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר**

**זֶעה** צוּ טוּהְן אַלֶעס וָואס דוּ קֶענְסְט אַז מֶען זָאל אָנְגֵיין מִיט הַדְפָּסָה דְּרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, כְּדֵי

מֶען זָאל דָאס קֶענֶען פַארְשְׁפְּרֵייטְן, בִּפְרַט זָאלְסְטוּ זִיךְ יֶעצְט צוּגְרֵייטְן דְרִיקְן דֶעם וואוּנְדֶערְלִיכְן סֵפֶר "אוֹצַר רֹאשׁ הַשָּׁנָה" וָואס דָאס דֶערְהַאלְט אַלֶע קוּנְטְרֵסִים וָואס זֵיי רֶעדְן פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן ווִי וִויכְטִיג סְ'אִיז דָאס יֶעדֶער אִיד זָאל זִיךְ בַּאטֵיילִיגְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן קִיבּוּץ, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ דְרִיקְן אַפָּאר טוֹיזֶענְט קוּנְטְרֵסִים אוֹיף אִידִישׁ "רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי צַדִיקִים", וָואס דָארְטְן וֶוערְט אַרוּמְגֶערֶעדְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוֹיךְ אוֹיב דוּ קֶענְסְט אָפְּדְרִיקְן דֶעם סֵפֶר "הַנְהָגוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה" דָאס וֶועט זַיין אַ גֶעוַואלְדִיגֶער זְכוּת.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ת"ג) "גָאר מַיין זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה", אוּן וֶוער עֶס גְלֵייבְּט אִין מִיר זָאל מַאכְן אַ כְּרוּז אַז עֶר זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, אַז וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְהֶעלְפְן דְרִיקְן דִי סְפָרִים, עֶר וֶועט הָאבְן אַ חֵלֶק אִין דֶעם זְכוּת פוּן אִידְן וָואס זֵיי וֶועלְן קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, עֶס אִיז בַּאוואוּסְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן ז"ע הָאט גֶעזָאגְט, אַז יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס עֶס קוּמְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, הָאט אַ חֵלֶק אִין דִי גְאוּלָה הָעֲתִידָה.

**שְׁטַארְק** זִיךְ, זֶעה אָפְּצוּדְרִיקְן דִי סְפָרִים בַּאצַייטֶענְס, מֶען זָאל דָאס קֶענֶען צוּשְׁפְּרֵייטְן צְווִישְׁן אַלֶע אִידְן אַז

זַיי זָאלְן אַנְטֵייל נֶעמֶען אִין דִי נְסִיעָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט דָאס קֶענֶען בַּאוַוייזְן, אוּן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ מֶעכְטִיגֶע הַצְלָחָה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תקלח

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר רְאֵה כ"ו אָב ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר וְיִזְרַח

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו וואוּ דוּ גִיסְט זִיךְ אוֹיס דַיין בִּיטֶער הַארְץ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ וְכוּ' וְכוּ'.

דוּ דַארְפְסְט זִיךְ זֶעהְן זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, וָוארוּם דוּ בִּיסְט עוֹסֵק בְּצָרְכֵי צִיבּוּר, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת פֶּרֶק ה' הֲלָכָה א') הָעוֹסֵק בְּצָרְכֵי צִיבּוּר, כְּעוֹסֵק בַּתּוֹרָה; אַז אֵיינֶער אִיז עוֹסֵק אִין צָרְכֵי צִיבּוּר אִיז גְלַייךְ ווִי עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; גֶעוֶועגְדְלִיךְ אִיז אֵיינֶער וָואס עֶר אִיז עוֹסֵק מִיט אַ צִיבּוּר הָאט שְׁטֶענְדִיג חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, וָוארוּם יֶעדֶער אֵיינֶער קְרִיטִיקִירְט אִיהְם וְכוּ', אוֹיבֶּעט הָאט עֶר חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעקֶענְט דִי צַייט לֶערְנֶען וְכוּ', אָבֶּער עֶר כַאפְּט נִישְׁט מִיט דֶעם וָואס עֶר אִיז עוֹסֵק בְּצָרְכֵי צִיבּוּר בֶּאֱמוּנָה, אוּן עֶר אִיז מְחַזֵּק אוּן מְעוֹדֵד אוּן מַאכְט פְרֵיילִיךְ אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת, דָאס אִיז אַלֵיין גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה, וָוארוּם בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב וֶוען אַ אִיד אִיז מְחַזֵּק אַנְדֶערֶע אִידְן.

**זָאלְסְט** וויסְן אַז שִׂמְחָה פְרֵיילִיכְקֵייט בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, וּבִפְרַט אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וויל הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, דַארְף עֶר זֶעהְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם שִׂמְחָה צִיט אוֹיף זִיךְ אַ הֶעכֶערֶע סָארְט שִׂמְחָה פוּן עוֹלָמוֹת הָעֶלְיוֹנִים, וֶוען אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, בְּרֶענְגְט עֶר אַרָאפּ אַ שִׂמְחָה פוּן יֶענֶע וֶועלְט, וָוארוּם בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים שְׁטֵייט (דִּבְרֵי הַיָּמִים א׳ ט״ז) "עוֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ", דָארְטְן אִיז דָא נָאר שִׂמְחָה.

**אִיבֶּערְדֶעם** זֶעה שְׁטַארְק זִיךְ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן דוּ זָאלְסְט זֶעהְן צוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן דַיין וַוייבּ, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו׳) אִשָּׁה בַּעֲלָהּ מְשַׂמְּחָהּ; אַ פְרוֹי אִיז שְׁטֶענְדִיג צוּבְּרָאכְן, אוּן זִי אִיז שְׁטֶענְדִיג פַּארְדַאֲגָה'ט וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער וֶוען דֶער מַאן מַאכְט אִיר פְרֵיילִיךְ אִיז דֶער גַאנְץ לֶעבְּן אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן, וָוארוּם וֶוען דֶער פְרוֹי אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז דֶער מַאן אוֹיכֶעט פְרֵיילִיךְ, אוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען בֵּיידֶע פְרֵיילִיךְ זֶענֶען דִי קִינְדֶער פְרֵיילִיךְ, אוּן דֶעמָאלְטְס אִיז דֶער שְׁטוּבּ אַ גַן עֵדֶן, אָבֶּער וֶוען דֶער מַאן אִיז טְרוֹיעֶרְדִיג אִיז דִי וַוייבּ מֶער טְרוֹיעֶרְדִיג, אוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען בֵּיידֶע טְרוֹיעֶרְדִיג זֶענֶען דִי קִינְדֶער טְרוֹיעֶרְדִיג, אִיז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אַ גֵיהִנוֹם וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶעהְן צוּ אַרְבֶּעטְן נָאר אוֹיף אֵיין נְקוּדָה, ווִי אַזוֹי מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ. אוּן ווִי אַזוֹי מְ'וֶוערְט פְרֵיילִיךְ, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ק״ו) אַז מֶען מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַן אַנְדֶערְן, וֶוערְט מֶען אַלֵיין פְרֵיילִיךְ.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן מֶען זָאל אָנְזֶעהְן דִי פְרֵיילִיכְקֵייט אוֹיף דַיין פָּנִים, וָוארוּם אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ג) אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת כ' ג') "לֹא יִהְיֶה לְךָ אֱלֹהִים אֲחֵרִים עַל פָּנָי" עַצְבוּת דָאס אִיז עֲבוֹדָה זָרָה, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג גֵיין מִיט אַ שְׁמֵייכְל, דֶעמָאלְט וֵוייסְט מֶען אַז עֶר הָאט אֱמוּנָה, אָבֶּער אַז עֶר הָאט מָרָה שְׁחוֹרָה אוֹיפְן פָּנִים, הָאט עֶר דִי עֲבוֹדָה זָרָה אוֹיפְן פָּנִים, אוּן דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק (שְׁמוֹת כ' ג') "לֹא יִהְיֶה לְךָ אֱלֹהִים אֲחֵרִים עַל פָּנָי" אוֹיפְן פָּנִים דַיינֶער זָאל נִישְׁט זַיין קַיין עֲבוֹדָה זָרָה וָואס דָאס אִיז עַצְבוּת אוּן מְרִירוּת אוּן טְרוֹיעֶרִיגְקֵייט וְכוּ' וְכוּ'.

**דֶער** גְרוֹיסֶער צַדִיק אוּן בַּעַל מוּסָר רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַלַנְטֶר זי"ע הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶס גֵייט מִיט אַ טְרוֹיעֶרְדִיגְן פָּנִים, 'דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ מַזִיק' וְכוּ', הָאט יֶענֶער גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס רֶבִּי? הָאט עֶר גֶעזָאגְט וַוייל ס'אִיז אַ בּוֹר בִּרְשׁוּת הָרַבִּים וְכוּ', הָאט דֶער אִיד וַוייטֶער גֶעפְרֶעגְט, וָואס הֵייסְט דָאס? הָאט עֶר גֶעזָאגְט דֶער פָּנִים פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַ רְשׁוּת הָרַבִּים, אוּן וֶוען עֶר אִיז טְרוֹיעֶרְדִיג אִיז עֶר מַמְשִׁיךְ אַז אַלֶע זָאלְן זַיין טְרוֹיעֶרְדִיג, אוּן דָאס אִיז אַ בּוֹר בִּרְשׁוּת הָרַבִּים, וָואס אִיז מַזִיק אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אִיז מֶען חַיָיב, אָבֶּער וֶוען אַ אִיד אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אוּן מֶען קוּקְט אָן זַיין פָּנִים אוּן מֶען זֶעהְט אַז עֶר אִיז פְרֵיילִיךְ, וֶוערְט מֶען אוֹיבֶעט פְרֵיילִיךְ, דָאס אִיז דֶער עִיקָר תִּיקוּן.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, וּבִפְרַט אַז דוּ בִּיסְט מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים מִיט אַזֶעלְכֶע זְכוּתִים וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן.

**מֶענְטְשְׁן** גֵייעְן הַיינְט אַרִיבֶּער צוּבְּרָאכְנְקֵייט, דֶער נֶעבֶּעךְ אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אוּן שְׁוֶוערֶע גְרָאבֶּע זִינְד רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן וְכוּ', דֶער נֶעבֶּעךְ זִינְקְט אִין חוֹבוֹת אוּן צָרוֹת וְכוּ', אוּן דֶער נֶעבֶּעךְ הָאט נִישְׁט קַיין שְׁלוֹם בַּיִת, עֶר קְרִיגְט זִיךְ אַרוּם מִיט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה וְכוּ', עֶס פֶעלְט נִישְׁט קַיין צָרוֹת לֵיידֶער וְכוּ', אוּן מִיט דֶעם וָואס דוּ בִּיסְט מְזַכֶּה אִידְן צוּשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים בִּיסְטוּ דָאךְ מְזַכֶּה אִידְן פְרֵיילִיךְ צוּ זַיין, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן מ"ג) "פְרֵיילִיךְ מַאכְן אִידְן אִיז נִישְׁט קַיין פָּשׁוּטֶע זַאךְ", מֶען דַארְף נָאר פְרֵיילִיךְ מַאכְן אִידְן, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, זַיי אַלֵיין פְרֵיילִיךְ אוּן מַאךְ פְרֵיילִיךְ אַנְדֶערֶע, אוּן גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן דוּ זָאלְסְט וִויסְן דָאס יֶעדֶער דִיבּוּר וָואס מֶען רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מַאכְט אַ רַעשׁ אִין הִימְל, פַארְוָואס אִיז אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט נִזְהָר אִין הִתְבּוֹדְדוּת, רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ? וַוייל עֶר הַאלְט אַז אִיךְ וָואלְט זִיךְ גֶעדַארְפְט יֶעצְט אוֹיסְרֶעדְן מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַפָּאר שָׁעָה, אַזוֹי וִוי אִיךְ קֶען נִישְׁט, אִיךְ בִּין

מְבוּהָל און מְבוּלְבָּל וְכוּ' וְכוּ', רֶעדְט עֶר גָארְנִישְׁט, אָבֶּער וֶוען עֶר זָאל וִויסְן דָאס אֵיין דִיבּוּר אַז מֶען רֶעדְן פַּארְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואסֶערֶע רַעַשׁ דָאס מַאכְט אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, וָואלְט עֶר זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט רֶעדְן אֵיין דִיבּוּר, אֵיין דִיבּוּר קֶען מֶען דָאךְ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַ אִיד דַארְף גֶעבְּן אַ גֶעשְׁרֵיי רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ ווִיל זַיין שְׁטֶענְדִיג פְּרֵיילִיךְ, און ווִיל טוּהְן צְדָקָה וָחֶסֶד מִיט יֶעדְן אִיד וְכוּ' וְכוּ', וֶוען עֶר זָאל וִויסְן וָואס דָאס וֶוערְט אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת דִי תְּפִלָּה, וָואלְט עֶר גֶערֶעדְט נָאךְ אַ דִיבּוּר און נָאךְ אַ דִיבּוּר, נָאר מַחְמַת דִי בְּחִירָה וְהַנִסָּיוֹן הָאט מֶען אַלֶעס פַארְהוֹילְן פוּן מֶענְטְשׁ, און מֶענְטְשְׁן כַאפְּן נִישְׁט וָואס תְּפִלָּה אִיז.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, און גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אֲפִילוּ וֶוען דוּ פָּארְסְט אוֹיפְן וֶועג וְכוּ' זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וְכוּ', אֲפִילוּ דוּ דְרֵייוְו'סְט אַ קַאר און קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא מִיט דִיר, זָאלְסְטוּ וִויסְן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מִיט דִיר, און דוּ זָאלְסְט מִיט אִיהְם רֶעדְן.

**מְ'קֶען** נִישְׁט זִיךְ פָּארְשְׁטֶעלְן דִי מַתָּנָה וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶעם עִנְיָן פוּן רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּנְזֶערֶע לַייט פְּלֶעגְן זָאגְן, וֶוען מִיר זָאלְן נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן נָאר דִי מַתָּנָה, רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען כְּדַאי מְקוֹרָב צוּ וֶוערְן צוּ אַזַא הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וּמִכָּל שֶׁכֵּן אַז מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען

פון אִיהם אַזוֹיפִיל עֵצוֹת, און אַזוֹיפִיל וואונְדֶערְלִיכֶע וֶועגְן וויאַזוֹי זִיךְ מְחַזֵק צוּ זַיין, דַארְפְן מִיר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ זַיין.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, און וָואס אִיז גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (מְגִילָה י:, בְּרֵאשִׁית רַבָּה פָּרָשָׁה מ"ב סִימָן ג') 'וַיְהִי' אִיז לָשׁוֹן צַעַר; 'וְהָיָה' אִיז לָשׁוֹן שִׂמְחָה; דָאס הֵייסְט 'וַיְהִי' אַ זַאךְ וָואס עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען דָאס אִיז אַ צַעַר, וָוארוּם אַלֶעם וָואס אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען בִּיז יֶעצְט אִיז אַ גְרוֹיס צַעַר, אָבֶּער 'וְהָיָה' וָואס עֶס גֵייט זַיין דָאס אִיז שִׂמְחָה, סְ'וֶועט אַוַודַאי גוּט זַיין, און סְ'וֶועט נָאךְ בֶּעסֶער זַיין, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אוּנְז אַוַודַאי הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַרוֹיסְגֵיין פוּנֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת, און מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין אַקֶעגְן גֵיין מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ.

**שְׁטַארְק** זִיךְ וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג און אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תקלט

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר רְאֵה כ"ו אָב ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**אַוַודַאי** און אַוַודַאי זָאג אִיךְ הַיינְט נִישְׁט קַיין תַּחֲנוּן, וָוארוּם הַיינְט אִיז אַ גְרוֹיסֶער יוֹם טוֹב אִין הִימְל, יוֹם

הַהִילוּלָא דְרַבֵּינוּ הַקָדוֹשׁ מִסַאטְמַאר זי״ע בַּעַל "דִבְרֵי יוֹאֵל" וָואס וֶוער עֶס וֵוייסְט, הָאט עֶר אָפְּגֶעראַטֶעוֶועט דֶעם גַאנְצְן דוֹר פוּן שְׁמַד פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, כָאטְשֶׁע זֵייעֶר אַסַאךְ ווילְן נִישְׁט מוֹדֶה זַיין, אָבֶּער אַ מְצִיאוּת אִיז אַ מְצִיאוּת, וֶוען נִישְׁט עֶר וָואלְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט גֶעבַאפְּט גֶעוָוארְן אִין כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אָן קַיין שׁוּם פַּחַד מְגַלֶה זַיין דֶעם אֱמֶת אַז דִי רְשָׁעִים זֶענֶען כּוֹפְרִים אוּן מִינִים וְכוּ׳.

**וֶוער** אַזוֹי ווי אִיךְ וֵויים וָואס עֶס טוּט זִיךְ וְכוּ׳, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרַיינְגֶעצוֹיגְן אִין אַ שְׁטֶעטְל יַבְנְאֵל, וָואס דָארְטְן אִיז גֶעוֶוען דֶער אוֹשְׁוויץ פוּן דִי תֵּימָנֶ׳ער אִידְן, אוּן דִי תּוּנִיסֶ׳ער אִידְן, אוּן עַד הַיוֹם וואוֹיְנֶען דָארְטְן פַּארְבִּיסֶענֶע אַפִּיקוֹרְסִים, וָואס עֶס בְּרֶענְט אִין זֵיי דִי רְצִיחָה וֶוען זֵיי זֶעהְן אַזַא קִיבּוּץ אִידְן מִיט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, אוּן פְרוֹיעֶן גֵייעֶן מִיט צְנִיעוּת, אוּן וְעַל כּוּלָם אִינְגֶעלֶעךְ מִיט פֵּיאוֹת, דָאס אִיז בַּיי זֵיי אַ דָארְן אִין דִי אוֹיגְן, זֵיי וֶוערְן מְשׁוּגֶע פוּן רוֹב רְצִיחָה וְכוּ׳, וּבִפְרַט דֶער שְׁטְרָאף וָואס אִיז אַ פַּארְבִּיסֶענֶער צִיוֹנִיתְ׳ט מִיט אַ שְׁטְרַיימְל וְכוּ׳, עֶר אִיז זֵייעֶר שָׁלִיחַ אוּנְז צוּ טוּהְן צָרוֹת וְכוּ׳.

**דַאנְקֶען** דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאבְּן מִיר שׁוֹין אִין אוּנְזֶער קְהִילָה דָארְטְן פִיר הוּנְדֶערְט מִשְׁפָּחוֹת, אוּן אִיבֶּער טוֹיזֶענְט קִינְדֶערְלֶעךְ וָואס זֵיי לֶערְנֶען דָארְטְן אִין דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן אִין מֵיידְל שׁוּלֶע, עֶס אִיז אַ נַחַת אָנְצוּקוּקְן ווי

אִין אַזַא וִויסְטֶע פְּלַאץ וואו מֶען הָאט מַעֲבִיר גֶעוֶוען עַל הַדַת, קֶען מֶען הַיינְט מְגַדֵל זַיין שֵׁיינֶע דורות, מִיט דֶעם זֶעהְט מֶען אַז מִיט אַ גוּטְן רָצוֹן און מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ און מֵיינֶען אֱמֶת, קֶען מֶען הָאבְּן הַצְלָחָה.

**אִיבֶּערְדֶעם** אִיז הַיינְט אַ גְרוֹיסֶער יוֹם טוֹב אִין הִימְל, וָוארוּם דֶער צַדִיק הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען דֶעם פַּרְצוּף פוּן דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע רְשָׁעִים וָואס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וָואלְט גֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן אִין דִי רַעְיוֹן הַצִיוֹנוּת וָואס אִיז מִינוּת וְאַפִּיקוֹרְסוּת, אִיבֶּערְדֶעם הַיינְטִיגְן טָאג זָאג אִיךְ נִישְׁט קַיין תַּחֲנוּן וָוארוּם סְ'אִיז אַ גְרוֹיסֶער יוֹם טוֹב.

**אִיךְ** הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר גֶעוָואלְט בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ הַאלְטְן אִין פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, און דוּ זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דֶער עִיקָר פוּן אַלְסְדִינְג, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט גֶעשְׁטַארְקְט זַיין אֱמוּנָה, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארֶען, וֶועט אִיהְם גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג און אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטְן תָּמִיד**

## תקמ

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר רְאֵה כ"ו אָב ה'תשע"ב

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל אֲהוּבִי הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

דוּ זָאלְסְט װיסְן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ו) אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קֵיין אֱמוּנָה דַארְף עֶר טוּהְן שְׁוֶועֶרֶע אוּן בִּיטֶערֶע עֲבוֹדוֹת וְכוּ' וְכוּ', וָוארוּם וֶוען אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה קֶען עֶר דִינֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט יֶעדֶע זַאךְ.

בִּכְלַל הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ זַיין אַ פָּשׁוּטֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, נִישְׁט זוּכְן קֵיין גְרוֹיסְקֵייט, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט גֶעזָאגְט מֶען דַארְף אִין דֶער יוּגְנְט אַסַאךְ הָארְעֶווען אַז מֶען זָאל אוֹיף דֶער עֶלְטֶער זַיין אַ פָּשׁוּטֶער עֶרְלִיכֶער אִיד.

מֶענְטְשְׁן זוּכְן מַדְרֵיגוֹת וְכוּ', כַאפְּן מַלְאָכִים וְכוּ', אוּן דָאס אִיז אַלֶעס גְרוֹיסֶע דִמְיוֹנוֹת, מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן גְרוֹיסְן צַדִיק דֶער גוּטֶער אִיד פוּן נֵיישְׁטַאט זי"ע (אַ זוּהְן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן "מָאוֹר וָשֶׁמֶשׁ") הָאט גֶעטַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ל"ב א) "וְיַעֲקֹב הָלַךְ לְדַרְכּוֹ וַיִפְגְעוּ בוֹ מַלְאֲכֵי אֱלֹקִים" דָאס הֵייסְט וֶוען 'יַעֲקֹב' דָאס הֵייסְט אַ אִידִישׁ קִינְד גֵייט אוֹיף זַיין וֶועג בִּתְמִימוּת וּפְּשִׁיטוּת, זוּכְט נִישְׁט קֵיין גְרוֹיסְקֵייט, אוּן זוּכְט נִישְׁט קֵיין מַדְרֵיגוֹת, דֶעמָאלְטְס אִיז עֶר זוֹכֶה 'וַיִפְגְעוּ

בּוֹ מַלְאֲכֵי אֱלֹקִים' קֶען ער זוֹכֶה זַיין צוּ הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת, אַז מַלְאָכִים זָאלְן פִירְן זַיין עֲבוֹדָה הוֹיךְ הוֹיךְ וְכוּ' וְכוּ', זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַ אִיד דַארְף זִיךְ פִירְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, גֵיין דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן דַיְיקָא, נִישְׁט דַאוֶוענֶען חַס וְשָׁלוֹם בְּיְחִידוּת, וָואס מֶען פַארְפֶעלְט קְדוּשָׁה אוּן בָּרְכוּ אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא וְכוּ' וְכוּ', וָואס דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער פַארְמֶעגְן, וָוארוּם מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מֶען צָאלְט אִין הִימְל פַאר יֶעדְן אָמֵן, פַאר יֶעדְן אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא, פַאר יֶעדְן קְדוּשָׁה, פַאר יֶעדְן בָּרְכוּ וְכוּ' וְכוּ', וֶוען אַ אִיד זָאל וִויסְן וָואס מֶען צָאלְט אוֹיבְן פַאר דֶעם וָואלְט ער נִישְׁט פַארְפֶעלְט אֵיינְמָאל נִישְׁט גֵיין דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אוּן אַזוֹי אוֹיכֶעט דַארְף מֶען זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען בֶּענְטְשְׁן מִיט אַ סִידוּר, אוּן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּיטָה מִיט אַ סִידוּר, אוּן זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין, אוּן אַלֶע עֲבוֹדוֹת וָואס דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז דָאס אִיז פָּשׁוּטֶע עֲבוֹדוֹת, דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע עֲבוֹדוֹת אוּן דִי הֶעכְסְטֶע הַשָּׂגוֹת.

מֶען זֶעהְט מֶענְטְשְׁן זוּכְן צוּ זַיין עוֹבְדִים וְכוּ', אוּן זֵיי כַאפְּן נִישְׁט אַז זֵיי זֶענֶען עוֹבְדֵי עֲבוֹדָה זָרָה וְכוּ' רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, מֶען זוּכְט מַדְרֵיגוֹת, בִּשְׁעַת דֶער חַטְאוֹת נְעוּרִים שְׁטִינְקְט פוּן זֵיי וְכוּ', אַ אִיד דַארְף זַיין אַ תָּמִים, דִינֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, תְּשׁוּבָה טוּהְן, וּבִפְרַט אַז יֶעצְט גֵייעֶן מִיר אַרַיין אִין דֶעם הֵיילִיגְן חוֹדֶשׁ אֱלוּל, חוֹדֶשׁ הָרַחֲמִים וְהַסְלִיחוֹת, חוֹדֶשׁ פוּן תְּשׁוּבָה, דַארְף מֶען זֶעהְן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת

הָרַ"ן סִימָן נ"א) דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, וָוארוּם דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

**דֶער** עִיקָר פוּן אַלֶע עִיקָרִים וָואס אִין דֶעם אִיז תָּלוּי דִי גַאנְצֶע אִידִישְׁקַייט, אִיז זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת אוּן הַשְׂכָּלוֹת, נָאר בִּפְשִׁיטוּת, רֶעדְן אוֹיף אִידִישׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַאר אִיהְם, אוּן וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר גֶעוואוּינְט זִיךְ צוּ אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועט אִיהְם גוּט זַיין שְׁטֶענְדִיג.

**אִיךְ** בֶּעהְט דִיךְ זֵייעֶר, לָאז זִיךְ נִישְׁט נַארְן, אוּן קַיין שׁוּם שׁוֹטֶה וְכוּ' זָאל דִיךְ נִישְׁט פַארְפִירְן וְכוּ', הַיינְט אִיז דָא אִינְגֶעלַייטְ'לֶעךְ וָואס זֵיי פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ פוּן תְּמִימוּת'דִיגֶע בָּחוּרִים אוּן תְּמִימוּת'דִיגֶע אִינְגֶעלַייטְ'לֶעךְ, אוּן מֶען פַארְבְּלֶענְט זֵיי דִי אוֹיגְן מִיטְן שֵׂכֶל, מִיט לְשׁוֹנוֹת פוּן קַבָּלָה וְכוּ', אוּן דֶערְוַוייל פַארְגֶעסְט מֶען פוּן פְּשׁוּטֶע עֲבוֹדוֹת, דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, בֶּענְטְשְׁן אִין אַ סִידוּר, לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אִין אַ סִידוּר, אוּן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דִי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס מֶען הָאט אִין זִיךְ, אוּן מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער אוֹיפְן אִידִישְׁן וֶועגְן, אוּן זֵיי דֶערְצֵיילְן סִיפּוּרִים פוּן צַדִיקִים וְכוּ' וְכוּ', אַז מֶען הָאט אִינְזִינֶען שְׁטוּתִים אוּן הֲבָלִים, גֵיין, לוֹיפְן, וְכוּ' וְכוּ', זַיין עוֹבְדִים וְכוּ', אוּן דֶערְוַוייל טוּעֶן זֵיי גָארְנִישְׁט.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט דָאס הָרַב הֶחָסִיד רֶבִּי אַבְרָהָם שְׁטֶערְנְהַארְץ זַ"ל, אִיז גֶעוֶוען אַן אֵיינִיקְל פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זַ"ל, פְלֶעגְט זַיין מוּטֶער נָאכְזָאגְן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן, אַז עֶס קוּמְט אֱלוּל, מֶען בְּרֶענְט אוּן מֶען בְּרֶענְט אוּן מֶען טוּט גָארְנִישְׁט, מֶענְטְשְׁן שְׁטֶעלְן זִיךְ פָאר וָואס מִיר וֶועלְן אַלְץ טוּהְן חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן דֶער סוֹף טוּט מֶען גָארְנִישְׁט, פוּן וַואנֶעט קוּמְט דָאס? וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת, אוּן מֶען וִויל זֵייעֶר אַסַאךְ זַאכְן אוֹיפְטוּהְן, אוּן אַז עֶס גֵייט נִישְׁט, וֶוערְט מֶען צוּבְּרָאכְן אוּן מֶען טוּט גָארְנִישְׁט.

**דֶער** עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז, נָאר צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן מַאכְן אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה, אוּן מִשְׁתַּדֵּל זַיין עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיִת אִין שְׁטוּבּ, אוּן מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער אוֹיפְן אִידִישְׁן וֶועג, אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי שְׁטוּבּ זָאל זַיין אַ הֵיילִיגֶער שְׁטוּבּ, ס'זָאל נִישְׁט זַיין דָארְטְן קַיין שׁוּם אִינְטֶערְנֶעט, אָדֶער אֵיי פַּאד, אָדֶער בְּלֶעקְבֶּערִי, וָואס מֶען קֶען דָארְטְן צַאמְזָעהְן אַלֶע טוּמְאוֹת שֶׁבָּעוֹלָם, אוּן מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט הֶערְן קַיין זִינְגֶערְס וְכוּ' שְׁפְּרִינְגֶערְס וְכוּ', וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ג') דָאס אַז מֶען הֶערְט נִיגּוּנִים פוּן אַ מְנַגֵּן רָשָׁע אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיבֶּערְדֶעם אִיז וואוֹיל אִיז דִי שְׁטוּבּ וָואס אִיז מְרַחֵק אוּן דֶערְוַוייטֶערְט דִי אַלֶע נִיגּוּנִים פוּן דִי גֶעמֵיינֶע זִינְגֶעךְ'ס, אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען פַארְשְׁטֶעלְט ווִי חֲסִידִישֶׁע אִינְגֶעלַייט וְכוּ', זֵיי זֶענֶען דִי גְרֶעסְטֶע

מְסוּכָּנְ'סְטֶע מֶענְטְשְׁן, וָוארוּם פוּן אַ גוֹי הִיט זִיךְ יֶעדֶער אִיד, אָבֶּער פוּן אֵיינֶעם וָואס אִיז פַארְשְׁטֶעלְט ווִי אַ חֲסִידִישֶׁע אִינְגֶערְמַאן פוּן אִיהְם הִיט זִיךְ קֵיינֶער נִישְׁט, אוּן דֶערְוַוייל מַאכְט עֶר נָאךְ יֶעדְן פְּרָאסְטְן גוֹי, וַוארְפְט זִיךְ ווִי אַ לוּלָב וְכוּ', אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר אִיז זִיךְ מְרַחֵק פוּן דִי גֶעמֵיינֶע יוּנְגֶען אוּן עֶר אִיז זִיךְ מְחַבֵּר צוּ עֶרְלִיכֶע אִידְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תקמא

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר רְאֵה כ"ט אָב ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר וְיִזְרַח**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

**זָאלְסְט** ווִיסְן דָאס אוֹיף דֶעם עוֹלָם דַארְף מֶען הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ הִתְחַזְּקוּת, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מַשְׁפִּיעַ נָאר גוּטְס פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ו) פוּן אוֹיבְן קוּמְט אַרָאפּ אַן אוֹר פָּשׁוּט, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין דֶער מָאלֶער דֶער צַיָּיר, וְכוּ', אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ תִּיקּוּן הַבְּרִית מָאלְט עֶר אוֹיס דֶעם לֶעבְּט לְטוֹבָה, אִיז חָלִילָה וְחַס פַארְקֶערְט עֶר אִיז פּוֹגֵם בִּבְּרִית, מָאלְט עֶר אוֹיס דֶעם לֶעבְּט לְרָעָה, עֶס דַאכְט זִיךְ אִיהְם קֵיינֶער דַארְף אִיהְם נִישְׁט הָאבְּן, כַּבְיָכוֹל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף אִיהְם עֶר אִיז זִיךְ נוֹקֵם אִין

אִיהְם וְכוּ׳ וְכוּ׳, וָואס דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז הוֹילֶע רַחֲמָנוּת, ווי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה פַּרְשָׁה י״ב סִימָן ג׳) בּוֹא וּרְאֵה רַחֲמָיו שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֲפִילוּ בִּשְׁעַת כַּעֲסוֹ רִיחֵם עַל הָרְשָׁעִים וְעַל בְּהֶמְתָּם וְכוּ׳, עַיֵּין שָׁם. אוּן נָאךְ הָאבְּן דִי חֲכָמִים גֶעזָאגְט (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ זוּטָא פֶּרֶק ו׳) כֵּיוָן שֶׁרָאָה מֹשֶׁה שֶׁמִּדָּתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שֶׁל חֶסֶד וְשֶׁל רַחֲמָנוּת, מִיַּד נִתְעַטֵּף וְעָמַד בִּתְפִלָּה; אוּן נָאךְ הָאבְּן דִי חֲכָמִים גֶעזָאגְט (אוֹתִיּוֹת דְּרֶבִּי עֲקִיבָא) אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּמִדַּת הָרַחֲמִים בָּרָאתִי אֶת הָעוֹלָם וּבְמִדַּת הָרַחֲמִים אֲנִי מַנְהִיגוֹ, וְעָתִיד אֲנִי לְחַדְּשׁוֹ בְּמִדַּת הָרַחֲמִים.

אוּן מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה (דְּבָרִים י״א) ״רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה״ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאגְט פַאר יֶעדְן אִיד, קוּק, אִיךְ גֶעב עֶנְק אַ מַתָּנָה דֶעם טָאג, וָוארוּם יֶעדֶער טָאג אִיז אַ נַייעֶר טָאג, אַ נֵייעֶ מַתָּנָה פַאר יֶעדְן אִיד, אָבֶער וויסְן דַארְף מֶען וויסְן אַז אִין דֶעם טָאג אִיז דָא אַ בְּרָכָה אוּן אַ קְלָלָה, אוּן דָאס אִיז דִי בְּחִירָה פוּן יֶעדְן אִיד, אִיז עֶר בּוֹחֵר צוּ פָאלְגְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט עֶר הָאבְּן אַ בְּרָכָה, אִיז עֶר בּוֹחֵר נִישְׁט צוּ פָאלְגְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט עֶר הָאבְּן אַ קְלָלָה, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אִיד, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אִין יֶעדְן אִיטְלִיכְן בַּאזוּנְדֶער, אוֹיב אֵיינֶער קְלוֹיבְּט אוֹיס זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועט דֶער טָאג אִיהְם זַיין אַ בְּרָכָה, אָבֶער חָלִילָה וְחַס אַז עֶר רַייסְט זִיךְ אַוֶועק פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט אִיהְם זַיין דֶער טָאג אַ קְלָלָה.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי שַׁיינְט אִין אוּנְז אַרַיין דֶעם אֱמֶת׳ן דַעַת אַז מֶען זָאל נָאר בּוֹחֵר זַיין אִין טוֹב, און זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועלְן מִיר זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן און טוּהְן זַיין רָצוֹן.

**זָאלְסְט** זֶעהְן מְזַכֶּה זַיין יֶעדְן אִינְגֶערְמַאן זָאל דִיךְ גֶעבְּן אֵיינְמָאל אַ חוֹדֶשׁ אַ סְכוּם פַאר הַדְפָּסָה, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אָן קַיין הֶפְסֵדִים, וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער זְכוּת פוּן צְדָקָה מְזַכֶּה זַיין אִידְן זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און בּוֹחֵר זַיין נָאר אִין דֶעם טוֹב.

**שְׁטַארְק** זִיךְ און זַיי פְרֵיילִיךְ, וֶועסְטוּ זֶעהְן דוּ וֶועסְט הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה חֵלֶק ב׳ סִימָן א׳) מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**

## תקמב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד׳ לְסֵדֶר שׁוֹפְטִים ד׳ אֱלוּל ה׳תשע״ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט חַבֶר׳ן זִיךְ מִיט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים אַזוֹי וֶועסְטוּ נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס,

וָואָרוּם אָפְּגֶעהִיטְן זָאל מֶען װערְן אַז מֶען פַאלְט אַרַיין מִיט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים קֶען מֶען אַרָאפְּגֵיין אוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, מֶען זֶעהְט הַיינְט דָאס אַסַאךְ בָּחוּרִים זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען לְתַרְבּוּת רָעָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן אוּן דָאס אִיז נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעהַאלְט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט װען עֶס אִיז דָא אַ קֶעסְטְל מִיט שֵׁיינֶע זִיסֶע עֶפֶּעלֶעךְ, ס'דַארְף דָארְטְן אַרַיינְקוּמֶען נָאר אֵיין פַארְפוֹילְטֶע עֶפְּל, נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג אַז אַלֶע עֶפֶּעלֶעךְ װערְן פַארְפוֹילְט אוּן װערֶעמְדִיג, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן מִיט װעמֶען מֶען אִיז זִיךְ מִתְחַבֵּר.

**וָואס** הֵייסְט אַ גוּטֶער חָבֵר? דֶער וָואס עֶר קֶען מִיךְ מְחַזֵּק זַיין אוּן שְׁטַארְקְן אִין יִרְאַת שָׁמַיִם וְכוּ', אוּן מֶען דֶערְקֶענְט דֶעם גוּטְן חָבֵר פוּן זַיין רֶעדְן, וָואָרוּם פוּן רֶעדְן מִיט אַ מֶענְטְשׁ קֶען מֶען וִויסְן דֶעם גַאנְצְן מֶענְטְשׁ, אוֹיבּ עֶר רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן פוּן לִימּוּד תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, אוּן שְׁטַארְקְן זִיךְ אִין תְּפִלָּה בְּכַוָּונָה וְכוּ' וְכוּ', דָאס אִיז אַ סִימָן אַז דָאס טְרַאכְט עֶר, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ב׳ ו׳) "מִפִּיו דַּעַת וּתְבוּנָה" פוּן דֶעם מוֹיל פוּן אַ מֶענְטְשׁ קֶען מֶען וִויסְן וָואס עֶר טְרַאכְט, אוּן וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ס"ו) דָאס יֶעדֶע מַחֲשָׁבָה אוּן גֶעדַאנְק וָואס דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט מוּז דוּרְכְגֵיין דוּרְךְ זַיינֶע לִיפְּן וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם אוֹיבּ עֶר רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן פוּן תּוֹרָה אוּן פוּן תְּפִלָּה, דָאס אִיז אַ גוּטֶער חָבֵר צוּ בַּאהֶעפְטְן זִיךְ צוּ אִיהְם, אָבֶּער

אויב חָלִילָה וְחַס מֶען הֶערְט פוּן אִיהְם נִיבּוּל פֶּה וְכוּ', גֶעמֵיינֶע רֵייד וְכוּ', דַארְף מֶען ווִיסְן אַז דָאס אִיז פַּארְפוּילְט אִינְגַאנְצְן פוּן אִינֶעוֵוייניג, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיבּוּל פֶּה סִימָן א') מִי שֶׁמְּדַבֵּר נִיבּוּל פֶּה בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ חוֹשֵׁב מַחְשֶׁבֶת אָוֶן; וָוארוּם וָואס עֶר טְרַאכְט דָאס רֶעדְט עֶר, אִיבֶּערְדֶעם אַז מֶען הֶערְט אַ חַבֵר הַאלְט אוּן אֵיין רֶעדְן גֶעמֵיינֶע שְׁמוּצִיגֶע רֵייד, דַארְף מֶען ווִיסְן דָאס אִיז פַארְדָארְבְּן דוּרְךְ אוּן דוּרְךְ, אוּן פוּן אִיהְם דַארְף מֶען אַנְטְלוֹיפְן אַזוֹי ווִי מֶען אַנְטְלוֹיפְט פוּן פֵייעֶר.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, אויב דוּ ווִילְסְט הָאבְּן אַ גוּטְן תַּכְלִית אִין לֶעבְּן, אַנְטְלוֹיף פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, וֶועט דִיר שְׁטֶענְדִיג גוּט זַיין.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְּרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תקמג

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר שׁוֹפְטִים ד' אֱלוּל ה'תשע"ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**פָּאלְג** מִיר, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁייכוּת מִיט דִי אַלֶע שָׁלוֹם בַּיִת מַאבֶּעְרְ'ס וְכוּ', וָוארוּם זֵיי מַאכְן מֶער קַאלְיֶע ווִי גוּטְס.

אֵיין כְּלַל דַארְפְּסְטוּ וויסְן אִין לֶעבְּן, דָאס מֶען מוּז זַיין אִין שְׁטוּב אַ וַותְּרָן מִיט אַלְסְדִינְג וְכוּ', מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט שְׁפַּארְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ זָאגְן דַוְקָא פַּארְקֶערְט פוּן דָאס וַוייבּ וְכוּ', דָאס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי, אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה דַארְף מֶען וויסְן אַז בֵּיידֶע זֶענֶען שׁוּתְּפִים, גַשְׁמִיוּת דַארְף מֶען נָאכְגֶעבְּן דָאס וַוייבּ, רוּחָנִיוּת דַארְף דָאס וַוייבּ נָאכְגֶעבְּן דֶעם מַאן, אַ מַאן הָאט זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְצוּמִישְׁן אִין דִי גַשְׁמִיוּת פוּן זַיין וַוייבּ, דֶעמָאלְט וֶועט עֶר פּוֹעֵל'ן בַּיי אִיר וָואס מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן אִין רוּחָנִיוּת, צוּם בַּיישְׁפִּיל, צְנִיעוּת הַלְבוּשׁ וְכוּ', גֵיין אָפְּגֶעשָׁארְן דִי הָאר נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם בֵּיי-הָאר, מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין מִיט קַיין קוּרְצֶע אָדֶער עֶנְגֶע קְלֵיידֶער וְכוּ' ווִי דִי מָאדֶע פוּן דִי עֶקְלְדִיגֶע גוֹיִם וְכוּ' וְכוּ', אַז מֶען גֶעט נָאךְ דָאס וַוייבּ וָואס זִי דַארְף הָאבְּן וְכוּ', אִיז זִי זַייעֶר מְכַבֵּד דֶעם מַאן, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן, דוּ וֶועסְט זַיין אַ וַותְּרָן אוּן נִישְׁט קַיין קַמְצָן, וֶועסְט נִישְׁט שְׁפָּארְן פוּן אִיר קַיין גֶעלְט וְכוּ', אוּן דוּ וֶועסְט אִיר נִישְׁט דֶערְגֵיין דִי יָארְן אוֹיף יֶעדְן דָאלְלֶער וָואס זִי גֶעבְּט אוֹיס וְכוּ' וְכוּ', דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ הָאבְּן דֶעם אֱמֶתְ'ן שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט דַארְפְן גֵיין צוּ קַיין שׁוּם שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶערְ'ס, וָוארוּם דִי אַלֶע אִינְגֶעלַייטְ'לֶעךְ וָואס זֵיי זֶענֶען עוֹסֵק אִין שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ' וְכוּ', מִכָּל שֶׁכֵּן דִי וָואס זֵיי נֶעמֶען גֶעלְט וְכוּ' וְכוּ', זֵיי זֶענֶען פְּשׁוּטֶע פַּארֶעבֶעם וְכוּ', פְּשׁוּטֶע לֵיידִיגֵייעֶרְ'ס וְכוּ', פְּשׁוּטֶע לֵצִים וְכוּ', זֵיי שְׁפִּילְן זִיךְ דָא מִיט נְפָשׁוֹת וְכוּ', זֵיי שְׁפִּילְן זִיךְ מִיט גֶעפִילְן פוּן טַאטֶע מַאמֶע פוּן בֵּיידֶע

צְדָדִים וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועז חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער, סְ'הָאט זֵיי אָפְּגֶעקָאסְט דִי עֶלְטֶערְן אַ וֶועלְט מִיט גֶעלְט, זֵיי הָאבְּן זִיךְ בַּא'חוֹבוֹת'ְט כְּדֵי חֲתוּנָה מַאכְן דִי יוּנְג פָּארְפָאלְק, עֶס פַּאסִירְט אַז דִי פָּארְפָאלְק הָאבְּן צְווִישְׁן זִיךְ אַ מִים-פַּארְשְׁטֶעגְדֶעגִישׁ וְכוּ', אוּן עֶס אִיז נָארְמַאל, וָוארוּם זֵיי קוּמֶען פוּן צְוֵויי אַנְדֶערֶע וֶועלְטְן, דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִיק וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם אִינְטֶערֶעס פוּן גֶעלְט אָדֶער כָּבוֹד וְכוּ' וְכוּ', אוּן פְּרָאבִּירְט צוּ מַאכְן בַּיי זֵיי שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן זֵיי אוֹיפְקְלֶערְן זַאכְן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּסְט בִּיז יֶעצְט, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין בּוּשָׁה, סְ'אִיז נִישְׁט קַיין בִּזָיוֹן וְכוּ' וְכוּ', דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ד.) דָוִד הַמֶלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט וַאֲנִי יָדַי מְלוּכְלָכוֹת בְּדַם וּבְשָׁפִיר וּבְשִׁלְיָא כְּדֵי לְטַהֵר אִשָׁה לְבַעְלָהּ; דָוִד הַמֶלֶךְ הָאט זִיךְ גֶעפָּארֶעט מִיט אַזֶעלְכֶע פָּארְפָאלְק'ְן אוּן זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט זֵיי מִיט דִי הַאקֶל'סְטֶע עִנְיָנִים וְכוּ', אַלֶעס כְּדֵי מְטַהֵר זַיין אִשָׁה לְבַעֲלָהּ כְּדֵי סְ'זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען גֵייט צוּ אִינְגֶעלַייט'לֶעךְ וָואס זֵיי רוּפְן זִיךְ שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶער'ס וְכוּ' וְכוּ', זֵיי זֶענֶען פְּשׁוּטֶע לֵצִים, מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען זֵיי נֶעמֶען גֶעלְט, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם, זֵיי זֶענֶען אִינְטֶערֶעסִירְט אַז דִי פָּארְפָאלְק זָאל קוּמֶען צוּ זֵיי וָואס מֶער, כְּדֵי זֵיי זָאלְן קֶענֶען פַּיינִיגְן דָאס פָּארְפָאלְק, אוּן זֵיי גֶענִיסְן פוּן דִי עַגְמַת נֶפֶשׁ וָואס עֶס אִיז דָא צְווִישְׁן דִי פָּארְפָאלְק וְכוּ' וְכוּ', מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין בִּכְתָב, אָבֶּער דָאס אִיז אַ מְצִיאוּת וְכוּ' וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** פָאלְג דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט אוּנְז אָנְגֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ד), **אַז אַ מֶענְטְשׁ מוּז** מְכַבֵּד זַיין אוּן טַייעֶר הַאלְטְן זַיין וַוייבּ. אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, "בַּאטְרַאכְט זִיךְ וִויפִיל צַעַר אוּן גְרוֹיסֶע יִסוּרִים לַייךְן דִי פְרוֹיעֶן: צַעַר הָעִיבּוּר, וְהַלֵידָה, וְהַגִידוּל, וְכוּ', וְכוּ', אוּן עֶס קוּמְט זֵיי זֵייעֶר שְׁוֶוער אָן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אוֹיף זֵיי רַחֲמָנוּת הָאבְּן, אוּן זֵיי אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט וָואס מֶען קֶען". אוּן וִויסְן דַארְפְסְטוּ וִויסְן, בַּיי אוּנְז אִיז אַ דִיבּוּר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים. אִיבֶּערדֶעם זָאלְסְטוּ זֵייעֶר הִיטְן אוּן מְקַיֵים זַיין דֶעם דִיבּוּר פוּן רֶבִּי'ן, זָאלְסְט הַאלְטְן חָשׁוּב דַיין וַוייבּ, אוּן זָאלְסְט זִיךְ מִיט אִיר נִישְׁט אַרוּם טַעֲנָה'ן. וָוארוּם וָואס וִויל זִי פוּן דִיר? זָאלְסְט אִיר הֶעלְפְן מִיט דִי קִינְדֶער. אִיז וָואס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער? בַּאטְרַאכְט זִיךְ, סוֹף כָּל סוֹף אִיז דָאס אוֹיךְ דַיינֶע קִינְדֶער - לֵייג צוּ אַ הַאנְט אוּן הֶעלְף אִיר. אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן בְּפֵירוּשׁ (חוּלִין פד:), לְעוֹלָם יֹאכַל אָדָם וְיִשְׁתֶּה פָּחוֹת מִמַה שֶׁיֵשׁ לוֹ, וְיִלְבַּשׁ וְיִתְכַּסֶה בְּמַה שֶׁיֵשׁ לוֹ, וְיְכַבֵּד אִשְׁתּוֹ וּבָנָיו יוֹתֵר מִמַה שֶׁיֵשׁ לוֹ, שֶׁהֵן תְּלוּיִין בּוֹ וְהוּא תָּלוּי בְּמִי שֶׁאָמַר וְהָיָה הָעוֹלָם; אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן, וֶועט וֶוערְן שָׁלוֹם בַּיִת בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ, אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיג לֶעבְּן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג**

# תקמד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ד׳ לְסֵדֶר שׁוֹפְטִים ד׳ אֱלוּל ה׳תשע״ב

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

**אִיךְ** וואוּנְדֶער זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק וֶוער הָאט אִין דִיר אַרַיינְגֶעלֵייגְט דָאס קַלוּת הַדַעַת וְכוּ׳, דָאס גְרִינְגְשֶׁעצְן אַז דַיין וַוייבּ מֶעג גֵיין אַבִּיסְל אוֹיפְגֶעדֶעקְט דִי הָאר וְכוּ׳, אוּן אִין שְׁטוּבּ דַארְף זִי בִּכְלַל נִישְׁט גֵיין צוּגֶעדֶעקְט וְכוּ׳, אִיךְ וֵויים נִישְׁט וֶוער הָאט דִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַזַא קַלוּת וְכוּ׳, דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז ווִי מֶעג אַ פְרוֹי אִינְגַאנְצְן הָאבְּן אֵייגֶענֶע הָאר? וֶוען עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט בְּפֵירוּשׁ אִין זוֹהַר (נָשֹׂא קכ״ה:) תּוּנְבָּא לֵיתֵי [אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען] עַל הַהוּא בַּר נַשׁ [אוֹיפְן מֶענְטְשׁ] דְשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ [וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ] דְתִתְחֲזֵי מִשַּׂעֲרָה דְרֵישָׁהּ לְבַר [זָאל גֵיין אוֹיפְגֶעדֶעקְט דִי הָאר, אָדֶער מֶען זָאל אַרוֹיסְזֶעהְן דִי הָאר] וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְבֵיתָא [אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן דִי צְנִיעוּת פוּן אַ פְרוֹי אִין שְׁטוּבּ] וְאִתְּתָא דְאַפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר [אוּן אַ פְרוֹי וָואס זִי דֶעקְט אוֹיף אִירֶע הָאר] לְאִתְתַּקְנָא בֵּיהּ [זִיךְ שֵׁיין מַאכְן מִיט דֶעם] גָרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא [אִיז גוֹרֵם אָרִימְקַייט אִין שְׁטוּבּ] וְגָרִים לִבְנָהָא דְלָא יִתְחַשְׁבוּן בְּדָרָא [אוּן ס׳אִיז גוֹרֵם אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט זַיין קַיין גֶעלוּנְגֶענֶע, אוּן זֵיי זָאלְן נִישְׁט חָשׁוּב זַיין] וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְשַׁרְיָא בְּבֵיתָא [אוּן עֶס אִיז גוֹרֵם אַז דִי סִטְרָא

אַחֲרָא און דִי חִצוֹנִים זָאלְן זַיין אִין דֶעם שְׁטוּבּ] מַאן גָרִים דָא [און וֶוער אִיז גוֹרֵם דִי אַלֶע צָרוֹת] הַהוּא שַׂעֲרָא דְאִתְחַזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר. [דִי הָאר פוּן אַ פְרוֹי וָואס מֶען זֶעהְט אַרוֹיס] וּמַה בְּבֵיתָא הַאי [און דִי אַלֶע קְלָלוֹת רֶעדְט זִיךְ פוּן אַ פְרוֹי וָואס זִי גֵייט אוֹיפְגֶעדֶעקְט דִי הָאר אִין שְׁטוּבּ] כָּל שֶׁכֵּן בְּשׁוּקָא [און אַוַודַאי און אַוַודַאי וֶוען זִי גֵייט אוֹיפְגֶעדֶעקְט אוֹיפְן גַאס מִיט דִי הָאר] וְכוּ'.

**לֵיידֶער** הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט בַּיי אוּנְז נָאכְאַמָאל דִי קְלִיפָּה אַז הַיימִישֶׁע פְרוֹיעֶן לָאזְן זִיךְ וַואקְסְן דִי הָאר, און זֵיי כַאפְּן נִישְׁט וָואסֶערֶע צָרָה זֵיי בְּרֶענְגְן אוֹיף זִיךְ און אוֹיפְן גַאנְצְן הוֹיז-גֶעזוּנְט, אוֹיפְן מַאן, און אוֹיף דִי קִינְדֶער, דָאס בְּרֶענְגְט קְרִיגֶעְרַיי אִין שְׁטוּבּ, און אָרֶעמְקַייט, און פַארְשִׁידֶענֶע מַחֲלוֹת.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל פוּן רִימָאנוֹב זי"ע הָאט גֶעזָאגְט אַז דִי גַאנְצֶע גְאוּלָה אִיז תָּלוּי אוֹיף אַ הָאר וְכוּ', און עֶר הָאט דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף וֶוען מֶען זֶעהְט אַרוֹיס אֲפִילוּ אֵיין הָאר פוּן אַ פְרוֹי, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אַלֶע צָרוֹת און מֶען פַארְלֶענְגֶערְט דִי גָלוּת, און לֵיידֶער הָאט זִיךְ דָאס אַרַיינְגֶעכַאפְּט נָאכְאַמָאל צְווִישְׁן דִי הַיימִישֶׁע פְרוֹיעֶן, אַז זֵיי לָאזְן זִיךְ וַואקְסְן דִי אֵייגֶענֶע הָאר, וָואס דָאס אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶער זִינְד.

**וֶוער** גֶעדֶענְקְט דֶען נִישְׁט דִי דְרָשׁוֹת בַּיי יֶעדְן כָּל נִדְרֵי נַאכְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רָב זי"ע בַּעַל

"דִבְרֵי יוֹאֵל" הָאט גֶעוֵוײנְט און פַארְפִירְט פַאר די פְרוֹיעֶן אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן די בֵּיי-הָאר, און עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי די פְרוֹיעֶן זֵיי זָאלְן רַחֲמָנוּת הָאבְּן אויף זִיךְ און אויף זֵייעֶרע קִינְדֶער, און זֵיי זָאלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן די הָאר, וַוייל דָאס אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע זַאךְ, נִישְׁט ווי מֶען מֵיינְט אַז עֶס אִיז אַ פָּשׁוּטֶע חוּמְרָא, נָאר מֶען דַארְף גֶעדֶענְקְן אַז דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ שֶׁעלְט אַ פְרוֹי וָואס מֶען זֶעהְט אַרוֹיס אִירֶע הָאר, און אויף דֶעם טָאר נִישְׁט דֶער מַאן אַיינְגֶעבְּן און זַיין אַ וַותְרָן, נָאר עֶר דַארְף זִיךְ עַקְשְׁנֶ'ען זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין מִיט אֵייגֶענֶע הָאר, און אַזוי אויבֶּעט זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין מִיט אויפְפַאלֶענְדֶע קְלֵיידֶער.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, לֵייג אַרַיין די וֶוערְטֶער טִיף אִין הַארְצְן, אֵיידֶער דוּ וֶועסְט מִיט דַיין אֵייגֶענֶע הֶענְט פַארְבְּרֶענֶען דַיין הויז וְכוּ', די קִינְדֶער לֶערְנֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁנֶעל אָפּ פוּן די מַאמֶע, וּבִפְרַט טֶעכְטֶער, ווי די חֲזַ"ל זָאגְן (כְּתוּבּוֹת סג.) וְהַיְינוּ דְאָמְרֵי אִינְשֵׁי, רְחֵילָא בָּתַר רְחֵילָא אָזְלָא, כְּעוֹבְדֵי אִמָּהּ כַּךְ עוֹבְדֵי בְּרַתָּא; אִיךְ הָאף אַז די וֶוערְטֶער וֶועט אַרַיינְגֵיין גוּט אִין דַיין הַארְץ, און דוּ וֶועסְט זִיךְ טוּישְׁן אִינְגַאנְצְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג**

# תקמה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר שׁוֹפְטִים ד' אֱלוּל ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּריוו.

**זָאלְסְט** וויסְן דָאס אַ בְּרֶסְלְבֶ'ער חָסִיד אִיז נָאר דֶער וָואס פָּאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן און פְּרָאבִּירְט מְקַיֵּים צוּ זַיין יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט וָואס עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין "שִׂיחוֹת הָרַ"ן" און אִין "חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן", וָואס דָאס אִיז דִי שִׂיחוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט פַארְצֵייכְנְט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, נִישְׁט אַרָאפְּמֶעכְן, און נִישְׁט צוּלֵייגְן, נָאר מְקַיֵּים זַיין אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט דָארְטְן. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן שנ"ח), אַז "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה זַיינֶע קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי ווִי אִיךְ מֵיין אֵיין גוּטֶער אִיד"; דֶעריבֶּער וֶוער עֶס ווִיל זִיךְ רוּפְן אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינ'ס נָאמֶען "בְּרֶסְלְבֶ'ער חָסִיד" דַארְף זַיין קוֹדֶם אַ בָּקִי אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ'ס שִׂיחוֹת פוּן סֵפֶר "שִׂיחוֹת הָרַ"ן" און "חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן" יָשָׁר וְהָפוּךְ און הָפוּךְ וְיָשָׁר, און מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן. ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זי"ע הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נ"א) "עֶטְוָוס זָאלְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, דִי וֶועלְט נַארְט עֶנְק". מֶען רֶעדְט שׁוֹין נִישְׁט ווִי דִי רֶבִּי הָאט גֶעבֶּעטְן יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים עֶר זָאל לֶערְנֶען און חַזֶר'ן זַיין הֵיילִיגְן סֵפֶר "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" בִּיז עֶר זָאל עֶס קֶענֶען אוֹיסֶענְוֵוייניג.

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן דִי אַזוֹי גֶערוּפֶענֶע מַנְהִיגִים׳לֶעךְ אִין בְּרֶסְלֶב, וָואס זֵיי לֶערְנֶען מִיט בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט פַארְקְרִימְטֶע וֶועגְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, אַ כְּלַל גָּדוֹל זָאלְסְטוּ הָאבְּן, וָואס עֶס וֶוערְט נִישְׁט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סִפְרֵי ״שִׂיחוֹת הָרַ״ן״ אוּן אִין ״חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן״ אִיז אַלֶעס שְׁטוּתִים אוּן הַבָלִים אוּן אֵייגֶענֶע דִמְיוֹנוֹת.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט וֶועסְט אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין, וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, וָוארוּם וִויסְן זָאלְסְטוּ וִויסְן, אוֹיב עֶס אִיז נִישְׁטָא תּוֹרָה אִיז נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט, אַ אִיד מוּז יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ״י פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן, אוּן לְכָל הַפָּחוֹת אַ דַף גְּמָרָא יֶעדְן טָאג וָואס דָאס הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוֹיכֶעט דַארְף מֶען לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ הֲלָכָה, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן כ״ט) דָאס יֶעדֶער אִיד מוּז לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה; וָוארוּם ווִיפֶער מֶען טְרֶעט אָפּ חַס וְשָׁלוֹם פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ וְכוּ׳, קֶען מֶען אַרָאפְּנִידֶערְן אִין אָפְּגְרִינְד וְכוּ׳ וְכוּ׳, בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר ׳תּוֹרָה׳ אוּן ׳תְּפִלָּה׳, גֶעדֶענְק דָאס גוּט, וֶועט דִיךְ קֵיינֶער נִישְׁט קֶענֶען פַארְפִירְן, וְדַי לְחַכִּימָא.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תקמו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר שׁוֹפְטִים ו' אֱלוּל ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

זָאלְסְט זֶעהְן צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעבֶּעטְן דָאס יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס עֶר גְלֵייבְּט אִין אִיהְם, נִישְׁט נָאר עֶר אַלֵיין זָאל קוּמֶען צוּ אִיהְם אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, נָאר עֶר זָאל אוֹיסְרוּפְן דָאס יֶעדֶער אֵיינֶער אָן אַ אוֹיסְנַאם זָאל זַיין בַּיי אִיהְם אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער טָאג וָואס מֶען אִיז דַן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶער אַדְוָואקַאט וָואס וֶועט מְלַמֵּד זְכוּת זַיין אוֹיף אוּנְז, אוּן עֶר וֶועט אוּנְז אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת וְכוּ', אוּן דָאס אִיז דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ח:) בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה נִידּוֹן מַה יִהְיֶה בְּסוֹפוֹ; דָאס הֵייסְט, רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער יוֹם הַדִּין וָואס מֶען אִיז דַן דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה וָואס עֶס וֶועט זַיין מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזוּנְדֶער אִין דֶעם יָאר וָואס עֶס קוּמְט וְכוּ' מִי לַחַיִּים מִי לַמָּוֶות וְכוּ', מִי בַּחֲנִיקָה וּמִי בִּשְׂרֵיפָה וְכוּ', אוּן אַזוֹי זָאגְן אוֹיךְ דִי חֲזַ"ל (בֵּיצָה ט"ז.) כָּל מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם קְצוּבִים מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה; דָאס הֵייסְט אַז מֶען שְׁרַייבְּט אָפּ פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ דֶעם בַּאדְזְשֶׁעט פַאר אַ גַאנְץ יָאר, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן אַ גְרוֹיסְן

אַדְוָואקַאט וָואס עֶר קֶען מַמְלִיץ טוֹב זַיין פַאר אוּנְזֶערְט וֶועגְן, און דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֵוייסְט אַז נָאר אִיךְ וֵוייס וָואס רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז, און דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט אִיז תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה וְכוּ', וֶוען מֶען הֶערְט אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא וָואס צוּ טְרַאכְטְן וְכוּ', מֶען נֶעמְט דֶעם פֶּעקְל און מֶען פָארְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן.

לֵיידֶער לֵיידֶער אַ גַאנְץ יָאר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שְׁוֶוער יָאר, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן פַארְלָארְן דִי פַּרְנָסוֹת וְכוּ', מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נִישְׁט גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן לֹא עָלֵינוּ וְכוּ', ווִיפִּיל קִינְדֶער זֶענֶען אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן וְכוּ', און נָאךְ אָן אַ שִׁיעוּר צָרוֹת און יִסוּרִים וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן מִיט וְכוּ', און דָאס קֶען מֶען אַלֶעס אוֹיסְמַיידְן און פַארְרֶעכְטְן וְכוּ' וְכוּ', אַז מֶען קוּמְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זַיין קַיין בַּטְלָן, דוּ זָאלְסְט קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

קוּק נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט פַאר שְׁפֶּעזְן וְכוּ', וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אוֹיסְגֶעקוּקְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם עֶר זָאל הָאבְּן דִי שְׁפֶּעזְן אַהִין און צוּרִיק וְכוּ', גֶעלְט טָאר נִישְׁט זַיין קַיין מְנִיעָה, מֶען קֶען בָּארְגְן, און דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט אִיהְם הֶעלְפְן עֶר וֶועט עֶס קֶענֶען בַּאצָאלְן, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס עֶר הָאט

צוּגֶעזָאגְט פַּאר יֶעדְן אֵיינֶעם צוּ גֶעבְּן גְרוֹיסֶע מַתָּנוֹת, אַז וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר הָאט שֵׂכֶל אוּן פְרֶעגְט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין סְפֵיקוֹת וְכוּ', אוּן קוּמְט צוּ פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיף אוּמַאן.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אוּנְז גֶעבְּן גֶעזוּנְט מִיט לֶעבְּן, מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין אָנְקוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**

## תקמז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר שׁוֹפְטִים ו' אֱלוּל ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווִי אִיךְ פְרֵיי זִיךְ דָאס דוּ הָאסְט שׁוֹין דוּרְכְגֶעלֶערְנְט דֶעם פוּנְף אוּן פוּפְצִיגְסְטְן מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דָאס אִיז אַזַא זְכוּת וָואס מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין, אוּן אוֹיבֶּעט וָואס דוּ הַאלְסְט שׁוֹין דֶעם אַכְט אוּן אַכְצִיגְסְטְן מָאל חַזֶרְן מַסֶּכֶת תַּעֲנִית, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן בִּזְכוּת דֶעם זָאל אַלְסְדִינְג פַארְרָאכְטְן ווֶערְן, ווָארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ד' הֲלָכָה ח') כֵּיוָן שֶׁקִבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִימֵיכֶם; אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נִכְשָׁל גֶעווָארְן מִיט

וָואס עֶר אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן מִיט אַזֶעלְכֶע הַארְבֶּע זִינְד וְכוּ' וְכוּ', אוֹיבּ עֶר נֶעמְט אוֹיף זִיךְ דֶעם עוֹל פוּן תּוֹרָה, אִיז אִיהְם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מוֹחֵל, אוּן עֶס וֶוערְט אַלֶעס אָפְּגֶעוִוישְׁט אַזוֹי ווִי עֶר וָואלְט גָארְנִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

**אִיבֶּערְדֶעם** יֶעדֶער בָּחוּר וָואס וֵוייסְט דָאס עֶר אִיז פִיל מִיט חַטְאוֹת נְעוּרִים וְכוּ', דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאל עֶר נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ חַזֶרְן מַסֶכֶת תַּעֲנִית הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, וָואס דָאס וֶועט אִיהְם זַיין אַ גְרוֹיסֶער טוֹבָה בְּגַשְׁמִיוּת וּבְרוּחָנִיוּת, וָוארוּם דֶער תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט בַּאשַׁאפְן מַחְמַת זַיינֶע זִינְד, דֶער אֲרִיזַ"ל הָאט גֶעזָאגְט דָאס אוֹיף יֶעדְן גֶעוִויסְן זִינְד דַארְף מֶען פַאסְטְן אַזוֹיפִיל אוּן אַזוֹיפִיל תַּעֲנִיתִים וְכוּ', אָבֶּער אוּנְז הָאבְּן נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ פַאסְטְן אַזוֹיפִיל, וּבִפְרַט דָאס אוּנְזֶערֶע זִינְד זֶענֶען אַזוֹיפִיל וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם אִיז רַאטְזַאם צוּ חַזֶרְן מַסֶכֶת תַּעֲנִית עַל כָּל פָּנִים הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל.

**אוֹיךְ** אִיז זֵייעֶר גוּט פַאר דִי נְשָׁמָה צוּ לֶערְנֶען אוּן זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן לִימוּד מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָה, אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (מֶדְרָשׁ תַּלְפִּיּוֹת) דָאס אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט עַל פִּתְחוֹ שֶׁל גֵיהִנּוֹם אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת לָאזְט עֶר אִים נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין גֵיהִנּוֹם עֶר זָאגְט זֵיי 'דֶער מֶענְטְשׁ בַּאלַאנְגְט צוּ מִיר', אוּן דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ"א זַ"ל בְּרֶענְגְט (פְּנֵי דָוִד וַיְחִי) אַז דָאס אִיז מְרוּמָז אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מט) "מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ"

**שְׁמֹנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיוֹת מִשְׁנָ"ה, אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב אִיז מְמוּנֶה אוֹיף דֶער וָואס עֶר לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת.**

**אִיבֶּערְדֶעם** אוֹיב דוּ ווילְסְט זִיךְ אַרוֹיסְרַייסְן פוּן דִי טוּמְאָה וָואס דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶעם, זָאלְסְטוּ זֶען צוּ זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן דַוְיקָא, אוּן זָאלְסְט עֶנְדִיגְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, אַ מַסֶכְתָּא נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דַאן זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְן נָאכְאַמָאל, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְץ לֶעבְן, לֶערְנֶען אַסַאךְ אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מב.) בְּמִי אַתָּה מוֹצֵא מִלְחַמְתָּהּ שֶׁל תּוֹרָה? בְּמִי שֶׁיֵּשׁ בְּיָדוֹ חֲבִילוֹת שֶׁל מִשְׁנָה; דֶער וָואס לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת דֶער אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּגֵיין טִיף טִיף אִין דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה; ווידֶערְאוּם זָאגְן דִי חֲזַ"ל (בָּבָא מְצִיעָא לג.) וּלְעוֹלָם הֱוֵי רָץ לְמִשְׁנָה יוֹתֵר מִן גְּמָרָא; זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג לוֹיפְן צוּ דִי מִשְׁנַיוֹת מֶער ווִי צוּ דִי גְמָרָא; וָוארוּם אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, עֶפְנְט זִיךְ אִים דֶער קָאפּ עֶר זָאל קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין נָאכְדֶעם דִי גְמָרָא, אוּן אוֹיסֶערְדֶעם דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת אִיז מֶען מְקָרֵב דִי גְאוּלָה, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה ז' סִימָן ג') אֵין כָּל הַגָלֻיוֹת הַלָלוּ מִתְכַּנְסוֹת אֶלָא בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת; אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אֲפִילוּ דֶעם זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אִיז מְטַהֵר אֶת הַנֶפֶשׁ.

**אִיךְ** הָאפּ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס דוּ וֶועסְט זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן דֶעם בִּיטֶערְן פֶּעקְל וְכוּ' וָואס דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶעם, אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ

טְרֶעפְן אַ גוּטְן שִׁידוּךְ, און דו וֶועסְט אוּפְבּוּיעֶן אַ גְלִיקְלִיךְ שְׁטוּב, וָואס עֶס וֶועט זַיין אַ מִשְׁכָּן פַאר דִי שְׁכִינָה.

אִיךְ בֶּעט דִיךְ זַייעֶר דו זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, און זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס גַאנְצֶע הַארְץ צוּ אִיהְם, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ ווי תְּפִלָּה, וֶוען אַ אִיד קוּמְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים און בֶּעהְט אִיהְם וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן וְכוּ', און מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען עֶר פַארְוַואסֶערְט דָאס תְּפִלָּה מִיט הַייסֶע טְרֶערְן וְכוּ', דָאס בְּרֶעכְט דוּרְךְ אַלֶע פַארְמַאכְטֶע טוֹיעֶרְן וְכוּ', און דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אִיהְם מְקַבֵּל מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה און נַחַת.

שְׁטַארְק זִיךְ און מַאךְ אַ נַייעֶ הַתְחָלָה, און זָאלְסְט גֶעדֶענְקְן, וָואס אִיז גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען וְכוּ', און פוּן הַיינְט אָן הֵייבְּט זִיךְ אָן אַ נַייעֶר חֶשְׁבּוֹן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**

# תקמח

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר כִּי תֵצֵא ט' אֱלוּל ה'תשע"ב**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער דִיר מַסְבִּיר צוּ זַיין דֶעם גְרוֹיסְן זְכוּת וָואס דו הָאסְט מְזַכֶּה צוּ זַיין אֶת הָרַבִּים,

וָוארום דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא פז.) כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ; דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ צוּרִיק בַּאצָאלְן כֵּפֶל כִּפְלַיִים בְּאֵין עֶרֶךְ וְכוּ', וָוארום אַז מֶען אִיז מְזַכֶּה אַ אִיד מִיט אַיין הִרְהוּר תְּשׁוּבָה מַאכְט דָאס אַ גְרוֹיס רַעַשׁ אִין הִימְל, און מִכָּל שֶׁכֵּן אַז פון דֶעם הִרְהוּר תְּשׁוּבָה נֶעמְט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ אִין דִי הֶענְט אַרַיין און עֶר וֶוערְט עֶרְנְסְטֶער, סַיי מִיט זַיין יִרְאַת שָׁמַיִם סַיי מִיט זַיין דַאוֶונֶען און סַיי מִיט זַיין לֶערְנֶען וְכוּ' וְכוּ', אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַלֶעס כְּדַאי, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ און פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי דִיר, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ אַוַודַאי נִישְׁט פַארְלָאזְן, און דוּ וֶועסְט נָאךְ זֶעהְן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת אִין דַיין לֶעבְּן וָואס עֶר וֶועט מִיט דִיר טוּהְן.

אִיךְ בֶּעהְט דִיךְ זֵייעֶר טוּהּ אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט דוּ זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, כָאטְשֶׁע אִיךְ ווייס דָאס עֶס קוּמְט דִיר אָן זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער וְכוּ' פוּן דִי אַלֶע בִּלְבּוּלִים וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקְן וָואס דֶער תַּנָא זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ה') לְפוּם צַעֲרָא אַגְרָא; יֶעדֶער דָבָר שֶׁבִּקְדוּשָּׁה וָואס עֶס קוּמְט אָן שְׁוֶוער, לוֹיט ווִי דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְגַבֵּר אוֹיף דִי שְׁוֶועריקֵייט אַזַא שְׂכַר בַּאקוּמְט עֶר, און עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "פֶּלֶא יוֹעֵץ" (אוֹת שִׂמְחָה) דָאס דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ פַאר'ן מֶענְטְשׁ, אִיז צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ וְכוּ', און בִּפְרָט וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בְּטֶבַע אַ פַארְבִּיטֶערְטֶער וְכוּ', און אוֹיב עֶר גֵייט זִיךְ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אַזוֹי בַּאקוּמְט עֶר זַיין שְׂכַר, אִיבֶּערְדֶעם נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, און דוּ

זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ זַיין, אוּן גֵיין מִיט אַ לֶעבְּטִיג פָּנִים, וֶועסְטוּ זֶעהְן דָאס אַלֶע בְּרָכוֹת וֶועלְן חַל זַיין אוֹיף דִיר.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן תָּמִיד**

# תקמט

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ב׳ לְסֵדֶר כִּי תֵצֵא ט׳ אֱלוּל ה׳תשע״ב**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** ווִיסְן, אוֹיף דֶעם עוֹלָם גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם שְׁוֶועֶרֶע אוּן בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ׳, וּבִפְרַט אִין קְדוּשָּׁה וְכוּ׳, אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דָאס אַ אִיד טָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, אוּן פוּן דִי נִידְרִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער וָואס עֶר אִיז דָארְטְן אַרַיינְגֶעפַאלְן וְכוּ׳, קֶען עֶר אַרוֹיסְגֵיין. אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן קי״ב) אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִים לְקַלְקֵל תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִים לְתַקֵּן; מִיט דֶעם וָואס דוּ בִּיסְט צוּבְּרָאכְן וַוייזְט דוּ דָאךְ אַז דוּ הָאסְט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן דוּ שְׁפִּירְסְט אַז דוּ הָאסְט גֶעטוּהְן עֶפֶּעס וָואס אִיז אַקֶעגְן זַיין רָצוֹן וְכוּ׳, זָאלְסְטוּ גְלֵייבְּן אַז עֶס נִיצְט תְּשׁוּבָה, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים קוּקְט אַרוֹיס אוֹיף יֶעדְן אִידִישׁ קִינְד עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִיהְם, ווִי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (פְּסָחִים קיט.) יָדוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שֶׁפְּרוּסָה תַּחַת כַּנְפֵי הַחַיּוֹת כְּדֵי לְקַבֵּל בַּעֲלֵי תְשׁוּבָה מִיַּד מִדַּת הַדִּין.

**אִיבֶּערְדֶעם** פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט וָואס הָאט אִיר צוּ זָארְגְן אַז אִיךְ גֵיי פַאר אַייךְ וְכוּ' וְכוּ', נָאר עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל אִיהְם פָאלְגְן, מֶען זָאל יֶעדְן טָאג זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, אוּן זִיךְ אוֹיסֶערְדְן דָאס הַארְץ פַאר אִיהְם אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן וָואס עֶס דְרִיקְט אִיהְם זָאל עֶר אַלֶעס אוֹיסְדֶערְצֵיילְן פַאר אִיהְם, וָוארוּם תְּפִלָּה אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וּבִפְרַט וֶוען אַ אִיד וֵויינְט זִיךְ אוֹיס פַאר אִיהְם זַיין בִּיטֶער הַארְץ רִירְט עֶר זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק פוּן דָארְטְן בִּיז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אִיהְם מוֹחֵל, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים בְּחוּקוֹתַי) אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, שֶׁמִּיַּד שֶׁהֵם מִתְוַדִּים עַל עֲווֹנוֹתֵיהֶם מִיַּד אֲנִי חוֹזֵר וּמְרַחֵם עֲלֵיהֶם שֶׁנֶּאֱמַר (וַיִּקְרָא כ"ו) "וְהִתְוַדּוּ אֶת עֲוֹנָם וְאֶת עֲוֹן אֲבוֹתָם בְּמַעֲלָם אֲשֶׁר מָעֲלוּ".

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, גֵיי יֶעצְט אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט, אוּן רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דֶערְצֵייל אִיהְם וָואס הָאט דִיךְ גֶעבְּרֶענְגְט צוּ דִי שְׁוֶוערֶע זִינְד וְכוּ' וְכוּ', אוּן עֶר וֶועט דִיךְ אַוַודַאי מוֹחֵל זַיין, אוּן דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק א' מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה הֲלָכָה א') כָּל מִצְוֹת שֶׁבַּתּוֹרָה בֵּין עֲשֵׂה בֵּין לֹא תַעֲשֶׂה אִם עָבַר אָדָם עַל אַחַת מֵהֶן בֵּין בְּזָדוֹן בֵּין בִּשְׁגָגָה כְּשֶׁיַּעֲשֶׂה תְּשׁוּבָה וְיָשׁוּב מֵחֶטְאוֹ חַיָּב לְהִתְוַדּוֹת לִפְנֵי הָאֵל בָּרוּךְ הוּא שֶׁנֶּאֱמַר (בַּמִּדְבָּר ה') "אִישׁ אוֹ אִשָּׁה כִּי יַעֲשׂוּ" וְגוֹ' "וְהִתְוַדּוּ אֶת חַטָּאתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ" זֶה וִידּוּי דְּבָרִים, וִידּוּי זֶה

מִצְוֹת עֲשֵׂה כֵּיצַד מִתְוַדִּין, אוֹמֵר אָנָּא הַשֵּׁם חָטָאתִי עָוִיתִי פָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ וְעָשִׂיתִי כַּךְ וְכַךְ וַהֲרֵי נִחַמְתִּי וּבוֹשְׁתִּי בְּמַעֲשַׂי וּלְעוֹלָם אֵינִי חוֹזֵר לְדָבָר זֶה וְזֶהוּ עִיקָרוֹ שֶׁל וִידּוּי, וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַדּוֹת וּמַאֲרִיךְ בְּעִנְיָן זֶה הֲרֵי זֶה מְשׁוּבָּח; זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט וֶוען אַ אִיד רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה, אִיז עֶר זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיי אִיהְם, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד') דָאס וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט וֶוערְן אַריינְגֶעקְרִיצְט זַיינֶע זִינְד אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אוּן זֵיי זֶענֶען זִיךְ נוֹקֵם אִין אִיהְם וְכוּ', אָבֶּער וֶוען עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַארְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֵייעֶן אַרוֹיס דִי זִינְד פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער וְכוּ', בִּיז עֶר שְׁפִּירְט דָאס לֶעבְּטִיגְקֵייט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם זֵיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, קֶער זִיךְ אוּם צוּ אִיהְם, אוּן רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז עֶס וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה, דוּ וֶועסְט נָאךְ זַיין אַ גְלִיקְלִיכֶער מֶענְטְשׁ.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א)

אַזוֹי ווִי אַ אִיד דַארְף הָאבְּן אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי דַארְף אַ אִיד הָאבְּן אֱמוּנָה אִין זִיךְ אַז עֶר אִיז אוֹיבֶּעט חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר בַּיים בַּאשֶׁעפֶּער פוּן דֶער וֶועלְט, אִיבֶּערְדֶעם זֵיי נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, זֶעה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן וֶועט דִיךְ גוּט זַיין שְׁטֶענְדִיג.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן תָּמִיד**

# תקנ

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב׳ לְסֵדֶר כִּי תֵצֵא ט׳ אֱלוּל ה׳תשע״ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס דוּ דַארְפְסְט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ וֶועג אוֹיפְן פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל ל״ג) ״אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם״, אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעדִינְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט בְּחִינַת ׳אֶחָד׳, עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף אַן אַנְדֶערְן, דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט הָאט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה אוּן נָאר אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט מְפַרְסֵם גֶעוֶוען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אוֹיף קִידּוּשׁ הַשֵּׁם, מֶען הָאט אִים מְנַסֶּה גֶעוֶוען אוֹיסְפְּרָאבִּירְט מִיט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן עֶר אִיז בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען דִי נִסְיוֹנוֹת.

אַ אִיד טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם וְכוּ׳, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט נָאכְמַאכְן יֶענֶעם וְכוּ׳, נָאכְמַאכְן אִיז מֶען אַזוֹי וִוי אַ קוֹף אַ מַאלְפֶּע (מָאנְקִי בְּלַעַ״ז), דִי בַּעֲלֵי מוּסָר זָאגְן דָאס אוֹיבּ אֵיינֶער מַאכְט נָאךְ יֶענֶעם אִיז עֶר צוּגֶעגְלִיכֶן וִוי יֶענֶער פֶּערְד וְכוּ׳, אַ גוֹי הָאט אַ פֶערְד אוּן וָואגְן, אוּן אַ הוּנְט. אַמָאל הָאט זִיךְ דֶער פֶערְד מְקַנֵּא גֶעוֶוען אִין דֶעם הוּנְט פַארְוָואס דֶער הוּנְט אִיז בַּיים גוֹי אַזַא גְרוֹיסְן מְיוּחָס עֶר דְרֵייט זִיךְ אַרוּם בַּיי אִיהְם אִין שְׁטוּבּ, מֶען גְלֶעט אִיהְם מֶען גֶעט אִיהְם צוּעֶסְן דִי בֶּעסְטֶע עֶסְן, אוּן עֶר טַאנְצְט אַרוּם

אִין שְׁטוּב, אוּן עֶר זֶעצְט זִיךְ אוֹיפְן בֶּעט פוּן זַיין בַּעַל הַבַּיִת וְכוּ', אוּן אִיךְ פֶערְד מוּז שְׁלֶעפְּן אַזַא שְׁוֶוערְן וָואגְן, ווִינְטֶער וֶוען ס'אִיז קַאלְט, זוּמֶער וֶוען ס'אִיז הֵייס, אוּן אִיךְ כַאפּ נָאךְ אַרַיין שְׁלֶעק פוּן זַיין קַאנְטְשִׁיק וְכוּ', אוּן צוּם סוֹף גֶעט מֶען מִיר עֶסְן שְׁטְרוֹי, אוּן אִיךְ דַארְף שְׁלָאפְן אִין שְׁטַאל וְכוּ', פְרֶעגְט עֶר זִיךְ, וָואס וֶועט זַיין אַז אִיךְ וֶועל נָאכְמַאכְן דֶעם הוּנְט? אוּן אוֹמֵר וְעוֹשֶׂה עֶר גֵייט אַרַיין אִין דִי דִירָה פוּן דֶעם גוֹי, אוּן טַאנְצְט אַרוּם אוּן ווִיל נָאר אַרוֹיפְטְרֶעטְן אוֹיפְן בַּעַל הַבַּיִת עֶר זָאל זִיךְ מִיט אִיהְם שְׁפִּילְן וְכוּ', אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער גוֹי מִיט זַיין גַאנְצֶע הוֹיז-גֶעזוּנְט הָאבְן גֶענוּמֶען שְׁטֶעקֶענֶעס אוּן מֶען הָאט אִיהְם אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁלָאגְן מַכּוֹת רֶצַח אוּן אַרוֹיסְגֶעוַוארְפְן פוּן דִי דִירָה, אוּן עֶר אִיז נָאךְ אַלְץ פַארְוואוּנְדֶערְט וָואס בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ פוּן דֶעם הוּנְט? אַזוֹי אִיז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ מְקַנֵא אַ צְוֵוייטְן, עֶר זֶעהְט זַיינֶע תְּנוּעוֹת מְשׁוּנוֹת פְּרוּבִּירְט עֶר אִיהְם נָאכְצוּמַאכְן וְכוּ', אוּן דֶערְוַוייל וֶוערְט עֶר אַ גֶעשְׁפָּאט אוּן אַ גֶעלֶעכְטֶער אִין יֶעדְן אֵיינֶעמ'ס אוֹיגְן וְכוּ', אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג דִינֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט זַיין נְקוּדָה, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם, אוּן אַוַודַאי נִישְׁט נָאכְמַאכְן יֶענֶעם, אַז נִישְׁט הָאט עֶר אַ פָּנִים ווִי דֶער פֶערְד וָואס ווִיל נָאכְמַאכְן דֶעם הוּנְט וְכוּ'.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ד) דָאס יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַ נְקוּדָה וָואס דֶער צְוֵוייטֶער הָאט נִישְׁט, אוּן אֵיינֶער קֶען נִישְׁט נָאכְמַאכְן יֶענֶעם, אוּן עֶר דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט זַיין נְקוּדָה, נִישְׁט נָאכְמַאכְן יֶענֶעם,

לֵיידֶער אִיז הַיינְט אַזַא מַצָב וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן נָאךְ אַ צְוֵוייטְן וְכוּ׳, און צוּם סוֹף הָאט מֶען גָארְנִישְׁט וְכוּ׳, יֶעדֶער אִיד דַארְף וויסְן אַז זַיינֶע תְּנוּעוֹת און זַיין דֶרֶךְ אִיז חָשׁוּב בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, נִישְׁט נָאכְמַאכְן יֶענֶעם, אַז מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג פוּן ״אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם״ הָאט מֶען גְרוֹיס הַצְלָחָה, מֶען דַארְף נִישְׁט נָאכְמַאכְן קֵיינֶעם נִישְׁט וְכוּ׳, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וויסְן אוֹיב זַיין קָאפּ לֵייגְט עֶר אַרַיין שְׁטֶענְדִיג בַּיי יֶענֶעמ׳ס קָאפּ, בְּלַייבְּט עֶר אָן אַ קָאפּ וְכוּ׳, און יֶענֶער בַּאקוּמְט צְוֵויי קֶעפּ וְכוּ׳, דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן נָאכְצוּמַאכְן אַלֶע תְּנוּעוֹת און פַּאקְסְן וָואס מֶען זֶעהְט בַּיי יֶענֶעם, און בִּפְרַט וֶוען יֶענֶער לַיידְט אוֹיף דִי נֶערְוְון וְכוּ׳, און מֶען מֵיינְט אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה זִיךְ צוּ וַוארְפְן מִיטְן אַקְסְל וְכוּ׳, מִיט דִי הֶענְט, מִיט דִי פִּיס וְכוּ׳, פַארְגְלָאצְן דִי אוֹיגְן וְכוּ׳, דָאס אִיז אַלֶעס אֵיין גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן פ״ו) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה מוּז עֶר טוּהְן שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע עֲבוֹדוֹת, און עֶר מֵיינְט אַז מִיט דֶעם וֶועט עֶר קֶענֶען כַּאפְּן מַלְאָכִים וְכוּ׳, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה קֶען עֶר דִינֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים נָארְמַאל אָן קַיין שׁוּם פַּאקְסְן, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר פָאלְגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי און גֵייט מִיט זַיין וֶועג, וֶועט אִיהְם שְׁטֶענְדִיג גוּט זַיין.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן תָּמִיד**

# תקנא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ב׳ לְסֵדֶר כִּי תֵצֵא ט׳ אֱלוּל ה׳תשע״ב

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ גֶענוּמֶען זָאגְן יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן, דָאס וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְהֶעלְפְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיין פִּינְסְטֶערְנִישׁ, עֶס אִיז בַּיי מִיר אַ גְרוֹיסֶער שִׂמְחָה אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין דוּרְכְגֶעזָאגְט דֶעם צְוָואנְצִיגְסְטְן מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, יֶעצְט זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן אוֹיכֶעט זָאגְן אַסַאךְ דַפִּין גְמָרָא כְּסִדְרָן, אָנְהֵייבְּן בְּרָכוֹת אוּן אַזוֹי גֵיין פוּן מַסֶכְתָּא צוּ מַסֶכְתָּא, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שַׁ״ס, מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן דֶעם גְרוֹיסְן גָאוֹן רֶבִּי יוֹסֵף עֶנְגִיל זַצַ״ל דָאס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, אֵיידֶער אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען בְּעִיּוּן שַׁ״ס, הָאבּ אִיךְ דוּרְכְגֶעזָאגְט שְׁנֶעל פֶערְצִיג מָאל שַׁ״ס אָן רַשִׁ״י אוּן אָן תוֹסְפוֹת, אוּן אִיךְ הָאבּ אַלֵיין גֶעזָאגְט פְּשַׁט אִין דִי גְמָרָא, אוּן הֶערְשְׁט נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען גְמָרָא רַשִׁ״י מִיט תוֹסְפוֹת בְּעִיּוּן, אוּן מְחַדֵשׁ גֶעוֶוען חִידוּשִׁים; אַזוֹי אוֹיכֶעט דֶערְצֵיילְט מֶען נָאךְ פוּן דֶעם גְרוֹיסְן גָאוֹן דֶער מַהַרְשַׁ״ם (רֶבִּי שָׁלוֹם מָרְדְכַי מִבֶּערְזָ׳אן זַצַ״ל) דָאס עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט דָאס אֵיידֶער עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען נֶעמֶען סְמִיכָה פוּן דֶעם וֶועלְטְ׳ס גָאוֹן רֶבִּי שְׁלֹמֹה קְלוּגֶער זַצַ״ל הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעחַזֶרְט צְוֵויי הוּנְדֶערְט מָאל ד׳ חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ נָאר מְחַבֵּר רְמָ״א, אוּן דֶער גָאוֹן רֶבִּי שְׁלֹמֹה

קְלוּגֶער זַצַ"ל הָאט אִיהם אָנְגֶעזָאגְט עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן ד' חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ מְחַבֵּר רְמָ"א, כְּדֵי עֶר זָאל גֶעדֶענְקְן יֶעדְן סִימָן פוּן וָואס עֶס רֶעדְט זִיךְ, אוּן נָאכְדֶעם אַז מֶען לֶערְנְט טוּר בֵּית יוֹסֵף אוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ מִיט דִי מָגִינִים וְכוּ' וֶועט דָאס גְרִינְגֶער זַיין צוּ גֶעדֶענְקְן, אוּן דָאס אִיז דֶער 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד' פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס עֶר הָאט אוּנְז אָנְגֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ע"ו) אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען, זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי אַלֶע וָואס זֵיי שְׁפֶּעטְן אוּן לַאכְן פוּן דֶעם וְכוּ', וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה נ"ט סִימָן ב') אוֹיפְן פָּסוּק (מִשְׁלֵי ל"א) "עוֹז וְהָדָר לְבוּשָׁהּ וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן" עוֹז וְהָדָר לְבוּשָׁהּ שֶׁל תּוֹרָה, וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן, אֵימָתַי הִיא שׂוֹחֶקֶת מַתַּן שְׂכָרָהּ לֶעָתִיד לָבֹא; אוּן אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שְׁמוֹת רַבָּה פַּרְשָׁה נ"ב סִימָן ג') אֵימָתַי הַתּוֹרָה מְשַׂחֶקֶת לְמִי שֶׁהוּא עָמֵל בָּהּ לְיוֹם אַחֲרוֹן, הֲוֵי 'וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן'; וָוארוּם דֶעמָאלְט דֶעם לֶעצְטְן טָאג וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף אִיבֶּערְלָאזְן דֶעם וֶועלְט וְכוּ', אוּן גֶעזֶעגְנְט זִיךְ פוּן דִי וֶועלְט וְכוּ', דֶעמָאלְט קוּמְט אִיהם צוּנִיץ דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט בְּמֶשֶׁךְ זַיין גַאנְץ לֶעבְן, אוּן מֶען זֶעהְט וֶוער סְ'לַאכְט פוּן וֶועמֶען, אַז וואוּיל אִיז דֶעם בָּחוּר וָואס עֶר הָאט שֵׂכֶל אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן, אוּן עֶר נִיצְט עֶס אוֹיס ווִי סְ'דַארְף צוּ זַיין, וֶועט אִיהם שְׁטֶענְדִיג גוּט זַיין, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה סִימָן ע"ג) הָעֲבוֹדוֹת שֶׁאָדָם עוֹבֵד אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּבַחֲרוּתוֹ, כָּל יוֹם עֶרְכּוֹ יָקָר מִשָּׁנִים רַבּוֹת שֶׁל עֲבוֹדָה לְעֵת זִקְנָתוֹ; זֵיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן,

און נוּטְץ אוּים דִי צַייט וְכוּ׳, און בַּאלְד וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ חָתָן און חֲתוּנָה הָאבְּן און אוּיפְשְׁטֶעלְן אַ אִידִישְׁן שְׁטוּבּ.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן תָּמִיד**

# תקנב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַן ט״ו אֱלוּל ה׳תשע״ב

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**גֶעלוֹיבְּט** דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס מִיר קוּמֶען שׁוֹין אַרַיין אִין דֶעם לֶעצְטְן וָואךְ פוּן דֶעם יָאר, און מֶען גְרֵייט זִיךְ צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן ת״ג) הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלָה עַל הַכֹּל, מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלְסְדִינְג, און עֶס אִיז מִיר אַ וואוּנְדֶער דָאס דִי אַלֶע מַיינֶע מְקוּרָבִים וָואס זֵיי גְלֵייבְּן אִין מִיר, פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט זַיין אוּיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי מִיר, וָוארוּם מַיין גַאנְצֶער עִנְיָן אִיז נָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, און עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל מַאכְן אַ כְּרוּז דָאס וֶוער סְ׳גְלֵייבְּט אִין אִיהְם זָאל קוּמֶען אוּיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ אִיהְם, און וֶוער סְ׳הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיי אִיהְם אוּיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מֶעג זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר.

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן, סְ׳אִיז נִישְׁט גְרִינְג פַּאר קֵיינֶעם נִישְׁט, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זַיינֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן, דֶער פוּן גֶעלְט וְכוּ׳, דֶער פוּן זַיין וַוייבּ וְכוּ׳, און דֶער פוּן זַיין מִשְׁפָּחָה וְכוּ׳,

פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דַארְף מֶען טוּהְן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט צוּ קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן זִיךְ דָארְטְן אוֹיסְבֶּעטְן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, וָוארוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען דַן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר וְכוּ' וְכוּ', אוּן לֵיידֶער הָאבְּן מִיר גֶעהֶערְט דֶעם יָאר אַזוֹיפִיל אוּמְגְלִיקְן וְכוּ', מוּז מֶען פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער ס'וֶועט קוּמֶען צוּ אִיהְם אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט עֶר אִיהְם בְּוַודַּאי אַ טוֹבָה טוּהְן, וֶועגְן דִי הַבְטָחָה אַלֵיין אִיז כְּדַאי צוּ נֶעמֶען דֶעם פֶּעקְל אוּן פָארְן, כָאטְשֶׁע עֶס קוּמְט אָן אַזוֹי שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער וְכוּ' וְכוּ', יֶעדֶער וָואס עֶר פָארְט הָאט זַיינֶע מְנִיעוֹת אוּן שְׁטְרוֹיכְלִינְגֶען וְכוּ' וְכוּ', נָאר עֶר פָארְט וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹי גֶעבֶּעטְן.

זֶעה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, כָאטְשׁ עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע צַייטְן, גֶעדֶענְקְ'זְשֶׁע גוּט דָאס סוֹף כָּל סוֹף נָאכְן פוּנְסְטֶער וֶועט זַיין לֶעכְטִיג וְכוּ', נָאכְן שְׁלֶעכְטְס וֶועט זַיין גוּט וְכוּ', אַז וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דָאס פִינְסְטֶערְנִישׁ פַאר לֶעכְטִיג אוּן דָאס שְׁלֶעכְטְס פַאר גוּטְ'ס, ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (הַקְדָּמָה ד.) מַאן מִנְכוֹן דִי חֲשׁוֹכָא מְהַפְּכָן לִנְהוֹרָא, וְטָעֲמִין מְרִירָא לְמִתְקָא, עַד לֹא יֵיתוּן הָכָא. מַאן מִנְכוֹן דִמְחַכָּאן בְּכָל יוֹמָא לִנְהוֹרָא דְנָהִיר וְכוּ' מַאן דְלָא מְצַפֶּה דָא בְּכָל יוֹמָא בְּהַהוּא עָלְמָא, לֵית לֵיה חוּלָקָא הָכָא; [וֶוער פוּן אֵייךְ קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דֶעם פוּנְסְטֶער פַאר לֶעכְט, דָאס בִּיטֶערְנִישְׁט פַאר זִיסְקֵייט אוֹיף דֶעם וֶועלְט וְכוּ', וֶוער פוּן אֵייךְ וַוארְט יֶעדְן טָאג צוּם בַּאהַאלְטֶענֶעם לֶעכְט פוּן בּוֹרֵא כָּל

עוֹלָמִים וָואס עֶס וֶועט נִתְגַלֶה וֶוערְן אוֹיף דֶער וֶועלְט בִּשְׁעַת דִי גְאוּלָה וְכוּ', וֶוער עֶס קֶען דָאס נִישְׁט בַּאוַוייזְן הָאט נִישְׁט קַיין חֵלֶק אִין עוֹלָם הַבָּא].

**זֶעהְט** מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ דָאס אֲפִילוּ עֶס גֵייט אוֹיף אִיהְם דוּרְךְ פוּנְסְטֶערְנִישׁ אוּן בִּיטֶערְנִישׁ וְכוּ' וְכוּ', אוּן פוּנֶדעסְטְוֶועגְן דְרֵייט עֶר דָאס אִיבֶּער צוּ לֶעבְּטִיגְקֵייט אוּן צוּ זִיסְקֵייט, דֶער אִיז זוֹכֶה אַז סְ'לַייכְט אוֹיף אִיהְם דֶער בַּאהַאלְטֶענֶער לֶעכְט. דֶער אוֹר הַגָנוּז וָואס עֶס וֶועט נִתְגַלֶה וֶוערְן וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען.

**שְׁטַארְק** זִיךְ וֶועסְטוּ זֶעהְן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ אוֹיסְפִּירְן לְטוֹבָה, אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, פַּרְנָסָה מִיט שֶׁפַע, אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם חוֹבוֹת, נָאר פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט וֶועט דִיךְ שְׁטֶענְדִיג גוּט זַיין.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

## תקנג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַן ט"ו אֱלוּל ה'תשע"ב

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק דָאס דוּ וֶועסְט זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט

אַז מֶען זָאל זַיין בַּיי אִיהְם אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ת"ג) הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלָה עַל הַכֹּל, מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלְסְדִינְג, אוּן עֶס אִיז מִיר אַ ווּאוּנְדֶער דָאס דִי אַלֶע מַיינֶע מְקוֹרָבִים וָואס זֵיי גְלֵייבְּן אִין מִיר, פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט זַיין אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי מִיר, וָוארוּם מַיין גַאנְצֶער עִנְיָן אִיז נָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל מַאכְן אַ כְּרוּז דָאס וֶוער סְ'גְלֵייבְּט אִין אִיהְם זָאל קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ אִיהְם, אוּן וֶוער סְ'הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ זַיין בַּיי אִיהְם אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מֶעג זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר. דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מַחְלוֹקֶת וְכוּ', זַיי מְכַבֵּד טַאטֶע מַאמֶע, שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער, וְעַל כּוּלָם דָאס וַוייבּ, אַז דוּ וֶועסְט אַרַיינְקוּקְן אִין אַלֶע חֲסִידִישֶׁע סְפָרִים וֶועסְטוּ נִישְׁט טְרֶעפְן אַזַא לָשׁוֹן ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ד) אַז אַ מֶענְטְשׁ מוּז מְכַבֵּד זַיין אוּן טַייעֶר הַאלְטְן זַיין וַוייבּ. אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, "בַּאטְרַאכְט זִיךְ ווִיפִיל צַעַר אוּן גְרוֹיסֶע יִסוּרִים לַיידְן דִי פְרוֹיעֶן: צַעַר הָעִיבּוּר, וְהַלֵידָה, וְהַגִידוּל, וְכוּ', וְכוּ', אוּן עֶס קוּמְט זֵיי זֵייעֶר שְׁוֶוער אָן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אוֹיף זֵיי רַחֲמָנוּת הָאבְּן, אוּן זֵיי אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט וָואס מֶען קֶען". אוּן וִויסְן דַארְפְסְטוּ ווִיסְן, בַּיי אוּנְז אִיז אַ דִיבּוּר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים. אִיבֶּער דֶעם זָאלְסְטוּ זֵייעֶר הִיטְן אוּן מְקַיֵּים זַיין דֶעם דִיבּוּר פוּן רֶבִּי'ן, זָאלְסְט הַאלְטְן חָשׁוּב דַיין וַוייבּ, אוּן זָאלְסְט זִיךְ מִיט אִיר נִישְׁט אַרוּם טַעֲנָה'ן. וָוארוּם וָואס וִויל זִי פוּן דִיר?

זָאלְסְט אִיר הֶעלְפְן מִיט דִי קִינְדֶער. אִיז וָואס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער? בַּאטְרַאכְט זִיךְ, סוֹף כָּל סוֹף אִיז דָאס אוֹיךְ דַיינֶע קִינְדֶער - לֵייג צוּ אַ הַאנְט אוּן הֶעלְף אִיר. אוּן דִי חֲזַ"ל זָאגְן בְּפֵירוּשׁ (חוּלִין פד:), לְעוֹלָם יֹאכַל אָדָם וְיִשְׁתֶּה פָּחוֹת מִמַּה שֶׁיֵּשׁ לוֹ, וְיִלְבַּשׁ וְיִתְכַּסֶּה בְּמַה שֶׁיֵּשׁ לוֹ, וִיכַבֵּד אִשְׁתּוֹ וּבָנָיו יוֹתֵר מִמַּה שֶׁיֵּשׁ לוֹ, שֶׁהֵן תְּלוּיִין בּוֹ וְהוּא תָּלוּי בְּמִי שֶׁאָמַר וְהָיָה הָעוֹלָם.

**אֱמֶת** עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס רָצוֹן, אוּן קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אוּן טָאר נִישְׁט רֶעדְן אַקֶעגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, (סֵיידִין עֶר אִיז פָּגוּם וְכוּ', ווִי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים נ"ה כ"א) "שָׁלַח יָדָיו בִּשְׁלֹמָיו חִילֵּל בְּרִיתוֹ"), אָבֶער אֵיינֶער וָואס אִיז בֶּאֱמֶת מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דַארְף מַקְפִּיד זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף כִּיבּוּד אָב וָאֵם, וָואס אִיז חֲמוּרָה שֶׁבַּחֲמוּרוֹת, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (פְּסִיקְתָּא רַבָּתִי) חֲמוּרָה שֶׁבַּחֲמוּרוֹת כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ; אוּן אוֹיךְ שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער אִיז בִּכְלַל דֶעם מִצְוָה, אוּן אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי דָאס ווַייבּ, וָואס מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִיר כָּבוֹד, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֵייעֶר נִיצְן שֵׂכֶל, אוּן נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין ווִיכּוּחִים, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט קְרִיגְן זִיךְ, וָואס דָאס אִיז זִיכֶער אַ גְרוֹיסֶער זִינְד, לֵיידֶער הָאט מֶען אַיינְגֶערֶעדְט יֶעדְן אֵיינֶעם וֶוער וֵוייסְט וָואס סְ'טוּט זִיךְ אָפּ אִין אוּמַאן וְכוּ', קֵיינֶעם פַּאלְט נִישְׁט אַיין בִּיז עֶר הָאט אַלֵיין נִישְׁט צוּגֶעזֶעהְן ווִי טוֹיזֶענְטֶער אוּן טוֹיזֶענְטֶער אִידְן (כֵּן יִרְבּוּ) גִיסְן זִיךְ אוֹיס

דָאס הַארְץ בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה טַייכְן טְרֶערְן אָן אַ גוּזְמָא וֶוערְט דָארְטְן פַּארְגָאסְן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דָארְטְן קֶען זִיךְ דָאס נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן, עֶס אִיז מַמָּשׁ נִישְׁטָא קַיין פְּלַאץ אִין דֶער וֶועלְט וואו עֶס עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף דָאס הַארְץ פַּאר יֶעדְן אִיד, אוּן עֶס פְלִיסְן פוּן אִיהְם טְרֶערְן אָן אַ שִׁיעוּר, אוּן זַיין גַאנְצֶע בַּקָשָׁה אִיז נָאר אֵיין זַאךְ, עֶר זָאל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן עֶר זָאל אוֹיפְצִיעֶן זַיינֶע קִינְדֶער בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַיִרְאָה, אוּן עֶר זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס וְכוּ' וְכוּ', אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ יֶעדֶער אֵיינֶער בֶּעהְט אוֹיף גֶעזוּנְט אוּן פַּרְנָסָה אוּן נַחַת וְכוּ', דָאס אִיז אַ בִּילְד וָואס מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין אֵיינֶעם וָואס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דָארְטְן,

**אַוַודַאי** אוּן אַוַודַאי זֶעהְט מֶען דָארְטְן אָן אַ שִׁיעוּר נִישְׁט גֶעוואוּנְטְשֶׁעֶנֶע פַּארְשׁוֹינֶען וְכוּ'. אִיז דַארְף מֶען צוּ וִויסְן דִי צְוַויי דְרֵיי כְּלָלִים.

**א:** קֵיינֶער הָאט נִישְׁט מִיט זֵיי צוּטוּהְן אוּן קֵיינֶער קוּקְט זֵיי אֲפִילוּ נִישְׁט אָן, וַוייל מֶען אִיז גֶעקוּמֶען נָאר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, נִישְׁט פַאר אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן.

**ב:** מֶען דַארְף וִויסְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַ נְשָׁמָה כְּלָלִיוּת, אוּן קֶען פַארְרֶעכְטְן אַלֶע נְשָׁמוֹת, אוּן דִי אַלֶע וָואס זֵיי קוּמֶען צוּ אִיהְם וְכוּ', אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען ווִי זֵיי זֶענֶען וְכוּ', קוּמֶען זֵיי דָארְטְן נָאךְ אַ תִּיקוּן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ת"ו) אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר

פַארְרֶעכְטְן אַזֶעלְכֶע נְשָׁמוֹת וָואס אֲפִילוּ אַגַאנְץ יָאר קֶען עֶר זַיי נִישְׁט פַארְרֶעכְטְן, אָבֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶענֶען זַיי אוֹיכֶעט הָאבְּן אַ תִּיקוּן. (קֶען מֶען זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן וָואסֶערֶע נְשָׁמוֹת דָאס אִיז, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי קֶען זַיי נִישְׁט מְתַקֵן זַיין אַגַאנְץ יָאר, נָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה.) אִיבֶּערְדֶעם וָואס הָאט דָאס מִיט מִיר אַז נָאךְ פַארְפַאלֶענֶע נְשָׁמוֹת קוּמֶען נָאךְ אַ תִּיקוּן, אַדְרַבָּה הַלְוַואי זָאלְן אַלֶע קוּמֶען נָאךְ אַ תִּיקוּן, וָואס דֶער מְצִיאוּת וַוייזְט דָאס דִי מֶענְטְשְׁן וֶוערְן נָאכְדֶעם גְרוֹיסֶע בַּעֲלֵי תְּשׁוּבוֹת, אוּן אַ סִימָן אַז זַיי מֵיינֶען עֶרְנְסְט וְכוּ', וַוייל מֶען זֶעהְט ווִי דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע עֵרֶב רַב אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מַאכְן פְּרָאפֶּעגַאנְדֶע אַקֶעגְן פָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, זַיי שְׁרֵייעֶן אוּן שְׁרַייבְּן אִין זֵייעֶרֶע טָמֵא'נֶע אוֹיסְגֶעלַאסֶענְטֶע צַייטוּנְגֶען, "ווִי מֶעג מֶען אִיבֶּערְלָאזְן דָאס הֵיילִיג לַאנְד אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וּבִפְרַט רֹאשׁ הַשָּׁנָה", (פַארְשָׁאלְטֶענֶע רְשָׁעִים וָואס זַיי גְרָאבְּן אוֹיס קְבָרִים, וַוארְפְן אַרוֹיס דִי עֲצָמוֹת אִין מִיסְט רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, זֶענֶען מְטַמֵא בָּחוּרִים מִיט מֵיידְלֶעךְ וְכוּ', זַיי זֶענֶען עוֹקֵר דִי אֱמוּנָה פוּן מִילְיָאנֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַ מַאסְן שְׁמַד וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען פוּן זִינְט דָאס אִידִישֶׁע פָאלְק אִיז גֶעוָוארְן אַ פָאלְק, אוּן דַוְוקָא זַיי נֶעמֶען זִיךְ אָן פַאר קְדוּשַׁת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל... אִיז דָאס נִישְׁט קַיין גֶעלֶעכְטֶער?... אוּן דָאס אִיז אַ סִימָן אַז עֶס אִיז אַ גוּטֶער זַאךְ, וָוארוּם עֶס בַּארִירְט זַיי, זַיי צִיטֶערְן פוּן בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה וְכוּ' וְכוּ').

ג: וֶוען אֵיינֶער דַארְף גֵיין זִיךְ הֵיילְן אִין אַ שְׁפִּיטָאל לֵיידֶער עֶר הָאט צוּטוּהְן מִיטְן הַארְץ וְכוּ', אוּן עֶר קוּמְט אַרַיין

אִין שְׁפִּיטָאל זֶעהט עֶר אֵיינֶער גֵייט בַּאנְדַאזְשִׁירְט דִי אוֹיג וְכוּ׳, אֵיינֶער גֵייט מִיט צְוֵויי קְרָאטְשֶׁעס וָוארוּם עֶר הָאט אַ גִיפְּס (קֶעסְט) אוֹיף זַיין פִּיס וְכוּ׳, אֵיינֶער אִיז בַּאנְדֶעזְשִׁירְט זַיין גַאנְצֶער קָאפּ וְכוּ׳, אוּן אֵיינֶער לַייְדט אוֹיף דֶעם אֵבֶר, אוּן יֶענֶער אוֹיפְן אַנְדֶערְן אֵבֶר, וְכוּ׳, וְכוּ׳, וֶועט אִיהְם דֶען אַיינְפַאלְן צוּ טְרַאכְטְן ׳וָואס הָאבּ אִיךְ דָא אַרַיינְצוּגֵיין אִין שְׁפִּיטָאל׳? ׳אִיךְ דַארְף דָאךְ הֵיילְן מַיין הַארְץ וָואס זֶעה אִיךְ אַזוֹיפִיל פַארְשִׁידֶענֶע קְרַאנְקֶע׳? נָאר אַ קְלוּגֶער וֵוייסְט אַז דָא הֵיילְט מֶען אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם׳ס מַחֲלָה בַּאזוּנְדֶער, אִיבֶּערְדֶעם גֵייט עֶר אַרַיין אִין קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אַן אַנְדֶערְן, עֶר וֵוייסְט אַז עֶר דַארְף זִיךְ הֵיילְן דָאס הַארְץ, פּוּנְקְט אַזוֹי אִיז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן, עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִיהְם אוּן עֶר וֶועט גֶעבְן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיינֶעט וֶועגְן, אוּן עֶר וֶועט זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלִיךְ תְּהִלִים וָואס עֶס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן ״תִּיקוּן הַכְּלָלִי״, וֶועט עֶר אִיהְם בַּיי דִי פֵּיאוֹת אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן גֵיהִנוֹם, אִיז דֶער וָואס עֶר גְלֵייבְּט אִין דֶעם קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קַיין שׁוּם מְנִיעוֹת שֶׁבָּעוֹלָם, אוּן קֵיינֶער קֶען אִיהְם נִישְׁט אָפְּהַאלְטְן, עֶר פָּארְט, אוּן עֶר אִיז מְקַיֵים דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער, אוּן אַזוֹי וִוי אִיךְ דַארְף הָאבְּן אַ תִּיקוּן אִיז מִן הַסְתָּם דָא נָאךְ הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזֶענְטֶער מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי דַארְפְן הָאבְן תִּיקוּנִים, אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ קוּקְן אוֹיף אַן אַנְדֶערְן.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין דָאס אַלֶעס, אֵיינֶער וָואס עֶר אִיז מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳ן דַארְף זַיין אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל

דֶרֶךְ אֶרֶץ, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט "וֶוען קֵיסָרִים אוּן מְלָכִים וָואלְטְן גֶעוְוּיסְט ווי אִיךְ לֶערְן מִיט מַיינֶע מֶענְטְשְׁן דֶרֶךְ אֶרֶץ וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט דִי קִינְדֶער צוּ מִיר לֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ".

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אִין כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אוּן כִּיבּוּד חָמִיו וַחֲמוֹתוֹ, אוּן אַוַודַאי מְכַבֵּד זַיין דָאס וַוייבּ, אָבֶּער רֹאשׁ הַשָּׁנָה מוּז מֶען זַיין אִין אוּמַאן, אִיךְ הָאף אַז סוֹף כָּל סוֹף וֶועלְן דָאס טַאטֶע מַאמֶע שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער אוּן דָאס וַוייבּ פַארְשְׁטֵיין אַז אַדְּרַבָּה מִיט מַיין פָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן וֶועלְן זֵיי הָאבְּן אַ בֶּעסֶערְן זוּהְן אוּן אֵיידֶעם וָואס וֶועט זֵיי שְׁטַארְק מְכַבֵּד זַיין, אוּן אַ נָאכְבֶּעסֶערְן מַאן וָואס וֶועט דַאֲגָה'ן פַאר זַיין וַוייבּ אַז עֶס זָאל אִיר גָארְנִישְׁט פֶעלְן, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ פֶּרֶק אִין שָׁלוֹם בַּיִת.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל הֶעלְפְן דָאס מִיר זָאלְן אַלֶע הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אוּן מִיר זָאלְן שׁוֹין פּוֹעֵלְ'ן פַאר דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה, אַז מֶען זָאל אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן בִּכְלָלִיוּת פוּן דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם, אוּן בִּפְרָטִיוּת פוּן דִי רִשְׁעֵי עֵרֶב רַב, אוּן בִּפְרָטֵי פְּרָטִיוּת פוּן דֶעם אֵייגֶענֶעם יֵצֶר הָרַע. שְׁטַארְק זִיךְ, אוּן פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

# תקנד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַן ט״ו אֱלוּל ה׳תשע״ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעהְט דִיר זֵייעֶר, לָאז זִיךְ נִישְׁט נַארְן, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן נ״א) דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר נִישְׁט זִיךְ לָאזְן נַארְן, וָוארוּם דִי וֶועלְט נַארְט זֵייעֶר שְׁטַארְק.

אַזוֹי ווִי דוּ הָאסְט אַ שְׁוֶועֶרְן הַבָנָה וְכוּ׳, (ווִי דוּ שְׁרַייבְּסְט ׳אַ שְׁוֶועֶרְן קָאפּ׳) הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן ע״ו) נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן הֵייבּ אָן צוּ זָאגְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק כְּסִדְרָן, אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל, אוּן אַזוֹי אֵיינְמָאל נָאכְן אַנְדֶערְן, וָוארוּם מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, דָאס אִיז מְטַהֵר דֶעם נֶפֶשׁ וְכוּ׳, אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (מִדְרָשׁ תַּלְפִּיּוֹת) דָאס אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט עַל פִּתְחוֹ שֶׁל גֵיהִנּוֹם אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת לָאזְט עֶר אִים נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין גֵיהִנּוֹם, עֶר זָאגְט זַיי ׳דֶער מֶענְטְשׁ בַּאלַאנְגְט צוּ מִיר׳, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ״א זַ״ל בְּרֶענְגְט (פְּנֵי דָוִד וַיְחִי) אַז דָאס אִיז מְרוּמָז אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מט) ״מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ״ שְׁמֵנָ״ה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת מִשְׁנָ״ה, אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב אִיז מְמוּנֶה אוֹיף דֶער וָואס עֶר לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת.

**אִיבֶּערְדֶעם** אויב דו ווילְסְט זִיךְ אַרויסְרַייסְן פון די טוּמְאָה וָואס דו בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶעם, זָאלְסְטוּ זֶען צוּ זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן דַיְיקָא, אוּן זָאלְסְט עֶנְדִיגְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, אַ מַסֶכְתָּא נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דַאן זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן, לֶערְנֶען אַסַאךְ אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם די חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מב.) בְּמִי אַתָּה מוֹצֵא מִלְחַמְתָּהּ שֶׁל תּוֹרָה? בְּמִי שֶׁיֵּשׁ בְּיָדוֹ חֲבִילוֹת שֶׁל מִשְׁנָה; דֶער וָואס לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת דֶער אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּגֵיין טִיף טִיף אִין די תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה; ווִידֶערָאוּם זָאגְן די חֲזַ"ל (בָּבָא מְצִיעָא לג.) וּלְעוֹלָם הֱוֵי רָץ לְמִשְׁנָה יוֹתֵר מִן גְמָרָא; זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג לוֹיפְן צוּ די מִשְׁנַיוֹת מֶער ווִי צוּ די גְמָרָא; וָוארוּם אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, עֶפְנְט זִיךְ אִים דֶער קָאפּ עֶר זָאל קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין נָאכְדֶעם די גְמָרָא, אוּן אוֹיסֶערְדֶעם דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת אִיז מֶען מְקָרֵב די גְאוּלָה, ווִי די חֲזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה ז' סִימָן ג') אֵין כָּל הַגָלִיּוֹת הַלָלוּ מִתְכַּנְסוֹת אֶלָא בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת; אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אֲפִילוּ דֶעם זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אִיז מְטַהֵר אֶת הַנֶפֶשׁ.

**אִיךְ** הָאבּ אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**אֵיינְמָאל** דוּ וֶועסְט זַיין צוּגֶעוואוֹינְט צוּ זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת וֶועט דָאס דִיךְ גֶעבְּן אַ חֵשֶׁק נָאכְדֶעם אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען אַ סֵדֶר כְּסִדְרָן אִין שַ"ס, אוּן אִין ד' חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ,

וָוארוּם אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן בַּאקוּמְט מֶען אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען אַלֶע חֶלְקֵי הַתּוֹרָה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

## תקנה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַן י"ח אֱלוּל ה'תשע"ב

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה ווִי דִי הָאסְט מִיר מְחַיֶה גֶעוֶוען מִיט דִי בְּשׂוֹרָה טוֹבָה דָאס דוּ הָאסְט שׁוֹין אָפְּגֶעדְרִיקְט אִיבֶּער הוּנְדֶערְט טוֹיזֶענְט סְפָרִים גְרוֹיסֶע אוּן קְלֵיינֶע וְכוּ', וָואס מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין דֶעם גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם עִנְיָן, וָוארוּם זְכוּת הָרַבִּים אִיז עוֹלֶה עַל כָּל הַזְכוּיוֹת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה סִימָן נ"ה) אֵין עֵרֶךְ לְמִצְוָה שֶׁעוֹשֶׂה אָדָם לְעַצְמוֹ לְבַד אֲפִילוּ שֶׁתִּהְיֶה רַבָּה, לְמִצְוָה שֶׁתִּמָּשֵׁךְ מִמֶּנָה זְכוּת לָרַבִּים אֲפִילוּ שֶׁתִּהְיֶה קְטַנָה; אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג אִינְזִינֶען הָאבְּן אַ צְוֵוייטְן, וָואס דָאס אִיז דִי שְׁלֵימוּת פוּן דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה, הֵן בְּגַשְׁמִיוּת, מֶען דַארְף אִינְזִינֶען הָאבְּן אַז דֶער צְוֵוייטֶער זָאל אוֹיכֶעט הָאבְּן צוּעֶסְן, אוּן הֵן בְּרוּחָנִיוּת מֶען דַארְף אִינְזִינֶען הָאבְּן מְחַיֶה זַיין יֶעדְן צוּבְּרָאכֶענֶעם נְשָׁמָה, אִיר צוּ שְׁטַארְקְן אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אוּן דָאס זֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן יֶעדֶע גֶעפַאלֶענֶע אוּן צוּבְּרָאכֶענֶע נְשָׁמָה,

און גֶעבּט אַריין אין זיי אַ הָאפְפֶענוּנְג ווייטער אָנְצוּגֵיין מִיטְן לֶעבְּן, נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין זִיךְ, און נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, נָאר מַמְשִׁיךְ זַיין טוּהְן דֶעם רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אוֹיף** דֶעם עוֹלָם אִיז דָא אַזוֹיפִיל שְׁוֶוערֶע און בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, הֵן אִין קְדוּשָׁה וְטַהֲרָה וָואס דִי גוֹיִים דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם כִּמְעַט אִינְגַאנְצְן נַאקֶעט וְכוּ', הֵן אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס דִי מִינִים און אֶפִּיקוֹרְסִים דִי עֵרֶב רַב הָאבְּן אָנְגֶעפִילְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט מִינוּת און אַפִּיקוֹרְסוּת, און זֵיי ווילְן מַאכְן פַארְגֶעסְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים (הָיוֹ לֹא תִהְיֶה), אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ הִתְחַזְקוּת, וָוארוּם אוֹיף דִי צְוֵויי זַאכְן פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם מֶער ווי אַלֶעס, הַיְינוּ אוֹיף קְדוּשָׁה וְטַהֲרָה, און אוֹיף אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, ווי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת י"ב:) "אַחֲרֵי לְבַבְכֶם" זוּ מִינוּת וְכוּ' "אַחֲרֵי עֵינֵיכֶם" זֶה הִרְהוּר עֲבֵירָה; און נָאר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אִיז דֶער גְעוֶוער אַקֶעגְן דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם וָואס בְּרֶענְגְט אַריין אִין אַ מֶענְטְשׁ מִינוּת און אַפִּיקוֹרְסוּת, און שְׁמוּץ מִיט תּוֹעֵבוֹת רָעוֹת.

**אִיבֶּערְדֶעם** וואוּיל אִיז דִיר וָואס דוּ בִּיסְט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דֶער זְכוּת זָאל דִיר בֵּיישְׁטֵיין זָאלְסְט אָפְּגֶעהִיט וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, זָאלְסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, און אַ אֱמֶתְ'ן שָׁלוֹם בַּיִת, און נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער.

**און** אוֹיךְ דֶער וָואס וֶועט דִיךְ הֶעלְפְן מִיט גֶעלְט מִיט רָצוֹן און מִיט טִירְחָה דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים,

וֶועט אויךְ גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערְן מִיט פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, מִיט אַ אֶמֶתְ'ן שָׁלוֹם בַּיִת, און מִיט נַחַת פוּן זַיינֶע קִינְדֶער. מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס זְכוּת הָרַבִּים אִיז וְכוּ', עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אַזוֹיפִיל צוּבְּרָאכֶענֶע און גֶעפַאלֶענֶע נְשָׁמוֹת וְכוּ', און קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט זֵיי נִישְׁט וְכוּ', קֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין שְׁפְּרַאךְ צוּ זֵיי וְכוּ', נָאר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים. אִיבֶּערְדֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכוֹת הַשָּׁחַר הֲלָכָה ה') אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע צְדָקָה ווִי צוּ גֶעבְּן פַאר דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, און דִי צְדָקָה בְּלַייבְּט אוֹיף שְׁטֶענְדִיג, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קי"ט) "צִדְקָתְךָ צֶדֶק לְעוֹלָם וְתוֹרָתְךָ אֱמֶת" וָואסֶערֶע צְדָקָה בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג? אַז מֶען גֶעבְּט צוּשְׁטֵייעֶר דְרִיקְן דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס דָאס אִיז תּוֹרַת אֱמֶת. שְׁטַארְק זִיךְ וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

## תקנו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם א' לְסֵדֶר הַאֲזִינוּ ז' תִּשְׁרֵי ה'תשע"ג

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

זֶעה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן און פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ אַוַודַאי הֶעלְפְן, אִין זְכוּת

וָואס דו בִּיסְט גֶעוֶוען אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט דִיר אַרוֹיסְקוּמֶען נָאר גְרוֹיסֶע טוֹבוֹת פוּן דֶעם, אֱמֶת אַז יֶעצְט הָאסְטוּ אַסַאךְ צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ אִין שְׁטוּב וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער זָאלְסְט וויסְן אַז דָאס אִיז אֵיינְס פוּן דִי תִּיקוּנִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיפְן צִיּוּן בַּאקוּמְט זַיין תִּיקוּן אוֹיף אַן אַנְדֶערְן וֶועג וְכוּ', דֶער מִיט זַיין וַוייבּ וְכוּ', דֶער פוּן גֶעלְט וְכוּ', יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס גֵייט אוֹיף אִיהְם דוּרְךְ וְכוּ', דַארְף עֶר וויסְן אַז דָאס אִיז אַ חֵלֶק פוּן תִּיקוּן, אוּן בְּוַודַּאי אוֹיבּ עֶר וֶועט מְקַבֵּל זַיין אַלְסְדִינְג בְּאַהֲבָה אוּן אָפְּשְׁוַויגְן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וְכוּ', מִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין קַיין מַחְלוֹקֶת וְכוּ', דֶער וֶועט הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה אַ גַאנְץ יָאר.

**אִיבֶּערְדֶעם** גֶעבּ אִיךְ דִיר אַן עֵצָה, שְׁוַויג, אוּן עֶנְטְפֶער נִישְׁט וְכוּ', וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז סְ'וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט "יֵשׁ עִנְיָן שֶׁנִּתְהַפֵּךְ הַכֹּל לְטוֹבָה" וּבִפְרַט דוּ הָאסְט אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע זְכוּתִים וָואס טוֹיזֶענְטֶער אוּן טוֹיזֶענְטֶער אִידְן הָאבְּן אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה דוּרְךְ דִי סְפָרִים וָואס דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דְרִיקְן, אוּן וֶוער וֵוייסְט וויפִיל טוֹיזֶענְטֶער אִידְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה נָאר דוּרְךְ דִי סְפָרִים, אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט אֲפִילוּ נִישְׁט פוּן דֶעם.

**אַ** אִיד דַארְף טוּהְן דֶעם רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אָן קַיין שׁוּם כַּוָּונָה עַצְמִיּוּת, נָאר צוּ טוּהְן דֶעם רָצוֹן פוּן

בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט אַן אֱמֶת, וּבִפְרַט דֶעם עִנְיָן פוּן רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דַארְף מֶען ווִיסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערְס פוּן דֶעם, אֲפִילוּ אֵיין דִיבּוּר וָואס מֶען רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מַאכְט אַ רַעַשׁ אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, פַארְוָואס רֶעדְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים? ווייל נָאךְ זַיין דֵעָה וָואלְט עֶר גֶעדַארְפְט יֶעצְט זִיךְ אַוֶועקְזֶעצְן רֶעדְן אַ פָּאר שָׁעָה וְכוּ', אוּן אַזוֹי ווִי עֶר קֶען נִישְׁט וְכוּ' רֶעדְט עֶר גָארְנִישְׁט, אוּן אַזוֹי גֵייט דוּרְךְ אַ טָאג נָאךְ אַ טָאג, אַ וָואךְ נָאךְ אַ וָואךְ, אַ חוֹדֶשׁ נָאךְ אַ חוֹדֶשׁ וְכוּ' וְכוּ', אָבֶער וֶוען אַ אִיד זָאל ווִיסְן דָאס אַיֶעדֶער דִיבּוּר וָואס עֶר רֶעדְט מַאכְט אַ רַעַשׁ אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, וָואלְט עֶר זִיךְ מִשְׁתַּדֵל גֶעוֶוען צוּ רֶעדְן אַ דִיבּוּר אוּן נָאךְ אַ דִיבּוּר אוּן נָאךְ אַ דִיבּוּר וְכוּ' וְכוּ', מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, אַז וואויל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת אוּן הַשְׂכָּלוֹת, נָאר פָּשׁוּט בְּתַכְלִית הַפְּשִׁיטוּת.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט שִׂמְחָה, אוּן בֶּעהְט אַסַאךְ דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּם שִׂמְחָה, וָוארוּם שִׂמְחָה אִיז אַזַא גְרוֹיסֶער לֶעבְּט אַז מֶען קֶען דָאס נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

# תקנז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר הַאֲזִינוּ ח' תִּשְׁרֵי ה'תשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי שִׂמְחָה וָואס אִיךְ הָאבּ אַז עֶס אִיז גֶעוָוארְן שָׁלוֹם בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל הָאבְּן גֶעזָאגְט (שַׁבָּת קטז.) לַעֲשׂוֹת שָׁלוֹם בֵּין אִישׁ לְאִשְׁתּוֹ אָמְרָה תּוֹרָה שְׁמִי שֶׁנִּכְתַּב בִּקְדוּשָּׁה יִמָּחֶה עַל הַמַּיִם; אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ, אַזוֹי ווִי דוּ הָאסְט גֶעזֶעהְן בִּיז יֶעצְט גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, אַזוֹי וֶועסְטוּ זֶעהְן נָאךְ אַסַאךְ יְשׁוּעוֹת, וּבִפְרַט אִין פַּרְנָסָה וֶועט דִיךְ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים נִישְׁט פַארְלָאזְן.

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אַ טָאג פַאר דֶער יוֹם הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא, דֶעם טָאג וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מוֹחֵל אַלֶע עֲווֹנוֹת, אָבֶּער דֶער עִיקָר דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ הָאבְּן חֲרָטָה עַל הֶעָבַר, אוּן בֶּעטְן אוֹיף לְהַבָּא, וָואס אִין דֶעם אִיז תָּלוּי דֶער גַאנְצֶער תְּשׁוּבָה, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַוֶועק וַוארְפְן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטְס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן בִּיז יֶעצְט, הֵן בְּמַחֲשָׁבָה הֵן בְּדִיבּוּר אוּן הֵן בְּמַעֲשֶׂה, אוּן מְקַבֵּל זַיין אוֹיף זִיךְ מֶער נִישְׁט צוּ טוּהְן, אוּן דָאס אִיז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה, אוּן וְעַל כּוּלָּם מֶען דַארְף זִיךְ אַסַאךְ מִתְוַדֶּה זַיין, וָוארוּם דֶער עִיקָר

תְּשׁוּבָה אִיז ווידוּי דְבָרִים, אַזוֹי ווי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין רַמְבַּ"ם (פֶּרֶק א' מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה הֲלָכָה א') כָּל מִצְוֹת שֶׁבַּתּוֹרָה בֵּין עֲשֵׂה בֵּין לֹא תַעֲשֶׂה אִם עָבַר אָדָם עַל אַחַת מֵהֶן בֵּין בְּזָדוֹן בֵּין בִּשְׁגָגָה כְּשֶׁיַּעֲשֶׂה תְּשׁוּבָה וְיָשׁוּב מֵחֶטְאוֹ חַיָּיב לְהִתְוַדוֹת לִפְנֵי הָאֵל בָּרוּךְ הוּא שֶׁנֶּאֱמַר (בַּמִּדְבָּר ה') "אִישׁ אוֹ אִשָּׁה כִּי יַעֲשׂוּ" וְגוֹ' "וְהִתְוַדוּ אֶת חַטָּאתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ" זֶה וִידּוּי דְבָרִים, וִידּוּי זֶה מִצְוַת עֲשֵׂה, כֵּיצַד מִתְוַדִין? אוֹמֵר אָנָּא הַשֵּׁם חָטָאתִי עָוִיתִי פָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ וְעָשִׂיתִי כַּךְ וְכַךְ וַהֲרֵי נִחַמְתִּי וּבוֹשְׁתִּי בְּמַעֲשַׂי וּלְעוֹלָם אֵינִי חוֹזֵר לְדָבָר זֶה, וְזֶהוּ עִיקָרוֹ שֶׁל וִידּוּי וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַודוֹת וּמַאֲרִיךְ בְּעִנְיָן זֶה הֲרֵי זֶה מְשׁוּבָּח.

שְׁטַארְק זִיךְ זֵייעֶר מִיט דִי מִדָּה פוּן שִׂמְחָה, וָוארוּם אַזוֹי זָאגְן דִי חֲזַ"ל (מִדְרָשׁ אַגָּדָה) אֵין שִׂמְחָה לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּשִׂמְחַת יוֹם הַכִּיפּוּרִים שֶׁאָז הוּא מוֹחֵל עֲוֹונוֹת יִשְׂרָאֵל; דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אוּנְז הֶעלְפְן דָאס מִיר זָאלְן בֶּאֱמֶת חֲרָטָה הָאבְּן אוֹיף דִי גַאנְצֶע שְׁלֶעכְטְס וָואס מִיר הָאבְּן גֶעטוּהְן אַ גַאנְץ יָאר, אוּן מִיר זָאלְן אָנְהֵייבְּן פוּן יֶעצְט אָן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן טוּהְן אַ נַחַת רוּחַ פַאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר**

# תקנח

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר הַאֲזִינוּ י"א תִּשְׁרֵי מָחֳרַת יוֹם הַכִּיפּוּרִים שֵׁם הַשֵּׁם [י'] ה'תשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ מוּזְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן טוּהן אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן, הֵן אֱמֶת אִיךְ וֵויים אַז דוּ זִינְקְסְט אִין חוֹבוֹת, אָבֶּער דוּ זֶעהְסְט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְט דִיךְ אוּן שִׁיקְט דִיךְ צוּ שְׁטֶענְדִיג אַרְבֶּעט וְכוּ', מֶען דַארְף נָאר בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן נִישְׁט אָפְּלָאזְן, אוּן בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן, וָוארוּם דָאס אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיי אִיהְם, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קכ"ד) שִׁיר מִזְמוֹר לַמְנַצֵּחַ, 'זַמְּרוּ לְמִי שֶׁמְּנַצְּחִין אוֹתוֹ וְשָׂמֵחַ' (פְּסָחִים קיט). כִּי כְּשֶׁמְּדַבֵּר לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וּמְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ בְּטַעֲנוֹת וּבַקָּשׁוֹת, רוֹצֶה לְנַצֵּחַ אֶת הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כִּבְיָכוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יֵשׁ לוֹ תַּעֲנוּג מִזֶּה. עַל כֵּן שׁוֹלֵחַ לוֹ דִּבּוּרִים שֶׁיּוּכַל לְנַצֵּחַ אוֹתוֹ כִּבְיָכוֹל, כְּדֵי לְקַבֵּל הַתַּעֲנוּג. כִּי בְּלֹא זֶה בְּוַדַּאי לֹא הָיָה אֶפְשָׁר לְבָשָׂר וָדָם לְנַצֵּחַ אֶת הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אַךְ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַצְמוֹ שׁוֹלֵחַ וּמְזַמֵּן לוֹ דִּבּוּרִים וְטַעֲנוֹת לְנַצֵּחַ אוֹתוֹ; דָאס הֵייסְט בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב וֶוען אַ אִיד פְּרוּבִּירְט אִיהְם כַּבְיָכוֹל מְנַצֵּחַ צוּ זַיין מִיט תְּפִילוֹת וְכוּ' וְכוּ', וֶוען אַ אִיד זָאל ווִיסְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּפִלָּה

וָואלְט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט מִתְפַּלֵל צוּ זַיין, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ זֵייעֶר מִיט תְּפִלָּה בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט שְׁטֶעגְדִיג פְרֵיילִיךְ זַיין, וָואס דָאס אִיז אַלֵיין אַ סְגוּלָה פַּאר גְרִינְג פַּרְנָסָה, וַוייל דֶער שֵׁם פוּן פַּרְנָסָה חת"ך וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּנֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קמה) פּוֹתֵחַ' אֶת' יָדֶיךָ' קוּמְט אוֹיךְ אַרוֹיס פוּן פָּסוּק (דְּבָרִים טז) וְהָיִיתָ' אַךְ' שָׂמֵחַ', דָאס הֵייסְט אַז מֶען אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילֶעךְ עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף פַּאר אִים דִי הַשְׁפָּעָה פוּן פַּרְנָסָה, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, דוּ זָאלְסְט מַאכְן אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם נָאר צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן בֶּעהְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף שִׂמְחָה, וֶועסְטוּ זֶעהְן דוּ וֶועסְט הָאבְן גְרוֹיס הַרְחָבָה.

**אִיךְ** בֶּעהְט פַּאר דִיר יֶעדְן טָאג דוּ זָאלְסְט הָאבְּן שֶׁפַע, וָוארוּם דַאנְקֶען גָאט בָּרוּךְ הוּא דוּ הָאסְט שֵׂכֶל דוּ וֵוייסְט וָואס צוּ טוּהְן מִיט דִי גֶעלְט, דוּ דְרִיקְסְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זְכוּת פוּן דֶעם.

**שְׁטַארְק** זִיךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, דוּ וֶועסְט בַּאלְד זֶעהְן גְרוֹיסֶע נִסִים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט דִיר טוּהְן.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעבְּטִיג יָאר**

# תקנט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר הַאֲזִינוּ י"א תִּשְׁרֵי מָחֳרַת יוֹם הַכִּפּוּרִים שֵׁם הַשֵּׁם [י'] ה'תשע"ג

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן דָאס שָׁלוֹם בַּיִת אִיז גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִיהְם אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער הָאט נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, הָאט עֶר אִיהְם זֵייעֶר מְרַחֵק גֶעוֶוען וְכוּ', אוּן עֶר הָאט אִיהְם גֶעזָאגְט בִּיז דוּ גְלַייכְסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס מִיט דַיין וַוייבּ הָאסְטוּ נִישְׁט וָואס צוּ קוּמֶען צוּ מִיר. ווִידֶערְאוּם הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט, אוֹיבּ אַ אִיד הָאט נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת אִיז עֶר פָּגוּם בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאל דִיךְ קֵיינֶער נִישְׁט לֶערְנֶען פַאלְשֶׁע דְרָכִים אוּן פַאלְשֶׁע הַנְהָגוֹת וְכוּ' וְכוּ', אוּן אַלֶעס אִין נָאמֶען פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פוּן וַואנֶעט קוּמְט דִי אַלֶע דִמְיוֹנוֹת אוּן הַנְהָגוֹת מְשׁוּנוֹת? וַוייל מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, עֶס אִיז דָא צְווֵיי שִׂיחוֹת אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ג אוּן סִימָן רס"ד, וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מַזְהִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין דָאס וַוייבּ, זֵיי מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט דִי קִינְדֶער צַעַר עִיבּוּר צַעַר לֵידָה צַעַר גִידוּל וְכוּ' וְכוּ', ווִידֶערְאוּם הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז

דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם טוּט אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם צוּבְּרֶעכְן דֶעם שָׁלוֹם בַּיִת בַּיי אַ יוּנְגֶען פָּארְפָּאלְקְן כְּדֵי זֵיי מַכְשִׁיל זַיין מִיט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע עֲווֹנוֹת, אִיבֶּערְדֶעם זָאל דִיר קֵיינֶער נִישְׁט גֶעבְּן קַיין פַאלְשֶׁע הַנְהָגוֹת אָדֶער פַאלְשֶׁע הַדְרָכוֹת וְכוּ' וְכוּ'.

**זָאלְסְט** וויסְן אַז בְּרֶסְלְבֶ'ר חֲסִידוּת אִיז נָאר תָּלוּי ווי מֶען לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, מֶען דַארְף אַזוֹי פִיל חַזֶרְן אוּן חַזֶרְן אוּן לֶערְנֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן הָארֶעוֶוען אוּן הָארֶעוֶוען אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים בִּיז מֶען זָאל עֶס קֶענֶען אוֹיסֶעוֶוייניג, אַנְדֶערְשׁ נַארְט מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק.

**סְ'אִיז** הַיינְט דָא אִינְגֶעלַייטְלֶעךְ וָואס פַארְרוּפֶען זִיךְ כְּלוֹמֶרְשְׁט אַז זֵיי זֶענֶען מַנְהִיגִים, פִירֶערְ'ס אִין בְּרֶסְלֶב וְכוּ', אוּן דֶער אֱמֶתְ'ן זֶענֶען זֵיי פַארְפִירֶערְ'ס וְכוּ', וָוארוּם אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים שְׁטֵייט נִישְׁט אַזֶעלְכֶע הַנְהָגוֹת פוּן ווִילְדְקֵייט אוּן פוּן פְּרִישׁוּת אוּן פוּן אִיבֶּערְלָאזְן דָאס וַוייבּ אוּן אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ אוּן שְׁלָאפְן אוֹיף אַ בַּאנְק אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ וְכוּ' וְכוּ', דָאס אִיז אַן הַנְהָגָה פוּן מְשׁוּגָעִים אוּן מְטוּרָפִים וְכוּ' וְכוּ' וָואס זֶענֶען קְרַאנְק אוֹיף דִי נֶערְוֶון אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, אָדֶער זֵיי זֶענֶען גְרוּשִׁים אָדֶער אַלְטֶע בָּחוּרִים וְכוּ' וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעהְט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִי אַלֶע פִירֶערְ'ס פַארְפִירֶערְ'ס וְכוּ' וְכוּ', אַ

בְּרֶסְלְבֶ'ר חָסִיד אִיז נָאר דֶער וָואס עֶר פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶועֶן אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיִת אִין שְׁטוּבּ, מֶען זָאל דֶרֶךְ אֶרֶץ הָאבְּן פַּאר טַאטְן מַאמֶען אוּן פַאר שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער, דָאס אִיז דָאךְ אַ מִצְווֹת עֲשֵׂה אִין דִי תּוֹרָה (שְׁמוֹת כ' י"ב) "כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ", אוּן אַזוֹי דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין אוֹיכֶעט דֶעם שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער.

דִי חֲזַ"ל זָאגְן (עוּקְצִין ג') לֹא מָצָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּלִי מַחֲזִיק בְּרָכָה לְיִשְׂרָאֵל אֶלָּא הַשָּׁלוֹם; מֶען דַארְף טוּהְן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ אוּן מֶען דַארְף טוּהְן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער סַיי פוּן מַאן'ס זַייט, אוּן סַיי פוּן וַוייבּ'ס זַייט, אַ יוּנְג פָּארְפָאלְק דַארְף מְכַבֵּד זַיין בֵּיידֶע עֶלְטֶערְן, אוּן גֶעדֶענְקְן דֶעם מְסִירוּת נֶפֶשׁ וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועֶן אִיהְם צוּ חֲתוּנָה מַאכְן.

אִיךְ הָאף אַז דִי פָּאר וֶוערְטֶער וֶועט דִיךְ גוּט אַרַיינְגֵיין אִין דִי בֵּיינֶער, אוּן מֶען זָאל הֶערְן גוּטֶע בְּשׂוֹרוֹת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תקס

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם א׳ לְסֵדֶר נֹחַ כ״ח תִּשְׁרֵי ה׳תשע״ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעהְט דִיךְ זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, וָוארוּם בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר דֶעם עִנְיָן פוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרִיקְט ״וֶוען קֵיסָרִים אוּן מְלָכִים וָואלְטְן גֶעוִויסְט ווִי אִיךְ לֶערְן מַיינֶע מֶענְטְשְׁן דֶרֶךְ אֶרֶץ וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט צוּ מִיר לֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ״, בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין ווִילְדְקֵייט וְכוּ׳, אוּן קַיין צוּפְלוֹיגֶנְקֵייט וְכוּ׳, אַלְץ הָאט זִיךְ גֶעפִירְט מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַזוֹי וַוייט אַז בַּיים טִישׁ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט עֶר נָאר אַוֶועקְגֶערִיקְט דֶעם טֶעלֶער פוּן זִיךְ אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט גֶענוּמֶען שִׁירַיִים מַמָּשׁ אַבִּיסְל, כְּדֵי עֶס זָאל בְּלַייבְּן פַאר יֶענֶעם אוֹיבֶּעט וְכוּ׳, אוּן אַ חִידוּשׁ אַ פֶּלֶא עֶס אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַפָּאר הוּנְדֶערְט מֶענְטְשְׁן, אוּן פוּן אֵיין טֶעלֶער אִיז גֶעוֶוען גֶענוּג פַאר אַלֶעמֶען, וָוארוּם יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט גֶעוִויסְט אַז ס'אִיז דָא נָאךְ אֵיינֶער וְכוּ׳, אוּן עֶר דַארְף אוֹיךְ הָאבְּן וְכוּ׳, אַזוֹי שְׁטַארְק הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אוּנְזֶערֶע לַייט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן לִיבְּשַׁאפְט אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען נִישְׁט קוּקְן הַיינְט אוֹיף דִי "חֲדָשִׁים מִקָּרוֹב בָּאוּ" וָואס יֶעדֶער בְּרֶענְגְט מִיט זַיינֶע מִדּוֹת רָעוֹת אוּן זַיין עַזּוּת וְכוּ' אוּן לֵייגְט דָאס אַרוֹיף אוֹיף בְּרֶסְלֶבֶ'ר חֲסִידוּת וְכוּ', וָוארוּם בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז דֶער עִיקָר אוּן דֶער יְסוֹד גֶעוֶוען יִשּׁוּב הַדַּעַת, וָואס פוּן דָארְט קוּמְט אַרוֹיס דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן פוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן נִישְׁט זַיין צוּלָאזִין וְכוּ'.

**זָאלְסְט** וויסְן אַז דָאס אִיז דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין בְּרֶסְלֶבֶ'ר חֲסִידוּת, אוּן קֵיינֶער זָאל דִיר נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַנְדֶערְשׁ, דָאס ווילְדְקֵייט אוּן דִי צִילָאזִינְקֵייט וְכוּ' קוּמְט פוּן אִינְדְרוֹיסְן, נִישְׁט פוּן דִי אֱמֶתְ'ע תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן אוֹיךְ דִי אַלֶע ווילְדֶע דְרָכִים וָואס מֶען לֶערְנְט אוֹיס דִי אִינְגֶעלַייטְלֶעךְ וְכוּ', זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַהֵיימְקוּמֶען מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת וְכוּ' (וְדַי לְחַכִּימָא), דָאס וֶוערְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דָאס קוּמְט פוּן תַּלְמִידִים שֶׁלֹּא שִׁמְּשׁוּ כָּל צָרְכָּן וְכוּ', וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט אוֹיף זֵיי (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) יֵשׁ מְפוּרְסָמִים וּמַנְהִיגִים שֶׁאֵינָם יְכוֹלִים לְהַנְהִיג אֶת עַצְמָם, וְאֵיךְ יַנְהִיגוּ אֶת אֲחֵרִים? מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן דִי אַזוֹי גֶעוָוארְעֶנֶע וְכוּ', ווִי דֶער וֶוערְטִיל גֵייט "אַ גֶעוָוארֶענֶער אִיז אַרְגֶער ווִי אַ גֶעבָּארֶענֶער" בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט הָאט מֶען אוֹיף דֶעם זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל אַוֶועק גֵיין פוּן דִי אַזוֹי גֶערוּפֶענֶע פְּרוּמֶע, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ד') מֶען קֶען זַיין אַ פְּרוּמֶער רָשָׁע; מֶען

לֵייגְט אַרַיין אַלֶעס אִין פְּרוּמְקֵייט, אוּן דֶערְוַוייל אִיז מֶען אַ גְרוֹיסֶער רָשָׁע וְכוּ׳, אוּן מְ׳אִיז גוֹרֵם זִיךְ צוּ גֶטְ׳ן רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן דִי זֶעלְבְּסְט גֶעקְרוֹינְטֶע מַנְהִיגִים׳לֶעךְ וָואס זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פִירְן, אִיז וִויאַזוֹי קֶענֶען זֵיי פִירְן אַנְדֶערֶע? דֶערְוַוייל הָאט עֶר זִיךְ גְ׳גֶט פַאר גָארְנִישְׁט אוּן נִישְׁט, (וִוי אִיךְ וֵויים פִּינְקְטְלִיךְ פַארְוָואס דֶער גֶט אִיז גֶעוֶוען) אִיז וִויאַזוֹי קֶען עֶר דִיךְ גֶעבְּן הַנְהָגוֹת?

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, לֶערְן יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ״י אוּן תַּרְגוּם, אוּן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין דַף גְמָרָא, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תקסא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א׳ לְסֵדֶר נֹחַ כ״ח תִּשְׁרֵי ה׳תשע״ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**עֶס** טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי וָואס אוֹיף דִיר גֵייט אִיבֶּער וְכוּ׳, שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ׳, דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער זַאךְ וָואס אִיךְ קֶען דִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה, זָאלְסְט מַרְבֶּה זַיין

בִּתְפִלָּה וּבַקָּשָׁה פַאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר זָאל דִיר צוּשִׁיקְן אַ זִיווּג הָגוּן, וָוארוּם אַ בָּחוּר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט 'דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ חֲתוּנָה הָאבְּן'.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶועזְן, אַ בָּחוּר, דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ חֲתוּנָה הָאבְּן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְלַייְדְן אַ בָּחוּר, וָוארוּם וָואס זָאל נָאר נִישְׁט זַיין, אַ בָּחוּר וֶוערְט נִכְשָׁל אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבְן, וָואס דָאס אִיז מְטַמְטֵם דֶעם מֹחַ אִינְגַאנְצְן, וּבִפְרַט אַז עֶר וֶוערְט נִכְשָׁל מִיט דֶעם בִּיטֶערְן זִינְד חַטֹּאוֹת נְעוּרִים וְכוּ' דָאס טוּט אִיהְם צוּדְרֵייעֶן אִינְגַאנְצְן דֶעם קָאפּ, אוּן בְּרֶענְגְט אִיהְם אַרַיין צוּ עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים נָאר אוֹיף אֵיין זַאךְ, אַ שִׁידוּךְ, זָאלְסְט קֶענֶען טְרֶעפְן דַיין בַּת זוּג, אוּן וִויסְן זָאלְסְטוּ וִויסְן, וָואס תְּפִלָּה טוּט אוֹיף, קֶען קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט נִישְׁט אוֹיפְטוּהְן.

**אִיךְ** וָואלְט דִיר גֶערָאטְן אַ גוּטֶע עֵצָה, דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם מַאֲמָר אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ט, אוּן זָאגְן אוֹיף דֶעם דִי תְּפִלָּה מ"ה אִין לִיקוּטֵי תְּפִילוֹת, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה.

**עֶס** אִיז דָא אַ קוּנְטְרֵס וָואס עֶס הֵייסְט "מְצִיאַת הַזִּיווּג" וֶוער ס'וֶועט עֶס דוּרְכְלֶערְנֶען פֶּערְצִיג טֶעג אוּן מְקַיֵּים זַיין וָואס דָארְטְן שְׁטֵייט, וֶועט עֶר אַוַודַאי גֶעהָאלְפְן וֶוערְן אוּן טְרֶעפְן זַיין בַּת זוּג.

**שְׁטַארְק** זִיךְ אוּן וֶוער נִישְׁט צוּפַאלְן, הֵן אֱמֶת סְ'אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר בִּיטֶער פַאר אַ בָּחוּר, סְ'גֵייט אִיהְם דוּרְךְ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים אוּן מְרִירוּת אוּן מַכְאוֹבִים וְכוּ', דָאס אַלֶעס נֶעמְט זִיךְ וָואס עֶר אִיז אַלֵיין, עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן זַיין בַּת זוּג, דָאס בְּרֶענְגְט אִיהְם אַרַיין צוּ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס פוּן דָארְטְן קוּמְט אַלֶע מָרָה שְׁחוֹרוֹת וְכוּ' וְכוּ'.

**דִי** תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה זָאגְט אוּנְז (בְּרֵאשִׁית ב) "כִּי לֹא טוֹב הֱיוֹת הָאָדָם לְבַדּוֹ" עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ זַיין אַלֵיין, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים צוּ טְרֶעפְן דֶעם זִיווּג אוּן חֲתוּנָה הָאבְן וָואס שְׁנֶעלֶער, דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע הַצָּלָה וָואס מֶען קֶען רַאטֶעוֶוען אַ בָּחוּר.

**דֶערְוַוייל** בִּיז דוּ וֶועסְט זֶעהְן דִי יְשׁוּעָה, זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, אוּן דוּ זָאלְסְט זָאגְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, וואוּיל אִיז דֶעם בָּחוּר וָואס עֶר קֶען אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי מִשְׁנָיוֹת, אוּן דִי זָאלְסְט זָאגְן מִשְׁנָיוֹת, אוּן דָאס אִיז מְטַהֵר דֶעם נֶפֶשׁ פוּן אַלְצְדִינְג וְכוּ', וֶוער נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, ווָארוּם דוּ הָאסְט אוֹיבֶּעט אַ בַּת זוּג, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יַלְקוּט תְּהִלִּים רֶמֶז תשצ"ד) אַרְבָּעִים יוֹם קוֹדֶם יְצִירַת הַוְּלַד בַּת קוֹל יוֹצֵאת וְאוֹמֶרֶת בַּת פְּלוֹנִי לִפְלוֹנִי; אוּן בְּוַודַאי הָאט מֶען דִיךְ אוֹיבֶּעט אוֹיסְגֶערוּפְן וֶוער דַיין בַּת זוּג אִיז, נָאר דוּ דַארְפְסְט אִיר זוּכְן וְכוּ', אוּן וִויאַזוֹי זוּכְט מֶען אִיר? נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה, בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר זָאל דִיר בְּרֶענְגְן דַיין בַּת זוּג, אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז סְ'וֶועט

נִישְׁט נֶעמֶען קַיין לַאנְגֶע צַייט בִּיז דוּ וֶועסְט אַ חָתָן וֶוערְן און חֲתוּנָה הָאבְּן און אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ.

כְּדֵי דוּ זָאלְסְט נִיצוֹל וֶוערְן פוּן שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע עֲווֹנוֹת אִין פְּגַם הַבְּרִית וְכוּ', מוּזְטוּ זִיךְ נֶעמֶען לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן, וָואס מֶער דוּ וֶועסְט זָאגְן מִשְׁנַיוֹת וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דָאס וֶועט דִיךְ אָפְּקִילְן דַיין בְּרֶענֶעדִיגֶע יֵצֶר הָרַע.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט דָאס מְקַיֵים זַיין, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְּרֵיילִיכְן טָאג און אַ לֶעכְטִיגְן תָּמִיד**

## תקסב

**בְּעֶזְרַת הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר נֹחַ כ"ח תִּשְׁרֵי ה'תשע"ג**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו וְכוּ'.

אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן דָאס דוּ טוּהְסְט אַ גְרוֹיסֶע עַוְולָה, דוּ לָאזְט דַיין טָאכְטֶער גֵיין מִיט בִּגְדֵי פְּרִיצוּת בִּגְדֵי שַׁחַץ, וָואס אִיז גוֹרֵם מַכְשִׁיל זַיין אַנְדֶערֶע וְכוּ', דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט מֵיינֶען אַז דָאס אִיז עֶפֶּעס אַ חוּמְרָא, נָאר רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן אוֹיף דֶעם קוּמְט אַ גְרוֹיסְן

עוֹנֶשׁ, אַז אָךְ און ווי עֶלְטֶערְן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשְׁפָּעָה אויף דִי קִינְדֶער וְכוּ', און זֵיי לָאזְן זֵיי טוּהְן וָואס זֵיי ווילְן וְכוּ', עֶס אִיז נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ אַז דִי קִינְדֶער פָּאלְגְן נִישְׁט וְכוּ', אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין חִינוּךְ, וְויאַזוֹי מֶען אִיז מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער.

**דָאס** עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִין חִינוּךְ אִיז תָּלוּי אִין זִיךְ אַלֵיין, קִינְדֶער קוּקְן אַרוֹיף אויף טַאטֶע און מַאמֶע וְויאַזוֹי זֵיי פִּירְן זִיךְ אוֹיף, אויב זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף מִיט הֶפְקֵירוּת מִיט פְּרִיצוּת וְכוּ' אָן קַיין שׁוּם בַּאגְרֶענִיצוּנְג וְכוּ', הֵן מִיטְן לְבוּשׁ וְכוּ', הֵן מִיטְן דִיבּוּר זֵיי רֶעדְן כָּל דָבָר אָסוּר וְכוּ', הֵן מִיט עֶסְן וְכוּ' זֵיי זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט מְדַקְדֵק אויף כַּשְׁרוּת הַמַאֲכָלִים, יָא הֶכְשֵׁר, נִישְׁט הֶכְשֵׁר, וְכוּ', וְכוּ', וָואס וִויל מֶען שׁוין פוּן דִי קִינְדֶער? אַוַודַאי און אַוַודַאי וֶועלְן דִי קִינְדֶער פוּן אַזַא שְׁטוּב אוֹיפְוַואקְסְן סוֹרְרִים וּמוֹרְרִים וְכוּ'.

**טַאטֶע** מַאמֶע דַארְפְן זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט גְרוֹיס צְנִיעוּת פַאר דִי קִינְדֶער, וָוארוּם דִי קִינְדֶער זֶעהְן אַלֶעס וְכוּ', און זֵיי לֶערְנֶען זִיךְ אָפּ פוּן טַאטֶע מַאמֶע וְכוּ', און נָאכְדֶעם רַייסְן זִיךְ דִי טַאטֶע מַאמֶע בַּיים קָאפּ ווי קוּמְט דָאס אַז מִיר הָאבְּן אַזֶעלְכֶע קַאלְיֶע'דִיגֶע וְכוּ' גֶעמֵיינֶע קִינְדֶער וְכוּ', זֵיי הָאבְּן פַארְגֶעסְן אַז זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען דִי מוֹרֶה דֶרֶךְ פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין אֵיידֶער ס'וֶועט זַיין בִּיטֶער כְּמוֹ

גַל וְכוּ׳, וָוארוּם אִיךְ זֶעה ווי דַיין טָאכְטֶער גְלִיטְשְׁט זִיךְ אַרָאפּ וְכוּ׳, אוּן גֵייט אַרָאפּ טָאג נָאךְ טָאג לְתַרְבּוּת רָעָה, אוּן דוּ זָאגְסְט אִיר גָארְנִישְׁט וְכוּ׳, דוּ וֶועסְט אוֹיף דֶעם בַּאצָאלְן זַייעֶר טֵייעֶר וְכוּ׳ וְכוּ׳.

**גְלֵייבּ** מִיר אִיךְ וואוּנְטְשׁ דִיר דָאס נִישְׁט, נָאר אִיךְ מוּז דִיר דָאס מַזְהִיר זַיין, אָנְוָוארֶענֶען, אַז דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן, הַאלְט דָאס נִישְׁט גְרִינְג, מֶען לָאזְט נִישְׁט אַ טָאכְטֶער אַזוֹי אַרוּמְגֵיין וְכוּ׳.

**בִּכְלָל** דַארְפְן עֶלְטֶערְן זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן מִיט וֶועמֶען זַייעֶרע קִינְדֶער חַבֶר׳ן זִיךְ, ס׳אִיז נִישְׁטָא קַיין תֵּירוּץ ׳הַיינְט אִיז אַנְדֶערֶע צַייטְן מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן הַשְׁפָּעָה אוֹיף דִי קִינְדֶער׳ עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען קַלִים וְכוּ׳, אוּן מְמֵילָא הָאבְּן דִי קִינְדֶער פוּן וואוּ זִיךְ אָפְּצוּלֶערְנֶען.

**אִיבֶּערְדֶעם** אוֹיבּ דוּ ווילְסְט הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער, זָאלְסְטוּ זֶעהְן דוּ מִיט דַיין וַוייבּ בַּייטְן זִיךְ עֶנְקֶער הַנְהָגָה, אוּן וְעַל כּוּלָם גִיסְן טַייכְן טְרֶערְן יֶעדְן טָאג אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה, דֶעמָאלְט אִיז דָא אַ הָאפְּעֶנוּנְג.

**הַלְוַאי** זָאלְסְטוּ מִיר פָאלְגְן, וֶועסְטוּ נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תקסג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר חַיֵּי שָׂרָה כ"ב חֶשְׁוָון ה'תשע"ג

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּריוו.

**אִיךְ** בֶּעהְט דִיךְ זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֶעהְן צוּ דֶערְהַאלְטְן, קַיין שׁוּם זַאךְ אוּן דֶער וֶועלְט זָאל דִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוֹיף דִי וֶועלְט גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם שְׁוֶועֶרע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ' וְכוּ', דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד וֶוערְט גֶעמָאסְטְן וויאַזוֹי עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ בִּשְׁעַת עֶס גֵייט אוֹיף אִיבֶּער וְכוּ', עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חָכְמָה אוּן קַיין קוּנְץ צוּ צוּבְּרָאכְן וֶוערְן אוּן אוֹיפְגֶעבְּן דֶעם לֶעבְּן, בִּיז אַרוּמְגֵיין מִיט גֶעדַאנְקֶען פוּן נֶעמֶען זִיךְ דָאס לֶעבְּן וְכוּ', דָאס אִיז אַ שׁוֹטֶה וֶוער ס'טְרַאכְט אַזוֹי, וָוארוּם דֶער תַּנָּא הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ד') עַל כָּרְחָךְ אַתָּה חַי, וְעַל כָּרְחָךְ אַתָּה מֵת וְכוּ'. מֶען פְרֶעגְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ צוּ עֶר ווִיל לֶעבְּן צוּ עֶר ווִיל שְׁטַארְבְּן אַלֶעס וֶוערְט גֶעפִירְט פוּן אוֹיבְן, אִיבֶּערְדֶעם וואוֹיל אִיז דֶעם אִיד וָואס עֶר אִיז זוֹכֶה זִיךְ מְחַזֵּק צוּ זַיין, אוּן עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ וַוארְפְן, אוּן וָואס אוֹיף אִים גֵייט דוּרְךְ דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ גְרִינְגֶען וֶועג וויאַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, אוּן וויאַזוֹי צוּ הַאלְטְן זִיךְ, אוּן נָאךְ דֶערְהַאלְטְן אַנְדֶערֶע, מֶען דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען

רֶעדְן צוּ אִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן הִתְבּוֹדְדוּת, אַ אִיד דַארְף זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן אוֹיסְצוּדֶערְצֵיילְן אַלְסְדִינְג וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, דָאס אִיז אַ עֵצָה וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה וֶועט מְגַלֶה זַיין מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ פַאר דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה, אַזוֹי וִוי סְ'שְׁטֵייט (צְפַנְיָה ג׳) כִּי אָז אֶהְפֹּךְ לְכָל הָעַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא אֶל הֲוָיָ"ה; דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה וֶועט רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּנְז הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן דֶעם שְׁלִיסְל אוֹיפְמַאכְן אַלֶע טוֹיעֶרְן מִיר זָאלְן קֶענֶען שׁוֹין יֶעצְט רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, שְׁטַארְק זִיךְ, גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן זָאלְסְטוּ רֶעדְן נָאר צוּ אִים, נָאר עֶר פַארְשְׁטֵייט דִיךְ אוּן נָאר עֶר קֶען דִיךְ הֶעלְפְן.

מֶען טָאר נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אֱמֶת סְ'אִיז אוֹיף דִיר אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען וָואס אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען וְכוּ' וְכוּ', אוּן עֶס גֵייט נָאךְ אוֹיף דִיר אִיבֶּער יֶעצְט וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן.

דוּ בִּיסְט פַארְשְׁמִיצְט אוּן פַארְגְרֶעבְּט גֶעוָוארְן מִיט פְּגַם הַבְּרִית וְכוּ' וְכוּ', וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען נָאכְנִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן, אַדְרַבָּה מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר אִיז אַן אָב הָרַחֲמָן, אוּן עֶר אִיז צוֹפֶה וּמַבִּיט לְכָל בָּאֵי עוֹלָם זֵיי זָאלְן צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, אִיבֶּערְדֶעם

בֶּעהְט אִיךְ דִיר פַּארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ זָאלְסְטוּ אוֹיסְדֶערְצֵיילְן פַאר אִים.

וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, הָאט עֶר אַ אַנְדֶערֶע סָארְט יִשּׁוּב הַדַעַת, אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר וָואס עֶס אִיז אַרִיבֶּער, מַאךְ אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה, הֵייבּ אָן פוּן אָנְפַאנְג, אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָּאלְגְן, וֶועסְטוּ נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תקסד

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר חַיֵּי שָׂרָה כ"ד חֶשְׁוָון ה'תשע"ג**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה דִי שִׂמְחָה וָואס דוּ בִּיסְט מִיר מְשַׂמֵחַ אוּן מְחַיֶה מִיט דֶעם וָואס דוּ דְרִיקְסְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן, אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן "יֵשׁ קוֹנֶה עוֹלָמוֹ בְּשָׁעָה אַחַת" דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס דִי סְפָרִים טוּעֶן אוֹיף, לֵיידֶער דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם בָּחוּרִים אוּן יוּנְגֶעלַייט וְכוּ' וְכוּ', וָואס זֵיי זִינְקְן אִין

שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו אִין פְּגַם הַבְּרִית בִּיז אִיבֶּער דִי אוֹיעֶרְן רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן וְכוּ', זֵיי זֶענֶען צוּבְּרָאכְן כְּחֶרֶס הַנִשְׁבָּר, וָוארוּם סְ'אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס סְ'צוּבְּרֶעכְט דֶעם מֶענְטְשׁ אַזוֹי ווִי פְּגַם הַבְּרִית, אוּן זֵיי ווִילְן גֶערְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם, נָאר וָואס דֶען, זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן אִין דֶעם אַזוֹי בִּיטֶער אוּן מִיאוּס אַז סְ'אִיז זֵיי זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיסְגֵיין, זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אַזוֹי ווִי אִין עוֹלָם הַתּוֹהוּ צוּבְּרָאכְן צוּהַאקְט וְכוּ' וְכוּ', אוּן קֵיינֶער קֶען זֵיי נִישְׁט הֶעלְפְן נָאר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְקְן וָואס דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אִיךְ וֵוייס אַז דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין חוֹבוֹת וְכוּ', אָבֶּער ווִיסְן זָאלְסְטוּ ווִיסְן ווִיפִיל הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזֶענְטֶער אִידְן לֵיידֶער זֶענֶען פַארְקְרָאכְן גֶעוָוארְן מִיט חוֹבוֹת וָואס זֵיי הָאבְן גֶעוָואלְט קוֹיפְן בִּנְיָנִים אוּן פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְלֵיי גֶעשֶׁעפְטְן וְכוּ', אוּן זֵיי זֶענֶען פַארְפְּלָאנְטֶערְט גֶעוָוארְן מִיט מוֹרָא'דִיגֶע חוֹבוֹת פוּן הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזֶענְטֶער דוֹלַארֶען וְכוּ' וְכוּ', אוּן דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין חוֹבוֹת נָאר וֶועגְן דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אַשְׁרֶיךָ שֶׁנִתְפַּסְתָּ בְּדִבְרֵי תּוֹרָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט 'פוּן וֶועמֶען אִיךְ נֶעם דֶעם גֶעב אִיךְ', אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ ווִיסְן, אַז מֶען בָּארְגְט פַאר'ן רֶבִּינְ'ס וֶועגְן, דַארְף מֶען נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וֶועט דִיךְ צוּרִיק בַּאצָאלְן, אָבֶּער דֶערְוַוייל רַאטֶעוֶועסְטוּ הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזֶענְטֶער בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס זֵיי מוּטְשֶׁען זִיךְ אִין דִי תַּאֲוָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן זֵיי

קֶענֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם, זֵיי זֶענֶען בַּיי זִיךְ אַזוֹי צוּבְּרָאכְן אוּן אַזוֹי עֶלְנְד, אוּן קֵיינֶער אִין דֶער וֶועלְט וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אוֹיף זֵיי גֵייט דוּרְךְ, פוּן דְרוֹיסְן מֵיינְט מֶען וֶוער וֵוייסְט וָואס זֵיי זֶענֶען, אָבֶּער אִינֶעווֵייניג זֶענֶען זֵיי צוּבְּרָאכְן כְּחֶרֶס הַנִשְׁבָּר.

**דַארְפְסְט** וִויסְן אַז דֶער חֵטְא הַמְגוּנֶה הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה דָאס אִיז מְטַמְטֵם אֶת הַלֵב, אוּן סְ'בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דֶעם מֶענְטְשׁ כְּפִירוֹת וְאַפִּיקוֹרְסוּת, אוּן סְ'הַארְגֶעט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן רוֹב עַצְבוּת אוּן בִּיטֶערְנִישׁ, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אַ הַארְץ פוּן אַ מֶענְטְשׁ וְכוּ' וְכוּ', אוּן מְ'דְרֵייט זִיךְ אַרוּם צוּבְּרָאכְן אוּן פַארְצְווֵייפְלְט אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וְכוּ' וְכוּ', אוּן מֶען הָאט סְפֵיקוֹת אִין אֱמוּנָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן וְכוּ' וְכוּ', וָוארוּם וֶוער סְ'אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית דֶער הָאט קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וְכוּ', אוּן קֵיינֶער אִין דֶער וֶועלְט פַארְשְׁטֵייט זֵיי נִישְׁט, נָאר דִי סְפָרִים פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ זִיךְ מוֹרָא'דִיג פְרֵייעֶן וָואס דוּ בִּיסְט אַ שְׁלִיחַ מִצְוָה אוּן דוּ דְרִיקְסְט דִי סְפָרִים.

דוּ וֶועסְט זֶעהְן אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן, אוּן דוּ וֶועסְט אִם יִרְצֶה הַשֵׁם הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע שֶׁפַע, מְ'זָאל הֶערְן בַּיי דִיר שְׁטֶענְדִיג גוּטֶע בְּשׂוֹרוֹת.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תקסה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר תּוֹלְדוֹת כ"ט חֶשְׁוָן התשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

זֶעה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי דִיךְ, וָוארוּם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מִיט דִיר בַּיי דִיר לֶעבְּן דִיר, אַזוֹי הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אִין יֶעדְן פְּרַט אוּן פְּרַט, וּבִפְרַט מִיט מִדַּת הַשִּׂמְחָה, וָוארוּם וֶוען אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ, וּבִפְרָטִיּוּת וֶוען עֶר אִיז מְקַיֵּים אַ מִצְוָה, מִיט דֶעם ווַייזְט עֶר אַז עֶר הָאט אַ רֵיינֶעם הַארְץ, צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א') כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו; אוֹיבּ אַ אִיד טוּט יֶעדֶע מִצְוָה מִיט אַ שִׂמְחָה, אִיז אַ סִימָן עֶר הָאט אַ רֵיין הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מְיַישֵּׁב זַיין דָאס גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּט אִים נָאר וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען גֵיין דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג מִיט מִנְיָן, שַׁחֲרִית, מִנְחָה, מַעֲרִיב, אוּן עֶר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אָמֵן קְדוּשָׁה בָּרְכוּ וְכוּ' וְכוּ', אוּן עֶר זָאגְט יֶעדֶע בְּרָכָה מִיט כַּוָּונַת פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת, אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ גֶעבְּן אַפָּאר פְּרוּטוֹת צוּ צְדָקָה פַארְן דַאוֶוענֶען, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא דַּף י.) רֶבִּי אֶלְעָזָר אֵיידֶער עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען

הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן צְדָקָה, כְּדֵי דִי תְּפִלָּה זָאל נִתְקַבֵּל וֶוערְן; אוּן וֶוען אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ אַז עֶר הָאט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים אַ בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, אוּן עֶר גֵייט מִיט צִיצִית, אוּן עֶר הָאט גֶעלֵייגְט תְּפִילִין, עֶר הָאט אַ מְזוּזָה עַל פֶּתַח בֵּיתוֹ וְכוּ' וְכוּ', מִיט דֶעם קְלֶעבְּט עֶר צוּ זַיין נְשָׁמָה צוּ עֶצֶם עַצְמִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרֵךְ, וָוארוּם דִי מִצְווֹת זֶענֶען אַ חֵלֶק פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס אִיז דֶער רָצוֹן פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם וֶוען אַ אִיד אִיז מְקַיֵים אַ מִצְוָה קְלֶעבְּט עֶר זִיךְ צוּ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, אוּן **שִׂמְחַת הַמִּצְווֹת פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת**, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ד) דָאס אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעפִינְט זִיךְ אִין דִי טוּמְאָה וְכוּ', אוּן עֶר לִיגְט אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן וֶוען עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן עֶר פְרֵיידְט זִיךְ בְּשַׁעַת עֶר אִיז מְקַיֵים אַ מִצְוָה, דוּרְךְ דֶעם גֵייט עֶר אַרוֹיף פוּן עוֹלָם הָעֲשִׂיָּה צוּ עוֹלָם הַיְצִירָה, פוּן עוֹלָם הַיְצִירָה צוּ עוֹלָם הַבְּרִיאָה, פוּן עוֹלָם הַבְּרִיאָה בִּיז עוֹלָם הָאֲצִילוּת, אוּן עֶר וֶוערְט צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דָאס וֶוערְט גֶעטוּהְן דוּרְךְ יֶעדְן אִיד וָואס אִיז מְקַיֵים אַ מִצְוָה, אָבֶּער דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זֵייעֶר מוֹרָא פוּן שִׂמְחַת הַמִּצְווֹת, צוּבְּרֶעכְט עֶר דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן עֶר זָאגְט אִים אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶער זַאךְ צוּ זַיין אַ לֵב נִשְׁבָּר, אָבֶּער עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז מִיט דֶעם כַאפְּט עֶר אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אִין זַיין נֶעץ.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, פְּרֵיי זִיךְ מִיט אַלֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס דוּ הָאסְט, שִׂמְחָה וֶועט דִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶוען אַ אִיד וָואלְט זִיךְ גֶעפְּרֵיידְט מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואלְט מֶען אִים מוֹחֵל גֶעוֶועזְן אַלֶע עֲווֹנוֹת, וָוארוּם מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מוֹחֵל, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן ל"ג) עַל יְדֵי אֱמוּנָה יִסְלַח לְךָ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ; אוּן מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד פְּרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְווֹת וָואס עֶר אִיז מְקַיֵּים, אֲפִילוּ דִי קְלֶענְסְטֶע מִצְוָה וָואס עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז דָאס אִיז אַ קְלֵיינֶע מִצְוָה, מִיט דֶעם וֶוערְט נִתְגַּלָּה בַּיי אִים דִי אֱמוּנָה, וָוארוּם אַנְדֶערְשׁ וָואלְט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעפְּרֵיידְט וְכוּ', מִיט דֶעם אַלֵיין אִיז אִים דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת.

**אִיבֶּערְדֶעם** נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, הֵן אֱמֶת סְ'אִיז אוֹיף דִיר אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען וָואס עֶס אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אִין פְּגַם הַבְּרִית וְכוּ', דוּ בִּיסְט נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אוּן דוּרְכְגֶעפַאלְן וְכוּ' וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דָאךְ פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן פוּן דִי מִינוּט אָן זָאלְסְטוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, אוּן פְרֶעג נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת, מִיט וָואס הָאבּ אִיךְ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ? אוּן פַארְוָואס זָאל אִיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ? דֶער תֵּירוּץ אִיז אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ אִיךְ בִּין אַ אִיד, אִיךְ גְלֵייבּ אוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיךְ בִּין אַ אִיד אִיךְ הָאבּ אַ בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת וָואס דָאס אִיז אַ

צֶלֶם אֱלֹקִים, אִיךְ בִּין אַ אִיד אִיךְ גֵיי מִיט צִיצִית אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעלֵייגְט הַיינְט תְּפִילִין, אוּן אִיךְ הָאבּ אַ מְזוּזָה אוֹיף מַיין טִיר, אוּן אִיךְ הִיט שַׁבָּת, אוּן עֶס כָּשֵׁר וְכוּ' וְכוּ', אוּן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דִי שִׂמְחָה וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן עִמְקֵי הַקְלִיפּוֹת, אוּן וֶועט דִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּ עֶצֶם עַצְמִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, שְׁרֶעק זִיךְ נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי נִישְׁט פַארְלָאזְן, אוּן נִישְׁט ווִי דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם רֶעדְט דִיךְ צוּ אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין הָאפְּֽפֶענוּנְג, דָאס אִיז אַלֶעס נַארִישְׁקֵייטְן אוּן דִמְיוֹנוֹת.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מוֹרָא'דִיג מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף חֻמְרוֹת יְתֵרוֹת וְכוּ', דָאס אַלֵיין וָואס דוּ בִּיסְט שְׁטֶענְדִיג פַארְ'דַאֲגָה'ט אוּן פַארְיָאוּשְׁ'ט וְכוּ' וְכוּ', אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין תַּקָּנָה, דָאס אַלֵיין אִיז דִי עֵצָה פוּן דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם, דִיךְ צוּבְּרֶעכְן, אוּן דִיךְ אוּמְגְלִיקְלִיךְ מַאכְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן בֶּעהְט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ דָאס אִיךְ בִּין אַ אִיד, אוּן גְלֵייבּ אִין דִיר, אוּן אֲפִילוּ אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט וָואס אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן טוּה אִיךְ אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם תְּשׁוּבָה טוּהְן,

דוּ וֵוייסְט רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַז אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ, אוּן אִיךְ ווִיל גָארְנִישְׁט, נָאר טוּהְן דַיין רָצוֹן, נָאר דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז זִיךְ אוֹיף מִיר מִתְגַבֵּר מִיט מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת מִיט הִרְהוּרִים רָעִים, בִּיז אִיךְ קוּם צוּ שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ מִיט אַלֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ אִין מִיר, ווִי נִישְׁט לֵייג אִיךְ תְּפִילִין יֶעדְן טָאג, ווִי נִישְׁט גֵיי אִיךְ אַ גַאנְצְן טָאג מִיט אַ טַלִית קָטָן, אוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אַז צִיצִית אִיז מַצִּיל פוּן נִאוּף, אוּן מְזוּזָה מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ רַייךְ, אוּן דָאס אִיז נָאר וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, אָבֶּער דוּ וֵוייסְט רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַז פוּן רוֹב זִינְד וָואס אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר גֶעזִינְדִיגְט אִיז מִיר זֵייעֶר זֵייעֶר בִּיטֶער, אוּן אִיךְ פַאל אַרַיין אִין עַצְבוּת אוּן אִין דִיפְּרֶעסְיֶע, בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר דָאס פוּן יֶעצְט אָן זָאל אִיךְ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט זָאל מִיר נִישְׁט קֶענֶען פוּן דִיר אַוֶועקְוָוארְפְן אוּן אַרָאפְּוָוארְפְן, אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פָאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס עֶר שַׁיינְט אִין אוּנְז אַרַיין אַ הָאפְּפֶענוּנְג אוּמְקֶערְן זִיךְ צוּ דִיר יֶעדְן טָאג יֶעדֶע שָׁעָה אוּן יֶעדֶע רֶגַע, אוּן אִיךְ בֶּעהְט דִיךְ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דוּ זָאלְסְט אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת הָאבְּן, אִיךְ זָאל קֶענֶען רֶעדְן צוּ דִיר, אוּן דִי תְּפִילָה זָאל נִתְקַבֵּל וֶוערְן לְרַחֲמִים וּלְרָצוֹן, אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין נִכְלָל וֶוערְן אִין דִיר שְׁטֶענְדִיג, אָמֵן סֶלָה.

גְלֵייבּ מִיר וֶוען דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אַזוֹי צוּ רֶעדְן אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועסְטוּ

זָעהְן אַ שִׁינּוּי אִין דַיין לֶעבְּן, נָאר פַאל נִישְׁט אַרָאפּ, אִיךְ ווייס אַז סְ'גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ אַסַאךְ צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, בִּיטֶערְנִישׁ אוּן ווייטָאגְן וְכוּ' וְכוּ', נָאר דֶערְהַאלְט זִיךְ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז דֶער עִיקָר אִיז דֶערְהַאלְטְן זִיךְ, אַ אִיד דַארְף זִיךְ דֶערְהַאלְטְן פוּן אַלֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס סְ'גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, אוּן גֵיין ווייטֶער, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף צוּרִיק, אוֹיב דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן דוּ וֶועסְט גֵיין אוֹיף דֶעם וֶועג, וֶועסְטוּ זַיין דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְּרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תקסו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר תּוֹלְדוֹת כ"ט חֶשְׁוָן התשע"ג

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעהְט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ זָעהְן צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן פַאל נִישְׁט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ, וָוארוּם אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט דוּרְךְ אַנְדֶערֶע צָרוֹת מִיט אַנְדֶערֶע יִסוּרִים, אוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד אִיז אַז עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

**דוּ** זָאלְסְט נִישְׁט מֵיינֶען נָאר אוֹיף דִיר גֵייט דוּרְךְ צָרוֹת, אוֹיף יֶעדְן מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט גֵייט דוּרְךְ פַארְשִׁידֶענֶע בִּיטֶערְנִישְׁן וָואס עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט פָארְגֶעשְׁטֶעלְט, וָוארוּם מֶען פְּרוּבִירְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם כְּפִי זַיין שׁוֹרֶשׁ נְשָׁמָה, אוּן

דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד אִיז אַז עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, עֶר וֶוערְט נִישְׁט צוּפַאלְן, שְׁטֶעל זִיךְ פָאר אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען צֶען בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן לֹא בְּחִינָּם זָאגְן דִי חֲזַ"ל (אָבוֹת פֶּרֶק ה') עֲשָׂרָה נִסְיוֹנוֹת נִתְנַסָּה אַבְרָהָם אָבִינוּ וְעָמַד בְּכֻלָּם לְהוֹדִיעַ חִבָּתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ; עֶר הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן בְּעסֶער, אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִיקִים אַז עֶר הָאט אַרַיינְגֶעגֶעבְּן דֶעם כֹּחַ עַד סוֹף כָּל הַדוֹרוֹת פַאר אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, נָאר דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם צוּבְּרֶעכְט אַ יֶעדְן מֶענְטְשׁ אוּן לֵייגְט אִין אִים אַרַיין אַ יֵאוּשׁ מִיט אַ מָרָה שְׁחוֹרָה, אַזוֹי ווִי עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין תַּקָּנָה, ווַייל עֶר הָאט אַזוֹיפִיל גֶעזִינְדִיגְט וְכוּ' וְכוּ'.

דוּ זָאלְסְט ווִיסְן, דִי אַלֶע מָרָה שְׁחוֹרוֹת קוּמְט נָאר פוּן פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, ווָאס דָאס אִיז אַ בִּיטֶער חֵטְא, ווָאס עֶס פַארְטַאמְט דֶעם מֶענְטְשֶׁ'נְס מֹחַ אוּן דֶעם מֶענְטְשֶׁ'נְס דַעַת, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ זָאגְן נָאכְן דַאוֶוענֶען דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים ווָאס עֶס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "תִּקּוּן הַכְּלָלִי" ווָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען אוֹיף תִּקּוּן הַבְּרִית, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווָאס דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים זֶענֶען, עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן פֵּרוּשִׁים אוֹיף דֶעם, ווָארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַסַאךְ צַדִיקִים הָאבְּן גֶעוָואלְט צוּטְרֶעפְן אַ תִּקּוּן אוֹיף דֶעם, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען, אוּן מִיר הָאט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעהָאלְפְן אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ

תִּקּוּן, מֶען זָאל זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס זֵיי הֵייסְן "תִּקּוּן הַכְּלָלִי", אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט וַוייל עֶס זֶעהְט אוֹיס אַ גְרִינְגֶע זַאךְ צוּ זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, וֶועט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, דָאס וֶועט זַיין מַיין תִּקּוּן? אַז אִיךְ וֶועל זָאגְן צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וֶועל אִיךְ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן? זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וֶועט דִיךְ נִישְׁט לָאזְן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, עֶר וֶועט זָאגְן ס'אִיז צוּ אַ גְרִינְגֶער תִּקּוּן, פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף מִיר אוּן זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁטֶעלְט צְוֵויי עֵדוּת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַהֲרֹן פוּן בְּרֶסְלֶב זִי"ע, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נַפְתָּלִי פוּן נֶעמִרוֹב זִי"ע, וָואס בֵּיידֶע זֶענֶען גֶעוֶוען גָאר גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, עֶמִץ וֶועט זַיין דִי עֵדוּת מַיינֶע, דָאס וֶוער ס'וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין צִיּוּן אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה אוּן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן, אוּן עֶס אִיז מְקֻבָּל בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט אַז דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים קֶען מֶען מֶען זָאגְן אִיבֶּערָאל, יֶעדְן טָאג.

**רֶבִּי** אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זַ"ל וֶוען עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט אַ מֶענְטְשׁ הָאט עֶר גְלַייךְ נָאכְדֶעם גֶעזָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן מ"ג) אַז דָאס הָאעֶךְ וְכוּ', דָאס אָטֶעם וְכוּ', דָאס אֲוִיר פוּן אַ רָשָׁע בְּרֶענְגְט אַרַיין נִאוּף וְכוּ', אוּן אַזוֹי ווִי עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס טוּט זִיךְ מִיט יֶענֶעם מֶענְטְשׁ, פְלֶעגְט עֶר זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים גְלַייךְ

וֶוען עֶר הָאט אָפְּגֶערֶעדְט מִיט אַ מֶענְטְשׁ, אַזוֹי גְרוֹיס אִיז צוּ זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים.

**סְ'אִיז** נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן פְּרוּשִׁים אוֹיף דֶעם, אַזוֹי ווִי לֶעצְטְנְס הָאבְּן זִיךְ גֶעמַאכְט יוּנְגֶעלַייט'לֶעךְ וָואס זֵיי רוּפְן זִיךְ מְקוּבָּלִים וְכוּ', אוּן זֵיי וֵוייסְן פוּן זֵייעֶר חֵיוּת נִישְׁט צוּ זָאגְן וְכוּ', זָאגְן זֵיי פְּרוּשִׁים וָואס עֶפֶּעס דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, אוּן אַנְדֶערֶע טִפְּשִׁים הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין גֶעוַוייגְט צוּצוּלֵייגְן נָאךְ אַ מִזְמוֹר תְּהִלִּים וְכוּ', אַז אָךְ אוּן ווֵיי צוּ אַזֶעלְכֶע פַארְדְרֵייטֶע מוֹחִים וָואס זֵיי זָאגְן פְּשַׁט אִין דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אוּן זֵיי לֵייגְן צוּ אוּן נֶעמֶען אַרָאפּ, אוּן אַנְדֶערֶע הָאבְּן שׁוֹין גֶעמַאכְט אַ קִצּוּר פוּן דֶעם, סְ'אִיז פָּשׁוּט אַ עֵצָה פוּן סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַוֶועקְצוּנֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ נִישְׁט זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת יֶעדְן טָאג וֶוען דוּ בִּיסְט נָאךְ אָנְגֶעטוּהְן מִיט דִי תְּפִילִין גְלַייךְ נָאךְ 'עָלֵינוּ' זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "תִּקּוּן הַכְּלָלִי", וֶועסְטוּ זֶעהְן סְ'וֶועט דֶערְפוּן אַלֶעס פַארְרָאכְטְן וֶוערְן, נָאר נִישְׁט צוּפַאלְן אוּן צוּבְּרָאכְן וֶוערְן בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן, וֶועסְטוּ זֶעהְן גְרוֹיסֶע נִסִים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט דִיר טוּהְן.

**אִיךְ** בֶּעהְט דִיר זֵייעֶר, פָּאלְג מִיר, וֶועסְטוּ נִישְׁט צוּלֵייגְן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט,

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תקסז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר תּוֹלְדוֹת כ"ט חֶשְׁוָן התשע"ג

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רכ"ב) **אַז** אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן אֲפִילוּ עֶס מַאכְט זִיךְ אַז עֶס וֶוערְט אִים בִּיטֶער אוּן פִינְסְטֶער, זָאל עֶר זִיךְ דֶערְמַאנֶען וֶוען סְ'אִיז אִים גֶעגַאנְגֶען גוּט דֶעמָאלְטְס אִיז עֶר גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ, אִיבֶּערְדֶעם זָאל עֶר יֶעצְט אוֹיכֶעט פְרֵיילִיךְ זַיין, וָוארוּם סוֹף כָּל סוֹף וֶועט וַוייטֶער גוּט זַיין, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט מֶען זֶעהְט אַ בְּלִינְדֶער גֵייט נָאךְ, נָאךְ זַיין שְׁטֶעקְן, אוּן עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אַז דֶער שְׁטֶעקְן וֶועט אִים נִישְׁט פַארְפִירְן, פַארְוָואס זָאל דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט גֵיין אוֹיף דִי טֶעג וָואס עֶס הָאט אִים אַמָאל גֶעלָאכְטְן, אוּן עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען מִיט דֶעם דֶערְהַאלְטְן, אַז עֶר וֶועט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט דֶעם, וֶועט אִים אַלֶעס גוּט זַיין.

**זֶעה** צוּ מַאכְן זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, דוּ זָאלְסְט נָאר זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אִיז אַ גְרוֹיסֶער זַאךְ, וָוארוּם מִשְׁנָ"ה אִיז אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָ"ה, וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז שְׁטַארְק אִין זָאגְן יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת וָואס דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו וָואס עֶר אִיז אִין דֶעם אַרַיינְגֶעכַאפְּט

גֶעוואָרְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ל') הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי, אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מִ'שְׁ'נָ'ה', אַז מֶען לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר אַוודַאי הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען מְחַיֶה זַיין, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תקסה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר תּוֹלְדוֹת כ"ט חֶשְׁוָן התשע"ג**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**אִיךְ** ווֵייס נִישְׁט פַארְוָואס דוּ דַארְפְסְט זִיךְ שֶׁעמֶען מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען וְכוּ', מִיר דַארְפְן דַאנְקֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדְן טָאג וָואס עֶר הָאט אַרָאפְּגֶעשִׁיקְט אַזַא נְשָׁמָה בָּזֶה הָעוֹלָם, וָואס נָאר עֶר פַארְשְׁטֵייט דִי אַלֶע צוּבְרָאכֶענֶע אוּן גֶעפַאלֶענֶע אוּן פַארְשְׁטוֹיסֶענֶע נְשָׁמוֹת, אוּן נָאר עֶר קֶען זֵיי אוֹיפְהֵייבְן אוּן בְּרֶענְגְן נָאנְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן נָאר עֶר קֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין דֶעם שְׁוַואכְסְטְן בָּחוּר אוּן אִינְגֶערְמַאן אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, אִיבֶּערְדֶעם פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט פַארְוָואס דוּ דַארְפְסְט זִיךְ

שֶׁעמֶען מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען, אַדְרַבָּה דוּ זָאלְסְט זֶעהְן מְקַיֵּים זַיין וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִילִים קי"ט) "וַאֲדַבְּרָה בְעֵדוֹתֶיךָ נֶגֶד מְלָכִים וְלֹא אֵבוֹשׁ" מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַארְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן'ן ז"ל וָואס הָאבְּן מִיר זִיךְ צוּ שֶׁעמֶען? בִּשְׁבִילֵנוּ נִבְרָא הָעוֹלָם! אִיבֶּערְדֶעם יֶעדְן חִידוּשׁ אוּן יֶעדְן דִיבּוּר וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען צוּ זָאגְן בְּשֵׁם אוֹמְרוֹ, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל הֶעלְפְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין מְגַלֶּה צוּ זַיין אוּן מְפַרְסֵם צוּ זַיין דֶעם דַעַת פוּן רֶבִּי'ן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דוּרְכְדֶעם וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ז)

מִיט דֶעם וָואס מֶען גְרוֹיסְ'ט אוּן מֶען אִיז מְפַרְסֵם דֶעם נָאמֶען פוּן צַדִיק אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דוּרְכְדֶעם וֶוערְט נִתְגַּלָּה דֶער נָאמֶען פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם דֶער צַדִיק זַיין גַאנְצֶער עִנְיָן אִיז נָאר מְגַלֶּה זַיין עֶצֶם עַצְמִיוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, אַז ווִאוִיל אִיז דֶעם וָואס עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, אוּן נַארְט נִישְׁט אַנְדֶערֶע.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תקסט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר תּוֹלְדוֹת כ"ט חֶשְׁוָן התשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר לִי מְאֹד... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעהְט דִיךְ זַייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֶעהְן צוּ דֶערְהַאלְטְן און פַאל נִישְׁט אַרָאפּ, אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט וָואס דוּ בִּיסְט דוּרְכְגֶעפַאלְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט גָאר קַיין יֵאוּשׁ אִיז נִיט פַאר הַאנְדִין (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ח); און עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן, גְּוַואלְד! זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ. (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן מ"ט); און אוּנְזֶערֶע לַייט פְּלֶעגְן זָאגְן אַז דֶעם 'גְּוַואלְד' הֶערְט מֶען נָאךְ בִּיז יֶעצְט.

**עֶס** אִיז גֶעוֶוען צְווִישְׁן אוּנְזֶערֶע לַייט אַ גֶעהוֹיבֶּענֶער מֶענְטְשׁ, וָואס הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קוֹרְדוּנֶער זַ"ל עֶר פְּלֶעגְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין גַאנְצֶעטֶע טֶעג, און גֶעלֶערְנְט מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע הַתְמָדָה, פְּלֶעגְט עֶר זָאגְן, הַיינְט אַז עֶס אִיז דָא דֶער נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה אוֹיף דֶער וֶועלְט, מֶעג שׁוֹין דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם טַאנְצְן פוּן דֶער עֶרְד בִּיז צוּם הִימְל, און פוּן הִימְל בִּיז צוּ דֶער עֶרְד עֶס וֶועט אִים גָארְנִישְׁט נִיצְן, ווִי נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט זַיין הִתְחַזְּקוּת מִיט זָאגְן 'מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין' הָאט עֶר אוּנְז גֶעגֶעבְן כּוֹחוֹת מִיט וָואס זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין.

**גֶעוואוֹין** זִיךְ צוּ, צוּ זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דֶעם זְכוּת פוּן אַ מֶענְטְשׁ

וָואס עֶר זָאגְט אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וָוארוּם מִשְׁנָיוֹת רֵיינִיגְט דִי נְשָׁמָה פוּן מֶענְטְשׁ, מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיוֹת מְשַׁנֶה, עֶס אִיז מְשַׁנֶה דֶעם גַאנְצְן טֶבַע פוּן מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ אֵיינֶער אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, וּבִפְרַט אִין פְּגַם הַבְּרִית, דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען זָאגְט מִשְׁנָיוֹת וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט פוּן דִי תַּאֲוָה, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זֶעהְן צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג זַייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט זָאל דִיר נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זֶעהְן צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה צוּ יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יִשָּׂכָר דּ"ב מִבֶּעלְזָא זי"ע הָאט גֶעזָאגְט דֶעם טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט חוּמָשׁ רַשִׁ"י אִיז מֶען אוֹיסְגֶעזָארְגְט מֶען וֶועט נִישְׁט זִינְדִיגְן, אִיבֶּערְדֶעם מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, כְּדֵי בִּיז פְּרַייטָאג זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ עֶנְדִיגְן שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם אוּן פֵּירוּשׁ רַשִׁ"י, וָואס דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

גֶעווֶואוֹין זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם יֶעדְן דִיבּוּר וָואס מֶען רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אַ זְכוּת פַאר זִיךְ.

אִיךְ בֶּעהְט דִיךְ זַייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן פַאל נִישְׁט אַרָאפּ, וֶועסְטוּ זֶעהְן סוֹף כָּל סוֹף גְרוֹיסֶע זַאכְן.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תקע

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר תּוֹלְדוֹת כ"ט חֶשְׁוָן התשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** בִּין גֶעגַאנְגֶען הַיינְט קוּקְן דֶעם דְרִיק וִוי דוּ דְרִיקְסְט דִי סְפָרִים אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן אִיךְ בִּין מוֹרָא'דִיג נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן, עֶס אִיז מַמָּשׁ ווְאוּנְדֶער אִיבֶּער ווְאוּנְדֶער וִוי אַזוֹי דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען אָפְּצוּדְרִיקְן אִין אַ קוּרְצֶע צַייט הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזֶענְטֶער סְפָרִים וְכוּ' וְכוּ', זָאל דִיךְ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת פוּן אַלֶע חוֹבוֹת, אוּן עֶס זָאל דִיר נִתְרַחֵב וֶוערְן בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת, אוּן דוּ זָאלְסְט קֶענֶען דְרִיקְן אוּן וַוייטֶער דְרִיקְן אוּן וַוייטֶער דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים.

**בִּפְרַט** דִי קוּנְטְרֵסִים אִין אִידִישׁ וָואס מֶען דְרִיקְט לֶעצְטֶנְ'ס פוּן דִי שִׁיעוּרִים אִיז פָּשׁוּט ווְאוּנְדֶער אִיבֶּער ווְאוּנְדֶער, עֶס וֶוערְט צוּכַאפְּט בַּיים בְּרֵייטְן מַאסְן, אוּן דָאס אִיז אַ זְכוּת הָרַבִּים לְדוֹרֵי דוֹרוֹת, וָוארוּם הַיינְט גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם אַזֶעלְכֶע יְרִידוֹת אוּן נְפִילוֹת וְכוּ' וְכוּ', מֶען וֶוערְט צוּבְּרָאכְן פוּן יֶעדֶע זַאךְ וְכוּ', אִינְגֶעלַייט הָאבְּן נִישְׁט קַיין פַּרְנָסוֹת וְכוּ', בָּחוּרִים הָאבְּן שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ', אוּן דַיְקָא דִי קוּנְטְרֵסִים זֶענֶען זֵיי מְחַיֶּה, אוּן גֶעבְּט זֵיי אַרַיין אַ הָאפְפֶענוּנְג אוּן אַ שַׁיין אִין אֱמוּנָה, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעטְ אִיךְ דִיר זֵייעֶר, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן, דוּ זָאלְסְט

זִיךְ שְׁטַארְקְן מֶער אוּן מֶער דְרִיקְן וָואס מֶער קוּנְטְרֵסִים, וֶועסְטוּ זֶעהְן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְּרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תקעא

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר וַיֵּצֵא ו' כִּסְלֵו התשע"ג**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ הַיינְט בַּאזוּכְט דֶעם דְרִיקֶעְרֵיי וואוּ דוּ דְרִיקְסְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן דָאס אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר דֶערְקְוִויקְט מַיין הַארְץ מִיט דֶעם, וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער ווִי סְ'שְׁטֵייעֶן בָּחוּרִים אוּן הֶעלְפְן אַרוֹים דְרִיקְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס זֶענֶען אַ חַיּוּת פַּאר נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל.

**עֶם** אִיז בַּאוואוּסְט ווִיפִיל מְסִירוּת נֶפֶשׁ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע הָאט גֶעהַאט בִּיז עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ דְרִיקֶעְרֵיי בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ, אוּן מֶען הָאט אִים גֶעמַאסֶערְט מִיט אַלֶע מְסִירוֹת וְכוּ', אוּן גָארְנִישְׁט הָאט אִים אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דָאס דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן אַדַאנְק אִים אִיז גֶעבְּלִיבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹצְרֵי אוֹצְרוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס תוֹרוֹת שִׂיחוֹת אוּן מַעֲשִׂיּוֹת וְכוּ', אוּן ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט אַז וֶוען נִישְׁט עֶר וָואלְט נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן פוּן אִים קַיין בְּלֶעטְל שְׁמוֹת, זֶעהְט

מֶען פון דֶעם דָאס גְרויסְקֵייט פון דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וָואס דָאס אִיז אַ זְכוּת לְדוֹרֵי דוֹרוֹת.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֶעהְן זֵייעֶר צוּ שְׁטַארְקְן, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע זְכוּת ווִי מְחַזֵק צוּ זַיין צוּבְּרָאכֶענֶע אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת, און זֵיי צוּרִיקְבְּרֶענְגְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תְּרוּמָה קכ"ח:) תָּא חֲזִי כָּל מַאן דְאָחִיד בְּיָדָא דְחַיָּיבָא, [קוּם און זֶעה, יֶעדֶער וָואס עֶר הַאלְט אָן אִין דִי הֶענְט פון זִינְדִיגֶע] וְאִשְׁתַּדֵל בֵּיהּ לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא, [און עֶר אִיז זִיךְ מִשְׁתַּדֵל זֵיי זָאלְן אָפְּלָאזְן דִי שְׁלֶעכְטֶע וֶועגְן וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעוואוינְט צוּ דֶעם] אִיהוּ אִסְתַּלָק בִּתְלַת סְלוּקִין מַה דְלָא אִסְתַּלָק הָכִי בַּר נַשׁ אַחֲרָא, [עֶר גֵייט אַרוֹיף הוֹיךְ הוֹיךְ אִין דִי עוֹלָמוֹת וָואס אַן אַנְדֶערֶע אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ דֶעם] גָרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא [עֶר אִיז גוֹרֵם מַכְנִיעַ צוּ זַיין דִי סִטְרָא אַחֲרָא] וְגָרִים דְאִסְתַּלָק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, [און עֶר אִיז גוֹרֵם דָאס כַּבְיָכוֹל דֶער נָאמֶען פון בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל זַיין טַייעֶר אוֹיף דֶער וֶועלְט] וְגָרִים לְקַיְימָא כָּל עַלְמָא בְּקִיוּמֵיהּ לְעֵילָא וְתַתָּא, [און עֶר אִיז גוֹרֵם אַז דִי וֶועלְט און יֶענֶע וֶועלְט זָאל הָאבְּן אַ קִיוּם, וָוארוּם אַז מֶען אִיז מְקָרֵב מֶענְטְשְׁן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים און זֵיי אַיינֶערְקֶענֶען אִים, דָאס אִיז דֶער עִיקָר קִיוּם פון דֶער וֶועלְט], וְעַל הַאי בַּר נַשׁ כְּתִיב (מַלְאָכִי ב) "בְּרִיתִי הָיְתָה אִתּוֹ הַחַיִים וְהַשָּׁלוֹם" וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי, וְזָכֵי בְּהַאי עַלְמָא וְזָכֵי לְעַלְמָא דְאָתֵי, [און אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק אַז מַיין בּוּנְד וֶועט

זַיין מִיט אִים און עֶס וֶועט רוּעֶן אוֹיף אִים דָאס לֶעבְּן און דֶער שָׁלוֹם, און עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהְן קִינְדֶער פון זַיינֶע קִינְדֶער, און עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין גְלִיקְלִיךְ צוּ זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט] כָּל מָארֵי דִינִין לָא יָכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ בְּהַאי עַלְמָא וּבְעַלְמָא דְאָתֵי [קַיין שׁוּם מְקַטְרֵג קֶען נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט און נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט] עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי וְלֵית מַאן דִּימְחֵי בִּידֵיהּ [און עֶר גֵייט אַרַיין אִין דִי צְוֶועלְף טוֹיעֶרְן פון אַלֶע צְוֶועלֶעף שְׁבָטִים, און קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁטֶערְן] וְעַל דָא כְּתִיב [און אוֹיף אִים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק] (תְּהִלִּים קי״ב) ״גִּבּוֹר בָּאָרֶץ יִהְיֶה זַרְעוֹ דּוֹר יְשָׁרִים יְבֹרָךְ הוֹן וָעֹשֶׁר בְּבֵיתוֹ וְצִדְקָתוֹ עֹמֶדֶת לָעַד זָרַח בַּחֹשֶׁךְ אוֹר לַיְשָׁרִים״ וְגוֹ׳.

**אִיבֶּערְדֶעם** זֶעה זִיךְ זַייעֶר צוּ שְׁטַארְקְן, און דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ אַוַודַאי שֶׁענְקְן אַ גְרוֹיסְן שֶׁפַע דוּ זָאלְסְט קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פון אַלֶע דַיינֶע חוֹבוֹת, אַז ווארויל אִיז דִיר אוֹיף דִי וֶועלְט, און אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג און אַ פְרֵייְלִיכְן תָּמִיד**

## תקעב

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג׳ לְסֵדֶר וַיֵּצֵא ו׳ כִּסְלֵו התשע״ג**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו, וואוּ דוּ גִיסְט זִיךְ אוֹיס דַיין בִּיטֶער הַארְץ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר אִיבֶּער וְכוּ׳ וְכוּ׳.

זֶעה זיך צו דֶערְהאלְטְן, ס'אִיז נִישְׁט קַיין חָכְמָה אַרָאפְּצוּפַאלְן בַּיי זיך, אוֹיב דו וֶועסְט שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיך זַיין וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ מֶעכְטִיגֶע הַצְלָחָה ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה חֵלֶק ב' סִימָן א') מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ; שִׂמְחָה פַארְבְּרֵייטֶערְט דָאס הַארְץ אַז עֶר זָאל נִישְׁט זַיין אַזוֹי צוּגֶעלֵייגְט.

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן לִיבּ שְׁטֶענְדִיג צוּ קוּקְן אוֹיף אַ פְרֵיילִיך פָּנִים, וּבִפְרַט וֶוען סְ'רֶעדְט זיך פוּן שִׁידוּכִים קוּקְט מֶען אוֹיבּ דֶער בָּחוּר אִיז אַ פְרֵיילִיכֶער בָּחוּר וְכוּ', אַ צוּגֶעלֵייגְטֶער בָּחוּר וְכוּ', וָואס עֶר הָאט אַ זוֹיעֶר פָּנִים וְכוּ', אִיז עֶס נִישְׁט נוֹשֵׂא חֵן בַּיי קֵיינֶעם נִישְׁט, אִיבֶּערְדֶעם דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז זָאלְסְטוּ זֶעהְן נָאר צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, און דו זָאלְסְט הָאבְּן לֶעבְּטִיגְן פָּנִים, אַ שְׁמֵייכְל שְׁטֶענְדִיג זָאל מֶען זֶעהְן אוֹיף דַיין פָּנִים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קנ"ג) וֶוען אַ אִיד הָאט אַ לֶעבְּטִיג פָּנִים אַנְפִּין נְהִירִין, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זֶעהְן אִין זַיין פָּנִים דֶעם פָּנִים פוּן צַדִיק, וָוארוּם דֶער צַדִיק אִיז נִכְלָל אִין דֶעם אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, וָואס בַּיי אִים שְׁטֵייט (דִּבְרֵי הַיָּמִים א' ט"ז) "עוֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ" דָארְטְן אִיז נָאר שִׂמְחָה, נָאר פְרֵיילִיכְקֵייט, קוּמְט אוֹיס אַז דֶער צַדִיק וָואס עֶר אִיז נִכְלָל אִין עֶצֶם עַצְמִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, אִיז עֶר בִּמְצִיאוּת שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, און אַז זַיין תַּלְמִיד וַוייזְט שְׁטֶענְדִיג אַ שְׁמֵייכְל אוֹיפְן פָּנִים אַ לֶעבְּטִיג פָּנִים אַ פְרֵיילִיךְ פָּנִים, קֶען מֶען זֶעהְן אִין זַיין פָּנִים דֶעם פָּנִים פוּן רֶבִּי'ן.

**איבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ זֶעהְן קוֹדֶם כָּל זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן שְׁטֶענְדִיג אַרוּמְגֵיין מִיט אַ שְׁמֵייכְל, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַן אַנְדֶערֶע סָארְט חֵן, אוּן סְ'וֶועט דִיר גֵיין גְרִינְגֶער אַ שִׁידוּךְ אַזוֹי.

**סְ'אִיז** אַזַא שָׁאד, פֵיינֶע גוּטֶע בָּחוּרִים, וָואס זֵיי לֶערְנֶען פְלַייסִיג אוּן זֵיי הָאבְּן גוּטֶע מִדוֹת, אָבֶּער זֵיי גֵייעֶן שְׁטֶענְדִיג מִיט אַ מָרָה שְׁחוֹרָה מִיט אַ זוֹיעֶר'ן פָּנִים וְכוּ', מַאכְן זֵיי אַ שְׁלֶעכְטְן רוֹשֶׁם, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ טוּהְן אַלֶעם אִין דֶער וֶועלְט וָואס דוּ קֶענְסְט, גֵיין שְׁטֶענְדִיג מִיט אַ לֶעבְּטִיג פְרֵיילִיךְ פָּנִים, וֶועסְטוּ הָאבְּן מְצִיאוּת חֵן בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן סְ'וֶועט דִיר גֵיין גְרִינְג אַ שִׁידוּךְ.

מֶען דֶערְצֵיילְט דָאס אַמָאל הָאט דֶער גְרוֹיסֶער בַּעַל מוּסָר רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער זי"ע גֶעזֶעהְן אַ אִיד גֵייט מִיט אַ זוֹיעֶר פָּנִים, צוּבְּרָאכְן וְכוּ', הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט מוּסָר, אִיר וֵוייסְט אַ בּוֹר בִּרְשׁוּת הָרַבִּים אִיז אַ מַזִיק אוּן עֶר אִיז חַיָיב, אַ פָּנִים פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַ רְשׁוּת הָרַבִּים, יֶעדֶער אֵיינֶער מֶעג קוּקְן אוֹיף זַיין פָּנִים, אוּן אוֹיבּ עֶר הָאט אַ זוֹיעֶר פָּנִים, אַ מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיגְן פָּנִים אִיז וֶוער סְ'קוּקְט אוֹיף אִים וֶוערְט עֶר אוֹיכֶעט מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג, קוּמְט אוֹיס זֶענְט אִיר אַ מַזִיק, וָוארוּם אַ פָּנִים מֶעג יֶעדֶער אֵיינֶער קוּקְן, סְ'אִיז דָאךְ אַ רְשׁוּת הָרַבִּים וְכוּ' וְכוּ', אוּן עֶר הָאט אִים גֶעוָואלְט מְרַמֵז זַיין דָאס מֶען טָאר נִישְׁט אַרוּמְגֵיין מִיט אַ זוֹיעֶר פָּנִים, אַדְרַבָּה שְׁטֶענְדִיג וַוייזְן אַ לֶעבְּטִיג פָּנִים, אוּן דָאס מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַן אַנְדֶערְן אִיד, וָואס אִיז אַ גְרוֹיסֶער מִצְוָה.

וֶועה דו זָאלְסְט זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין עֶנְדִיגְן מַסֶכֶת תַּעֲנִית הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, וָוארוּם אַז אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין חַטֹּאות נְעוּרִים וְכוּ' וְכוּ', זָאגְט דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ אוֹיף יֶעדְעס מָאל דַארְף מֶען פַאסְטְן פִיר אוּן אַכְצִיג תַּעֲנִיתִים, אוּן וֶועלְדִיג וִויפִיל אַ בָּחוּר זִינְדִיגְט אִיז נִישְׁטָא גֶענוּג יָארְן עֶר זָאל קֶענֶען פַאסְטְן פִיר אוּן אַכְצִיג תַּעֲנִיתִים, וָוארוּם עֶר דַארְף לוֹיטְן חֶשְׁבּוֹן פַאסְטְן הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזֶענְטֶער תַּעֲנִיתִים, זָאגְן דִי חֲזַ"ל (תַּנְחוּמָא בְּרֵאשִׁית) עוֹנֶג שַׁבָּת כְּאֶלֶף תַּעֲנִיּוֹת, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְעַנֵג בְּשַׁבָּת, אוּן עֶר פְרֵיידְט זִיךְ שַׁבָּת אִיז דָאס חָשׁוּב אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט גֶעפַאסְט טוֹיזֶענְט תַּעֲנִיתִים, וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען זֶעהְן שַׁבָּת זֵייעֶר פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט שִׂמְחַת שַׁבָּת, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ז) דָאס אֲכִילַת שַׁבָּת אִיז כֻּלּוֹ קוֹדֶשׁ כֻּלּוֹ אֱלֹקוּת; אִיבֶּערְדֶעם שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י"ז) מֶען דַארְף זִיךְ נֵייטְן זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, וָוארוּם שִׂמְחַת שַׁבָּת אִיז עוֹלֶה עַל הַכֹּל.

פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן וַוייל דָאךְ יֶעדֶער אֵיינֶער פַאסְטְן, אָבֶּער מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ פַאסְטְן, אִיז דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה מַאכְן אַ סִיוּם אוֹיף מַסֶכֶת תַּעֲנִית, אוּן אַז מֶען חַזֶר'ט דָאס אִיבֶּער הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, אִיז דָאס אַזוֹי וִוי מֶען וָואלְט גֶעפַאסְט טוֹיזֶענְטֶער אוּן טוֹיזֶענְטֶער מָאל, וָוארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זֵייעֶר מוֹרָא פַאר אַ סִיוּם מַסֶכֶת, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים דָאס זַיין נָאמֶען אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת סִ'יוּם מְ'סֶכֶת אֵ'ין

לַ'עֲשׂוֹת, און מִיט דֶעם וָואס אַ בָּחוּר אִיז זוֹכֶה און אִיז מְסַיֵּים הוּנְדֶערְט און אֵיין מָאל מַסֶכֶת תַּעֲנִית, הַארְגֶעט עֶר דֶעם יֵצֶר הָרַע אִינְגַאנְצְן, אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, הֵייבּ אָן צוּ חַזֶר'ן הוּנְדֶערְט און אֵיין מָאל מַסֶכֶת תַּעֲנִית, וֶועסְטוּ זֶעהְן בַּיים סוֹף וֶועסְטוּ אַ חָתָן וֶוערְן, און דוּ וֶועסְט חֲתוּנָה הָאבְּן לְמַזָּל טוֹב.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט דָאס מְקַיֵּים זַיין, וֶועסְטוּ זֶעהְן וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג און אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תקעג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר וַיִּשְׁלַח ט"ו כִּסְלֵו התשע"ג

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן, אוֹיף דִי וֶועלְט מוּז מֶען זִיךְ זֵייעֶר דֶערְהַאלְטְן, עֶס גֵייט אִיבֶּער חֲלִישׁוּת הַדַעַת צַעַר און עַגְמַת נֶפֶשׁ וְכוּ' וְכוּ', יֶעדֶער אֵיינֶער כְּפִי זַיין נִסָּיוֹן וָואס מֶען אִיז אִים מְנַסֶּה פוּן הִימְל, וָוארוּם יֶעדֶער אֵיינֶער גֵייט אִיבֶּער זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, חֲזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ה') עֲשָׂרָה נִסְיוֹנוֹת נִתְנַסָּה אַבְרָהָם אָבִינוּ; אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען צֶען בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים, דָאס דִי צֶען נִסְיוֹנוֹת גֵייט דוּרְךְ אוֹיף יֶעדְן מֶענְטְשׁ יֶעדְן

טָאג, נָאר עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז דָאס אִיז נִסְיוֹנוֹת פְּרִיוואוּנְגֶען פוּן הִימְל זֶעהְן וִויאַזוֹי עֶר וֶועט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

**עַל** פִּי רוֹב אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ, אוּן עֶר וֶוערְט צוּבְּרָאכְן, אוּן עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז סְ׳אִיז עֶק וֶועלְט, פוּן אִים וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין וְכוּ׳, וּבִפְרַט וֶוען עֶר אִיז בֶּאֱמֶת דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, דָאס בְּרֶענְגְט אַריין אִין אַ מֶענְטְשׁ אַ מוֹרָא׳דִיגֶע חוּלְשָׁה וְכוּ׳, אַ מוֹרָא׳דִיגֶע צוּבְּרָאכְנְקֵייט וְכוּ׳, מִידְקֵייט וְכוּ׳, אוּן דֶער עִיקָר קַשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וְכוּ׳, וָוארוּם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט נִכְשָׁל אִין פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן דָאס אִיז מְטַמְטֵם אֶת הַמֹּחַ, מְטַמְטֵם אֶת הַלֵּב, אוּן מֶען וֶוערְט אִינְגַאנְצְן פַארְטַאמְט וְכוּ׳, אוּן מֶען הָאט קַשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן מֶען הָאט קַשְׁיוֹת אוֹיף צַדִּיקִים.

**עֶס** הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַ אִינְגֶערְמַאן דָאס עֶס אִיז אַרוֹיס אַ בִּיכְל אַקֶעגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אוּן דֶער עִיקָר אַקֶעגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן וְכוּ׳, עֶס ווּאוּנְדֶערְט זִיךְ מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק וִויאַזוֹי אִין דֶעם דוֹר נָאךְ צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן זָאל זִיךְ וַואגְן אַ רָאצִיגֶער אִינְגֶערְמַאן וְכוּ׳, אַ לוֹיזִיגֶער פַּארֶעךְ וְכוּ׳, וָואס אִיז דוּרֶעכְגֶעפוּילְט מִיט פְּגַם הַבְּרִית וְכוּ׳ שְׁרַייבְּן אַזֶעלְכֶע מִיאוּסֶע וֶוערְטֶער אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוּן אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן וְכוּ׳.

**אִיךְ** הָאבּ דוּרְכְגֶעקוּקְט דֶעם בִּיכְל וְכוּ׳, עֶס גְרוֹילְט מַמָּשׁ צוּ זֶעהְן וְכוּ׳ ווִי דֶער אִינְגֶערְמַאן אִיז אַ שָׁנָה וּפִירָשׁ וְכוּ׳, עֶר הָאט יָא אַמָאל דוּרְכְגֶעלֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס

סְפָרִים אָבֶּער סְ'איז בַּיי אִים מְקוּיָם גֶעוָוארְן וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא עב:) לֹא זָכָה נַעֲשֵׂית לוֹ סַם הַמָּוֶת; רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן אַזוֹי צוּ שְׁרַייבְּן אוֹיף אַ צַדִיק פוּן פַּאר צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר? מוּז זַיין אַז דֶער אִיז רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן עוֹבֵר אוֹיף אִסוּרֵי כְּרִיתוּת, עֶר אִיז אַ בּוֹעֵל נִדָה וְכוּ', אוֹיסֶערְדֶעם וָואס עֶר קוּקְט אִינְטֶערְנֶעט אוּן אַלֶע שְׁמוּץ, וָוארוּם אַנְדֶערְשׁ קֶען נִישְׁט זַיין אַ מֶענְטְשׁ אִין דִי וֶועלְט אִין דֶעם דוֹר זָאל רֶעדְן אוֹיף צַדִיקִים פוּן פַּאר צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק, מוּז נָאר זַיין אַז עֶר אִיז דוּרֶעכְגֶעפוֹילְט מִיט נִיאוּף, אַנְדֶערְשׁ וָואלְט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעוַואגְט אַזוֹי צוּ רֶעדְן.

**אָפְּגֶערֶעדְט** אַז אַלֶעס אִיז שְׁקָרִים, אוּן עֶר הָאט אַ פַארְגְרָאבְּטְן שֵׂכֶל אוּן עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר רֶעדְט, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן וָואס עֶר שְׁרַייבְּט וְכוּ', נָאר סְ'איז לֵיידֶער הַיינְט דָא שְׁוַואכֶע דוֹרוֹת וָואס מֶען קֶען זֵיי גוּט אָפְּנַארְן, וּבִפְרַט אַז אַ לוֹיזִיגֶער אִינְגֶערְמַאן קֶען שְׁרַייבְּן אַזַא בִּיכֶל וָואס אִיז "טָמֵא טָמֵא יִקְרָא" וְכוּ', וְכוּ', אוּן אַ שְׁפִּין שְׁפֵּייט אוֹיס פוּן זַיין פִּיסְק שְׁפִּינֶען וֶועבֶּעבְטְץ אוּן עֶר כַאפְּט אִין דֶעם אַרַיין פְלִיגְן, אַזוֹי אוֹיכֶעט אַזַא טָמֵא מְטוּמָא קֶען שְׁרַייבְּן אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַזֶעלְכֶע דִיבּוּרִים, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן'ן וְכוּ', וָואס סְ'לָאזְט זִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט אִיבֶּערְצוּשְׁרַייבְּן אוֹיפְן פַּאפִּיר כְּדֵי אִים אוֹיפְצִיוַוייזְן זַיינֶע טְעוּתִים ווִי פַארְגְרֶעבְּט זַיין שֵׂכֶל אִיז וְכוּ', דָאס וַוייזְט אַז עֶר שְׁפֵּייט אוֹיס פוּן זַיין טָמֵא'נֶעם פִּיסְק זַיין צוֹאָה וָואס סְ'לִיגְט אִים אִין קָאפּ, אוּן מִיט דֶעם כַאפְּט עֶר שְׁוַואכֶע מוֹחוֹת וְכוּ'.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) **אַז אַ** מֶענְטְשׁ רֶעדְט אוֹיף הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶער הָאט צוֹאָה אִין קָאפּ, טִינוּף הָאט עֶר אִין קָאפּ וְכוּ', עַיֵּין שָׁם. וְוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (עֵירוּבִין כא:) הַמַּלְעִיג עַל דִבְרֵי חֲכָמִים נִדּוֹן בְּצוֹאָה רוֹתַחַת; אוֹיב אֵיינֶער מַאכְט גֶעשְׁפֶּעט פוּן אֱמֶת'ע צַדִיקִים שַׂרְפֵי מַעְלָה, בִּפְרַט וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען פַאר צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט צוֹאָה רוֹתַחַת אִין זַיין קָאפּ, טִינוּף אִין זַיין מֹחַ, רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבַן, דֶער קוּקְט זִיךְ צַאם אַלֶע טָמֵא'נֶע מַאגַאזִינֶען וְכוּ', אַלֶע טָמֵא'נֶע בִּילְדֶער פוּן אַלֶע מִינֵי גוֹי'אִישֶׁע פְלֶעצֶער וְכוּ', אַנְדֶערְשׁ וָואלְט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעוַואגְט אַזוֹי צוּ שְׁרַייבְּן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט "חָסִיד שֶׁנָּפַל גָרוּעַ מִמְשׁוּמָד" אַז אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ חָסִיד אוּן עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעפַאלְן אִיז עֶר נָאךְ עַרְגֶער פוּן אַ מְשׁוּמָד, וָוארוּם פוּן אַ מְשׁוּמָד וֵוייסְט יֶעדֶער אֵיינֶער זִיךְ אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן, אָבֶּער פוּן אַ חָסִיד גֶעבְּט קֵיינֶער נִישְׁט אַכְטוּנְג, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס לִיגְט בַּיי אִים אִין קָאפּ, פִיל מִיט צוֹאָה, מִיט כְּפִירוֹת אוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת וְכוּ' וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן דֶעם טָמֵא'נֶעם בִּיכְל.

**אִיךְ** הָאבּ זֵייעֶר נִישְׁט קַיין מוֹרָא פוּן אַזֶעלְכֶע טְמֵאִים וּמְטוּמָאִים, אִיךְ בִּין שׁוֹין דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אִין לֶעבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ, גֶעלוֹיבְּט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט דְרֵיי דוֹרוֹת בְּרֶסְלֶבֶע'ר חֲסִידִים, אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אָפּ שׁוֹין אִיבֶּער פוּפְצִיג יָאר פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ צוּשְׁפְּרֵייטְן דִי

תּוֹרָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין טָאג וָואס ס'גֵייעֶן נִישְׁט אַרוֹיס פוּן אוּנְז צֶעגְדְלִיגֶע בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט אוּן זַיי פַּארְפְלֵייצְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, טָאג בַּיי טָאג, נַאכְט בַּיי נַאכְט, וָואךְ בַּיי וָואךְ, חוֹדֶשׁ בַּיי חוֹדֶשׁ, יָאר בַּיי יָאר, אַזוֹי שׁוֹין אִיבֶּער פוּפְצִיג יָאר, אִיז מְמֵילָא אִיךְ שְׁרֶעק זִיךְ נִישְׁט פוּן אַזַא מִין נוֹאֵף וָואס עֶר שְׁרַייבְּט אַזַא טָמֵא'נֶעם בִּיכְל, אַדְרַבָּה אִיךְ וֶועל נָאר גֶעוואוּיר וֶוערְן וֶוער דָאס אִיז וֶועל אִיךְ אִים מְגַלֶּה זַיין, זַיין טָמֵא'נֶעם פַּרְצוּף.

וֶוען מֶען קוּקְט וָואס עֶר שְׁרַייבְּט דָארְטְן זֶעהְט מֶען ווִי פַארְקְרוּמְט עֶר אִיז וְכוּ', עֶר זָאגְט אִין מַיין נָאמֶען אַז אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן אַז אִין אֵיין טָאג הָאט אֵיינֶער גִיעֶנְדִיגְט צֶעגְדְלִיגֶער מָאל מִשְׁנָיוֹת, אוּן צֶעגְדְלִיגֶער מָאל מַסֶּכֶת תַּעֲנִית, אוּן עֶר מַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ וְכוּ', דֶער טָמֵא מְטוּמָא, דֶער נוֹאֵף וְכוּ', דַארְף נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְלֵייעֶנְען דֶעם בְּרִיוו וָואס דָארְטְן שְׁטֵייט.

אִיךְ שְׁרַייבּ דָארְט צוּ אֵיינֶעם, אַז אַ חָתָן אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר בַּיי זַיין חֲתוּנָה אוּן הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז בִּיז צוּ זַיין יוֹם הַחוּפָּה הָאט עֶר גִיעֶנְדִיגְט פוּפְצִיג מָאל מַסֶּכֶת תַּעֲנִית אוּן זִיבֶּעצִיג מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה. קוּמְט עֶר אוּן פַארְדְרֵייט מַיינֶע וֶוערְטֶער, כְּאִילוּ אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן אַז דֶער חָתָן הָאט דָאס אַלֶעס גִיעֶנְדִיגְט אִין אֵיין טָאג, אוּן עֶר מַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן אַז ס'אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ עֶנְדִיגְן אִין אֵיין טָאג פוּפְצִיג מָאל מַסֶּכֶת תַּעֲנִית וְכוּ', הָאבּ אִיךְ דֶען גֶעשְׁרִיבְּן אַז עֶר הָאט דָאס אַלֶעס מְסַיֵּים גֶעוֶוען אִין אֵיין טָאג? אִיךְ

הָאבּ דָארְט אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט ווִי אַ בָּחוּר וָואס נִיצְט אוֹיס גוּט דִי צַייט אִין זַיינֶע בָּחוּרִישֶׁע יָארְן קֶען זוֹכֶה זַיין אוּן עֶנְדִיגְן צוּ זַיין חֲתוּנָה אַזוֹיפִיל וְכוּ'.

**אַוַודַאי** אוּן אַוַודַאי אִיז דָאס מֶעגְלִיךְ, אַ בָּחוּר וָואס עֶר שְׁטֵייט שׁוֹין אוֹיף פַּארְטָאגְס פִיר אַזֵייגֶער אוּן לֶערְנְט פְלֵייסִיג אַגַאנְצְן טָאג אַ מַסֶכֶת דַף נָאךְ דַף, פֶּרֶק נָאךְ פֶּרֶק, אוּן עֶר אִיז מְסַיֵים אֵיין מָאל אוּן עֶר הֵייבְּט אָן נָאכְאַמָאל, אוּן אַזוֹי חַזֶר'ט עֶר אוּן עֶר בְּרֶענְגְט נִישְׁט אָן דִי צַייט, אוּן עֶר לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג, נָאךְ אַ פֶּרֶק אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַתְמָדָה, אַוַודַאי קוּמְט מֶען אָן, אַוַודַאי קֶען מֶען מְסַיֵים זַיין, בָּרוּךְ הַשֵׁם דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען מִיט תַּלְמִידִים וָואס זֵיי הָאבְּן מְסַיֵים גֶעוֶוען הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל מַסֶכֶת תַּעֲנִית, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעטְרָאפְן זֵייעֶר בַּת זוּג, בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס זֵיי לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן, אוּן זֵיי זֶענֶען מְסַיֵים אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל וְכוּ', זֵיי בְּרֶענְגְן נִישְׁט אָן דִי צַייט אַזוֹי ווִי דֶער נוֹאֵף דֶער טָמֵא מְטוּמָא וָואס אִיז פִיל טִינוּף אִין קָאפּ, וָואס עֶר הָאט אִינְזִינֶען נָאר שְׁמוּץ, אוּן רֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע שָׁעָה'ן אִיבֶּער שָׁעָה'ן, אוֹיפְצִיוַוייזְן אַז מִיט זַיין פַארְקְרִימְטְן קָאפּ אִיז עֶר גֶערֶעכְט רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבַן, אַוַודַאי וֶועט עֶר נִישְׁט קֶענֶען מְסַיֵים זַיין אֲפִילוּ אֵיין פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, אוּן אֵיין דַף גְמָרָא אַ טָאג.

**לְעוֹלָם** וָואלְט אִיךְ דָאס נִישְׁט גֶעדַארְפְט אֲפִילוּ שְׁרַייבְּן פַאר דִיר, נָאר וָואס דֶען? ווַייל דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז ס'אִיז דִיךְ מְבַלְבֵּל, אוּן אַפָאר בָּחוּרִים אִיז דָאס

אויבֶעט מְבַלְבֵּל, מוז איך דָאס אִיבֶּערְשְׁרַייבְּן און עֶנְק אויפְמַאכְן דֶעם שֵׂכֶל ווי מֶען קֶען הַיינְט פַארְקְרוּמֶען דֶעם מֹחַ און דֶעם דַעַת.

**עֶס** אִיז שׁוין דָא אַ נַייעֶ זַאך, ווי אֵיינֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען מַיין תַלְמִיד אַפָּאר יָאר און נָאכְדֶעם אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל מְקוּבָּל און מְפוּרְסָם אויף דֶער וֶועלְט, און פְלֶעגְט קוּמֶען בַּיים אָנְפַאנְג דַאוֶוענֶען בַּיי מִיר אִין אוּמַאן אַפָּאר יָאר, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ אֵייגֶענֶעם מִנְיָן, בִּיז דָאס גֵיאוּת אִיז אִין אִים אַרַיין, און עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶעגְרֶעדְט מִיט זַיינֶע דִמְיוֹנוֹת אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז שׁוין נִישְׁטָא אִין אוּמַאן, און מֶען הָאט אִים אַרִיבֶּערְגֶעפִירְט אויף הַר צִיוֹן און דָארְטְן לִיגְט עֶר וְכוּ' וְכוּ'.

**סְ'אִיז** אִיבְּרִיג צוּ אויפְוַוייזְן דִי שְׁטוּת, וָוארוּם עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, אוֹיבּ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז נִישְׁטָא אִין אוּמַאן, וָואס הָאט עֶר דָארְטְן גֶעטוּהְן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה? און אוֹיבּ עֶר אִיז יָא דָארְטְן, וָואס אִיז עֶר אַוֶועקְגֶעפָארְן פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה וְכוּ', און אוֹיבּ עֶר הָאט מַשִּׂיג גֶעוֶוען מִיט זַיין פַארְקְרִימְטְן קָאפּ אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לִיגְט שׁוין אִין הַר צִיוֹן, קֶען עֶר אֶפְשָׁר אָנְוַוייזְן וואוּ דֶער קֵבֶר אִיז? וֶוער הָאט אִים אַרִיבֶּער גֶעפִירְט? פַארְיָארְן תשע"ב רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז נָאךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוֶוען אִין אוּמַאן, פַאר צְוֵויי יָארְן תשע"א אִיז נָאךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוֶוען אִין אוּמַאן, וְכוּ', וְכוּ', און אֲפִילוּ דֶעם עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז עֶר נָאךְ גֶעוֶוען אִין אוּמַאן, און נָאכְדֶעם

אִיז עֶר אַוֶועקְגֶעפָּארְן וַוייל זַיין הַשָּׂגָה הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין נִישְׁט דָארְטְן, זֶעהְסְט נִישְׁט וָואסֶערֶע פַּארְקְרִימְטְן מֹחַ עֶר הָאט, אוּן מֶענְטְשְׁן זֶענֶען טַאקֶע מְבוּהָל אוּן מְבוּלְבָּל פוּן זַיין דֵיעוֹת כּוֹזְבוֹת, אִיבֶּערְדֶעם מוּז אִיךְ דִיר דָאס אָפְּשְׁרַייבְּן, וָוארוּם הַיינְט אִיז דָא אַזֶעלְכֶע קְלֵיינֶע מוֹחוֹת וָואס מֶען קֶען זֵיי זֵייעֶר אַיינְרֶעדְן, בִּפְרַט מִיט לְשׁוֹנוֹת פוּן קַבָּלָה וֶוערְן אִינְגֶעלַייט זֵייעֶר נִמְשָׁךְ נָאךְ דֶעם, אִיבֶּערְדֶעם מוּז אִיךְ דָאס שְׁרַייבְּן אוּן אִיבֶּערְרֶעדְן, כְּדֵי אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דִי שְׁטוּת פוּן מֶענְטְשְׁ'נְס קָאפּ.

אִיךְ הָאבּ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים נָאךְ שְׁרַייבְּן פוּן דֶעם זֵייעֶר אַסַאךְ, אוּן אוֹיסְבְּרֵייטֶערְן.

דֶערְוַוייל זָאלְסְטוּ זֶעהְן זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, זָאלְסְט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגּוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, דוּ זָאלְסְט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ דַפִּין גְמָרָא.

סְ'אִיז דָא בָּחוּרִים וָואס זֵיי זֶענֶען נִכְשָׁל גֶעוָוארְן מִיט בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע חַטֹּאוֹת נְעוּרִים, וָואס דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף אוֹיף יֶעדְן מָאל פַּאסְטְן פ"ד תַּעֲנִיתִים, פִּיר אוּן אַכְצִיג תַּעֲנִיתִים. וֶוער הָאט כֹּחַ צוּ פַּאסְטְן אַזוֹיפִיל תַּעֲנִיתִים, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט דִי בָּחוּרִים זָאלְן כָּאטְשֶׁע אִיבֶּער חַזֶר'ן מַסֶכֶת תַּעֲנִית הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, אוּן סְ'וֶועט חָשׁוּב זַיין אַזוֹי וִוי זֵיי וָואלְטְן גֶעפַּאסְט הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזֶענְטֶער תַּעֲנִיתִים,

וָוארום דִי חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא בְּרֵאשִׁית) עוֹנֶג שַׁבָּת כְּאֶלֶף תַּעֲנִיּוֹת; אַז אֵיינֶער אִיז זִיךְ מִתְעַנֵּג אִין שַׁבָּת אִיז אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט גֶעפַאסְט טוֹיזֶענְט תַּעֲנִיתִים. יֶעצְט מַאךְ מִיר דֶעם חֶשְׁבּוֹן, אַז אֵיינֶער הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען אַ מַסֶּכֶת קֶען עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת וָואס אִיז נָאר דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, וִוי ס'שְׁטֵייט אִין תִּקוּנֵי זוֹהַר (הַקְדָּמָה) כָּל מַאן דְזָכָה לַהֲלָכָה חַד יָרִית עַלְמָא חַד, כָּל שֶׁכֵּן מַאן דְזָכָה לְמַסֶכְתָּא חַד; אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוּן עֶר הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען אֵיין מַסֶּכֶת, גֶעבְּט מֶען אִים אַ גַאנְצְן עוֹלָם וְכוּ', וָואס הֵייסְט אַ עוֹלָם, אַ וֶועלְט, אַ זִין, מִיט אַ לְבָנָה, מִיט בִּילְיָאנֶען שְׁטֶערְן וָואס מֶען קֶען גָארְנִישְׁט דָאס אָפְּצֵיילְן, אוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז דָא זִיבְּן אוּן אַ הַאלְבּ בִּילְיָאן מֶענְטְשְׁן, אוּן חַיוֹת וָואס מֶען קֶען גָארְנִישְׁט אָפְּצֵיילְן, אוּן בֵּיימֶער, מִיט טָאלְן, מִיט בֶּערְג, מִיט וַואסֶערְן אוּן טַייכְן וָואס מֶען קֶען גָארְנִישְׁט אָפְּרֶעכֶענֶען, דָאס אִיז בְּגַשְׁמִיוּת, אוּן דָאס בַּאקוּמְט אַ מֶענְטְשׁ בְּרוּחָנִיוּת אוֹיף אֵיין מַסֶּכֶת וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט, קֶען מֶען זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן וֶוען אֵיינֶער הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען אַ מַסֶּכֶת, וָואס עֶר בַּאקוּמְט אִין דִי עוֹלָמוֹת הָעֶלְיוֹנִים, טְרִילְיָאנֶען וְכוּ' וְכוּ' מַלְאָכִים אוּן אוֹפַנִים אוּן שְׂרָפִים פַאר אֵיין מַסֶּכֶת, מִכָּל שֶׁכֵּן אַז עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלֶערְנְט דִי מַסֶּכֶת הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן זַיין שְׂכַר, אִיבֶּערְדֶעם וואויל אִיז דִי בָּחוּרִים וָואס זֵיי פָאלְגְן, אוּן זֵיי וֵוייסְן זֵיי זֶענֶען דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט חַטֹּאוֹת נְעוּרִים, זָאלְן זֵיי אִיבֶּערְזָאגְן מַסֶּכֶת תַּעֲנִית הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, וֶועט זֵיי דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַוַודַאי הֶעלְפְן.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אוּנְז שִׁיקְן דֶעם גוֹאֵל צֶדֶק, מִיר זָאלְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן דִי פַארְקְרִימְטֶע מִיסְיָאנֶערְן וָואס זֵיי זֶענֶען טְמֵאִים וּמְטוּמָאִים, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט "חָסִיד שֶׁנָּפַל גָּרוּעַ מִמְּשׁוּמָד" וַוייל דִי מִיסְיָאנֶערְן וֵוייסְן נִישְׁט מֶענְטְשְׁן פוּן זֵיי זִיךְ צוּ הִיטְן, מֶען מֵיינְט אַז דָאס אִיז אַ חֲסִידִישֶׁע אִינְגֶערְמַאן וְכוּ', אוּן וֶוער זָאגְט נָאךְ אַז עֶר אִיז אַ בְּנֶשֶׁ"ק, אַ בְּנָן שֶׁל קְדוֹשִׁים, גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַוַדַאי נִישְׁט אַכְטוּנְג פוּן אִים, אָבֶער דֶער אֱמֶתְ'ן אַרַיין אִיז עֶר דוּרֶעכְגֶעפוֹילְט מִיט כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, דוּרֶעכְגֶעפוֹילְט מִיט נִיאוּף, מֶען דַארְף זִיךְ גָארְנִישְׁט שְׁרֶעקְן פוּן אִים.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## תקעד

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר וַיִּשְׁלַח ט"ו כִּסְלֵו התשע"ג**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעהְט דִיךְ זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֶעהְן צוּ דֶערְהַאלְטְן, בָּאטְשֶׁע אִיךְ הָאבּ דִיר דָאס שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן עֶטְלִיכֶע מָאל, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן זָאגְן דִי חֲזַ"ל (קִדּוּשִׁין ל׳) בְּכָל יוֹם וָיוֹם יִצְרוֹ שֶׁל אָדָם מִתְחַדֵּשׁ עָלָיו וּמְבַקֵּשׁ לַהֲמִיתוֹ; יֶעדְן טָאג אִיז זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע מִתְגַּבֵּר אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אוּן עֶר וִויל אִים

טוּיטְן בְּגַשְׁמִיוּת וּבְרוּחָנִיוּת, בְּגַשְׁמִיוּת וְויל עֶר אִים אַרַיינְוַואַרְפְן אִין צָרוֹת מִיט חוֹבוֹת, מִיט דִיפְּרֶעסְיֶע וְכוּ' וְכוּ', אוּן בְּרוּחָנִיוּת אִים גוֹרֵם זַיין אַזַא מִין חֲלִישׁוּת הַדַעַת אַז עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען דַאוֶוענֶען דִי דְרַיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען זִיךְ קוֹבֵעַ עִתִּים לַתּוֹרָה זַיין, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אוּן אֵיינְס אָדֶער צְוַויי פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אָדֶער אַ דַף גְמָרָא, אָדֶער אַ סִימָן טוּר בֵּית יוֹסֵף אוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, וְכוּ', וְכוּ', דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם צוּבְּרֶעכְט יֶעדְן אֵיינֶעם בְּגַשְׁמִיוּת אוּן בְּרוּחָנִיוּת, אוּן עֶר רַייסְט אִים אָפּ פוּן זַיין שׁוֹרֶשׁ, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן יֶעדְן טָאג יֶעדֶע שָׁעָה אוּן יֶעדֶע רֶגַע נַייעֶ הִתְחַזְקוּת, אוּן דָאס בַּאקוּמֶען מִיר פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק דוּ זָאלְסְט זִיךְ דֶערְפְרִישְׁן מִיט דַיין הִתְקָרְבוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ב) דָאס הִתְקָרְבוּת צוּם צַדִיק דַארְף זַיין יֶעדְן טָאג פְּרִישׁ נַיי.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד רֶבִּי יוּדְל זי"ע, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ הֶעכֶערֶע סָארְט מֶענְטְשׁ, אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי פִּנְחָס מִקָארִיץ זי"ע, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ עֶלְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אָבֶער עֶר אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ אִים מִיט אַ גָאר אַ גְרוֹיסְן הִתְבַּטְלוּת, יֶעדֶעס יָאר וֶוען עֶר פְלֶעגְט פָארְן אוֹיף אוּמַאן פְלֶעגְט עֶר אַדוּרְךְ פָארְן דִי שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, אוּן עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זי"ע, אוּן ס'פְלֶעגְט זִיךְ

צַאמְקוּמֶען אַ עוֹלָם פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט לְכָבוֹד דֶעם, אוּן עֶר פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן יֶעדֶעס מָאל זַיין הִתְקַרְבוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פוּן נֵיי, אוּן עֶר פְלֶעגְט אוֹיסְלָאזְן דֶעם סִיפּוּר, 'אִיר מֵיינְט אַז דָאס אִיז בַּיי מִיר אַן אַלְטְן סִיפּוּר? דָאס אִיז בַּיי מִיר פְרִישׁ נֵיי'.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם ווִי מֶען דַארְף זִיךְ בַּאנֵייעֶן יֶעדֶעס מָאל מִיטְן הִתְקַרְבוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער ווֶעלְט זָאל אוּנְז נִישְׁט קֶענֶען צוּבְּרֶעכְן אוּן מַחֲלִישׁ דֵעָה זַיין.

דִי זָאלְסְט ווִיסְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ווִיל אוּנְז צוּבִּינְדֶען צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן שַׁיינְט אִין אוּנְז אַרַיין גִילוּי אֱלֹקוּת אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ עֶצֶם עַצְמִיוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין נִכְלָל ווֶערְן אִין עֶצֶם אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן פַאר דִי אוֹיגְן אֲמִתַּת מְצִיאוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דֶער ווֶעלְט זָאל אוּנְז נִישְׁט קֶענֶען צוּבְּרֶעכְן, ווָאס דָאס אִיז דֶער תַּכְלִית ווָאס מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען בָּזֶה הָעוֹלָם, מַכִּיר זַיין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן רֶעדְן צוּ אִים אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַן אֱמֶת'ן גוּטְן פְרַיינְד, אוּן דָאס אִיז צוּגֶעבִּינְדְן צוּ אֱמוּנָה, ווָארוּם ווָאס מֶער אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר שְׁפִּירְט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים, לֶעבְּן אִים, אַזוֹי ווֶעט עֶר רֶעדְן מִיט אִים, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ב) ווֶען אַ אִיד זָאל הָאבְּן דֶעם אֱמֶת'ן אֱמוּנָה אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא

פַאר אִים וָואלְט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּ אִים, נָאר מַחֲמַת מֶען הָאט נִישְׁט דִי שְׁלֵימוּת'דִיגֶע אֱמוּנָה, מֶען מֵיינְט כַּבְיָכוֹל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְשְׁטֶעקְט זִיךְ עֶרְגֶעץ אִין דִי עוֹלָמוֹת וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם קֶען מֶען נִישְׁט מִתְפַּלֵל זַיין, אוּן מֶען אִיז זִיךְ מִתְרַשֵׁל מִיט תְּפִלָּה וְכוּ' וְכוּ', גֶעבְּט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַן עֵצָה אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ שׁוּלְחָן עָרוּךְ, הֲלָכָה, וָואס דָאס בִּינְדְט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת אִין לִימוּד שׁוּלְחָן עָרוּךְ, זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען מְחַבֵּר רַמָ"א פוּן אָנְפַאנְג אוֹרַח חַיִּים, יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, אַ סִימָן, צְוֵויי סִימָנִים, אָדֶער מֶער, בִּיז דוּ וֶועסְט מְסַיֵּים זַיין גַאנְץ אוֹרַח חַיִּים, וֶועסְטוּ אָנְהֵייבְּן יוֹרֶה דֵעָה, וֶוען דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן יוֹרֶה דֵעָה וֶועסְטוּ אָנְהֵייבְּן אֶבֶן הָעֶזֶר, דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן אֶבֶן הָעֶזֶר וֶועסְטוּ אָנְהֵייבְּן חוֹשֶׁן מִשְׁפָּט, אַזוֹי זָאלְסְטוּ דוּרְכְגֵיין ד' חֶלְקֵי שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל, וָוארוּם מְחַבֵּר רַמָ"א הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי"ע גֶעזָאגְט אִיז נִתְחַבֵּר גֶעוָוארְן מִיט רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, אוּן דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער 'שׁוּלְחָן עָרוּךְ הַקְּטַנִּים', וָוארוּם דֶעמָאלְט אִיז דָאס גֶעוֶוען גֶעדְרִיקְט אִין אַ קְלֵיין פָארְמַאט נָאר מְחַבֵּר רַמָ"א, אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מְחַבֵּר רַמָ"א וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגֶע אֱמוּנָה.

**זֶעה** דִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ הֶעלְפְן דוּ וֶועסְט אַלֶעם דוּרְכְקוּמֶען.

**הַמְּאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# תקעה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר וַיִּשְׁלַח ט"ו כִּסְלֵו התשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דָאס** וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט דָאס דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען וְכוּ', עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט סְ'אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ חָסִיד צוּם הֵיילִיגְן "צֶמַח צֶדֶק" זי"ע אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט, רֶבִּי, וָואס טוּט מֶען אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען? רוּפְט זִיךְ אָן דֶער צֶמַח צֶדֶק זי"ע, לֶערְנְט מֶען אָן חֵשֶׁק, אַדְרַבָּה אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען, לֶערְנְט מֶען אָן חֵשֶׁק, מֶען אִיז נִישְׁט פָּטוּר פוּן לִימוּד הַתּוֹרָה. אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט וָואס זָאל אִיךְ טוּהְן אַז אִיךְ הָאבּ יָא חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען, לֶערְן אִיךְ.

**זֶעהְט** מֶען פוּן דֶעם אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְ נֵייטְן לֶערְנֶען אֲפִילוּ סְ'קוּמְט אִים אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, דֶער תַּנָא זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ה') לְפוּם צַעֲרָא אַגְרָא; וִויפִיל צַעַר מֶען הָאט אַזַא שְׂכַר בַּאקוּמְט מֶען, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אָן שְׁוֶוער צוּ לֶערְנֶען, אוּן עֶר לֶערְנְט פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע עַקְשָׁנוּת, בַּאקוּמְט עֶר גְרוֹיס שְׂכַר, אֲפִילוּ סְ'קוּמְט אִים אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער.

דוּ זָאלְסְט וִויסְן, אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט פוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית אִיז עֶר אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט קְלִיפּוֹת, אוּן דִי קְלִיפּוֹת הָאבְּן

זַייעֶר מוֹרָא פוּן תוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, וָוארוּם דִי תוֹרָה פַארְבְּרֶענְט דִי קְלִיפּוֹת, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ סֵדֶר אִין זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט, אוּן הָאבּ נִישְׁט קַיין הִתְפַּעֲלוּת פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט וָואס זֵיי זָאגְן אַז עֶס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, זָאלְסְט זָאגְן יֶעדְן טָאג זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, מִיט דֶעם וֶועסְטוּ פַארְבְּרֶענֶען דִי קְלִיפּוֹת וָואס דוּ הָאסְט בַּאשַׁאפְן מִיט דַיינֶע עֲווֹנוֹת.

**מִשְׁנָ"ה** אִיז דִי אוֹתִיוֹת מ'שֶׁ'ה' נ', דָאס הֵייסְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְקוּמֶען צוּם שַׁעַר נ', אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ו) מֹשֶׁה אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מַ'חְלוֹקֶת שַׁ'מַאי הִ'ילֵל, וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען דִי תַּנָּאִים וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען דִי יְסוֹד פוּן מִשְׁנַיוֹת.

**אִיבֶּערְדֶעם** זֵיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, אוּן דוּ זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (מִדְרָשׁ תַּלְפִּיּוֹת) דָאס אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט עַל פִּתְחוֹ שֶׁל גֵיהִנּוֹם, אוּן וֶוער עֶס לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת וֶוען עֶס קוּמֶען דִי מַלְאֲכֵי חַבָּלָה נֶעמֶען דִי נְשָׁמָה אַרַיינְלֵייגְן אִין גֵיהִנּוֹם לָאזְט עֶר נִישְׁט אַרַיין, עֶר זָאגְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ בַּאלַאנְגְט צוּ מִיר, דֶער חִידָ"א בְּרֶענְגְט אַ רֶמֶז אוֹיף דֶעם (בְּרֵאשִׁית מ"ט) "מֵאָשֵׁר שְׁ'מֵ'נָ'ה' לַחְמוֹ" שְׁמֵנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיוֹת מִשְׁנָ"ה, אָשֵׁר אִיז מְמוּנֶה אוֹיף דִי וָואס זֵיי לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת אַז מֶען זָאל נִישְׁט דַארְפְן נֶענֵשׁ וֶוערְן, אִיבֶּערְדֶעם זֵיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, כַאפּ אַרַיין יֶעדְן טָאג פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן, דוּ וֶועסְט זוֹכֶה

זַיין אַרויסְצוּגַיין פוּן דֶעם פִינְסְטֶערְנִיש, דוּ וֶועסְט נָאךְ קֶענֶען הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן, דוּ וֶועסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן וֶוער נִישְׁט צוּפַאלְן.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

## תקעו

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר וַיִשְׁלַח ט"ו כִּסְלֵו התשע"ג**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו וָואס דוּ בַּאקְלָאגְסְט זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט יֶעצְט אִין קַטְנוּת הַמּוֹחִין וְכוּ', אוּן דוּ בִּיסְט פִיל מִיט חוֹבוֹת וְכוּ'.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דוּ דַארְפְסְט זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין אוּן זַיין זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם אַלֶע צָרוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט אִיז נָאר מֵחֲמַת עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה וָואס עֶס נֶעמְט אִים אַרוּם, אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ זַיין, אוּן אַז עֶר הָאט נִישְׁט מִיט וָואס פְרֵיילִיךְ צוּ זַיין וְכוּ', זָאל עֶר זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי", ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י') דָאס דוּרְךְ שִׂמְחָה קוּמְט מֶען צוּ יִשּׁוּב הַדַעַת, וָוארוּם פַארְוָואס זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי וַוייט פוּנֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וַוייל מֶען פַאלְט בַּיי זִיךְ אַרָאפּ מִיט חֲלִישׁוּת הַדַעַת, אוּן מֶען שְׁפִּירְט אַז מֶען אִיז גָארְנִישְׁט, אָבֶּער וֶוען אַ אִיד אִיז

פְרֵיילִיךְ, דֶעמָאלְטְס קוּמְט עֶר צוּ גַדְלוּת הַמּוֹחִין, און טָאמֶער הָאט עֶר נִישְׁט מִיט וָואס פְרֵיילִיךְ צוּ זַיין, זָאל עֶר זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי" וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה, ווארוּם דָאס אִיז אַ שִׂמְחָה דִלְעֵילָא, ווארוּם מֶען הָאט מִיר בַּאשַׁאפְן אַ אִיד, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט גֶעטוּהְן צוּ דֶעם, און מִיט דֶעם קֶען זִיךְ יֶעדֶער אִיד זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן דָאס שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי, וָואס קוּמְט נָאר מִצַד נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל וָואס זֵיי זֶענֶען בְּנֵי הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אַזוֹי ווִי סְ'שְׁטֵייט "בָּנִים אַתֶּם לַהֲוָיָ"ה אֱלֹקֵיכֶם". (דְבָרִים י"ד)

**דֶער** הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רֶב זי"ע פְלֶעגְט זִיךְ שְׁטֶעלְן דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג בַּיים עָמוּד מִיט אָנְהֵייבְּן זָאגְן בִּרְכוֹת הַשַׁחַר, אֵיינְמָאל זָאגְנְדִיג דִי בְּרָכוֹת הָאט עֶר פַארְפֶעלְט דִי בְּרָכָה "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", וֶוען עֶר הָאט גִיעֶנְדִיגְט גֵייט צוּ צוּ אִים אַ פָּשׁוּטֶער אִיד און עֶר זָאגְט אִים, רֶבִּי אִיר הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט אֵיין בְּרָכָה "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי" הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רֶב זי"ע אָנְגֶערוּפְן מֵרוֹב עַנְוְתָנוּתוֹ, אִיךְ בִּין הַיינְט אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁפִּירְט אַז אִיךְ בִּין דֶער אַרְגְסְטֶער נְשָׁמָה וָואס אִיז נָאר גֶעוֶוען בָּזֶה הָעוֹלָם, און אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וָואס זִיךְ מְחַיֶה צוּ זַיין, און דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט מִיר גֶעוָואלְט אִינְגַאנְצְן צוּבְּרֶעכְן, און מַאכְן פוּן מִיר אוֹיס וְכוּ', גָארְנִישְׁט וְכוּ', הָאבּ אִיךְ זִיךְ גְלַייךְ גֶעכַאפְּט און גֶעזָאגְט דִי בְּרָכָה "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", דָאס ווִי נִישְׁט בִּין אִיךְ בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אַ אִיד, און מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין מִיר חַיוּת.

וֶועהְט מֶען פוּן דֶעם אַז אֲפִילוּ אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִיק וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי"ע וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִים אָנְגֶערוּפְן "פְּאֵר הַדוֹר" דֶער תְּפִילִין פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, הָאט נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וָואס זִיךְ מְחַיֶה זַיין אוּן מְחַזֵק זַיין זִיךְ, נָאר מִיט דֶעם "שֶׁלֹא עָשַׂנִי גוֹי" עַל אַחַת כַּמָה וְכַמָה בְּאֵין עֵרֶךְ דַארְפְן מִיר זִיךְ אוֹיכֶעט מְחַזֵק זַיין מִיט דֶעם.

מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז מִיר וַוייסְן פוּן אַזַא הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן מִיר קְרִיגְן נִישְׁט אוֹיף אִים, מִיט דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר מְחַיֶה זַיין, וָוארוּם לֵיידֶער אִין דֶעם פִינְסְטֶערְן דוֹר וָואס דִי קְלִיפּוֹת זֶענֶען זִיךְ מוֹרָא'דִיג מִתְגַבֵּר אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶענֶען זִיךְ גֶעפוּנֶען קְרֶעצִיגֶע אִינְגֶעלַייט וְכוּ', אַז זֵיי זָאלְן נָאךְ רֶעדְן אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן וְכוּ', דַארְף מֶען זִיךְ מְחַיֶה זַיין לְכָל הַפָּחוֹת אַז מִיר קְרִיגְן נִישְׁט אוֹיף אַזַא הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף אַזַא הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס זֵייעֶר לֶעבְּט לַייכְט אוּן לַייכְט אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, אוּן דֶער עִיקָר אוֹיף דֶעם עוֹלָם, וָוארוּם דֶער סוֹף וֶועט זַיין אַז סְ'וֶועט נִתְגַלֶה וֶוערְן דֶעם רֶבִּינְ'ס אוֹר פַאר אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן אַלֶע וֶועלְן הָאבְּן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דָאס וֶועט זַיין דִי גְאוּלָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ג) פַארְפַאר וֶוערְט עֶר אָנְגֶערוּפְן מָשִׁיחַ, לָשׁוֹן מֵשִׂיחַ אִילְמִים, עֶר

מַאכְט רֶעדְן שְׁטוּמֶע, וָוארוּם אַז אַ אִיד הָאט נִישְׁט קַיין שְׁלֵימוּת הָאֱמוּנָה, רֶעדְט עֶר נִישְׁט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, ווִידֶערְאוּם אַז עֶר רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס אִיז זַיין בַּאוַוייז אַז עֶר הָאט שְׁלֵימוּת הָאֱמוּנָה, עֶר שְׁפִּירְט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא מִיט אִים בַּיי אִים לֶעבְּן אִים, אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר הַאלְט זִיךְ בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר פָּאלְגְט אִים אוּן עֶר קוּמְט יֶעדְן טָאג חוֹק וְלֹא יַעֲבוֹר זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס דָאס אִיז אַ מַתָּנָה וָואס מִיט הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַז אַ אִיד קֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן אוֹיסְדֶערְצֵיילְן דִי גַאנְצֶע הַארְץ וָואס אוֹיף אִים גֵייט דוּרְךְ, אוּן מִיט דִי תְּפִלָּה וֶוערְט עֶר צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, תְּפִלָּה אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן בַּאהֶעפְטוּנְג וְכוּ'.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת, אוּן פוּן אַלֶע חוֹבוֹת, אוּן דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען אָפְּצוּדְרִיקְן אַזוֹיפִיל סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶס אִיז צוּשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארְן צְוִוישְׁן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן, אוּן זֵיי זֶענֶען זִיךְ אַלֶע מְחַיֶּה מִיט דִי סְפָרִים, אוּן דוּ הָאסְט אַ חֵלֶק אִין דֶעם, מִיט דֶעם קֶענְסְטוּ טַאנְצְן אוּן זִינְגֶען יֶעדְן טָאג אוֹיף דֶעם גְרוֹיסְן זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט. שְׁטַארְק זִיךְ אוּן פַאל נִישְׁט אַרָאפּ, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דִי שִׂמְחָה וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגְן אַ שֶׁפַע אֱלֹקִי.

**הַמְאַחֵל לְךָ בְּרָכָה וְהַצְלָחָה מִן הַשָּׁמַיִם**

# תקעז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וַיִּשְׁלַח י"ז כִּסְלֵו התשע"ג

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו, וָואס דוּ רֶעדְסְט זִיךְ אוֹיס דַיין בִּיטֶער הַארְץ וָואס אוֹיף דִיר גֵייט דוּרְךְ.

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן, אוֹיף דִי וֶועלְט מוּז מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, הָאסְט נִישְׁט קַיין בְּרֵירָה נָאר זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן וְכוּ', אוּן אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן וָואס וֶועט זַיין? אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס אַ דִיבּוּר "הָעִיקָר שֶׁקוֹרִין דֶערְהַאלְטִין זִיךְ" אַז אוֹיף דִי וֶועלְט דַארְף מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, פוּן אַלְסְדִינְג וָואס עֶס גֵייט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם דוּרְךְ דַארְף מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, מֶען טָאר נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן, אִיךְ וֵוייס אוּן אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז סְ'אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּן זֵייעֶר בִּיטֶער, אָבֶּער גְלֵייבּ מִיר אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס עֶר מַאכְט נִישְׁט דוּרְךְ צָרוֹת אוּן יְסוּרִים, דֶער אוֹיף אַזַא אוֹיפְן, אוּן דֶער אוֹיף אַזַא אוֹיפְן, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיין פֶּעקְל צָרוֹת, זַיינֶע יְסוּרִים, זַיינֶע בִּיטֶערְנִישְׁט, נָאר דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד אִיז אַז עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן עֶר וֶוערְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן פוּן יֶעדֶע זַאךְ, אוּן דִי הִתְחַזְקוּת אִיז מֶען מְקַבֵּל פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. אִיבֶּערְדֶעם טוּה אַלֶעס וָואס אִיז נָאר מֶעגְלִיךְ נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן, וֶועסְטוּ זֶעהְן וֶועסְטוּ הָאבְּן מוֹרָא'דִיגֶע יְשׁוּעוֹת.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן מִיט וָואס זִיךְ מְחַיֶה צוּ זַיין, מִיט וָואס זִיךְ מְחַזֵק זַיין, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז מֶען מוּז זִיךְ נֵייטְן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם שִׂמְחָה קוּמְט אָן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זַיין פֶּעקְל צָרוֹת, מֵיין נִישְׁט אַז דוּ בִּיסְט דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס דוּ לַיידְסְט צָרוֹת, סְ'אִיז נִישְׁטָא קַיין אֵיין מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין אִיבֶּערְגֵייעֶכְטְץ אָדֶער עֶפֶּעס אַ צָרָה אִין שְׁטוּב, דֶער מִיט אַ קִינְד, אוּן דֶער מִיט פַּרְנָסָה, אוּן דֶער מִיט בֵּיידֶע, אוּן דֶער מִיט שִׁידוּכִים, אוּן דֶער הָאט אַ גָרוּשׁ, אוּן דֶער הָאט אַ גְרוּשָׁה, אוּן דָא הָאט עֶר קְרַאנְקֶע קִינְדֶער, רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן וָואס אִיז דָא, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ.

**אוּן** דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ אִיז זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מִיט דֶעם הָאט עֶר וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן, שְׁטֶעל זִיךְ פָאר מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, אוּן זֵיי מַאכְן נָאר חוֹזֶק פוּן דֶעם, פוּן וֶועמֶען מַאכְן זֵיי חוֹזֶק? נָאר פוּן זִיךְ אַלֵיין, אָבֶּער דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אוּנְז גֶעהָאלְפְן אַז מִיר גְלֵייבְן אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן מִיט זַיינֶע עֵצוֹת, אוּן מִיר מַאכְן נִישְׁט קַיין לֵיצָנוּת, מִיט דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ מוֹרָא'דִיג מְחַיֶה זַיין.

**מֶען** גֶעפִינְט אִין דִי בְּרִיוו פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן וָואס עֶר שְׁרַייבְּט אַלְץ פַאר זַיין זוּהְן, אַז דַאנְקֶען גָאט אַז מִיר

קְרִיגְען נִישְׁט אוֹיף אַזַא רֶבִּי'ן, און גְלֵייבּ מִיר וָואס עֶס טוּט זִיךְ הַיינְט אָפּ צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, און עֶס אִיז נָאךְ דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי מַאכְן חוֹזֶק וְכוּ' וְכוּ', און אוּנְז גֶעלוֹיבְּט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּה, מֶען אִיז זִיךְ מְחַזֵּק, און מִיר גֵייעֶן מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינ'ס עֵצוֹת, דַארְף מֶען זִיךְ מִיט דֶעם זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, און דוּ זָאלְסְט זֶעהְן נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, וֶועסְטוּ קֶענֶען אַלֶעם אִיבֶּערְקוּמֶען, אַלֶע צָרוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט אִיז נָאר מַחֲמַת קַטְנוּת הַמּוֹחִין, עֶר הָאט אַ קְלֵיין שֵׂכֶל אַ קְלֵיין מֹחַ, אָבֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט שִׂמְחָה גֵייט עֶר דוּרְךְ אַלְסְדִינְג, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּ אִים, וֶועסְטוּ זֶעהְן וֶועסְטוּ זַיין דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג און אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תקעה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וַיִּשְׁלַח י"ז כִּסְלֵו התשע"ג**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אוֹיךְ** הָאבּ אִיךְ דֶערְהַאלְטְן אַלֶע סְפָרִים וָואס דוּ הָאסְט יֶעצְט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן "אוֹצַר חֲנוּכָּה", "נֵר לְהַצַּדִּיק", און

דִי אַלֶע קוּנְטְרֵסִים אוֹיף אִידִישׁ, עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַזוֹי שֵׁיין, אַז וֶוער סְ'זֶעהְט עֶס נָאר, כַּאפְּט דָאס, וֶועגְן דֶעם דַארְפְּסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, וָוארוּם סְ'אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וִוי זְכוּת הָרַבִּים, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַּארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר וִויל מְזַכֶּה זַיין אֶת הָרַבִּים, וָוארוּם אִין הִימְל אִיז עֶר זֵייעֶר חָשׁוּב, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (תְּרוּמָה קכ"ח:) תָּא חֲזִי כָּל מַאן דְאָחִיד בְּיָדָא דְחַיָּיבָא, [קוּם אוּן זֶעה, יֶעדֶער וָואס עֶר הַאלְט אָן אִין דִי הֶענְט פוּן זִינְדִיגֶע] וְאִשְׁתַּדֵל בֵּיה לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא, [אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִשְׁתַּדֵל זֵיי זָאלְן אָפְּלָאזְן דִי שְׁלֶעכְטֶע וֶועגְן וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דֶעם] אִיהוּ אִסְתַּלָק בִּתְלַת סְלוּקִין מַה דְלָא אִסְתַּלָק הָכִי בַּר נַשׁ אַחֲרָא, [עֶר גֵייט אַרוֹיף הוֹיךְ הוֹיךְ אִין דִי עוֹלָמוֹת וָואס אַן אַנְדֶערֶע אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ דֶעם] גָרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא [עֶר אִיז גוֹרֵם מַכְנִיעַ צוּ זַיין דִי סִטְרָא אַחֲרָא] וְגָרִים דְאִסְתַּלָק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיה, [אוּן עֶר אִיז גוֹרֵם דָאס כַּבְיָכוֹל דֶער נָאמֶען פוּן בוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל זַיין טַייעֶר אוֹיף דֶער וֶועלְט] וְגָרִים לְקַיְימָא כָּל עַלְמָא בְּקִיוּמֵיה לְעֵילָא וְתַתָּא, [אוּן עֶר אִיז גוֹרֵם אַז דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט זָאל הָאבְּן אַ קִיוּם, וָוארוּם אַז מֶען אִיז מְקַרֵב מֶענְטְשְׁן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן זֵיי אַיינֶערְקֶענֶען אִים, דָאס אִיז דֶער עִיקָר קִיוּם פוּן דֶער וֶועלְט], וְעַל הַאי בַּר נַשׁ כְּתִיב (מַלְאָכִי ב') "בְּרִיתִי הָיְתָה אִתּוֹ הַחַיִּים וְהַשָּׁלוֹם" וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי, וְזָכֵי בְּהַאי עַלְמָא וְזָכֵי לְעַלְמָא דְאָתֵי, [אוּן אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק אַז מַיין

בּוּנְד וֶועט זַיין מִיט אִים אוּן עֶס וֶועט רוּעֶן אוֹיף אִים דָאס לֶעבְּן אוּן דֶער שָׁלוֹם, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהְן קִינְדֶער פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין גְלִיקְלִיךְ צוּ זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט] כָּל מָארֵי דִינִין לָא יָכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ בְּהַאי עַלְמָא וּבְעַלְמָא דְאָתֵי [קַיין שׁוּם מְקַטְרֵג קֶען נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט] עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ [אוּן עֶר גֵייט אַרַיין אִין דִי צְוֶועלְף טוֹיעֶרְן פוּן אַלֶע צְוֶועלֶעף שְׁבָטִים, אוּן קַיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁטֶערְן] וְעַל דָא כְּתִיב [אוּן אוֹיף אִים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק] (תְּהִלִּים קי"ב) "גִּבּוֹר בָּאָרֶץ יִהְיֶה זַרְעוֹ דּוֹר יְשָׁרִים יְבֹרָךְ הוֹן וָעֹשֶׁר בְּבֵיתוֹ וְצִדְקָתוֹ עֹמֶדֶת לָעַד זָרַח בַּחֹשֶׁךְ אוֹר לַיְשָׁרִים" וְגוֹ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זַיי נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, אִיךְ ווייס סְ'גֵייט אוֹיף דִיר אִיבֶּער יֶעצְט שְׁוֶוערֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער, אָבֶּער דוּ זָאלְסְט וויסְן בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב אֵיינֶער וָואס עֶר אִיז מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ה') כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים, אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ; אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ זֵייעֶר מִיט דִי עֲבוֹדָה הַקְדוֹשָׁה דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט צוּ דְרִיקְן אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן מֶען זָאל קֶענֶען פַּארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אוּן אִין זְכוּת פוּן דֶעם וֶועסְטוּ קֶענֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען טוֹיזֶענְטֶער אוּן טוֹיזֶענְטֶער גֶעפַּאלֶענֶע נְשָׁמוֹת, אוּן דוּ וֶועסְט נָאךְ זֶעהְן אַסַאךְ נַחַת אִין דַיין לֶעבְּן, דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע דַיינֶע צָרוֹת אוּן חוֹבוֹת.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן תָּמִיד**

# תקעט

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם א' לְסֵדֶר וַיֵּשֶׁב י"ח כִּסְלֵו התשע"ג**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**אִיךְ** וואוּנְדֶער זִיךְ זַייעֶר שְׁטַארְק וֶוער הָאט גֶעגֶעבְּן אַ הֶיתֵּר פַאר דַיין וַוייבּ צוּ גֵיין מִיט הָאר אוּנְטֶערְן שְׁפִּיצְל וְכוּ', עֶס אִיז אַ תַּרְתֵּי דְסַתְרֵי, דָא בִּיסְטוּ מוֹרָא'דִיג מַקְפִּיד זִי זָאל נִישְׁט גֵיין מִיט קַיין שֵׁייטְל נָאר מִיט אַ שְׁפִּיצְל וְכוּ', אוּן דָא הָאט זִי אִירֶע הָאר אוּנְטֶער דֶעם, אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן אַפִילוּ אַ פְּרוּי וָואס גֵייט מִיט אַ שֵׁייטְל טָאר אוֹיךְ נִישְׁט הָאבְּן קַיין אֵייגֶענֶע הָאר, מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן אֵיינֶער וָואס גֵייט מִיט אַ שְׁפִּיצְל וְכוּ', עֶס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי הַארְבְּסְטֶע זַאכְן וֶוען אַ פְּרוּי שֶׁערְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ דִי הָאר, עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַזַא קוּלָא אוֹיף דֶעם וְכוּ', בִּיז מֶען מֵיינְט אַז עֶס אִיז נָאר עֶפֶּעס אַ חוּמְרָא, בְּשָׁעַת עֶס שְׁטֵייט בְּפֵירוּשׁ שַׁארְפֶע אוּן הַארְבֶּע זַאכְן אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אוֹיף דֶעם (זוהַר נָשֹׂא קכ"ה:) תּוּבְנָא לֵיתֵי [אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען] עַל הַהוּא בַּר נַשׁ [אוֹיפְן מֶענְטְשׁ] דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ [וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ] דְּתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָה דְרֵישָׁהּ לְבַר [זָאל גֵיין אוֹיפְגֶעדֶעקְט דִי הָאר, אָדֶער

מֶען זָאל אַרוֹיסְזֶעהְן דִי הָאר] וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְבֵיתָא [אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן דִי צְנִיעוּת פוּן אַ פְרוֹי אִין שְׁטוּב] וְאִתְּתָא דְאַפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר [אוּן אַ פְרוֹי וָואס זִי דֶעקְט אוֹיף אִירֶע הָאר] לְאִתְתַּקְנָא בֵּיהּ [זִיךְ שֵׁיין מַאכְן מִיט דֶעם] גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא [אִיז גּוֹרֵם אָרִימְקֵייט אִין שְׁטוּבּ] וְגָרִים לִבְנָהָא דְלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא [אוּן סְ'אִיז גּוֹרֵם אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט זַיין קַיין גֶעלוּנְגֶענֶע, אוּן זֵיי זָאלְן נִישְׁט חָשׁוּב זַיין] וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְשַׁרְיָא בְּבֵיתָא [אוּן עֶס אִיז גּוֹרֵם אַז דִי סִטְרָא אַחֲרָא אוּן דִי חִיצוֹנִים זָאלְן זַיין אִין דֶעם שְׁטוּבּ] מַאן גָּרִים דָא [אוּן וֶוער אִיז גּוֹרֵם דִי אַלֶע צָרוֹת] הַהוּא שַׂעֲרָא דְאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר. [דִי הָאר פוּן אַ פְרוֹי וָואס מֶען זֶעהְט אַרוֹיס] וּמַה בְּבֵיתָא הַאי [אוּן דִי אַלֶע קְלָלוֹת רֶעדְט זִיךְ פוּן אַ פְרוֹי וָואס זִי גֵייט אוֹיפְגֶעדֶעקְט דִי הָאר אִין שְׁטוּבּ] כָּל שֶׁכֵּן בְּשׁוּקָא [אוּן אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי וֶוען זִי גֵייט אוֹיפְגֶעדֶעקְט אוֹיפְן גַאס מִיט דִי הָאר] וְכוּ'. לֵיידֶער הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט בַּיי אוּנְז נָאכְאַמָאל דִי קְלִיפָּה אַז הַיימִישֶׁע פְרוֹיעֶן לָאזְן זִיךְ וַואקְסְן דִי הָאר, אוּן זֵיי כַאפְּן נִישְׁט וָואסֶערֶע צָרָה זֵיי בְּרֶענְגְן אוֹיף זִיךְ אוּן אוֹיפְן גַאנְצְן הוֹיז-גֶעזוּנְט, אוֹיפְן מַאן, אוּן אוֹיף דִי קִינְדֶער, דָאס בְּרֶענְגְט קְרִיגֶערַיי אִין שְׁטוּבּ, אוּן אָרֶעמְקֵייט, אוּן פַארְשִׁידֶענֶע מַחֲלוֹת.

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ הִתְעוֹרְרוּת, סַיי בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ, אוּן סַיי בַּיי דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, פוּן וואו נֶעמֶען זֵיי דֶעם הֶיתֵּר אוֹיף אַזַא זַאךְ וָואס דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ דְרִיקְט זִיךְ אוֹיס שַׁארְפֶע דִיבּוּרִים אוֹיף דֶעם.

אִיךְ הָאף צום בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ וֶועסְט פָּאלְגְן, וֶועסְטוּ נִישְׁט דֶערְלֵייגְן נִישְׁט אויף דִי וֶועלְט און מִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט אויף יֶענֶע וֶועלְט, און דִי שְׁטוּב וֶועט זַיין גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן תָּמִיד**

## תקפ

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב׳ לְסֵדֶר וַיֵּשֶׁב י״ט כִּסְלֵו התשע״ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַיינְט אִיז דֶער יָארְצַייט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן גְרוֹיסְן מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זי״ע, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר אוֹיסְגֶערוּהמְט, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט, וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד קוּקְט זֶעהְט עֶר דִי שִׁבְעָה רוֹעִים, און ווִי בַּאוואוּסְט אִיז עֶר גֶעוֶוען דֶער גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד פוּן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי״ע, און אַלֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן אִים אָנְגֶענוּמֶען.

אִין דֶער יוּגְנְט אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר זֵייעֶר אָרֶעם, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז ס׳הָאט גֶעפֶעלְט עֶסְן אִין שְׁטוּבּ פַאר דִי קִינְדֶער, אָבֶער עֶר מִיט זַיין רֶעבֶּעצְן הָאבְּן זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט בַּאקְלָאגְט, זֵיי הָאבְּן אָנְגֶענוּמֶען אַלְסְדִינְג בְּאַהֲבָה, וָוארוּם זֵיי הָאבְּן גֶעווּיסְט אַז יֶעדֶער זַאךְ וָואס עֶס פַּאסִירְט מִיטְן מֶענְטְשׁ אִיז פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אֵיינְמָאל הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ שְׂרֵיפָה אִין זֵייעֶר

דִירָה, און ס'הָאט פַארבְּרֶענְט דָאס גַאנְצֶע הויז, און דִי רֶעבֶּעצְן
אִיז גֶעזֶעצְן אִינְדְרוֹיסְן און זֵייעֶר גֶעוֵויינְט, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער
מַגִיד אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען און גֶעזֶעהְן אַז דִי גַאנְצֶע הויז אִיז
פַארבְּרֶענְט גֶעוָוארְן און דִי רֶעבֶּעצְן זִיצְט און וֵויינְט, אִיז עֶר
זֵייעֶר פַארְוואוּנְדֶערְט גֶעוָוארְן אוֹיף אִיר און אִיר גֶעפְרֶעגְט,
דָאס הָאסְטוּ גֶעלֶערְנְט בַּיי מִיר, אַז וֶוען עֶס פַּאסִירְט אַן
אוּמְגְלִיק דַארְף מֶען טְרוֹיעֶרְן און וֵויינֶען? עֶס אִיז דָאךְ אַלֶעס
פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים! הָאט דִי רֶעבֶּעצְן גֶעֶנְטְפֶערְט נִישְׁט אוֹיף
דֶעם הויז וָואס עֶס אִיז פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן וֵויין אִיךְ, מִיר
הָאבְּן גֶעהַאט דָארְטְן אַ כְּתַב יִחוּס פוּן אַלֶע דוֹרוֹת בִּיז דָוִד
הַמֶלֶךְ, און דָאס אִיז פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן, אוֹיף דֶעם וֵויין אִיךְ,
הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד זי"ע אָנְגֶערוּפְן, נוּ, אוֹיבּ אַזוֹי
וֶועט זִיךְ דֶער יִחוּס אָנְהֵייבְּן פוּן מִיר.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם צְוֵויי זַאכְן, דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז אַ
אִיד טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן פוּן אַלְץ
וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, וָוארוּם אַלֶעס הָאט אַ חֶשְׁבּוֹן
צֶדֶק פוּן אוֹיבְן, וָואס מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט, און מֶען מוּז
אָנְנֶעמֶען דֶעם גְזַר דִין מִיט אַהֲבָה. און דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ וָואס
מֶען לֶערְנְט פוּן דֶעם אִיז, אַז יֶעדֶער אִיד דַארְף ווִיסְן אַז
אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין וֶועט זִיךְ דֶער
יִחוּס אָנְהֵייבְּן פוּן אִים, אַז זַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן שׁוֹין שְׁטָאלְצִירְן,
אַז זֵיי זֶענֶען קִינְדֶער פוּן אַזַא צַדִיק, און דִי אֵיינִיקְלֶעךְ וֶועלְן
זִיךְ שְׁטָאלְצִירְן אַז זֵיי זֶענֶען אֵיינִיקְלֶעךְ פוּן אַזַא צַדִיק, וָוארוּם
אַזוֹי הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, אַז יֶעדֶער

אֵיינֶער קֶען קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת צוּ וָואס עֶר אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, וָוארוּם יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַ תַּפְקִיד אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר אִיז נִישְׁט בַּאשַׁאפְן אוּמְזִינְסְט, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף קוּמֶען צוּ זַיין נְקוּדָה, מֶען דַארְף נָאר הָאבְן אַ שְׁטַארְקְן רָצוֹן, אוּן מֶען קֶען דָאס בַּאוַוייזְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק') דָאס אַלֶע צַדִּיקִים הָאבְן גֶעזָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶר מַדְרֵיגָה נָאר דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת, זֵיי הָאבְן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט דָאס הַארְץ פַּאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן זֵיי הָאבְן זִיךְ בַּאפְלֵייסְט אִין דֶעם, אוּן דָאס הָאט זֵיי גֶעבְּרֶענְגְט צוּ זֵייעֶר זַאךְ.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעטְ אִיךְ דִיר, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, פָּאלְג דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט

**זָאלְסְט הָאבְן אַ פְרֵיילִיכְן טָאג אוּן אַ לֶעכְטִיגְן תָּמִיד**

# תקפא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר וַיֵּשֶׁב י"ט כִּסְלֵו התשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דָאס** וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ לַיידְסְט בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים וְכוּ' וְכוּ', עֶס אִיז דָא אַ בְּרִיוו פוּן דֶעם גְרוֹיסְן

צַדִיק רֶבִּי אֶלְעָזָר זי"ע דֶער זוּהְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי רֶבִּי אֶלִימֶלֶךְ מִלִיזֶענְסְק זי"ע (גֶעדְרִיקְט אִין סוֹף סֵפֶר "נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ") וואוּ עֶר שְׁרַייבְּט אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן זַיין הֵיילִיגְן פָּאטֶער וֶוען מֶען הָאט אִים דֶערְצֵיילְט דִי רְדִיפוֹת וָואס מֶען רוֹדֶפְ'ט דֶעם הֵיילִיגְן בַּארְדִיטְשׁוּבְ'ן רַב זי"ע וָואס דֶעמָאלְט אִיז עֶר נָאךְ גֶעוֶוען רַב אִין דִי שְׁטָאט זֶעלְחוּב, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער טַאטֶע גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף זִיךְ פוּן דֶעם נִישְׁט מַאכְן צוּטוּהְן, וָוארוּם אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן גֶעלִיטְן שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת פוּן מִתְנַגְדִים רְשָׁעִים אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ רוֹדֶפְ'ט מֶען אַלֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט מַאכְן צוּטוּהְן פוּן דֶעם.

גֶעבּ אַ קוּק, הַיינְט אִיז אוֹיךְ דֶער חַג הַגְאוּלָה פוּן דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא זי"ע וָואס אִיז בַּאפְרֵייט גֶעוָוארְן פוּן דֶעם בִּיטֶערְן פִינְסְטֶערֶע תְּפִיסָה וָואס עֶר אִיז גֶעזֶעצְן דָארְטְן, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא זי"ע, וֶוער סְ'קוּקְט אִין זַיינֶע דְרוּשִׁים וואוּנְדֶערְט זִיךְ אוֹיבּ דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ יְלוּד אִשָּׁה, פוּן רוֹב גִילוּי אֱלֹקוּת וָואס הָאט אִין אִים גֶעלַאכְטְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען בָּטוּל אִינְגַאנְצְן צוּ עֶצֶם עַצְמִיוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגְן בִּיטוּל, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר אוֹיסְגֶערוּהמְט, אוּן הָאט אִים אָנְגֶערוּפְן "שַׂר הָאֶלֶף" אוּן נָאךְ שְׁבָחִים הָאט עֶר גֶעזָאגְט אוֹיף אִים, אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט זִיךְ גֶעוַואגְט אֵיינֶער וָואס אִיז כִּלוֹמֶרְ'שְׁט גֶעוֶוען אַ רַב אִין דִי שְׁטָאט פִּינְסְק, עֶר הָאט גֶעהֵייסְן אַבִיגְדוֹר, הָאט עֶר

אִים גֶעמַסֶרְט אַז עֶר ווִיל אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי מְלוּכָה אִין רוּסְלַאנְד, אוּן אַרָאפְּזֶעצְן דֶעם צַאר, אוּן עָלָיו הָרְאָיָה עֶר שִׁיקְט גֶעלְט פַאר דִי טֶערְקְן, וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען דֶעמָאלְט אִין קְרִיג מִיט רוּסְלַאנְד, [דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זי"ע הָאט גֶעשִׁיקְט גֶעלְטֶער קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, צְדָקַת רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵס, פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הַמַּגִּיד, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל פוּן ווִיטֶעבְּסְק זי"ע, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע וְכוּ', וְכוּ', אוּן זֵיי זָאלְן דָאס אוֹיסְטֵיילְן דָארְטְן פַאר עֲנִיֵּי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל], הָאט דֶער רָשָׁע גֶעמַסֶרְט אַז עֶר שִׁיקְט דָאס פַאר דִי טֶערְקְן, כְּדֵי צוּ שְׁטִירְצְן דִי מְלוּכָה פוּן צַאר אִין רוּסְלַאנְד, אוּן מֶען הָאט אִים אַיינְגֶעזֶעצְט אִין אַ פִינְסְטֶערֶע תְּפִיסָה, אוּן עֶס הָאט אִים גֶעדְרָאעֶט טוֹיט שְׁטְרָאף וְכוּ' וְכוּ', מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווִי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ אַז אֵיינֶער וָואס אִיז אַ רַב זָאל קֶענֶען אַזַאנְס טוּהְן פַאר אַן אִישׁ אֱלֹקִים, פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן, דָאס אִיז דִי בְּחִירָה, אוּן עֶר אִיז בַּאפְרֵייט גֶעוָוארְן, אוּן פוּן דֶעם קֶען מֶען זֶעהְן דִי מִיאוּסֶע עֶקְלְהַאפְטִיגֶע מִידָה פוּן מְסִירָה, אוּן בַּיים סוֹף הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעווִיזְן אַז דֶער אַבִיגְדוֹר אִיז גָאר גֶעוֶוען אַ שִׁיכּוֹר אוּן אַ נוֹאֵף וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעהְט אִיךְ דִיר, מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּטוּהְן וָואס מֶען רוֹדֵפְ'ט דִיךְ, וָוארוּם דַיין גַאנְץ עֵסֶק אִיז דָאךְ נָאר צוּשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס תּוֹרָה אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן מְקָרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶס זֶעהְט אוֹיס אַז אַזוֹי דַארְף דָאס גֵיין, וָוארוּם דֶער

סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זַייעֶר מוֹרָא פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס קֶען מְקַרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רֶבִּי זי"ע בַּעַל "דִבְרֵי יוֹאֵל" הָאט כַּמָה וְכַמָה פְּעָמִים גֶעזָאגְט, וָואס דַארְפְן דִי כוֹפְרִים אוּן מִינִים אוּן אֶפִּיקוֹרְסִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאבְּן רַבָּנִים? זֵיי גְלֵייבְּן דָאךְ אִין גָארְנִישְׁט, זֵיי רַייסְן אוֹיס דִי אֱמוּנָה פוּן אוּמְשׁוּלְדִיגֶע תְּמִימוּת'דִיגֶע אִידְן, נָאר זֵיי נִיצְן זֵיי אוֹיסְצוּשְׁמַדְ'ן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעזֶעהְן בַּאשֵׁיינְפֶּערְלִיךְ אִין דִי שְׁטֶעטְל יַבְנְאֵל, וָואס דָארְטְן הָאט מֶען מַעֲבִיר גֶעוֶוען עַל הַדָת צְוֵויי הֵיילִיגֶע עֵדוֹת, דִי תֵּימָנֶ'ער אִידְן, מִיט דִי תּוּנִיסֶ'ער אִידְן, אוּן דַיְיקָא דוּרְךְ אֵיינֶער וָואס הָאט זִיךְ פַּארְשְׁטֶעלְט ווִי אַ תֵּימָנֶ'ער חָכָם, עֶר הָאט זִיךְ גֶערוּפְן מָארִי שְׁמוּאֵל יַבְנְאֵלִי שֵׁם רְשָׁעִים יִרְקָב, אוּן דִי תְּמִימוּת'דִיגֶע אִידְן הָאבְּן אִים נָאכְגֶעגַאנְגֶען וְכוּ', אוּן וֶוען אִיךְ בִּין שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהְן וָואס הֵייסְט אַ רָב מִטַעַם וְכוּ', דִי מִקְוֶה אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען כָּשֵׁר, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין וַואסֶער אִין דִי אוֹצְרוֹת וְכוּ', מְמֵילָא אִיז דָאס אַ אַמְבַּטְיָה, אוּן עֶר הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען מַכְשִׁיל צוּ זַיין אַלֶעמֶען מִיט אִיסוּר כְּרִיתוּת רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, עֶר הָאט לוֹחֵם גֶעוֶוען אַקֶעגְן מֶען זָאל עֶפֶענֶען אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן אַ מֵיידְל שׁוּלֶע עַל טַהֲרַת הַקוֹדֶשׁ, עֶר הָאט אוּנְז גֶעמַסֶרְט וואוּ עֶר הָאט נָאר גֶעקֶענְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט פַּארְרֶעכְטְן דֶעם עֵירוּב, אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט גֶעוָואלְט פַּארְרֶעכְטְן הָאט מֶען אִים

אײנגֶעשְׁפַּארְט אִין תְּפִיסָה, בִּיז לְחֶרְפָּתֵינוּ דֶער שׁוֹפֵט אִיז גֶעוֶוען אַ דְרוּזִי, אַן אַרַאבֶּער, און וֶוען מֶען הָאט דֶעם אִיד גֶעבְּרֶענְגְט צוּם מִשְׁפָּט, און גֶעפְרֶעגְט וָואס הָאסְטוּ גֶעטָאן אַז דֶער רָב בַּאקְלָאגְט זִיךְ אַז דִי הָאסְט צוּרִיסְן דֶעם עֵירוּב, הָאט עֶר מַסְבִּיר גֶעוֶוען פַאר'ן שׁוֹפֵט אַן אַרַאבֶּער וָואס אַן עֵירוּב אִיז, און עֶר הָאט דָאס גֶעוָואלְט פַארְרֶעכְטְן און יֶענֶער הָאט עֶס אִים נִישְׁט גֶעלָאזְט וַוייל עֶר הָאט גֶעדַארְפְט נֶעמֶען אוֹיף דֶעם גְרוֹיס גֶעלְט וְכוּ' וְכוּ', אִיז לְחֶרְפָּתֵינוּ דֶער שׁוֹפֵט וָואס אִיז אַן אַרַאבֶּער הָאט צוּרִיסְן דֶעם גַאנְצְן קְלַאגֶע און עֶס אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן, און אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען מֶען הָאט פַארְקוֹיפְט דָארְטְן טְרֵיפָה'נֶע פְלֵייש, און וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט אוּנְזֶער אַ שׁוֹחֵט, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד מִיט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים בָּארְד און פֵּיאוֹת, הָאט עֶר אִים גֶעמַסֶר'ט וְכוּ', און אַזוֹי קֶען מֶען שְׁרַייבְּן אַ לִיסְטֶע ווִי דֶער שְׁטְרָאף (רָב), רוֹדֶף'ט אוּנְזֶער קְהִילָה שׁוֹין אִיבֶּער פוּנְף און צְוָואנְצִיג יָאר, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אַז מִיר זֶענֶען שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און מִיט עַקְשָׁנוּת הָאבְּן מִיר אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ גַאנְצֶע אַפַּארַאט פוּן חִינוּךְ, אַ תַלְמִיד תּוֹרָה און אַ מֵיידְל שׁוּלֶע עַל טָהֳרַת הַקוֹדֶשׁ, אַ יְשִׁיבָה קְטַנָה און אַ יְשִׁיבָה גְדוֹלָה, צְוֵויי כּוֹלְלִים אֵיינְס וָואס מֶען לֶערְנְט דִי הוֹרָאָה, און אֵיינְס פַאר בַּעֲלֵי בָּתִּים, און מִיר הָאבְּן אַלֵיין אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט אִין אַ אוּנְטֶער גְרוּנְד אַ מִקְוֶה טַהֲרָה, אוֹיסְגֶעהַאלְטְן מִיט אַלֶע שִׁיטוֹת וְכוּ' וְכוּ', דֶעמָאלְט הָאב אִיךְ גֶעזֶעהְן וֶוער אִיז מַעֲבִיר עַל הַדַת אִידִישֶׁע קִינְדֶער? נָאר דִי רַבָּנִים מִטַעַם

וְכוּ׳ וְכוּ׳, אִיבֶּערְדֶעם שְׁרֶעק זִיךְ נִישְׁט אוּן נֶעם זִיךְ נִישְׁט אִיבֶּער, אַזוֹי גֵייט דָאס, וֶוענְן דִי בְּחִירָה מִיט דֶעם נִסָיוֹן גֶעבְּט מֶען פַּאר דִי רְשָׁעִים כּוֹחוֹת הַטוּמְאָה וְכוּ׳, אוּן מֶען טָאר נִישְׁט נִתְפָּעֵל וֶוערְן פוּן דֶעם, נָאר וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין דֶעם אוֹיסְגֶעטְרָאטֶענֶעם וֶועג וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן אָבוֹת אוּן אָבוֹת אֲבוֹתֵינוּ וְכוּ׳.

**שְׁטַארְק** זִיךְ פַּארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, וֶועט דִיךְ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיסְפִּירְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תקפב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ג׳ לְסֵדֶר וַיֵּשֶׁב כ׳ כִּסְלֵו התשע״ג

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעהְט דִיךְ זֵייעֶר זָאלְסְט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיין שָׁלוֹם בַּיִת, וָוארוּם דִי חֲזַ״ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.) אוֹקִירוּ לִנְשַׁיְיכוּ כִּי הֵיכִי דְתִתְעַתְּרוּ; אִיר זָאלְט מְכַבֵּד זַיין דָאס וַוייבּ וֶועט עֶטְץ זַיין עֲשִׁירִים, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן סט) אַז דִי גַאנְצֶע גֶעלְט קוּמְט נָאר אִין זְכוּת פוּן דִי וַוייבּ, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ, אוּן זָאלְסְט מַאכְן שָׁלוֹם מִיט אִיר, אוּן זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ, וֶועסְטוּ זַיין אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, אוּן דוּ וֶועסְט

קֶענֶען טֵיילְן אַסאך צְדָקָה. בִּכְלַל דארְף אַ מַאן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זַיין אַ וַותְּרָן פַּאר זַיין ווייבּ, נִישְׁט קַיין קַמְצָן, וָואס דָאס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע מַחֲלָה וְכוּ׳, אוֹיסֶער וָואס דָאס אִיז אַ רִשְׁעוּת וְכוּ׳, עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי קֶענֶען גֶעבְּן צְדָקָה מִיט אַ בְּרֵייט הַאנְט וְכוּ׳, אָבֶער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִי וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער, דֶעמָאלְטְס וֶוערְט עֶר קַארְג, וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁלֶעכְטֶע אוּן גֶעמֵיינֶע מִדָה, אוּן אוֹיסֶערְדֶעם וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז זִיךְ מִתְלַבֵּשׁ אִין מִצְווֹת, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן א׳) אַז דֶער יֵצֶר הָרַע וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן לָבָן וְכוּ׳, עֶר אִיז זִיךְ מִתְלַבֵּשׁ אִין מִצְווֹת, אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶערְוַוייל פַאלְט עֶר אַרַיין אִין זַיין נֶעץ, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (כְּתוּבּוֹת נ.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִילִּים ק"ו) "אַשְׁרֵי שֹׁמְרֵי מִשְׁפָּט עֹשֵׂה צְדָקָה בְכָל עֵת" וְכִי אֶפְשָׁר לַעֲשׂוֹת צְדָקָה בְּכָל עֵת, דָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ שֶׁבְּיַבְנֶה וְאָמְרֵי לָהּ רַבִּי אֱלִיעֶזֶר זֶה הַזָּן בָּנָיו וּבְנוֹתָיו כְּשֶׁהֵן קְטַנִּים; קוֹדֶם דַארְף מֶען גֶעבְּן עֶסְן פַּאר דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה, הֶער נִישְׁט צוּ וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע רֶעדְט דִיךְ אַיין וְכוּ׳, נֵיין פַארְ'ן וַוייבּ אוּן קִינְדֶער דַארְף מֶען זַיין אַן אַכְזָר וְכוּ׳, אַזוֹי צוּ רֶעדְן דָאס אִיז אַלֵיין אַן אַכְזָרִיוּת, אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אִיהם גֶעגֶעבְּן קִינְדֶער דַארְף עֶר זֶעהְן בְּרֶענְגֶן פַּרְנָסָה אוּן הֶעלְפְן וִויפִיל עֶר קֶען, אוּן מֶער וִויפִיל עֶר קֶען.

**פָּאלְג** מִיר, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן, דוּ וֶועסְט זַיין אַ וַותְּרָן אוּן נִישְׁט קַיין קַמְצָן, אוּן וֶועסְט נִישְׁט

שְׁפָּארְן גָארְנִישְׁט פוּן דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וְכוּ׳, אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן אַיינְרֶעדְן פוּן קַיין מֶענְטְשׁ, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ הָאבְּן דֶעם אֱמֶתְ׳ן שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט דַארְפְן גֵיין צוּ קַיין שׁוּם שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶעְר׳ס, וָוארוּם דִי אַלֶע אִינְגֶעלַייטְ׳לֶעךְ וָואס זֵיי זֶענֶען עוֹסֵק אִין שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ׳ וְכוּ׳, מִכָּל שֶׁכֵּן דִי וָואס זֵיי נֶעמֶען גֶעלְט וְכוּ׳ וְכוּ׳, זֵיי זֶענֶען פָּשׁוּטֶע פַּארְעבֶעס וְכוּ׳, פָּשׁוּטֶע לֵיידִיגְ-גֵייעֶר׳ס וכו׳, פָּשׁוּטֶע לֵצִים וכו׳, זֵיי שְׁפִּילְן זִיךְ דָא מִיט נְפָשׁוֹת וְכוּ׳, זֵיי שְׁפִּילְן זִיךְ מִיט גֶעפִילְן פוּן טַאטֶע מַאמֶע פוּן בֵּיידֶע צְדָדִים וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער, סְ׳הָאט זֵיי אָפְּגֶעקָאסְט דִי עֶלְטֶערְן אַ וֶועלְט מִיט גֶעלְט, זֵיי הָאבְּן זִיךְ בַּא׳חוֹבוֹתְ׳ט כְּדֵי חֲתוּנָה מַאכְן דִי יוּנְג פָּארְפָאלְק, עֶס פַּאסִירְט אַז דִי פָּארְפָאלְק הָאבְּן צְווִישְׁן זִיךְ אַ מִיס-פַארְשְׁטֶענְדֶענִישׁ וְכוּ׳, אוּן עֶס אִיז נָארְמַאל, וָוארוּם זֵיי קוּמֶען פוּן צְוֵויי אַנְדֶערֶע וֶועלְטְן, דַארְף מֶען גֵיין צוּ אַ צַדִּיק וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם אִינְטֶערֶעס פוּן גֶעלְט אָדֶער כָּבוֹד וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן פְּרָאבִּירְט צוּ מַאכְן בַּיי זֵיי שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן זֵיי אוֹיפְקְלֶערְן זַאכְן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוְוּיסְט בִּיז יֶעצְט, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין בּוּשָׁה, סְ׳אִיז נִישְׁט קַיין בִּזָּיוֹן וְכוּ׳ וְכוּ׳, דִי חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ד.) דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט וַאֲנִי יָדַי מְלוּכְלָכוֹת בְּדָם וּבְשָׁפִיר וּבְשִׁלְיָא כְּדֵי לְטַהֵר אִשָּׁה לְבַעְלָהּ; דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ גֶעפָּארֶעט מִיט אַזֶעלְכֶע פָּארְפָאלְקְ׳ן אוּן זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט זֵיי מִיט דִי הַאקֶלְ׳סְטֶע עִנְיָנִים וְכוּ׳, אַלֶעס כְּדֵי מְטַהֵר זַיין אִשָּׁה לְבַעְלָהּ כְּדֵי סְ׳זָאל

זַיין שָׁלוֹם בַּיִת, און מִיט דֶעם וָואס מֶען גֵייט צוּ אִינְגֶעלַייטְ'לֶעךְ וָואס זֵיי רוּפְן זִיךְ שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶעדְ'ס וְכוּ' וְכוּ', זֵיי זֶענֶען פָּשׁוּטֶע לֵצִים, מִכָּל שֶׁכֵּן וֶוען זֵיי נֶעמֶען גֶעלְט, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם, זֵיי זֶענֶען אִינְטֶערֶעסִירְט אַז דִי פָּארְפָאלְק זָאל קוּמֶען צוּ זֵיי וָואס מֶער, כְּדֵי זֵיי זָאלְן קֶענֶען פַיינִיגְן דָאס פָּארְפָאלְק, און זֵיי גֶענִיסְן פוּן דִי עַגְמַת נֶפֶשׁ וָואס עֶס אִיז דָא צְווִישְׁן דִי פָּארְפָאלְק וְכוּ' וְכוּ', מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין בִּכְתָב, אָבֶער דָאס אִיז אַ מְצִיאוּת וְכוּ' וְכוּ'.

**פָאלְג** מִיר, אַנְטְלוֹיף פוּן דִי אַלֶע פַארְפְרִימְטֶע נַארְן, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער קָאמַארְנֶער זי"ע זָאגְט, עֶס אִיז דָא אַ פְרוּמֶער נַאר וָואס הָאט אוֹיף זִיךְ צֶען קַבִּין מָרָה שְׁחוֹרָה, און דַיְיקָא אוֹיף זֵיי מֵיינְט מֶען אַז זֵיי זֶענֶען הִימְל מֶענְטְשְׁן וְכוּ', וֶוען זֵיי זֶענֶען פָּשׁוּטֶע אָפְּגֶעדִיסֶענֶע נַארָנִים, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ז) עֲנָוָה אָן חָכְמָה הֵייסְט נִישְׁט קַיין עֲנָוָה, וָוארוּם דִי אַלֶע וָואס זֵיי גֵייעֶן מִיטְן קָאפּ אַרָאפּ בְּדֶרֶךְ שְׁטוּת דָאס הֵייסְט עֲנָוָה פְּסוּלָה, עַיֵּין שָׁם.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל פוּן ווִיטֶעבְּסְק זי"ע אִיז גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוּהְן גָאלְדֶענֶע מַלְבּוּשִׁים, און אִיז גֶעגַאנְגֶען גְרָאד וְכוּ', און פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז עֶר גֶעוֶוען בַּיי זִיךְ אַזוֹי צוּבְּרָאכְן און אַזוֹי גָארְנִישְׁט אַז זַיין הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶער גְרוֹיסֶער מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זי"ע הָאט אִיהם גֶעזָאגְט נִישְׁט אֵיינְמָאל "מֶענְדְל זָאלְסְט ווִיסְן דוּ בִּיסְט גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעמֶען זֵיי נִישְׁט צוּבְּרָאכְן" אָבֶער סְ'הָאט

גָארְנִישְׁט גֶענִיצְט, אוּן עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אִינְטֶער חַתְמִ'נֶען 'הַשְׁפָל בֶּאֱמֶת', זֶעהְט מֶען דָאס עֲנָוָה מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען גֵייט מִיטְן קָאפּ אַרָאפְּגֶעבּוֹיגְן וְכוּ', אוּן מֶען הָאט צֶען קַבִּין מָרָה שְׁחוֹרָה אוֹיפְן פָּנִים וְכוּ', דֶער אִיז אַ פָּאלְנֶער אָפְּגֶערִיסֶענֶער נַאר.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן דָאס דִי דִיבּוּרִים זָאלְן אַרַיינְגֵיין בַּיי דִיר אִין הַארְץ, אוּן זָאלְסְט טוּישְׁן דַיין הִתְנַהֲגוּת מִיט דַיין ווַייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זַיין קַארְג, דוּ זָאלְסְט אִיר זַייעֶר חָשׁוּב הַאלְטְן, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ אֱמֶת'ע שָׁלוֹם בַּיִת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תקפג

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר וַיֵּשֶׁב כ' כִּסְלֵו התשע"ג**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעהְט דִיר זַייעֶר לָאז זִיךְ נִישְׁט פַארְפִירְן פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, הַיינְט קֶען מֶען קוֹיפְן אַלֶע כָּשֵׁר'ע פְּרָאדוּקְטְן מִיט דִי בֶּעסְטֶע הֶכְשֵׁר, פַארְוָואס דַארְף מֶען קוֹיפְן מִיט אַ מְפוּקְפָּק'דִיגֶע הֶכְשֵׁר? מִיט אַ אָהּ יָא, אֲפִילוּ סָאדֶע אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גְלַייךְ צוּ טְרִינְקְן מִיט זַייעֶר הֶכְשֵׁר וֶוען עֶס אִיז דָא אַזֶעלְכֶע גוּטֶע הֶכְשֵׁרִים פוּן הֵיימִישֶׁע עֶרְלִיכֶע רַבָּנִים.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִשְׁט וִויפִיל מָאל אִיךְ דַארְף רֶעדְן פוּן דֶעם
אוּן שְׁרַייבְּן פוּן דֶעם וְכוּ', וָואס מַאכְט מֶען דַוְוקָא
לְהַכְעִיס? צוּ דֶערְצֶערְעֶנְעֶן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן? דֶער הֵיילִיגֶער
רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"ב) אַז מֶען
דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן יֶעדְן מַאֲכָל וָואס עֶס הָאט אִין זִיךְ
אַ סְפֵק סְפֵיקָא פוּן אַ אִיסוּר, וָואס דָאס הֵייסְט אַ מַאֲכָל שֶׁלֹּא
נִתְבָּרֵר, פְּרָאסְט אוּן פָּשׁוּט, סְ'אִיז נָאכְנִישְׁט נִתְבָּרֵר גֶעוָוארְן
אוֹיבּ סְ'אִיז אִינְגַאנְצְן כָּשֵׁר, דָאס הֵייסְט בֵּירוּר הַמַּאֲכָלִים וְכוּ',
דֶעמָאלְט וֶוען אַ אִיד גִיט אַכְטוּנְג וָואס עֶר עֶסְט אוּן וָואס עֶר
טְרִינְקְט זָאל הָאבְּן אַ הֵיימִישְׁן הֶכְשֵׁר פוּן עֶרְלִיכֶע רַבָּנִים יִרְאֵי
הַשֵּׁם דֶעמָאלְט אִיז עֶר זוֹכֶה אַז פוּן זַיין עֶסְן וֶוערְט אַ יִחוּד
קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִשְׁט פַארְוָואס
אִיךְ דַארְף פוּן דֶעם אַזוֹיפִיל רֶעדְן, הַיינְטִיגֶע צַייטְן קֶען מֶען
גְרִינְג נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט טְרֵיפוֹת אוּן נְבֵילוֹת פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ,
נָאר וֶועגְן קַאלְטְקֵייט וְכוּ' וָואס דֶער מֶענְטְש אִיז קַאלְט ווִי
אַייז צוּ אַ מִצְוָה, וָואס דָאס אִיז קְלִיפַּת עֲמָלֵק, וָואס עֶס
שְׁטֵייט בַּיי אִיהם (דְּבָרִים כ"ה י"ח) "אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ" עֶר קִילְט
אָפּ פוּן אִידִישְׁקֵייט, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (מִדְרָשׁ אַגָּדָה) וֶוען אִידְן זֶענֶען
דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם יַם סוּף הָאבְּן אַלֶע אוּמוֹת הָעוֹלָם אָנְגֶעהוֹיבְּן
זִיךְ צוּ שְׁרֶעקְן פוּן דִי אִידְן, בִּיז סְ'אִיז גֶעקוּמֶען עֲמָלֵק אוּן עֶר
הָאט אַלֶעמֶען אָפְּגֶעקִילְט, אוּן זֵיי גְלַייכְן אִים צוּ, צוּ יֶענֶער
עַזוּת פָּנִים, סְ'אִיז גֶעוֶוען אַ הֵייסֶע בָּאד אוּן אַלֶע הָאבְּן נִישְׁט
גֶעקֶענְט אַרַיינְגֵיין אוּן דֶער עַזוּת פָּנִים הָאט אַרַיינְגֶעטַאנְצְט
אִין דִי קָאכֶעדִיגֶע בָּאד אוּן בַּאוִויזְן פַאר יֶעדֶעם אֵיינֶעם אַז

מֶען קֶען יָא אָפְּקִילְן, זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער גַאנְצֶער קְלִיפָּה פוּן עֲמָלֵק'ן אִיז אָפְּקִילְן אַ אִיד פוּן וַואִרימְקֵייט, אֲפִילוּ אַזַא קְלֵיינֶע זַאךְ וֶוען מֶען קֶען קוֹיפְן סָאדֶע מִיט כָּשֵׁר'ע הֶכְשֵׁרִים, וָואס דַארְף מֶען קוֹיפְן סָאדֶע מִיט מְפוּקְפָּק'דִיגֶע הֶכְשֵׁרִים? עֶס אַזֵי בַּאווּסְט דָאס גֶעטְרַאנְק "קָאקָא קָאלֶע" אוּן "פֶּעפְּסִי קָאלֶע" הָאט נִישְׁט אִין אַמֶערִיקֶע קַיין שׁוּם הֶכְשֵׁר נָאר אָהּ יָא, נָאר אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט דָאס אַ הֶכְשֵׁר פוּן בַּד"ץ עֵדָה הַחֲרֵדִית אוּן פוּן הָרַב לָאנְדָא, אָבֶער דָא אִין אַמֶערִיקֶע הָאט דָאס קַיין שׁוּם הֶכְשֵׁר נִישְׁט נָאר פוּן אָהּ יָא, אִיז וָואס דַארְף מֶען דָאס טְרִינְקְן? מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאגֶעגְנִינְגְן מִיט אַנְדֶערֶע עֶרְלֵיי סָאדֶע? וָואס הָאבְּן יָא אַ גוּטְן עֶרְלִיכְן הֶכְשֵׁר? וְכוּ', אִיךְ גֶעב נָאר דָאס אַ בֵּיישְׁפִּיל וִוי דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַרְבֶּעט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אַבִּי אִים אָפְּצוּקִילְן פוּן אִידִישְׁקֵייט, עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם עֶר אִיז דֶער שַׂר פוּן עֲמָלֵק'ן, אִיךְ הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ וֶועסְט דָאס אֵיינְמָאל פַאר אַלֶעמָאל אַרַיינְלֵייגְן אִין הַארְץ אוּן דוּ וֶועסְט אוֹיפְהֶערְן מִיט דִי קַאלְטְקֵייט אִין אִידִישְׁקֵייט, דָאס אִיז קְלִיפַּת עֲמָלֵק וָואס ס'קִילְט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אִידִישְׁקֵייט.

**אַדְרַבָּה** מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס דָאס אִיז אַלֵיין אַ מִלְחָמָה אַקֶעגְן עֲמָלֵק, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נח.) "לְךָ הֲוָיָ"ה הַמַּמְלָכָה" זוּ מִלְחֶמֶת עֲמָלֵק; מִיט דֶעם וָואס מֶען אִיז מְגַלֶּה פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַז עֶס אִיז דָא אַ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מִיט דֶעם אַלֵיין אִיז מֶען מַכְנִיעַ עֲמָלֵק'ן וָואס עֶר מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן אִידִישְׁקֵייט,

און עֶר מַאכְט קַאלְט דֶעם איד, די חֲזַ"ל זָאגְן (מִדְרָשׁ שְׁמוּאֵל י"ב) "לֵץ תַּכֶּה" זֶה עֲמָלֵק; דֶער גַאנְצֶער עֲמָלֵק אִיז גֶעוֶועןְ נָאר לֵיצָנוּת, אָפְּשְׁפֶּעטְן פוּן אִידִישְׁקֵייט, און פוּן אִידִישֶׁע מִנְהָגִים, און דֶעם עֲמָלֵק מוּזְן מִיר אוֹיסְרַייסְן אֵיינְמָאל פַאר אַלֶעמָאל פוּן זִיךְ, אִיךְ הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט דַארְפְן מֶער פוּן דֶעם רֶעדְן, און מִכָּל שֶׁכֵּן שְׁרַייבְן.

**זָאלְסְט** ווִיסְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶועג אִיז נָאר תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַן אֶמֶתְ'ן גוּטְן פְרַיינְד, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קנ"ד) אַז דֶער עִיקָר וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה אִיז נָאר גֶעוֶוען וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט ווִי אַ פְּרָאסְטִיק, דָאס הֵייסְט עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, גֶערֶעדְט זֵייעֶר אַסַאךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אִידִישׁ, און גֶעזָאגְט אַסַאךְ תְּהִלִים, און עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט וֶוען אִיךְ זָאל ווִיסְן אִין דֶער יוּגְנְט צוּ וָואס מֶען קֶען קוּמֶען דוּרךְ הִתְבּוֹדְדוּת דָאס הֵייסְט רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהְן אַ גַאנְץ יָאר וָואלְט אִיךְ גֶעטוּהְן אִין אֵיין טָאג, און עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט נָאךְ דִי עֲבוֹדָה פוּן תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַסַאךְ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אִידִישׁ, אַזוֹי ווִי אַ פְּרָאסְטֶער פָּשׁוּטֶער מֶענְטְשׁ.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג און אַ פְרֵייליכְן תָּמִיד**

# תקפד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר וַיֵּשֶׁב כ"ב כִּסְלֵו התשע"ג

## שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר תַּלְמִיד "תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה"

**עֶס** דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה, וָואס עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר "בְּנֵי יִשָּׂשכָר" אַז חֲנוּכָּה אִיז דִי יוֹם טוֹב פוּן תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, וָוארוּם דִי יְוָנִים הָאבְּן זִיךְ פַּארְלֵייגְט דִי עִיקָר אוֹיסְרַייסְן פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער דִי אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן דִי אֱמוּנָה אִין חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל, אִיבֶּערְדֶעם אִיז יֶעצְט דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה אַ מוֹרָא'דִיגֶע סְגוּלָה צוּ מַאכְן אַ נַייֶע הַתְחָלָה אִין לִימּוּד מִשְׁנַיוֹת, וָואס דָאס אִיז דִי כְּלַל תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, אַז וואוּיל אִיז דֶעם בָּחוּר וָואס עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג זַייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אַ בָּחוּר וָואס עֶר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ לֶערְנֶען פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אִיז עֶר מְזַכֵּךְ דֶעם נֶפֶשׁ, וָוארוּם מִשְׁנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָ"ה, ווִידֶערְאוּם אַ בָּחוּר וָואס עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט וָואס עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן, דַארְף עֶר ווִיסְן אַז מִיט אַסַאךְ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת וֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין שְׁלֶעכְטֶע גֶעוואוֹינְהֵייט וְכוּ', ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ל') ה' הֶעֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי, אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת מִשְׁנָ"ה, אֲפִילוּ אֵיינֶער לִיגְט שׁוֹין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, אָבֶּער עֶר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג זַייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, דָאס וֶועט אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם שְׁאוֹל תַּחְתִּית

וָואס עֶר אִיז אַרַייְנְגֶעפַאלְן, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, כְּסִדְרָן דַיְיקָא, כְּדֵי דוּ זָאלְסְט קֶענֶען עֶנְדִיגְן וָואס מֶער שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

**עֶם** וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (מִדְרַשׁ תַּלְפִּיּוֹת) דָאס אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט עַל פִּתְחוֹ שֶׁל גֵיהִנוֹם אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת לָאזְט עֶר אִים נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין גֵיהִנוֹם עֶר זָאגְט זַיי 'דֶער מֶענְטְשׁ בַּאלַאנְגְט צוּ מִיר', אוּן דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ"א זַ"ל בְּרֶענְגְט (פְּנֵי דָוִד וַיְחִי) אַז דָאס אִיז מְרוּמָז אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מט) "מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ" שְׁמֵנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיוֹת מִשְׁנָ"ה, אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב אִיז מְמוּנֶה אוֹיף דֶער וָואס עֶר לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת, אִיבֶּערְדֶעם אוֹיבּ דוּ ווילְסְט זִיךְ אַרוֹיסְרַייסְן פוּן דִי טוּמְאָה וָואס דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דֶעם, זָאלְסְטוּ זֶעהְן צוּ זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן דַיְיקָא, אוּן זָאלְסְט עֶנְדִיגְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, אַ מַסֶכְתָּא נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דַאן זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּהְן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן, לֶערְנֶען אַסַאךְ אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מב.) בְּמִי אַתָּה מוֹצֵא מִלְחַמְתָּהּ שֶׁל תּוֹרָה? בְּמִי שֶׁיֵּשׁ בְּיָדוֹ חֲבִילוֹת שֶׁל מִשְׁנָה; דֶער וָואס לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת דֶער אִיז זוֹכֶה אַרַייְנְצוּגֵיין טִיף טִיף אִין דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה; ווִידֶערְאוּם זָאגְן דִי חֲזַ"ל (בָּבָא מְצִיעָא לג.) וּלְעוֹלָם הֱוֵי רָץ לַמִּשְׁנָה יוֹתֵר מִן גְמָרָא; זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג לוֹיפְן צוּ דִי מִשְׁנַיוֹת מֶער ווִי צוּ דִי גְמָרָא; וָוארוּם אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, עֶפְנְט זִיךְ אִים

דֶער קָאפּ עֶר זָאל קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין נָאכְדֶעם דִי גְמָרָא, אוּן אוֹיסֶערְדֶעם דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת אִיז מֶען מְקָרֵב דִי גְאוּלָה, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה ז' סִימָן ג') אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת; אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסאךְ מִשְׁנַיוֹת, אֲפִילוּ דֶעם זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אִיז מְטַהֵר אֶת הַנֶּפֶשׁ.

**גֶעלוֹיבְּט** דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז אִיךְ הָאבּ גֶעפּוּעֶלְט דָאס כִּמְעַט אַלֶע בָּחוּרִים הָאבְּן דוּרְכְגֶעלֶערְנְט מַסֶכֶת תַּעֲנִית הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן חֲתָנִים, אוּן אַסאךְ הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, אוֹיבּ דוּ הָאסְט נָאכְנִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט מַסֶכֶת תַּעֲנִית הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, זֶעה עֶס מַשְׁלִים צוּ זַיין, וָוארוּם דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶער תִּיקוּן אוֹיף חַטֹּאוֹת נְעוּרִים, דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ זָאגְט אַז מֶען דַארְף פַאסְטְן אָן אַ שִׁיעוּר תַּעֲנִיתִים וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ פַאסְטְן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אָנְגֶעזָאגְט נִישְׁט צוּ נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ אֵייגֶענֶע תַּעֲנִיתִים וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם אִיז וואוֹיל אִיז דֶעם בָּחוּר וָואס עֶר לֶערְנְט מַסֶכֶת תַּעֲנִית הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, וֶוען דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל מַסֶכֶת תַּעֲנִית, זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ דֶער גַאנְץ לֶעבְּן פִירְן זִיךְ, נֶעמֶען אַ מַסֶכֶת אוּן עֶס אִיבֶּער חַזֶר'ן הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, וֶועסְטוּ זֶעהְן דֶעם תַּעֲנוּג רוּחָנִי וָואס דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן דוּרְכְדֶעם, אַלֶע

מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן דֶעם וְכוּ' אָבֶער עֶס אִיז שׁוֹין הַיינְט דָא אִינְגֶעלַייט וָואס זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גְרוֹיסֶע קִינְדֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט פוּן דִי בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן לֶערְנֶען הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל אַ מַסֶכֶת, אוּן זֵיי הָאבְּן שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען מְסַיֵים צוּ זַיין שַׁ"ס הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, עֶס אִיז וִוי אַ גוּזְמָא וְכוּ', קֵיינֶער וֶויל נִישְׁט גְלֵייבְּן אַז ס'קֶען זַיין אַזַא זַאךְ וְכוּ', אָבֶער וֶוען אֵיינֶער נִיצְט אוֹיס דִי בָּחוּרִישֶׁע יָארְן אוּן עֶר בַּאפְלֵייסְט זִיךְ לֶערְנֶען אוּן חַזֶרְן אַ מַסֶכְתָּא הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, קֶען עֶר עֶס בַּאוַוייזְן, אוּן אַז עֶר אִיז שׁוֹין צוּגֶעוואוֹינְט אַלְץ בָּחוּר, וֶועט עֶר עֶס טוּהְן אַלְץ אִינְגֶערְמַאן נָאךְ דִי חֲתוּנָה, וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער תַּעֲנוּג וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין, אַז מֶען אִיז זוֹכֶה חַזֶר'ן אֵיין מַסֶכְתָּא נָאכְן אַנְדֶערְן, קֵיינֶער אִין דֶער וֶועלְט קֶען נִישְׁט גְלֵייבְּן אַז עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ וְכוּ', אָבֶער דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען בֶּאֱמֶת מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן זֵיי פָּאלְגְן אִים מִיט זַיין סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, דֶער בַּאוַוייזְט דָאס.

**זִייסְן** דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע תַּעֲנוּג אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט וִוי מְסַיֵים זַיין אַ מַסֶכְתָּא, מֶען בַּאקוּמְט פַאר דֶעם שְׂכַר אַ גַאנְצְן עוֹלָם, וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר (הַקְדָמָה) כָּל מַאן דְזָכָה לַהֲלָכָה חַד יָרִית עַלְמָא חַד, כָּל שֶׁכֵּן מַאן דְזָכָה לְמַסֶכְתָּא חַד.

**עֶס** אִיז אַ גְרוֹיסֶער עִנְיָן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס דָאס וֶוערְט

אָנְגֶערוּפְן הִתְבּוֹדְדוּת, וָוארוּם יֶעדֶעס דִיבּוּר וָואס מֶען רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מַאכְט אַ רַעשׁ אִין הִימְל, וּבִפְרַט וֶוען אֵיינֶער וֵויינְט אוּן עֶר בֶּעהְט זִיךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס עֶר וִויל פַארְרֶעכְטְן זַיין פַארְגַאנְגֶענְהֵייט וְכוּ', גֵייט עֶר נִישְׁט אַוֶועק פוּן דָארְטְן בִּיז מֶען אִיז אִים מוֹחֵל אַלֶע זַיינֶע עֲווֹנוֹת.

**אִיר** דַארְפְט זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אִיר לֶערְנְט אִין אַ יְשִׁיבָה וָואס מֶען לֵייגְט אִין עֶנְק אַרַיין דֶער סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**דֶער** עִיקָר פוּן אַלֶע עִיקָרִים אִיז נָאר זַיין פְרֵייליךְ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד, אוּן זִיךְ מִתְגַּבֵּר זַיין פַארְטְרַייבְּן פוּן זִיךְ דָאס עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, וָוארוּם דִי דָאקְטוֹרִים זָאגְן אוֹיבֶּעט אַזַא אַלֶע מַחֲלוֹת וְחֳלָאִים רָעִים וְכוּ' נֶעמְט זִיךְ פוּן עַצְבוּת אוּן בִּיטֶערְקֵייט וְכוּ', וּבִפְרַט נֶערְוְון קְרַאנְקְהֵייט נֶעמְט זִיךְ נָאר פוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף יֶעדֶער אִיד טוּהְן אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן נִישְׁט אָפְּשְׁטִיפְן דִי שִׂמְחָה אוֹיף מָארְגְן, נָאר הַיינְט וֶועל אִיךְ אַ גַאנְצְן טָאג זַיין פְרֵיילִיךְ, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא שְׁמִינִי) לְפִי שֶׁאֵין הַשִּׂמְחָה מַמְתֶּנֶת לְאָדָם לֹא כָּל מִי שֶׁשָּׂמֵחַ הַיּוֹם שָׂמֵחַ לְמָחָר וְלֹא כָּל מִי שֶׁמֵּיצַר הַיּוֹם מֵיצַר לְמָחָר לְפִי שֶׁאֵין הַשִּׂמְחָה מַמְתֶּנֶת לְאָדָם; דִי שִׂמְחָה וַוארְט נִישְׁט אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ הַיינְט, וֶוער וֵוייסְט וָואס וֶועט זַיין מָארְגְן? אִיבֶּערְדֶעם זֶעה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ הַיינְט מִיט דֶעם וָואס דוּ בִּיסְט אַ אִיד אוּן דוּ הָאסְט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים אַ

בָארְד און פֵּיאוֹת וְכוּ', און דו אַנְטְלוֹיפְסְט פון אַלֶע גוֹי'אִישֶׁע וֶועגְן וְכוּ' וְכוּ', דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י') אַז זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיט "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי" דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע שִׂמְחָה, און דָאס בַּאַווייזְט אַז עֶר הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם אֲפִילוּ אֵיינֶער זָאל גָארְנִישְׁט הָאבְּן אִין זִיךְ קַיין שׁוּם מִצְוָה וְכוּ', אָבֶּער עֶר פְרֵיידְט זִיךְ נָאר מִיט אֵיין נְקוּדָה "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי" דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (מְגִילָּה יג.) כָּל הַכּוֹפֵר בַּעֲבוֹדָה זָרָה נִקְרָא יְהוּדִי; אַ אֱמֶת'ער אִיד אִיז וָואס עֶר פְרֵיידְט זִיךְ וָואס עֶר אִיז בַּאשַׁאפְן אַ אִיד און נִישְׁט קַיין גוֹי, אִין דֶעם לִיגְט שׁוין דִי גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (קִידּוּשִׁין מ.) כָּל הַכּוֹפֵר בַּעֲבוֹדָה זָרָה כְּמוֹדֶה בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ; אִיבֶּערְדֶעם וֶוען אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיט "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי" דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה, וָואס אִיז הֶעכֶער פון אַלֶע שִׂמְחוֹת, און דִי שִׂמְחָה וֶועט אִים בְּרֶענְגְן זֵייעֶר נָאנְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

זֶעה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, און זָאלְסְט זִיךְ הַאלְטְן אִין דִי רַאמֶען פון דִי יְשִׁיבָה, וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, און דוּ וֶועסְט זַיין דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, גָארְנִישְׁט וֶועט דִיךְ קֶענֶען אַרָאפְּקְלַאפְּן און אַרָאפְּבְּרֶעדְן וְכוּ' וְכוּ'.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג און אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה**

# תקפה

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר מִקֵּץ כ"ה כִּסְלֵו (א' דַּחֲנֻכָּה) התשע"ג

## שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּריוו, זָעה צוּ טוּהְן אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם נָאר צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אֶמֶת עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ', פוּן דֶעסְטְוֶועגְן דַארְף מֶען זִיךְ זֶעהְן צוּ שְׁטַארְקְן, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט "הָעִיקָר שֶׁקוֹרִין דֶערְהַאלְטְן זִיךְ" מֶענְטְשְׁן הָאבְּן שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן זֵיי וֶוערְן צוּפַאלְן וְכוּ', עֶס דַאכְט זִיךְ זֵיי אַז מֶען דַארְף זֵיי נִישְׁט הָאבְּן פוּן אוֹיבְן, אָבֶער דָאס אִיז אֵיין גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן וְכוּ', וָוארוּם יֶעדֶער אִיד אִיז אַ חֵלֶק אֱלֹקַי מִמַּעַל, יֶעדֶער אִיד אִיז אַ קִינְד פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים י"ד) "בָּנִים אַתֶּם לַהֲוָיָ"ה" אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֶעהְן זֵייעֶר זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן בַּיי זִיךְ אֲפִילוּ אֵיין רֶגַע.

אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ דָאס עֶר אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אַ אִיד, אוּן "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי" וָואס דָאס אִיז דֶער גֶרֶעסְטֶער שִׂמְחָה, יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע וָואס אַ אִיד טְרַאכְט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז עֶר מְקַיֵּים אַ מִצְוַת עֲשֵׂה פוּן יִחוּד הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ, אִיבֶּערְדֶעם טָאר מֶען נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן בַּיי זִיךְ בְּשׁוּם פָּנִים וָאוֹפֶן, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זֵייעֶר מוֹרָא אַז אַ אִיד שְׁטַארְקְט זִיךְ אִין אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, טוּט עֶר אַלֶעס וָואס עֶר קֶען אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶן דֶעם אִיד אִין

אַ עַצְבוּת און אִין אַ מָרָה שְׁחוֹרָה, כְּדֵי אִים צוּ צוּבְּרֶעכְן, און אויף דֶעם אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אויף דֶעם עוֹלָם, כְּדֵי מְחַזֵק זַיין אַלֶע צוּבְּרָאכֶענֶע און גֶעפַאלֶענֶע נְשָׁמוֹת, און זֵיי אוּמְקֶערְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס הֵייסְט הַפָצָה, מֵפִיץ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אויף דֶער וֶועלְט, דִי סְפָרִים זֶענֶען מְחַיֶה און מְחַזֵק טוֹיזֶענְטֶער און טוֹיזֶענְטֶער אִידְן, וָואס נֶעבֶּעךְ זֵיי מַאכְן מִיט שְׁוֶוערֶע און בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת טָאג אַיין און טָאג אוֹיס, דֶער מִיט פַּרְנָסָה וְכוּ', דֶער מִיט קִינְדֶער וְכוּ', און אַזוֹי גְלַייכְן אַלֶע עֶרְלֵיי פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס עֶס קוּמְט אויף יֶעדְן טָאג, אויף יֶעדְן מֶענְטְשׁ בָּזֶה הָעוֹלָם, און קֵיינֶער הָאט נִישְׁט דֶער שְׁפְּרַאךְ זֵיי מְחַזֵק צוּ זַיין ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְּסְטוּ זֶעהְן זִיךְ זֵייעֶר צוּ שְׁטַארְקְן, און מַמְשִׁיךְ זַיין הֶעלְפְן מֶען זָאל קֶענֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער צוּשְׁפְּרֵייטְן, דָאס יֶעדֶער אִיד זָאל אוֹיבֶעט קֶענֶען דָאס הֶערְן.

**יֶעצְט** אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן חֲנוּכָּה דַארְף מֶען גֶעבְּן אַ תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, אַ דַאנְק און אַ לוֹיבּ פַאר'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס עֶר הָאט אוּנְז מְקַרֵב גֶעוֶוען צוּ אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אויף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס דָאס הֵייסְט הִתְבּוֹדְדוּת, מִיט דִי עֵצָה קֶען מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אִיבֶּערָאל וואוּ מֶען אִיז אויף דֶעם עוֹלָם, וֶוען אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אויף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אִיז עֶר קֵיינְמָאל

נִישְׁט אַלֵיין, ווִי דִי חֲזַ"ל פַארְצֵיילְן (יַלְקוּט דְבָרִים רֶמֶז תתכ"ה) אוֹיפְן פָּסוּק (דְבָרִים ד' ז') "כִּי מִי גוֹי גָּדוֹל אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו כַּהֲוָיָ"ה אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו", מַעֲשֶׂה בִּסְפִינָה אַחַת שֶׁהָיְתָה כּוּלָהּ שֶׁל נָכְרִים וְהָיָה בְּתוֹכָהּ יְהוּדִי אֶחָד הִגִּיעוּ לְנָמֵל אֶחָד אָמְרוּ לְאוֹתוֹ יְהוּדִי טוֹל מָעוֹת וַעֲלֵה לַנָּמֵל וְקַח לָנוּ מִשָּׁם מְאוּמָה, אָמַר לָהֶם לֹא אַכְסְנַאי אֲנִי וְאֵינִי מַכִּיר לְהֵיכָן אֵלֵךְ, אָמְרוּ לוֹ יֵשׁ יְהוּדִי אַכְסְנַאי, בְּכָל מָקוֹם שֶׁאַתָּה הוֹלֵךְ אֱלֹקֶיךָ עִמְּךָ, הֱוֵי "אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו", זֹאת אוֹמֶרֶת יְהוּדִי הוּא אַף פַּעַם לֹא לְבַד, אֵיפֹה שֶׁהוּא הוֹלֵךְ הוּא הוֹלֵךְ עִם הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא. אוּן אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (שָׁם) בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו בְּכָל לָשׁוֹן שֶׁיִּשְׂרָאֵל קוֹרְאִין לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹנֶה אוֹתָם; אִיבֶּערְדֶעם אִין דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה דַארְף מֶען לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס מִיר וֵוייסְן פוּן אַזַא הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן מֶען אִיז נִישְׁט מִתְנַגֵד אוֹיף אִים, אוּן מְ'אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס עֶר הָאט אַזוֹי גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן וֶוער סְ'אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען זִיךְ פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר מִיט דֶעם, אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵינוּ וּמַה יָּפָה יְרוּשָׁתֵינוּ.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה**

# תקפו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר מִקֵּץ כ"ו כִּסְלֵו (ב' דַּחֲנֻכָּה) התשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ וָואלְט דִיךְ זֵייעֶר גֶעוָואלְט בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט זֶעהְן צוּ טוּהְן וָואס דוּ קֶענְסְט שַׁאפְן אַ נַדְבָן אָדֶער אַפָּאר נַדְבָנִים, כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען קוֹיפְן פַּאפִּיר צוּ מַמְשִׁיךְ זַיין דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וָוארוּם מֶען טָאר נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטֵיין מִיט דֶעם אֲפִילוּ אֵיין טָאג, עֶס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶער זְכוּת אַז וֶוער סְ'הֶעלְפְט אַרוֹיס דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַשַּׁחַר הֲלָכָה ה') אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים קי"ט) "צִדְקָתְךָ צֶדֶק לְעוֹלָם וְתוֹרָתְךָ אֱמֶת" וָואסֶערֶע צְדָקָה בְּלַייבְּט פַאר אֵייבִּיג, אַז מֶען גֶעבְּט צְדָקָה צוּ דְרִיקְן דֶעם צַדִּיק הָאֱמֶת סְפָרִים, וָוארוּם יֶעדֶע צְדָקָה וָואס מֶען גֶעבְּט פַאר אַ אָרֶעמַאן אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אָבֶער דָאס בְּלַייבְּט נִישְׁט אֵייבִּיג, עֶר הָאט הַיינְט גֶעגֶעסְן, מָארְגְן דַארְף עֶר וַוייטֶער עֶסְן וְכוּ', אוּן ווִידֶער אַמָאל אִיבֶּערְמָארְגְן דַארְף עֶר וַוייטֶער עֶסְן וְכוּ', אָבֶער וֶוען מֶען גֶעבְּט צוּ דְרִיקְן אַ סֵפֶר'ל דָאס בְּלַייבְּט לְדוֹרֵי דוֹרוֹת, וָוארוּם דֶער סֵפֶר גֵייט פוּן אֵיין דוֹר צוּם אַנְדֶערְן, אוּן סְ'וֶוערְט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פוּן אֵיינֶעם צוּם אַנְדֶערְן, דֶערְפַאר אִיז דִי צְדָקָה צוּ גֶעבְּן צוּ דְרִיקְן דִי סְפָרִים זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט שַׁאפְן כַּמָּה נְדִיבִים, כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען קוֹיפְן פַּאפִּיר, וָוארוּם דֶער טַייעֶרֶער אִינְגֶערְמַאן

ר׳ ... נֵרוֹ יָאִיר אִיז יֶעצְט אִין אַ שְׁוֶוערְן גֶעלְט מַצָּב, אִיבֶּערְדֶעם זֶעה אִים אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן לְכָל הַפָּחוֹת פַּארְשַׁאפְן נְדִיבִים זָאלְן מְנַדֵּב זַיין אוֹיף פַּאפִּיר, כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט׳ן דְרִיק.

זֶעה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן רֶעדְן יֶעדְן טָאג מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס נָאר דָאס וֶועט אוּנְז בְּלַייבְּן, אַ יֶעדֶער דִיבּוּר וָואס מֶען רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶער זְכוּת, אוֹיךְ זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, וָוארוּם דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף אֲרִיכוּת יָמִים.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן חֲנוּכָּה**

## תקפז

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ב׳ לְסֵדֶר מִקֵּץ כ״ו כִּסְלֵו (ב׳ דַּחֲנֻכָּה) התשע״ג**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

**יֶעצְט** אִין דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר דֶערְהַאלְטְן אוּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף דִי חֲסָדִים וְרַחֲמִים גְמוּרִים וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעטוּהְן, עֶר הָאט אוּנְז מְקָרֵב גֶעוֶועזְן צוּ אַזָא גְרוֹיסְן רֶבִּי׳ן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ב׳) יְמֵי חֲנוּכָּה הֵם יְמֵי הוֹדָאָה, דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה אִיז טֶעג צוּ לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען

דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען יֶעדְן טָאג צוּ לוֹיבְּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נִסִּים אוּן וואוּנְדֶער וָואס עֶר טוּט מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם יֶעדְן טָאג, וָואס עֶר כַאפְּט אֲפִילוּ נִישְׁט, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (נִדָּה ל"א) לְעוֹלָם אֲפִילוּ בַּעַל הַנֵּס אֵינוֹ מַכִּיר בְּנִסּוֹ; דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם אַזֶעלְכֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע נִסִּים וָואס דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט גָארְנִישְׁט, עֶר מֵיינְט אַז עֶס אִיז נַאטִירְלִיךְ טֶבַע מִקְרֶה וּמַזָּל וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער דֶער אֱמֶת'ן אַרַיין טוּט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט יֶעדְן אִיד גְרוֹיסֶע נִסִּים, אַז וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶר אַנֶערְקֶענְט דָאס אוּן עֶר לוֹיבְּט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף דֶעם, אוּן יֶעצְט דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה דָאס אִיז דִי צַייט פוּן דֶעם, זִיךְ נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ אַז אַ גַאנְץ יָאר וֶועט עֶר לוֹיבְּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה**

## תקפה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ א' לְסֵדֶר וַיִּגַּשׁ ג' טֵבֵת (זֹאת חֲנוּכָּה) התשע"ג**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דוּ הָאסְט פַארְשַׁאפְט אַפָּאר נַדְבָנִים צוּ בְּרֶענְגְן אַפָּאר פַּאלֶעטְ'ס פוּן פַּאפִּיר כְּדֵי

מֶען זָאל מַמְשִׁיךְ זַיין דְּרִיקְן דִּי הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס ס'וֶוערְט צוּכַאפְּט בַּיי דִּי יוּגְנְט, אוּן סְ'אִיז זֵיי מְחַיֶּה אוּן מְחַזֵּק.

אִיךְ קֶען דִּיר גָארְנִישְׁט מַסְבִּיר זַיין דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִּי צְדָקָה, אוּן דוּ דַארְפְּסְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, כָּאטְשֶׁע אִיךְ וֵויים דוּ בִּיסְט פַארְבִּינְדֶען מִיט אַסַאךְ הִתְחַיְּיבוּתֶ'ער וְכוּ', אוּן דוּ בִּיסְט שׁוּלְדִיג אַסַאךְ חוֹבוֹת וְכוּ', אָבֶער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן זֶעה צוּ פַארְשַׁאפְן נָאךְ נַדְבָנִים זָאלְן קוֹיפְן פַּאלֶעטְ'ס מִיט פַּאפִּיר, וָוארוּם וִויפֶער סְ'אִיז דָא פַּאפִּיר קֶען מֶען דְרִיקְן.

מִיר גֶעפוּנֶען אִין עַלִים לִתְרוּפָה אַפָּאר בְּרִיוו וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט פַאר זַיין זוּהְן רֶבִּי שַׁכְנָא, אוּן פַאר רֶבִּי יִצְחָק אַז דִּי דְרִיק הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט וַוייל סְ'אִיז נִישְׁטָא קַיין פַּאפִּיר, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין טִינְט וְכוּ', זֶעהְט מֶען עֶר אִיז אוֹיכֶעט אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען דָאס וָואס מִיר גֵייעֶן אִיבֶּער, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ הָאסְט פַארְשַׁאפְט אַפָּאר פַּאלֶעטְ'ס פוּן פַּאפִּיר, וּבִפְרָט יֶעצְט וָואס עֶס קוּמְט דִּי יְמֵי שׁוֹבָבִ"ים, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט זֵייעֶר מֶען זָאל אָפְּדְרִיקְן דֶעם אוֹצָר יְמֵי שׁוֹבָבִ"ים, וָואס דָאס וֶוערְט צוּכַאפְּט בַּיי דִּי יוּגְנְט, אוּן אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר מֶען הָאט אָפְּגֶעדְרִיקְט דֶעם "אוֹצָר הַקְדוּשָׁה" וָוארוּם דָאס זוּכְן בָּחוּרִים, עֶס גֵייט נֶעבֶּעךְ אִיבֶּער אוֹיף בָּחוּרִים שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע אוּן פִינְסְטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן קֵיינֶער אִינְטֶרֶעסִירְט אִים נִישְׁט וְכוּ', אוּן קֵיינֶער שְׁרַייבְּט נִישְׁט קַיין סְפָרִים פוּן דֶעם, אוּן קֵיינֶער אִיז נִישְׁט מְחַזֵּק דִּי צוּבְּרָאכֶענֶע בָּחוּרִים וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם

הָאסְטוּ גֶעטוּהְן אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ מִיט דֶעם וָואס דוּ הָאסְט גֶעבְּרֶענְגְט אַפָּאר נְדִיבִים אוֹיף פַּאלֶעטְ'ס פַּאפִּיר.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט הָאבְן גְרוֹיסֶע הַרְחָבָה אוּן אֱמֶת'ע שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן דוּ זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אַלֶע אִינְזִיכְטְן.

**אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה**

## תקפט

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ א' לְסֵדֶר וַיִּגַּשׁ ג' טֵבֵת (זאת חֲנוּכָּה) התשע"ג**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** הָאבּ מוֹרָא'דִיג הַנָאָה דָאס אִיךְ הָאבּ דִיר פַארְשַׁאפְן אַפָּאר נַדְבָנִים וָואס זָאלְן דִיר גֶעבְּן פַּאלֶעטְ'ס פַּאפִּיר מֶען זָאל קֶענֶען אָנְגֵיין מִיטְן דְרִיקְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס עֶס וֶוערְט צוּכַאפְּט בַּיי דִי יוּגְנְט.

**אִיךְ** הָאבּ מוֹרָא'דִיג הַנָאָה אַז דוּ הָאסְט אָפְּגֶעדְרִיקְט דֶעם סֵפֶר "אוֹצַר הַקְדוּשָּׁה", דָאס זוּכְן דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי אַזֶעלְכֶע יְרִידוֹת אוּן נְפִילוֹת וְכוּ' וְכוּ', וָואס קֵיינֶער וִויל נִישְׁט גְלֵייבְּן וְכוּ', אוּן קֵיינֶער וִויל זֵיי נִישְׁט מְחַזֵק זַיין וְכוּ', קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט זֵיי נִישְׁט וְכוּ', מֶען דְרִיקְט הַיינְט זֵייעֶר אַסַאךְ סְפָרִים, הֵיילִיגֶע סְפָרִים, אִין הֲלָכָה, אִין

דְרוּשׁ, און אֲפִילוּ קַבָּלָה וְכוּ׳, אָבֶער אַרָאפְּצוּגֵיין צוּ דִי נִידְרִיגֶע און צוּבְּרָאכֶענֶע און גֶעפַאלֶענֶע נְשָׁמוֹת אִיז נִישְׁטָא קֵיינֶער וָואס זָאל מְחַבֵּר זַיין סְפָרִים, אִיבֶּערְדֶעם דִי סְפָרִים אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ דְרִיקְן און אִיבֶּערְצוּדְרִיקְן, און מִיט דֶעם בִּיסְטוּ מְחַיֶה אַזוֹיפִיל צוּבְּרָאכֶענֶע נְשָׁמוֹת, וָואס דָאס אִיז דִי כֵּלִים פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים רוּהְט נָאר אִין צוּבְּרָאכֶענֶע נְשָׁמוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳.

וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי וָואךְ פוּן פַּרְשַׁת וַיְחִי הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז דוּ זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן צוּ דְרִיקְן נָאכְאַמָאל אוֹצַר יְמֵי שׁוֹבָבִי״ם, וָוארוּם דָאס אִיז אוֹיכֶעט נוֹטִיג פַאר׳ן הַיינְטִיגְן דוֹר, וּבִפְרַט פַאר בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט, און ס׳אִיז מְחַיֶה און מְשַׂמֵחַ אַלֶע צוּבְּרָאכֶענֶע בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט.

אִיךְ בֶּעהְט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, וָוארוּם דַיין זְכוּת אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶע זְכוּתִים, וָוארוּם אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים, אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זְכוּת פוּן דֶעם, וּבִפְרַט אַז עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל צוּבְּרָאכֶענֶע און גֶעפַאלֶענֶע נְשָׁמוֹת, און דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס דוּ דְרִיקְסְט זֶענֶען זֵיי מְחַיֶה, דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֶעהְן זֵייעֶר צוּ שְׁטַארְקְן, און הַלְוַואי זָאל זַיין נָאךְ נְדִיבִים וָואס זָאלְן מְנַדֵב זַיין פַאלֶעטְ׳ס פַּאפִּיר, אַזוֹי אַז דָאס זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין קַיין מְנִיעָה, בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶס אִיז דָא טֵייעֶרֶע לֶעבְּטִיגֶע בָּחוּרִים וָואס זֵיי גֶעבְּן אַוֶועק פוּן זֵייעֶר הֵיילִיגֶע צַייט און זֵיי הֶעלְפְן אַרוֹיס דְרִיקְן, עֶס אִיז אַ נַחַת צוּ קוּקְן ווִי דִי מַאשִׁין אַרְבֶּעט שָׁעָה׳ן

אִיבֶּער שָׁעָה'ן אוּן גֶעבְּט אַרוֹיס אַ סֵפֶר נָאךְ אַ סֵפֶר וְכוּ' וְכוּ', וֶוער הָאט גֶעגְלֵייבְּט ס'וֶועט אַמָאל זַיין אַזַא זַאךְ?

סְ'אִיז נִישְׁט סְתָם בָּחוּרִים, סְ'אִיז הֵיילִיגֶע בָּחוּרִים וָואס זֵיי לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן אַסַאךְ דַפִּין גְמָרָא, אַז וואוֹיל אִיז זֵיי.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר אַוַודַאי הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן הַרְחָבָה, אוּן גָארְנִישְׁט זָאל דִיךְ קֶענֶען צוּבְּרֶעכְן.

**אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה**

## תקצ

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ א' לְסֵדֶר וַיִּגַּשׁ ג' טֵבֵת (זֹאת חֲנוּכָּה) התשע"ג**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעהְט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֶעהְן צוּ דֶערְהַאלְטְן, אוּן נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, מֶען אִיז יֶעדֶעם אֵיינֶעם מְנַסֶּה מִיט זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגֶלְטְ'ן חָסִיד הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, דָאס הֵייסְט אַז סְ'גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער, עֶר וֶוערְט גֶעפְּרֶעגֶלְט מִיט צָרוֹת פוּן אַלֶע זַייטְן, אוּן פוּן דֶעסְטְוֶועגְן דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דָאס אִיז הֶעכֶער וִוי אַלְסְדִינְג, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ס"ב.) קַבָּלָה דְיִסוּרֵי - שְׁתִיקוּתָא, וּמִבָּעֵי רַחֲמֵי; דָאס בַּאשִׁיצוּנְג פוּן יְסוּרִים אִיז צוּ שְׁוַוייגְן, מִיט דֶעם

וַוייזְט עֶר אַז עֶר גְלֵייבְּט אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, נָאר עֶר דַארְף בֶּעטְן רַחֲמִים אַז מֶען זָאל אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן אִים דִי יִסוּרִים, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, פַאל נִישְׁט אָראפּ בַּיי זִיךְ, דוּ בִּיסְט זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וּבִפְרַט אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען צוּ אִים, אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַאר אִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, דוּ וֶועסְט אִים אוֹיסְדֶערְצֵיילְן וָואס אוֹיף דִיר גֵייט דוּרְךְ, דוּ זָאלְסְט זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין, דוּ זָאלְסְט זָאגְן טַאטֶע אִיךְ הָאבּ מוֹרָא'דִיג חֲרָטָה וָואס אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר גֶעטוּהְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שֵׂכֶל, דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט גֶעבְּרֶענְט אִין מִיר הָאבּ אִיךְ דָאס אוּן דָאס וְכוּ' וְכוּ' גֶעטוּהְן, וֶועסְטוּ זֶעהְן דוּ וֶועסְט נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן דָארְטְן בִּיז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ מוֹחֵל זַיין, אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים בְּחוּקוֹתַי) וְהִתְוַדּוּ אֶת עֲוֹנָם, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִיַּד שֶׁיִּשְׂרָאֵל מִתְוַודִּין לְפָנַי אֲנִי מוֹחֵל לָהֶם; מֶען דַארְף זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין אוּן דָאס אִיז דִי עִיקָר תְּשׁוּבָה, אַזוֹי וִוי דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק א' מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה הֲלָכָה א') דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז ווִידוּי דְבָרִים, וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַדּוֹת הֲרֵי זֶה מְשׁוּבָּח; וָואס מֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה אַלְץ נֶענְטֶער וֶוערְט עֶר צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ צוּ אִים, בָּאטְשֶׁע בַּיים אָנְפַאנְג וֶועט זִיךְ דִיר דַאכְטְן אַז קֵיינֶער הֶערְט דִיר נִישְׁט אוֹיס, אָבֶּער דוּ זָאלְסְט וִויסְן דָאס יֶעדְן דִיבּוּר וָואס מֶען רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא

כָּל עוֹלָמִים וֶוערט צוּגֶעהֶערְט אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, אַז וואוּיל אִיז דֶעם אִיד וָואס עֶר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, בִּשְׁעַת אַ אִיד רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים רַעשְׁ'ט זִיךְ אַלֶע עוֹלָמוֹת, אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, ס'טוּט דִיךְ טַאקֶע וֵויי וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ וְכוּ' וְכוּ', פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן זָאלְסְטוּ זִיךְ זֶעהְן צוּ דֶערְהַאלְטְן, פַאל נִישְׁט אַרָאפּ, דוּ בִּיסְט זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אִיךְ** וָואלְט דִיךְ זֵייעֶר גֶערָאטְן דוּ זָאלְסְט טוּהְן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן אַזוֹי וִוי דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט אַלֶעס וָואס דוּ זָאגְסְט זָאלְסְטוּ קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, אוּן מִיטְן זָאגְן אֲפִילוּ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, סוֹף כָּל סוֹף וֶועט זִיךְ דִיר עֶפֶענֶען דֶעם מֹחַ אוּן דוּ וֶועסְט אַלֶעס פַארְשְׁטֵיין, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, הַאלְט זִיךְ, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז עֶס וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, וָוארוּם אַז אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג, וֶוערְט אִים גֶעלוֹיטֶערְט דֶעם מֹחַ, אוּן עֶר וֶוערְט אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן.

**אִיךְ** הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן, דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן דוּ וֶועסְט אַוַדַאי גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

**אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה**

# תקצא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ א' לְסֵדֶר וַיִּגַּשׁ ג' טֵבֵת (זֹאת חֲנוּכָּה) התשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**זַיי** נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן מַאךְ שָׁלוֹם מִיט דַיין וַוייבּ, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (עוּקְצִין פֶּרֶק ג') לֹא מָצָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּלִי מַחֲזִיק בְּרָכָה לְיִשְׂרָאֵל אֶלָּא הַשָּׁלוֹם; בִּפְרַט וֶוען סְ'אִיז דָא שָׁלוֹם בַּיִת אִין שְׁטוּבּ, דֶעמָאלְט אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער כְּלִי מַמְשִׁיךְ זַיין דִי בְּרָכָה אִין שְׁטוּבּ.

**זָאלְסְט** זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען מִיט דִי מִדָּה הַיְקָרָה פוּן סַבְלָנוּת, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְלֵיי מַצָּבִים אִין לֶעבְּן, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ נֶערְוֶועזְקֵייט, אוּן ווִיפֶער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נֶערְוֶועז לָאזְט עֶר אוֹיס זַיין כַּעַס דָאס עֶרְשְׁטֶע אוֹיף זַיין וַוייבּ וְכוּ', אוּן נָאכְדֶעם אוֹיף דִי קִינְדֶער וְכוּ', אוּן נָאכְדֶעם אִינְדְרוֹיסְן וְכוּ', אַ כַּעְסָן קֶען קֵיינֶער נִישְׁט לַיידְן, אַ נֶערְוֶועזֶער מֶענְטְשׁ קוּקְט מֶען אָן ווִי אַ מְשׁוּגֶענֶער פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ.

**אִיבֶּערְדֶעם** גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ מִיט דִי טַייעֶרֶע מִדָּה פוּן גֶעדוּלְדִיקֵייט סַבְלָנוּת, וָואס דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מִדָּה. אַ אִיד הָאט גֶעדוּלְד! מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין קַיין שׁוּם פְּחָדִים וְכוּ', קֵיינֶער קֶען דִיר בְּמֵילָא גָארְנִישְׁט טוּהְן אָן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וְכוּ', אִיז וָואס

דַארְפְסְטוּ מוֹרָא הָאבְּן? וָואס דַארְפְסְטוּ אַרײַנְגֵיין אִין נֶערְוֶועזְקֵייט? הַלְוַואי וָואלְסְטוּ אַרײַנְגֶענוּמֶען אִין זִיךְ דֶעם עִנְיָן פוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִיּוּת, דוּ זָאלְסְט וִויסְן דָאס קַיין שׁוּם זַאךְ וֶוערְט נִישְׁט גֶעטוּהְן אָן דֶעם רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וְכוּ', אֲפִילוּ דֶער קְלֶענְסְטֶער צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ וָואס דוּ הָאסְט פוּן אַ מֶענְטְשׁ, אִיז דָאס נָאר פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס הָאט זִיךְ מִתְלַבֵּשׁ גֶעוֶועזְן אִין דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל דִיר טוּהְן דָאס שְׁלֶעכְטְס, אָבֶּער דֶער אֱמֶת'ן אַרײַן אִיז דָאס אַלֶעם פוּן אוֹיבְּן, מֶען פְּרוּבִּירְט דִיךְ אוֹיס צוּ זֶעהְן וִוי שְׁטַארְק דוּ בִּיסְט אִין אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אוֹיבּ** דוּ וֶוערְסְט נֶערְוֶועז אוֹיף דַיין ווַייבּ אָדֶער אוֹיף דִי קִינְדֶער אָדֶער אוֹיף מֶענְטְשְׁן וְכוּ' וְכוּ', מִיט דֶעם נֶעמְסְטוּ אַרָאפּ פוּן דִיר דִי הַשְׁגָּחָה, דוּ מֵיינְסְט אַז זֵיי טוּעֶן דִיךְ שְׁלֶעכְטְס אָן דֶעם וָואס עֶס אִיז דָא הַשְׁגָּחָתוֹ הַפְּרָטִיּוּת אִין דֶעם.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, קוֹיף זִיךְ אַײַן דִי מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת, בִּיז דוּ וֶועסְט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף דֶעם מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת, אוּן דוּרְכְדֶעם וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן גֶעדוּלְד נִישְׁט וֶוערְן אִין כַּעַס, וֶועט נִמְשָׁךְ וֶוערְן אוֹיף דִיר הַשְׁגָּחָה פְּרָטִיּוּת, אִיךְ הָאף אַז דִי וֶוערְטֶער וֶועט אַרײַנְגֵיין בַּיי דִיר אִין הַאַרְץ וֶועסְטוּ זַיין אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן.

**אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה**

# תקצב

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ א' לְסֵדֶר וַיִּגַּשׁ ג' טֵבֵת (זֹאת חֲנוּכָּה) התשע"ג**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ בַּאקוּמֶען דֶעם נַייֶעם גִּלְיוֹן "זִיו הַהֵיכָל" עֶס אִיז אַרוֹיס זֵייעֶר זֵייעֶר שֵׁיין, אַדְּרַבָּה וָואס מֶער מֶען קֶען מְגַלֶּה זַיין אוּן מְפַרְסֵם זַיין דֶעם רֶבִּינְ'ס אוֹר אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז אַ גְּרוֹיסֶע זַאךְ, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין הִסְתַּלְקוּת צַוָואָה פַאר אוּנְזֶערֶע לַייט "אֵייעֶר עוּבְדָא זָאל זַיין יָפוּצוּ מַעְיְנוֹתֶיךָ חוּצָה, צוּשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוֹיף דֶער וֶועלְט" אִיבֶּערְדֶעם אִין וָואסֶערֶע וֶועג מֶען קֶען נָאר צוּשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס לֶעבְּט, ווארוּל אִיז פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ.

**אִיךְ** הָאבּ נָאר גֶעוָואלְט פַארְרֶעכְטְן אַ סִיפּוּר וָואס אִיר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן, זֶעהְט אוֹיס מִיט אַ טָעוּת.

**רֶבִּי** אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זַ"ל אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה תרע"ה מִיט אֵיינֶעם פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט וָואס עֶר הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי מֹשֶׁה גְּלִידְמַאן זַ"ל מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן רֶבִּי מֹשֶׁה טְשֶׁעהנְסְטְחוֹבֶער זַ"ל אַרוֹיסְקוּמֶענְדִיג פוּן מִקְוֶה הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט מִיט דִי וֶוערְטֶער, "הֶער מִיר אוֹיס וָואס אִיךְ גֵיי דִיר זָאגְן, נָאךְ פוּפְצִיג יָאר פוּן יֶעצְט וֶועט אוֹיפְשְׁטֵיין אַ אִינְגֶערְמַאן פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט אוּן עֶר וֶועט מַאכְן נַייעֶס אוּן וואוּנְדֶער אִין רֶבִּינְ'ס זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט", אוּן רֶבִּי מֹשֶׁה טְשֶׁעהנְסְטְחוֹבֶער זַ"ל הָאט דָאס גוּט אַרַיינְגֶעקְרִיצְט

בַּיי זיךְ אִין הָאָרֶץ, און דֶערְוַוייל אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען וָואס עֶס אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען וְכוּ' וְכוּ', רֶבִּי אַבְרָהָם זַ"ל אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן אִין דֶעם פוּפְטְן לֶעכְטְל פוּן חֲנוּכָּה תרע"ח, יָארְן שְׁפֶּעטֶער הָאט רֶבִּי מֹשֶׁה טְשֶׁענְסְטְחוֹבֶער זַ"ל דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר זַיין זוּהְן רֶבִּי אַהֲרֹן גְלִידְמַאן זַ"ל, רֶבִּי מֹשֶׁה טְשֶׁענְסְטְחוֹבֶער זַ"ל אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן גַאנְץ יוּנְג, און רֶבִּי אַהֲרֹן זַיין זוּהְן אִיז גֶעקוּמֶען אִין אַמֶערִיקֶע און עֶר הָאט גֶעקְלֶערְט דָא צוּ זַיין אוֹיף אַ קוּרְצֶע צַייט, דֶערְוַוייל אִיז עֶר שׁוֹין דָא גֶעבְּלִיבְּן אַלֶע יָארְן, און ווען איך הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים שְׁנַת תשכ"ה און איך הָאבּ דָאס פַארְפְּלֵייצְט אִין אַלֶע גֶעגְנְטְ'ן פוּן נוּא יָארְק אוֹיף גָאר בִּילִיג אַלֶע דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, סֵפֶר הַמִּדּוֹת, חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, שִׂיחוֹת הָרַ"ן, מִיט נָאךְ סְפָרִים ווִי הִשְׁתַּפְּכוּת הַנֶּפֶשׁ, מְשִׁיבַת נֶפֶשׁ, וְכוּ', וְכוּ', אִיךְ בִּין נָאךְ גֶעוֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט אַ פְּרוּטָה פַאר דִי נְשָׁמָה, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַריינְגֶעוָוארְפְן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ און עֶס אָפְּגֶעדְרִיקְט און צוּשְׁפְּרֵייט אִין אַלֶע פְּרוּמֶע גֶעגְנְטְן, און עֶס אִיז צוּכַאפְּט גֶעוָוארְן, ווַייל אִיךְ הָאבּ דָאס צוּשְׁפְּרֵייט פַאר גָאר בִּילִיג, אַ "לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן" מִיט דְרֵיי פֵּירוּשִׁים "פַּרְפְּרָאוֹת לַחָכְמָה", "בְּאִבֵּי הַנַּחַל", און "מֵי הַנַּחַל", פַאר אַ דָאלְלֶער פוּפְצִיג. אַ "סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת" פַאר אַ דָאלְלֶער, אַ "סֵפֶר הַמִּדּוֹת" פַאר אַ קְוָואדֶער, און "שִׂיחוֹת הָרַ"ן" און "חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן" און "הִשְׁתַּפְּכוּת הַנֶּפֶשׁ" מִיט "מְשִׁיבַת נֶפֶשׁ" הָאבּ אִיךְ פַארְקוֹיפְט פַאר צֶען סֶענְט, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס

אִיז צוּבַאפְּט גֶעוָוארְן אִין אַ קוּרְצֶע צַייט, מֶען הָאט גֶעדְרִיקְט דִי אַלֶע סְפָרִים צוּזַאמֶען פוּנְף אוּן אַכְצִיג טוֹיזֶענְט, אוּן אִין אַ קוּרְצֶע צַייט אִיז עֶס אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, דֶעמָאלְט אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אִין שְׁטוּב רֶבִּי אַהֲרֹן גְלִידְמַאן ז״ל, אוּן עֶר הָאט מִיר פַארְצֵיילְט דָאס וָואס דֶער פָּאטֶער רֶבִּי מֹשֶׁה טְשֶׁענְסְטְחוֹבֶער ז״ל הָאט אִיהם אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי אַבְרָהָם'ן שְׁנַת תרע״ה אִין אוּמַאן, אוּן עֶר זָאגְט מִיר אִיךְ זֶעה אִיר הָאט אוֹיף זִיךְ מַחְלוֹקֶת, וַויל אִיךְ אַייךְ מְחַזֵק זַיין, אוּן דֶערְצֵיילְט מִיר דִי מַעֲשֶׂה, אוּן לָאזְט אוֹיס, זֶעהְט אוֹיס דָאס אִיר זֶענְט דֶער אִינְגֶערְמַאן, שְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט פוּן קַיין שׁוּם מַחְלוֹקֶת וְכוּ' וְכוּ', אוּן עֶר הָאט מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיט זַיינֶע וֶוערְטֶער.

עַל כָּל פָּנִים אַזוֹי גֵייט דִי מַעֲשֶׂה, אוּן נִישְׁט וִוי אִיר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַז רֶבִּי מֹשֶׁה טְשֶׁענְסְטְחוֹבֶער ז״ל הָאט דָאס מִיר דֶערְצֵיילְט, וָוארוּם עֶר אִיז שׁוֹין נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן מִיט עֶטְלִיכֶע צְוָואנְצִיג יָאר פְרִיעֶר'ט.

אִיךְ הָאבּ דָאס נָאר גֶעשְׁרִיבְּן כְּדֵי פַארְרֶעכְטְן דֶעם טָעוּת, אָבֶּער אַזוֹי אִיז דֶער גִּלְיוֹן זֵייעֶר זֵייעֶר שֵׁיין, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אַייךְ הֶעלְפְן אִיר זָאלְט קֶענֶען יֶעדֶע וָואךְ אַרוֹיסְגֶעבְּן אַזַא שֵׁיינֶע גִּלְיוֹן, עֶס זָאל מְקוּיָם וֶוערְן "יָפוּצוּ מַעְיְנוֹתֶיךָ חוּצָה".

דֶער עִיקָר וָואס אִיר דַארְפְט שְׁרַייבְּן אִיז נָאר אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָואס אִיז הַיינְט זֵייעֶר וִויכְטִיג מֶער

ווי אַלֶעמָאל, ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מִיט זַיין רוּחַ הַקוֹדֶשׁ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ל"ה וְסִימָן ר"כ) אַז פַּאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וֶוערְן אָנְגֶעפִּילְט מִיט מִינוּת און אַפִּיקוֹרְסוּת, און וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אִין פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, אוֹיךְ זָאלְט אִיר שְׁרַייבְּן אַסַאךְ וֶועגְן לִימוּד תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פון דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס מִיר זֶעהֶען, פַארְוָואס יוּנְגֶע בָּחוּרִים לָאזְן אָפּ דָאס לֶערְנֶען וְכוּ', וַוייל זֵיי הָאבְּן אַ שְׁוֶוערֶע הַבָנָה, און זֵיי וֶוערְן גְרִינְג מְיוּאָשׁ, הֶערְן זֵיי אוֹיף אִינְגַאנְצְן צוּ לֶערְנֶען, אָבֶּער וֶוען מֶען וָואלְט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין זֵיי דֶעם גְרוֹיסְקֵייט פון זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, וָואלְטְן זֵיי גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט דֶעם שָׁעָה'ן אִיבֶּער שָׁעָה'ן, און דָאס וָואלְט זֵיי גֶערֵיינִיגְט זֵייעֶר נְשָׁמָה, און זֵיי וָואלְטְן נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ קַיין נַארִישְׁקֵייטְן.

**אוֹיךְ** זָאלְט אִיר שְׁרַייבְּן אָפֶּען דֶעם חוֹמֶר הָאִיסוּר פון הַאלְטְן אַ אֵיי-פָּאן, אֵיי-פֶּאד, און אַנְדֶערֶע כְּלֵי מַשְׁחִית, וָואס מֶען קֶען צַאמְקוּקֶען אַלֶע שְׁמוּץ אִין דֶער וֶועלְט רַחֲמָנָא לִישַׁזְבָן, און דוּרְכְדֶעם פַאלְט מֶען אַרַיין אִין אַ גֶעדֶעכְטֶע זוּמְפּ פון דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם, און מֶען קֶען שׁוֹין נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פון דֶעם, וָוארוּם אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן (מִשְׁלֵי ב' י"ט) "כָּל בָּאֶיהָ לֹא יְשׁוּבוּן וְלֹא יַשִּׂיגוּ אָרְחוֹת חַיִּים" עֶס אִיז אַ גְרוֹיס רַחֲמָנוּת הַיינְט אוֹיף יוּנְגֶע בָּחוּרִים וָואס זֵיי זֶענֶען אִין אַ שְׁטֶענְדִיגֶע סַכָּנָה וָואס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם לָאקֶערְט אוֹיף זֵיי פון שְׁלֶעכְטֶע פַארְדָארְבֶּענֶע חֲבֵרִים.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אַייךְ גֶעבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה, אוּן אִיר זָאלְט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען, וֶועט אִיר הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

**אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה**

## תקצג

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ ב' לְסֵדֶר וַיִּגַּשׁ ד' טֵבֵת התשע"ג**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** הָאבּ גֶעזֶעהְן דִי נַייֶע סְפָרִים וָואס דוּ הָאסְט גֶעדְרוּקְט, מַמָּשׁ אַ פְּאֵר אַ שֵׁיינְקַייט, דֶער זְכוּת זָאל דִיר בֵּיישְׁטֵיין, דוּ זָאלְסְט הָאבְּן דֶעם אֱמֶתְ'ן שָׁלוֹם בַּיִת אוּן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן נַחַת פוּן דַיינֶע לֶעבְּטִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ פַּרְנָסָה בְּנֵיקַל.

**יֶעצְט** דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ דִי טֶעג פוּן שׁוֹבְבִ"ים, זֶעה אָפְּצוּדְרִיקְן דֶעם סֵפֶר "אוֹצַר הַשּׁוֹבָבִים" וָואס אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר ווִיכְטִיג, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ עֶעט דְרִיק אָפּ דֶעם סֵפֶר "אוֹצַר הַקְדוּשָׁה" וָוארוּם דִי נִסְיוֹנוֹת אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיס סַיי פַאר בָּחוּרִים אוּן סַיי פַאר אִינְגֶעלַייט, אִיבֶּערְדֶעם ווארוּל אִיז דֶעם וָואס עֶר טוּט אַרוֹיסְהֶעלְפְן דְרִיקְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, וָואס דָאס אִיז אַ זְכוּת הָרַבִּים לְדוֹרֵי דוֹרוֹת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן

זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַשַּׁחַר הֲלָכָה ה') אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים קי"ט) "צִדְקָתְךָ צֶדֶק לְעוֹלָם וְתוֹרָתְךָ אֱמֶת" וָואסֶערֶע צְדָקָה בְּלַייבְּט שְׁטֶענְדִיג, אַז מֶען גֶעבְּט גֶעלְט צוּ דְרִיקְן דִי תּוֹרָה פוּן צַדִּיק הָאֱמֶת.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער הַיינְט אוֹיף בָּחוּרִים, אוּן אוֹיף אִינְגֶעלַייט וְכוּ' וְכוּ', זֵיי זֶעעֶן בַּיי זִיךְ צוּבְּרָאכְן וְכוּ', זֵיי זֶעעֶן בַּיי זִיךְ מְיוּאָשׁ פוּן לֶעבְּן וְכוּ', אַלְץ וַוייל ס'גֵייט אוֹיף זֵיי דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ', יֶעדֶער אֵיינֶער לוֹיט זַיין נִסָּיוֹן וְכוּ', אוּן נָאר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים פַארְשְׁטֵייעֶן זֵיי, אוּן נָאר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים בְּלָאזְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ אַ לֶעבְּטִיגְקֵייט אַ הָאפְּפֶענוּנְג, אוּן אִיז מַדְרִיךְ הַדְרָכָה אִין לֶעבְּן, אִיבֶּערְדֶעם זֶעה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן דְרוּקְן דִי סְפָרִים, אוּן וואויל אִיז דִי אִידְן וָואס זֵיי וֶועלְן דִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט קוֹיפְן אַ פַּאלֶעט פַּאפִּיר וְכוּ', וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה צוּ רַאטֶעוֶוען בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט פוּן יֵאוּשׁ אוּן צוּבְּרָאכְנְקֵייט וְכוּ', אוּן זֵיי אַרוֹיפְפִירְן אוֹיפְן גְלַייכְן וֶועג זֵיי זָאלְן לֶעבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן, אוּן אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה מִיט גְרוֹיס פְרֵייד.

ווִיפִּיל אִיז זָאל דִיר נָאר נִישְׁט שְׁרַייבְּן וֶועגְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דְרִיקְן דִי סְפָרִים אִיז נִישְׁט גֶענוּג, נָאר פַּארְשְׁטֵיי פוּנֶדֶערְוַוייטְן עֶפֶּעס אַ רֶמֶז וָואס הֵייסְט דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן זֵיי צוּשְׁפְּרֵייטְן וְכוּ', ווִיפִּיל צוּבְּרָאכֶענֶע נְשָׁמוֹת בַּאקוּמֶען חַיּוּת פוּן דֶעם? ווִיפִּיל לֶעבְּנְס וֶוערְט גֶערַאטֶעוֶועט דֶערְפוּן? דַאכְט זִיךְ מִיר אַז דוּ וֶועסְט אִין דֶעם אַבִּיסְל אַרַיינְטְרַאכְטְן וֶועסְטוּ מוֹדֶה זַיין אַז אִיךְ בִּין גֶערֶעכְט.

זֶעה דו אויבּעט אַרויסְצוּכאפּן יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י פוּן די וָואכֶעדיגֶע סֶדְרָה, און אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, און אַ דַף גְמָרָא, וֶועסְטוּ זיךְ שְׁפִּירְן אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ, וְעַל כּוּלָם גֶעוואוין זיך צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און דֶערְצֵייל אִים אוּיס אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוּיף דִיר דוּרְךְ, וָואס יֶעדֶער דִיבּוּר און דִיבּוּר מַאכְט אַ רוֹשֶׁם אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, וֶוען אַ אִיד וָואלט וויסְן ווי טַייעֶר און חָשׁוּב אִיז אִין הִימְל זַיין תְּפִלָּה, וָואלְט עֶר נִישְׁט אוּיפְגֶעהֶערְט צוּ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און דָאס אַלֶעס הָאבְּן מִיר מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן גֶעבֶּענְטְשְׁטְן טָאג**

## תקצד

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ ב' לְסֵדֶר וַיִּגַּשׁ ד' טֵבֵת התשע"ג**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו וָואס דוּ גִיסְט זִיךְ אוּיס דַיין בִּיטֶער הַארְץ וָואס עֶס גֵייט אוּיף דִיר דוּרְךְ מִיט שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ'.

**אִיךְ** הָאבּ שׁוֹין פוּן דֶעם זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעשְׁרִיבְּן, לֵיידֶער לֵיידֶער הַיינְט אִיז נִישְׁטָא וֶוער זָאל מַדְרִיךְ זַיין אִינְגֶעלַייט וֶועגְן שָׁלוֹם בַּיִת וִויאַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן וְכוּ', עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶער

שָׁאד, מֶען וָואלְט גֶעדַארְפְט אַריינְלֵייגְן סְפֶּעשִׁיל אִינְגֶעלַייט יִרְאֵי הַשֵּׁם מַדְרִיכִים אויסְלֶערְנֶען חֲתָנִים וויאַזוֹי מֶען פִּירְט זִיךְ אִין אַ שְׁטוּב וְכוּ'.

**אַמָאל** אִיז גֶעקוּמֶען אַ אִיד אַ פַּארְמֶעגְלִיכֶער וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע פַּארְבְּרִיק מִיט זֵייעֶר אַסַאךְ אַרְבֶּעטָארֶער, אִין פוּנוֹבִיצֶ'ער יְשִׁיבָה, אוּן עֶר הָאט זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוֹיפְ'ן בֶּעסְטְן בָּחוּר, עֶר ווִיל הָאבְּן פַּאר זַיין טָאכְטֶער אַ בַּת יְחִידָה אַ גֶעלוּנְגֶען מֵיידְל דֶעם בֶּעסְטְן בָּחוּר וָואס עֶר קֶען לֶערְנֶען אוּן זִיצְט אוּן לֶערְנְט אוּן עֶר ווִיל אִים אויסְהַאלְטְן, אוּן מֶען הָאט אִים אָנְגֶעווִיזְן אוֹיף אַ גֶעווִיסְן בָּחוּר, אוּן סְ'אִיז אִים זֵייעֶר גֶעפָאלְן דֶעם בָּחוּר, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בֶּעשָׂאה אוּן מֶען הָאט גֶעשְׁלָאסְן דֶעם שִׁידוּךְ, אוּן זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט. נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעווִיזְן אַז דֶער בָּחוּר דֶער מַתְמִיד אוּן דֶער לַמְדָן אִיז אַ פֶּרֶא אָדָם, עֶר הֵייבְּט הֶענְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן אוֹיף דִי וַוייבּ, נוּ אַזַא רַייכֶע טַאטֶע הָאט דָאס זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּהְן אוּן פַארְדְרָאסְן, אִיר טָאכְטֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּ וֵויינֶען אַז אִיר מַאן הֵייבְּט הֶענְט אוֹיף אִיר וְכוּ' וְכוּ', אוּן זַיין גַאנְץ הַנְהָגָה מִיט אִיר אִיז ווִי אַ פֶּרֶא אָדָם אַ ווִילְדֶער יוּנְג וְכוּ' וְכוּ', אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן צוּם גְרוֹיסְן גָאוֹן דֶער סְטֵייפְּלֶער זי"ע, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אויסְגֶעגָאסְן זַיין בִּיטֶער הַארְץ אַז מֶען הָאט אִיהם אָפְּגֶענַארְט, אוּן עֶר הָאט דֶערְמַאנְט דֶעם נָאמֶען פוּן אַ גְרוֹיסְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט אִיהם אָנְגֶעווִיזְן אוֹיף אַ גֶעווִיסְן בָּחוּר אַז דֶער אִיז דֶער בֶּעסְטֶער בָּחוּר, דֶער

פְלַייסִיגְסְטֶער בָּחוּר, און עֶר לֶערְנְט שְׁטֶענְדִיג, און עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן וְכוּ', און אִיךְ הָאבּ אִים גֶענוּמֶען, און עֶר הֵייבְּט הֶענְט אוֹיף מַיין טָאכְטֶער וְכוּ' וְכוּ', דֶער גָאוֹן דֶער סְטֵייפְּלֶער זי"ע הָאט אִיהם קוֹדֶם בַּארוּאִיגְ'ט עֶס מֵיינְט נָאכְנִישְׁט צוּ זָאגְן אַז אֵיינֶער קֶען גוּט לֶערְנֶען און אֵיינֶער לֶערְנְט אַסַאךְ אִיז אוֹיךְ אַ מֶענְטְשׁ וְכוּ', און עֶר הָאט גֶעזָאגְט דֶעם פָּאטֶער, דֶער בָּחוּר לֶערְנְט טַאקֶע זֵייעֶר אַסַאךְ, און עֶר קֶען אַסַאךְ לֶערְנֶען, אָבֶער מִיטְן סְטֶענְדֶער הָאט עֶר זִיךְ גֶעקֶענְט אַן עֵצָה גֶעבְּן, וָוען עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען שְׁוֶוער דָאס לֶערְנֶען וְכוּ', אָדֶער עֶר הָאט גֶעהַאט עֶפֶּעס קַשְׁיוֹת און סְפֵיקוֹת וְכוּ', הָאט עֶר אַלְץ אַ זֶעץ גֶעגֶעבְּן אִין דֶעם סְטֶענְדֶער, אָדֶער עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דֶעם סְטֶענְדֶער און גֶעקְלַאפְּט צוּ דֶער עֶרְד וְכוּ', עֶר וֵוייסְט פָּשׁוּט נִישְׁט ווִי מֶען פִירְט זִיךְ מִיט אַ פְרוֹי, עֶר מֵיינְט אַז עֶר זִיצְט נָאךְ יֶעצְט אִין יְשִׁיבָה, און זַיין וַוייבּ אִיז אַ סְטֶענְדֶער וְכוּ', און עֶר הָאט אִים גֶעשִׁיקְט רוּפְן און דֶער אִינְגֶערְמַאן אִיז אַוַודַאי גֶעקוּמֶען, און עֶר הָאט אִים אוֹיסְגֶעמוּסֶר'ט וָואס הֵייסְט אַ וַוייבּ וְכוּ', און ווִי מֶען דַארְף זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ אַ וַוייבּ וְכוּ', און אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה לִשְׁמָהּ וְכוּ' דֶערמָאלְט אֵיידֶלְ'ט דִי תּוֹרָה אוֹיס וְכוּ', און מֶען קוֹיפְט זִיךְ אַיין גוּטֶע מִדּוֹת וְכוּ', אָבֶער אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט קַיין תּוֹרָה לִשְׁמָהּ נָאר לְהִתְיַיהֵר וּלְקַנְטֵר צוּ וַוייזְן יֶעדְן אֵיינֶעם אַז אִיךְ קֶען לֶערְנֶען בֶּעסֶער פוּן אַלֶעמֶען וְכוּ' דֶער בְּלַייבְּט אַ פֶּרֶא אָדָם וְכוּ', אַ שְׁלֶעגֶער וְכוּ', און עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרֵייעֶן אוֹיף דֶעם אִינְגֶערְמַאן

"אַ פֶּרֶא אָדָם", "אַ שְׁלֶעגֶער" וְכוּ' וְכוּ', (עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער סְטֵייפְּלֶער זי"ע הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט הֶערְן הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן הוֹיעֶךְ וֶוען עֶר הָאט גֶערֶעדְט) אוּן עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעחַזֶר'ט מִיט קוֹלֵי קוֹלוֹת, אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס דֶער תּוֹרָה הָאט אִים נִישְׁט אוֹיסְגֶעאֵיידֶלְט, דִי תּוֹרָה הָאט אִים נִישְׁט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, עֶר אִיז אַ פֶּרֶא אָדָם, אַ שְׁלֶעגֶער וְכוּ' וְכוּ', אוּן דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט זִיךְ זֵייעֶר צִיוֵויינְט, אוּן עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט שׁוֹין זִיךְ בַּייטְן אוּן זַיין אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן וְכוּ' וְכוּ', אוּן עֶס אִיז אַזוֹי גֶעוֶוען, אוּן סְ'אִיז גֶעוָוארְן בַּיי זֵיי שָׁלוֹם בַּיִת.

**הַכְּלָל** אַז מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען אַ אִינְגֶערְמַאן וויאַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט אַ וַוייבּ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מוֹרָא'דִיג מַזְהִיר גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ד) אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף אַ פְרוֹי זֵייעֶר מְכַבֵּד זַיין, וָוארוּם וויפִיל צָרוֹת זִי לַיידְט, צַעַר עִיבּוּר, צַעַר לֵידָה, צַעַר גִידוּל וְכוּ' וְכוּ', אוּן מֶען דַארְף אִיר אָפְּשׁוֹינֶען, אוּן דָאס פֶעלְט אוֹיס, אַזֶעלְכֶע מַדְרִיכִים וָואס זֵיי זָאלְן אוֹיסְלֶערְנֶען דִי אִינְגֶעלַייט וויאַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ מִיט אַ וַוייבּ, מֶען שְׁרֵייט נִישְׁט אוֹיף אַ וַוייבּ וְכוּ', מֶען צֶעווילְדֶעוֶועט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַ וַוייבּ וְכוּ', אוּן מֶען אִיז נִישְׁט קַארְג פַאר זַיין וַוייבּ וְכוּ', דִי אַלֶע זַאכְן וָואלְט מֶען גֶעדַארְפְט אַרַיינְלֵייגְן אַסַאךְ אַסַאךְ כּוֹחוֹת, וָוארוּם בְּלִי עַיִן הָרַע הָאבְּן יֶעדֶעס יָאר חֲתוּנָה בַּיים הֵיימִישְׁן עוֹלָם אַפָּאר טוֹיזֶענְט אִינְגֶעלַייט כֵּן יִרְבּוּ, אוּן עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶער שָׁאד אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא וֶוער זָאל זֵיי דָאס לֶערְנֶען.

אִיבֶּערְדֶעם וָואלְט גֶעוֶוען רַאטְזַאם אַז דוּ זָאלְסְט גֵיין צוּ אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן זִיךְ מִיט אִים אִיבֶּערְשְׁמוּעֶסְן אוּן עֶר וֶועט דִיךְ אַוַודַאי לֶערְנֶען וִויאַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, וֶועט זַיין דֶער אֱמֶתְ'ר שָׁלוֹם בַּיי עֶנְק.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן גֶעבֶּענְטְשְׁטְן טָאג**

## תקצה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר וַיִּגַּשׁ ז' טֵבֵת התשע"ג**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעכְטְן בַּיינַאכְט בַּיים שִׁיעוּר בָּרַבִּים הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ אַרוּמְגֶערֶעדְט אוֹיף דֶעם עִנְיָן פוּן שָׁלוֹם צְוִוישְׁן אוּנְזֶערֶע לַייט, וָואס מֶען דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דֶעם, וָוארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַּארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף דֶעם זַייעֶר זַייעֶר שְׁטַארְק, בִּכְלַל הָאט עֶר מוֹרָא פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס קֶען מְחַזֵק זַיין אַלֶע צוּבְּרָאכֶענֶע אוּן גֶעפַאלֶענֶע נְשָׁמוֹת וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם הָאט עֶר מְעוֹרֵר גֶעוֶוען מַחְלוֹקֶת פוּן אִינְדְרוֹיסְן וְכוּ' אָבֶּער וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז עֶר קֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין צוּ שְׁטֶערְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ, הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען מִיט מַחְלוֹקֶת פוּן אִינֶעוֵוייגִיג וָואס דָאס אִיז דִי אַרְגְסְטֶע זַאךְ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט, אִיךְ הָאבּ מֶער

מוֹרָא פוּן דִי מַחְלוֹקֶת פוּן אִינֶעוֵוייניג ווִי פוּן דִי מַחְלוֹקֶת פוּן אִינְדְרוֹיסְן וְכוּ', דַארְפְסְט פַארְשְׁטֵיין אַז בַּיי מַחְלוֹקֶת אִיז יֶעדֶער אֵיינֶער גֶערֶעכְט, און יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זִיךְ זַיינֶע רַאְיוֹת וְכוּ', אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ב') דָאס דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָאס פְּעוּלוֹת הַמְשׁוּנוֹת זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן אִין אַחְדוּת הַפָּשׁוּט, אִידְן דַארְפְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען, אַוַודַאי און אַוַודַאי מוּז דָאס זַיין אַלְץ אוֹיפְ'ן וֶועג פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ וָואס דָאס אִיז אוּנְזֶער "אוּרִים וְתוּמִים", ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט "אִיר קֶענְט קְנֵייטְשְׁן אִין מַיין סֵפֶר ווִי אִיר ווִילְט, אָבֶּער פוּן אַ סְעִיף קָטָן אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן" דָאס הֵייסְט מְ'קֶען מְחַדֵשׁ זַיין אִין זַיינֶע וֶוערְטֶער ווִי אַזוֹי מֶען ווִיל אָבֶּער נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן פוּן אַ הֲלָכָה, גְלֵייבּ מִיר מְ'קֶען אַלֶעס דוּרְכְקוּמֶען מִיט צוּזַאמְרֶעדְן זִיךְ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן כ"ז) פַארְוָואס אִיז מֶען אַזוֹי וַוייט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים? וַוייל מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט צַאמְרֶעדְן, וֶוען מֶען וָואלְט זִיךְ צַאמְגֶערֶעדְט וָואלְט יֶעדֶער אֵיינֶער מַסְבִּיר גֶעוֶוען זַיין נְקוּדָה וְכוּ', און צוּזַאמֶען וָואלְט מֶען מְבָרֵר גֶעוֶוען דֶעם אֱמֶת וְכוּ', וָואס אִיז דֶער רָצוֹן פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זֶעה זִיךְ אַריינְלֵייגְן אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן אוּנְזֶערֶע לַייט, עֶס אִיז אַ בִּיטֶערֶע רַחְמָנוּת וֶוען דִי מַחְלוֹקֶת אִיז פוּן אִינֶעוֵוייניג, און דָאס ווִיל דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם.

### אִיךְ הָאב דֶערְצֵיילְט אַ טִיפְן סִיפּוּר וָואס אִיךְ הָאב שְׁטֶענְדִיג נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען אַ גֶעוִויסֶע זַאךְ, אוּן מִיט דֶעם סִיפּוּר אִיז מִיר אַלְץ פַארְשְׁטַאנֶען.

דֶער הֵיילִיגֶער בְּאֵר מַיִם חַיִּים זי"ע אִיז גֶעוָוארְן רַב אִין דִי שְׁטָאט טְשֶׁערְנָאוִויץ, עֶר קוּמְט דֶעם עֶרְשְׁטְן שַׁבָּת אִין שוּהְל שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג אוּן עֶס וֶוערְט אִים פִינְסְטֶער פַאר דִי אוֹיגְן, עֶר זֶעהְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע תַּעֲרוּבוֹת אִין שוּהְל, יוּנְגֶען אוּן מוֹידְן אוּן עֶלְטֶערֶע מֶענֶער אוּן פְרוֹיעֶן מֶען טַאנְצְט דָארְטְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן צוּזַאמֶען, וָוארוּם טְשֶׁערְנָאוִויץ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ פַארְגֶרְעבְטֶע שְׁטָאט, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מַאכְן אַ גֶעוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן וָואס טוּט אִיר? מֶען טָאר נִישְׁט זִיךְ אַזוֹי פִירְן! אוּן עֶר הָאט שְׁטַארְק מוֹחֶה גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט צוּשְׁטֶערְט זֵייעֶרֶע טֶענְץ, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיף אִים צוּ קְרִיגְן אוּן רוֹדֵף'ן אִים, דֶעם אַנְדֶערְן שַׁבָּת אִיז עֶר ווִידֶער גֶעקוּמֶען, אוּן שְׁרֵייט אַרָאפּ אַ פְרוֹי אוֹיף אִים, דוּ אַלְטֶער פּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל, וָואס קוּמְט אִיר צוּ שְׁטֶערְן אוּנְזֶער "עוֹנֶג שַׁבָּת", עֶר לָאזְט זֵיי נִישְׁט טַאנְצֶען צוּזַאמֶען וְכוּ' וְכוּ', עֶר הָאט אוֹיף דֶעם נִישְׁט גֶעקוּקְט נָאר עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹחֶה גֶעוֶוען, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען הָאט אִים בַּיים סוֹף פַארְטְרִיבְן פוּן שְׁטָאט.

אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אִין גַאנְץ בּוּקַאוִוינֶע אוּן רוּמֶענְיֶע זֶענֶען לֵיידֶער גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארְגֶרֶעבְטֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ' וְכוּ', גָאר וַוייט פוּן אִידִישְׁקֵייט וְכוּ', אָבֶּער עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְטְן שְׁפֶּעטֶער אַן אַנְדֶער גֶזַע פוּן אַ גֶעוִויסֶע חֲסִידוּת, וָואס דָארְטְן

הָאט דֶער רֶבִּי אַיינְגֶעפִירְט אַז דָא טַאנְץ'ט נִישְׁט נָאר דֶער רֶבִּי אַלֵיין, דִי חֲסִידִים דַארְפְן נָאר צוּקוּקְן וְכוּ', אוּן עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען גָאר שֵׁיינֶע נִיגוּנִים, אוּן אַלֶע הָאבְּן מִיטְגֶעזִינְגֶען, אוּן עֶר הָאט גֶעפִירְט לַאנְגֶע טִישְׁן, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר צוּבִּיסְלֶעךְ צוּרִיקְגֶעבְּרֶענְגְט דִי גָאר פְּרָאסְטֶע מֶענְטְשְׁן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן גְרוֹיסֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן.

**זֶעהְט** מֶען אַז עֶס אִיז דָא צְוֵויי וֶועגְן ווִי אַיינְצוּנֶעמֶען דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם, אֵיין וֶועג אִיז מוֹחֶה צוּ זַיין וְכוּ', אוּן דֶער סוֹף טְרַייבְּט מֶען דִיר אַרוֹיס פוּן שְׁטָאט וְכוּ' אוּן אֵיין וֶועג זֵיי מְקָרֵב זַיין אוּן דֶער סוֹף דְרֵייט מֶען זֵיי אִיבֶּער צוּ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

**דֶער** בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי"ע הָאט גֶעזָאגְט, עֶס אִיז דָא צְוֵויי וֶועגְן ווִיאַזוֹי אַיינְצוּנֶעמֶען דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם, אֵיין וֶועג, אַז וֶוען עֶר קוּמְט נֶעמְט מֶען זִיךְ שְׁרֵייעֶן אוּן מֶען טְרַייבְּט אִים אַוֶועק, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט קַיין וֶועג, וַוייל מֶען טְרַייבְּט אִים אַוֶועק, טְרַאכְט עֶר אִיךְ וֶועל צוּרִיק קוּמֶען וֶוען קֵיינֶער וֶועט מִיר נִישְׁט קֶענֶען אַוֶועק טְרַייבְּן, אָבֶּער דֶער צְוֵוייטֶער וֶועג אִיז אַז מֶען נֶעמְט אִים אִינְגַאנְצְן אֵיין, אוּן מֶען מַאכְט פוּן רַע טוֹב, פוּן בִּיטֶער זִיס, פוּן פִינְסְטֶער לֶעכְטִיג, אוּן אַקֶעגְן דֶעם קֶען דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם גָארְנִישְׁט טוּהְן, הָאט עֶר זִיךְ אַן עֵצָה גֶעגֶעבְּן דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן עֶר בְּרֶענְגְט מַחְלוֹקֶת צְווִישְׁן חֲסִידִים, אוּן צְווִישְׁן בְּנֵי תוֹרָה, אוּן מַחְלוֹקֶת דָאס צוּבְּרֶעכְט אַלְסְדִינְג, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מַחְלוֹקֶת, אַזוֹי ווִי מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג פוּן פַייעֶר.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, לֵייג זִיךְ אַרַיין אַז עֶס זָאל זַיין נָאר שָׁלוֹם צְווִישְׁן אוּנְזֶערֶע לַייט, אוּן דוּרְכְדֶעם וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַיינְגֶעמֶען אִינְגַאנְצְן, בִּיז אַלֶע אִידְן וֶועלְן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ וָואס דָאס הֵייסְט הִתְבּוֹדְדוּת.

**הַלְוַואי** זָאל אִיךְ פּוֹעֵל'ן בַּיי דִיר אוּן בַּיי אַלֶע חֲבֵרִים מֶען זָאל אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַחְלוֹקֶת.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן גֶעבֶּענְטְשְׁטְן טָאג**

## תקצו

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א' לְסֵדֶר וַיְחִי עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת התשע"ג**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** הָאבּ זֵייעֶר גֶעוָואלְט דוּ זָאלְסְט דִי וָואךְ דְרִיקְן דֶעם וואוּנְדֶערְלִיכְן סֵפֶר "אוֹצַר הַשּׁוֹבָבִי"ם" וָוארוּם דִי אַנְדֶערֶע וָואךְ הֵייבְּט זִיךְ שׁוֹין אָן דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם, אוּן דָאס אִיז אַ קוֹבֶץ פוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס זֵיי רֶעדְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג עֶס זָאל צוּשְׁפְּרֵייט וֶוערְן.

**מֶען** קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף בָּחוּרִים אוּן אוֹיף יוּנְגֶעלַייט, אוּן דִי קוּנְטְרֵסִים אִיז פַאר זֵיי כְּמַיִם קָרִים עַל נֶפֶשׁ עֲיֵפָה.

**אִיךְ** הָאף צום בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דו וֶועסְט עֶס קֶענֶען בַּאוַוייזְן, און אִין דֶעם זְכוּת וֶועט דִיךְ לַייכְטְן שְׁטֶענְדִיג.

**עֶס** וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין הֵיילִיגְן סֵפֶר "קְדוּשַּׁת לֵוִי" (פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ) שָׁמַעְתִּי מִמּוֹרִי וְרַבִּי רַבִּי דוֹב בֶּער זי"ע, כְּמוֹ שֶׁיֵּשׁ אוֹר וְחוֹשֶׁךְ בָּעוֹלָם, כַּךְ יֵשׁ אוֹר וְחוֹשֶׁךְ בְּמוֹחַ הָאָדָם, וְהַצַּדִּיק מֵאִיר תָּמִיד אֶת הָאוֹר בְּמוֹחַ הָאָדָם; אִיבֶּערְדֶעם אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צו זַיין מְקוֹרָב צו אַ הֵיילִיגֶע צַדִּיק וָואס עֶר שַׁיינְט אִין אוּנְז אַרַיין גֶעטְלִיכְקֵייט, אַז מִיר זָאלְן שְׁפִּירְן עֶצֶם עַצְמִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, און מִיר זָאלְן אוֹיכֶעט קֶענֶען רֶעדְן צום בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**דו זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן גֶעבֶּענְטְשְׁטְן טָאג**

## תקצו

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר וַיְחִי י"ג טֵבֵת התשע"ג**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן, עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה וְויאַזוֹי צו רַאטֶעוֶועןְ דֶעם יוּגְנְט הַיינְט, נָאר חֲתוּנָה מַאכְן פְּרִי וְכוּ', עֶס זֶעהְט אוֹיס אֶפְשָׁר כָּאמִישׁ, פַארְוואוּנְדֶערְט, וְכוּ', אָבֶּער דֶעם מְצִיאוּת אִיז אַז מֶען וָואלְט חֲתוּנָה גֶעמַאכְט יוּנְג וָואלְטְן נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אַזוֹיפִיל בְּנֵי הַנְּעוּרִים לְתַרְבּוּת רָעָה, אַוַדַאי דַארְף מֶען זֵיי צוּגְרֵייטְן צו חֲתוּנָה, און זֵיי

אויפְבּויעֶן, אָבֶער נָאר דָאס אִיז דֶער לֵייזוּנְג פוּן דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס דִי יוּגְנְט הָאבְּן הַיינְטִיגְן דוֹר.

**מֶען** מֶעג שְׁרֵייעֶן וְכוּ', אוּן שְׁרַייבְּן וְכוּ', אַקֶעגְן דִי אַלֶע כְּלֵי מַשְׁחִית וְכוּ', אָבֶער עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט נִיצְן, מֶען דַארְף חֲתוּנָה מַאכְן יוּנְגֶערְהֵייט, דִי חֲזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ה') בֶּן שְׁמוֹנָה עָשָׂר לְחוּפָּה; וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי פּוֹסְקִים אַז דָאס מֵיינְט תְּחִילַת שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, בַּיי דִי זִיבֶּעצְן יָאר קֶען מֶען שׁוֹין חֲתוּנָה מַאכְן, אוּן אוֹיבּ מֶען וָואלְט חֲתוּנָה גֶעמַאכְט אַזוֹי יוּנְג וָואלְט מֶען נִישְׁט פַארְלָארְן דִי יוּגְנְט, דָאס אִיז בָּרוּר כַּשֶׁמֶשׁ.

**עֶס** אִיז דָא בַּחוּרִים מִיט שְׁוַואכֶע כִּשְׁרוֹנוֹת, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר זֵיי צוּ כַאפְּן דֶעם לִימוּד, דָאס לֶערְנֶען, אִיז דִי עֵצָה זֵיי צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָה, ווִי מֶער מֶען גֶעוואוֹינְט צוּ אִין דִי יוּגְנְט יוּנְגֶע בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת דָאס וֶועט זֵיי אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

**דֶער** בֵּית יוֹסֵף הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ מַגִּיד פוּן הִימְל וָואס אִיז גֶעקוּמֶען אוּן הָאט אִים מְגַלֶּה גֶעוֶוען סוֹדוֹת הַתּוֹרָה נָאר אַדַאנְק וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, עֶר הָאט גֶעקֶענְט אָפְּלֶערְנֶען אִין אֵיין צִי צְוָואנְצִיג אוּן אַמָאל דְרַייסִיג אוּן אַמָאל פֶערְצִיג פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וֶוען מֶען זָאל צוּגֶעוואוֹינֶען דִי יוּגְנְט צוּ זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וָואלְט דָאס זֵיי אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

**אִיךְ** הָאבּ גֶעזֶעהְן בְּחוּשׁ יוּנְגֶע בָּחוּר'לֶעךְ הָאבְּן גֶענוּמֶען זָאגְן מִשְׁנָיוֹת, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעֶנְדִיגְט יֶעדְן טָאג אַ סֵדֶר, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעֶנְדִיגְט יֶעדֶע וָואךְ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה נָאר זָאגְנְדִיג, אוּן דָאס הָאט זֵיי זֵייעֶר גֶעהָאלְפְּן אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן זֵייעֶר פְּרָאבְּלֶעמֶען וְכוּ' וְכוּ'.

**אוֹיבּ** דוּ וָואלְסְט דָאס גֶעקֶענְט זֵיי אַרַיינְבְּרֶענְגְן וָואלְסְטוּ גֶעזֶעהְן גֶעוַואלְדִיגֶע רֶעזָאלְטַאטְן פוּן דֶעם, אוּן דוּ וָואלְסְט גֶעקֶענְט רַאטֶעוֶוען דִי יוּגְנְט וָואס זֵיי הֶערְן זִיךְ צִי צוּ דִיר.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן פְרֵיילִיכְן טָאג**

## תקצח

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ד' לְסֵדֶר וַיְחִי י"ג טֵבֵת התשע"ג**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**אוֹיף** דִי וֶועלְט דַארְף מֶען זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ דוּרְךְ, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אוֹיף דֶעם עוֹלָם דַארְף מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן וָואס מֶער מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ קֶען מֶען דוּרְכְגֵיין דֶעם לֶעבְּן גְרִינְגֶערְהֵייט, דֶער תַּנָּא זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ג') הֱוֵי קַל לְרֹאשׁ וְנוֹחַ לְתִשְׁחֹרֶת; אַז אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַלֶעס אָן גְרִינְג בַּיים אָנְפַאנְג,

אִיז וֶוען ס׳קוּמְט דִי צַייט עֶר דַארְף חַס וְשָׁלוֹם פַארְשְׁוַוארְצְט וֶוערְן אִיז אִים דָאס גְרִינְגֶער מְקַבֵּל צוּ זַיין, וָוארוּם אַלֶעם וֶוענְט זִיךְ לוֹיט ווִי דֶער מֶענְטְשׁ גְרֵייט זִיךְ צוּ.

דוּ דַארְפְסְט ווִיסְן אַז אַ צָרָה קוּמְט פְּלוּצְלִינְג וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ נִישְׁט פָארְגֶעשְׁטֶעלְט, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זַיין צוּגֶעגְרֵייט צוּ אַלֶעס, אוּן דָאס אִיז וָואס עֶר זָאגְט ׳וְאַל תִּתְיָאֵשׁ מִן הַפֻּרְעָנוּת׳, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין צוּגֶעגְרֵייט צוּ דִי אַרְגְסְטֶע, אִיבֶּערְדֶעם אִיז דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה זִיךְ צוּגֶעווְואוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט צוּ אַן אֶמֶת׳ן גוּטְן פְרַיינְט, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס גַאנְץ הַארְץ, אוּן וֶוען מֶען גֶעווְואוֹינְט זִיךְ צוּ מִיט דִי עֲבוֹדָה, גֵייט אִים דִי גַאנְץ לֶעבְּן אוֹיף אַן אַנְדֶערְן אוֹיפְן, אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, זֶעה זִיךְ צוּגֶעווְואוֹינֶען מִתְבּוֹדֵד זַיין זִיךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועסְטוּ נִישְׁט דַארְפְן הָאבְּן קֵיינֶעם.

דוּ זָאלְסְט גוּט גֶעדֶענְקְן, דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס זַאךְ שְׁטֵייט נִישְׁט אַיין בַּיי קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, וֶוער ס׳לֶערְנְט מֶער דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, דֶער אִיז מֶער מְקוּרָב, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן קצ״ב) פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ אִיז אִין זַיין סֵפֶר, אִיבֶּערְדֶעם וָואס מֶער מֶען לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סֵפֶר, אִיז מֶען מֶער מְקוּרָב צוּ אִים.

שְׁטַארְק זִיךְ וֶועט דִיךְ דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים נִישְׁט פַארְלָאזְן, מֶען זָאל הֶערְן נָאר גוּטֶע בְּשׂוּרוֹת בַּיי דִיר.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן גֶעבֶּענְטְשְׁטְן טָאג**

# תקצט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר וַיְחִי י"ד טֵבֵת התשע"ג

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ וֶועג (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב) אַז מֶען דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען דָן זַיין יֶעדְן מֶענְטְשׁ לְכַף זְכוּת, וָוארוּם עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם אַזֶעלְכֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, בִּיטֶערְנִישׁ אוּן אָרֶעמְקֵייט וְכוּ' וְכוּ', וָואס קֵיינֶער קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֶעהְן דָן זַיין יֶעדְן אֵיינֶעם לְכַף זְכוּת, ס'אִיז נִישְׁט קַיין חָכְמָה דָן זַיין יֶענֶעם לְכַף חוֹב, וָוארוּם דִי חֲזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ב') אַל תָּדוּן אֶת חֲבֵרְךָ עַד שֶׁתַּגִּיעַ לִמְקוֹמוֹ; זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן א') וֶוער קֶען דֶען זַיין בַּיי יֶענֶעם'ס פְּלַאץ, וֶוער קֶען דֶען וִויסְן וָואס אוֹיף יֶענֶעם גֵייט אִיבֶּער, נָאר דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק וָואס עֶר אִיז נִכְלָל אִינְגַאנְצְן אִין דֶעם אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, אִיבֶּערְדֶעם עֶר קֶען מַאכְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין דָן זַיין יֶעדְן אֵיינֶעם לְכַף זְכוּת, וָוארוּם דֶער אֱמֶת'ר צַדִיק וָואס עֶר אִיז נִכְלָל אִין דֶעם אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא וֵוייסְט פּוּנְקְטְלִיךְ דֶעם פְּלַאץ פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן וואוּ עֶר אִיז, אִיבֶּערְדֶעם אִיז עֶר דָן יֶעדְן אֵיינֶעם לְכַף זְכוּת אוּן עֶר נֶעמְט אִים אַרוֹיס מִכַּף חוֹבָה לְכַף זְכוּת אוּן אִיז אִים מַחֲזִיר בִּתְשׁוּבָה.

**אָבֶּער** וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז מֶען קֶען נִישְׁט דָן זַיין דֶעם צְוֵוייטְן לְכַף זְכוּת אוּן טְרֶעפְן בַּיי אִים נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, בִּיז

מֶען גֶעוואוינְט זִיךְ נִישְׁט צוּ, זִיךְ דַן צוּ זַיין לְכַף זְכוּת, בַּיי זִיךְ טְרֶעפְן נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, וָוארוּם גֶעוֶועזְנְלִיךְ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ פַארְבִּיטֶערְטֶער מֶענְטְשׁ וְכוּ', אוּן קְלַאפְּט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אַרָאפּ וְכוּ', אוּן הַאלְט אַז פוּן אִים וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט נָאר בִּיטֶער פַאר זִיךְ, נָאר עֶר אִיז בִּיטֶער פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר זֶעהְט נָאר שְׁוַוארְץ, אִיבֶּערְדֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז מֶען דַארְף זִיךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת, אוּן טְרֶעפְן בַּיי זִיךְ נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, אוּן דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר זֶעהְן בַּיי יֶענֶעם אוֹיבֶעט גוּטְס.

**עֶם** וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אַז אִין דִי שְׁטָאט טֶעפְּלִיק וָואס אִיז נִישְׁט וַוייט פוּן אוּמַאן הָאבְּן גֶעוואוֹינְט זֵייעֶר אַסַאךְ בְּרֶסְלֶבֶ'ר חֲסִידִים, אוּן צְווִישְׁן זֵיי אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעהוֹיבֶּענֶער עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הָאט גֶעהֵייסְן ר' מֵאִיר פוּן טֶעפְּלִיק, עֶר פְלֶעגְט קוּמֶען פוּן מָאל צוּ מָאל צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זי"ע אוּן ווי גֶעשִׁיקְט פְלֶעגְט זִיךְ רֶבִּי נָתָן זי"ע אַלְץ נָאכְפְּרֶעגְן אוֹיף דֶעם אוּן אוֹיף יֶענֶעם וְכוּ' וְכוּ', אוּן רֶבִּי מֵאִיר פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג אַוֶועקְמַאכְן דֶעם אוּן יֶענֶעם, אַזוֹי אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם הָאט עֶר גֶעהַאט אַ בַּאמֶערְקוּנְג וְכוּ', הָאט זִיךְ צוּ אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע אָנְגֶערוּפְן אוּן וָואס אִיז מִיט דִיר מֵאִיר? הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט אִיךְ בִּין נָאךְ אַרְגֶער פוּן אַלֶעמֶען, מִיט מִיר אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא וָואס צוּ רֶעדְן וְכוּ' וְכוּ', הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע אָנְגֶערוּפְן, זֶעהְסְט מֵאִיר וָואס עֶס קוּמְט וֶוען מֶען אִיז מְבַטֵל יֶעדְן אֵיינֶעם, בִּיז עֶס

קוּמְט צוּ אַז מֶען אִיז זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְיַיאֵשׁ, נִישְׁט אַזוֹי הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט, אוּנְז הָאבְּן מִיר מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֶעהְן צוּ טְרֶעפְן בַּיי זִיךְ דִי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס עֶר הָאט, אוּן זִיךְ דָן זַיין לְכַף זְכוּת, אוּן אַז עֶר וֶועט זִיךְ דָן זַיין לְכַף זְכוּת אוּן טְרֶעפְן בַּיי זִיךְ נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, וֶועט עֶר מְמֵילָא שׁוֹין טְרֶעפְן בַּיי יֶענֶעם אוֹיכֶעט נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, אוּן עֶר וֶועט אִים אוֹיךְ דָן זַיין לְכַף זְכוּת.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ הָאט זֵייעֶר נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן דִי מַגִּידִים, וָואס אַמָאלִיגֶע צַייטְן זֶענֶען גֶעוֶוען מַגִּידִים וָואס פְלֶעגְן אַרוּמְפָארְן פוּן שְׁטָאט צוּ שְׁטָאט, אוּן פוּן שְׁטֶעטְל צוּ שְׁטֶעטְל, אוּן פוּן דָארְף צוּ דָארְף, אוּן זָאגְן שְׁוֶוערֶע שְׁטְרָאף רֵייד, שְׁטְרֶענְגֶע מוּסָר, אַז מֶען טוּט דִי עֲבֵירָה וְכוּ' וֶוערְט מֶען פַארְבְּרֶענְט אִין רוֹיטֶע פֵייעֶר וְכוּ', אוּן אַז מֶען טוּט דִי עֲבֵירָה וְכוּ' וֶוערְט מֶען פַארְבְּרֶענְט אִין וַוייסֶע פֵייעֶר וְכוּ', אוּן אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר אוֹיסְמָאלְן וִוי דֶער גֵיהִנוֹם זֶעהְט אוֹיס, אוּן עֶר פְלֶעגְט צוּבְרֶעכְן מֶענְטְשְׁן, בִּיז אִידְן זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ גֶעוַואלְדִיגֶער יֵאוּשׁ, אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי"ע הָאט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְנֶעמֶען, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, אִידְן מוּטְשֶׁען זִיךְ אוּן פְּלָאגְן זִיךְ אוֹיף פַּרְנָסָה וְכוּ', אִידְן זֶענֶען אִינְטֶערְטֶעניִגְט אִינְטֶער דִי מְגוּשָׁמְ'דִיגֶע פְּרִיצִים וְכוּ', אִידְן מוּזְן גֵיין נָע וְנָד טְרֶעפְן פַּרְנָסָה אוֹיף דוּרְכְצוּשְׁטִיפְן דִי וָואךְ וְכוּ', אוּן מִיט דֶעם מוּסָר'ט מֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער? הָאט עֶר זֵייעֶר מַקְפִּיד

גֶעוֶוען אוֹיף דִי מַגִּידִים, זַיין הֵיילִיגֶער תַּלְמִיד רֶבִּי יַעֲקֹב יוֹסֵף פוּן פּוֹלְנָאָה זי"ע זָאגְט (תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף קְדוֹשִׁים) שָׁמַעְתִּי מִמּוֹרִי, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מַיין הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט (בַּמִּדְבָּר כ"א ו') "וַיְשַׁלַּח הֲוָיָ"ה בָּעָם אֵת הַנְּחָשִׁים הַשְּׂרָפִים וַיְנַשְּׁכוּ אֶת הָעָם וַיָּמָת עַם רָב מִיִּשְׂרָאֵל" אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי מַגִּידִים וָואס זֵיי זֶענֶען דִי נְחָשִׁים הַשְּׂרָפִים וָואס זֵיי בַּייסְן אִידְן, אַזוֹי הַארְבּ אִיז גֶעוֶוען בַּיים בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי"ע דִי מַגִּידִים וָואס זֵיי פְלֶעגְן מוּסָר'ן אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט שְׁטְרָאף רֵייד וְכוּ'.

מֶען קֶען פַארְשְׁטֵיין מִיט דֶעם וָואס ס'וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה (וַיְחִי) "וַיֹּאמֶר לְיוֹסֵף הִנֵּה אָבִיךָ חוֹלֶה" זָאגְט רַשִׁ"י אֶחָד מִן הַמַּגִּידִים. וָוארוּם לִכְאוֹרָה וואוּ קוּמְט אַ מֶענְטְשׁ זָאגְן פַאר יוֹסֵף'ן אָפֶען אַז דַיין טַאטֶע אִיז קְרַאנְק אוּן עֶר גֵייט שְׁטַארְבְּן? ווִי וַואגְט זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ צוּ זָאגְן אַזַא שְׁלֶעכְטֶע בְּשׂוֹרָה פַאר אַן אַנְדֶערְן? אִיבֶּערְדֶעם זָאגְט רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ דָאס אִיז גֶעוֶוען אֶחָד מִן הַמַּגִּידִים, דִי מַגִּידִים וָואס זֵיי שְׁרֶעקְן אִיבֶּער דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט יוֹם הַמִּיתָה ווִיאַזוֹי עֶר וֶועט פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן אִין גֵיהִנּוֹם וְכוּ'.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ח') בְּאמֶת ס'אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זָאגְן תּוֹכָחָה פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶוען מֶען זֶעהְט אַז עֶר טוּט נִישְׁט ווִי דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה זָאגְט, אוּן דָאס אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (וַיִּקְרָא י"ט י"ז) "הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת עֲמִיתֶךָ", אָבֶער נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז מְסוּגָל צוּ זָאגְן מוּסָר וְכוּ', וָוארוּם דֶער

עִיקָר מוּסָר דַארְף זַיין מְחַזֵק צוּ זַיין אַ אִיד, אִים צוּבְּרֶעכְנְגֶען נֶעבְּעךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי וְוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט מוּסָר פַאר דִי אִידְן נָאכְן עֵגֶל (שַׁבָּת פ"ט) עֲדַיִין חֲבִיבוּתָא גַּבָּן; דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אוּנְז נָאךְ לִיבּ, אֲפִילוּ מִיר הָאבְּן גֶעטוּהְן וָואס מִיר הָאבְּן גֶעטוּהְן, אוּן אַזוֹי הָאבְּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער גֶעטוּהְן תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה, אוּן דָאס אִיז דֶער רוּף פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס עֶר הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ח) גֶעוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, עֶס אִיז גָאר קַיין יֵאוּשׁ נִישְׁט פַארְהַאנְדִין; אוּן דֶעם גֶעשְׁרֵיי פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הֶערְט מֶען נָאךְ הַיינְט אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. דָאס הֵייסְט תוֹכָחָה שֶׁל מֹשֶׁה, מֶען דַארְף אִידְן נָאר מְחַזֵק זַיין, וֶועלְן זֵיי מְמֵילָא טוּהְן תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה, צוּבְּרֶעכְן אַ אִיד אִיז נִישְׁט קַיין חָכְמָה.

**אִיךְ** הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ וֶועסְט דָאס פַארְשְׁטֵיין אוּן דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן זִיךְ אַזוֹי צוּ פִירְן, נָאר טְרֶעפְן דִי גוּטְ'ס בַּיי יֶענֶעם וְכוּ', שְׁלֶעכְטְס הָאבְּן מִיר אַלֶע וְכוּ', דֶער עִיקָר חָכְמָה אִיז צוּ טְרֶעפְן דָאס גוּטְ'ס בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן אַזוֹי אִים צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, ווייל אִיז דֶעם וָואס עֶר פִירְט זִיךְ אִין דֶעם וֶועג.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תר

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר שְׁמוֹת י"ח טֵבֵת התשע"ג

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** וויסְן דָאס אוֹיף דֶעם עוֹלָם מוּז מֶען זִיךְ מְחַזֵּק זַיין, עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן מֶענְטְשׁ אָן אַ אוֹיסְנַאם וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער וְכוּ', יֶעדֶער אֵיינֶער לוֹיט זַיין שׁוֹרֶשׁ נְשָׁמָה וְכוּ'.

**דֶער** תַּכְלִית פוּן דֶער בְּרִיאָה אִיז מַכִּיר זַיין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (בֹּא מ"ב) בְּגִין דְּיִשְׁתְּמוֹדְעוּן לֵיהּ; אַז דֶער גַאנְצֶער בְּרִיאָה אִיז נָאר אַז מֶען זָאל מַכִּיר זַיין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פוּן יֶעדֶע זַאךְ, אַלֶע מִצְווֹת בְּרֶענְגְן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קי"ט) "כָּל מִצְוֹתֶיךָ אֱמוּנָה" אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט חַס וְשָׁלוֹם, דוּרְכְדֶעם וֶוערְט פוּן אִים אוֹיסְגֶעלָאשְׁן דָאס לֶעבְּטִיגְקֵייט אוּן דָאס זִיסְקֵייט פוּן דִי אֱמוּנָה, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן כ"ב) הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה בָּאָדָם; אוּן וֶועלְדִיג דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט אַזוֹי וֶוערְט פוּן אִים פַארְלָאשְׁן רַחֲמָנָא לִיצְלָן דִי אֱמוּנָה, אוּן דֶעמָאלְט הֵייבְּט אָן אִיבֶּערְגֵיין אוֹיף אִים וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער וְכוּ', וָוארוּם וֶוען אַ אִיד זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה אִין דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואלְט אִים קַיין שׁוּם זַאךְ נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, שְׁטֶענְדִיג וָואלְט עֶר

צוּרִיקְגֶעקוּמֶען צוּ אִים, אִיבֶּערְדֶעם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ז׳) עִיקַר הַגָּלוּת אֵינוֹ אֶלָּא מֵחֲמַת חִסָּרוֹן אֱמוּנָה; וֶוען אַ אִיד זָאל זַיין שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה וָואלְט נִישְׁט שַׁיָּיךְ גֶעוֶוען בַּיי אִים גָּלוּת, וואוּ עֶר גֵייט, גֵייט עֶר מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. וואוּ עֶר רֶעדְט, רֶעדְט עֶר מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. אוּן צוּ דִי מַדְרֵיגָה וִויל אוּנְז דֶער רֶבִּי אַרַיינְבְּרֶענְגֶען.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס דָאס הִתְקַרְבוּת צוּ אִים אִיז נָאר וִויפִיל מֶען לֶערְנְט זַיינֶע סְפָרִים, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ס׳) דָאס דֶער אֱמֶת'ר צַדִּיק עֶפְנְט אוֹיף דֶעם מוֹיל אַז מֶען זָאל קֶענֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דָאס אִיז אַ בַּאוַוייז דָאס אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה, וֶוען עֶר רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַן אֱמֶתְ'ן גוּטְן פְרַיינְד, דֶעם עִנְיָן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז אַ מַתָּנָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, אוּן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט דָאס אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (צְפַנְיָ׳ ג׳) "כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם הֲוָיָ"ה".

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, וֶוער נִישְׁט צוּבְּרָאכְן פוּן דֶעם וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר אִיבֶּער, אַנְטְלוֹיף נָאר צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועסְטוּ זֶעהְן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס עֶר וֶועט מִיט דִיר טוּהן, וָוארוּם תְּפִלָּה אִיז דֶער צִינוֹר וָואס אִיז מַמְשִׁיךְ פַאר'ן מֶענְטְשׁ אַלֶע יְשׁוּעוֹת,

אַז וואויל איז דעם מֶענְטְש וָואס עֶר וַוארְפְט אַוֶועק פוּן זִיךְ דֶעם אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל, אוּן עֶר פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן עֶר רֶעדְט יֶעדְן טָאג צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תרא

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר שְׁמוֹת י"ח טֵבֵת התשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** וויסְן דָאס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ, גֵייט דוּרְךְ אוֹיף נָאךְ בְּנֵי הַנְּעוּרִים וְכוּ', אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט מְחַזֵּק זַיין שְׁטַארְקְן אַלֶע צוּבְּרָאכֶענֶע אוּן גֶעפַאלֶענֶע נְשָׁמוֹת, אוּן עֶר וַוייזְט זֵיי אַ וֶועג וואוּ אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דֶעם פוּנְסְטֶערְן בְּלָאטֶע וָואס זֵיי זֶענֶען אַריינְגֶעפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית וְכוּ'.

**יֶעצְט** הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם, אוּן דֶער הָאֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אַז דִי טֶעג אִיז מְסוּגָל צוּ פַארְרֶעכְטְן דֶעם חֵטְא, אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זָאגְן יֶעדְן טָאג אַ יוֹם תְּהִלִּים, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ע"ג) דָאס תְּהִלִּים אִיז מְסוּגָל לִתְשׁוּבָה, אוּן עֶס עֶפְנְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשֶׁנ'ס הַארְץ צוּ תְּשׁוּבָה, אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין הַארְץ צוּ תְּשׁוּבָה, מִיט דֶעם

וָואס עֶר זָאגְט תְּהִלִּים וֶוערְט אִים גִיעֶפְנְט דָאס הַארְץ צוּ תְּשׁוּבָה. אוּן עֶס בִּינְדְט אִים צִי צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, גְלֵייבּ מִיר עֶס נֶעמְט נִישְׁט מֶער וִוי אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה צוּ זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, אוּן אֲפִילוּ וִוינְצִיגֶער, אָבֶּער דָאס וָואס עֶס טוּט אוֹיף קֶען מֶען גָארְנִישְׁט בַּאשְׁרַייבְּן, בִּפְרַט יֶעצְט דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַ "יוֹם תְּהִלִּים".

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זי"ע הָאט יֶעדְן טָאג גֶעזָאגְט אַ "יוֹם תְּהִלִּים". דְרֵיי מָאל אַ יָאר הָאט עֶר גֶעזָאגְט צְוֵויי מָאל דֶעם "יוֹם", [א] דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם. [ב] דִי טֶעג פוּן סְפִירַת הָעוֹמֶר. [ג] דִי טֶעג פוּן אֱלוּל.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, זָאג כָאטְשֶׁע אֵיין מָאל יֶעדְן טָאג דֶעם "יוֹם תְּהִלִּים". אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט דָאס גֶעזָאגְט מִיט אַזַא הוֹיעֶכְ'ן רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ טְרֶעפְן אִין דִי מִזְמוֹרִים, דָאס אִיז גֶעזָאגְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזוּנְדֶער.

**אוֹיךְ** אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ זָאגְן אִין דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם "תִּיקוּנֵי זוֹהַר" אוּן דָאס זָאגְן אַלֵיין אִיז מְסוּגָל פַאר דִי נְשָׁמָה, וָוארוּם זָאגְן "תִּיקוּנֵי זוֹהַר" אִיז אַזוֹי וִוי אַ בָּאד פַאר דִי נְשָׁמָה, הָאבְּן צַדִיקִים גֶעזָאגְט. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קכ"ח) דָאס דִי טֶעג פוּן אֱלוּל וֶוען אִידְן זָאגְן "תִּיקוּנֵי זוֹהַר" וֶוערְט פוּן דֶעם גְרוֹיסֶע זַאכְן אִין הִימְל, ווידֶערְאוּם, וֵוייסְן מִיר אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט עוֹסֵק גֶעוֶוען

אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר אַ גַאנְץ יָאר, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז אִין דֶעם לִיגְט אַלֶע חָכְמוֹת, אִיבֶּערְדֶעם גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ, צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַפָּאר דַפִּין "תִּיקוּנֵי זוֹהַר", אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר מְסוּגָל פַּאר דִי נְשָׁמָה צוּ צוּבִּינְדְען צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**וְעַל** כּוּלָם זֶעה זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְטְ אִידִישׁ, אוּן דוּ זָאלְסְט אִים אוֹיסְדֶערְצֵיילְן אַלְסְדִינְג וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַ גְרוֹיסֶער עִיקָר, אוּן עֶר הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קנ"ד) אַז דֶער עִיקָר וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה אִיז נָאר גֶעוֶוען וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט ווִי אַ פְּרָאסְטִיק, דָאס הֵייסְט עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, גֶערֶעדְט זֵייעֶר אַסַאךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אִידִישׁ, אוּן גֶעזָאגְט אַסַאךְ תְּהִלִים, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט וֶוען אִיךְ זָאל ווִיסְן אִין דֶער יוּגְנְט צוּ וָואס מֶען קֶען קוּמֶען דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת דָאס הֵייסְט רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהְן אַ גַאנְץ יָאר וָואלְט אִיךְ גֶעטוּהְן אִין אֵיין טָאג, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט נָאךְ דִי עֲבוֹדָה פוּן תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַסַאךְ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף אִידִישׁ, אַזוֹי ווִי אַ פְּרָאסְטֶער פָּשׁוּטֶער מֶענְטְשׁ.

**אוֹיבּ** דוּ וֶועסְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז אִין אַ קוּרְצֶע צַייט וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע דַיינֶע צָרוֹת וְכוּ', וָואס דִי עִיקָר צָרוֹת אִיז דִי עֲוֹונוֹת, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ז') דָאס אַ נְשָׁמָה פוּן אַ אִיד אִיז כּוּלוֹ

רוּחָנִי, אוּן עֶס הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם שַׁייְכוּת צוּ קַיין זִינְד, אִיבֶּערְדֶעם הֵייסְט נִישְׁט קַיין יִסוּרִים נָאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן דָאס אִיז דִי כַּוָונָה וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת נ"ה) אֵין יִסוּרִים בְּלֹא עָווֹן; וֶוען הֵייסְט יִסוּרִים, וֶוען עֶר זִינְדִיגְט. וָוארוּם אַלֶע יִסוּרִים קוּמְט נִישְׁט צוּ יִסוּרִים וָואס דִי נְשָׁמָה הָאט וֶוען זִי זִינְדִיגְט, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי עֲבוֹדָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן בֶּעהְט יֶעדֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן, וֶועסְטוּ זֶעהְן דוּ וֶועסְט גֶעהָאלְפְּן וֶוערְן, אוּן דִי עִיקָר אִיז שִׂמְחָה, וָוארוּם שִׂמְחָה אִיז אַזַא לֶעבְּטִיגְקֵייט וָואס מֶען קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ דֶעם נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה, אוּן מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים עֶר זָאל זַיין שְׁטַארְק מִיט שִׂמְחָה, וֶוען אַ אִיד אִיז פְרֵייליךְ דָאס אִיז אַ סִימָן אַז זַיין תְּשׁוּבָה אִיז אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אִין דִי קְדוּשָׁה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דִּבְרֵי הַיָּמִים א' ט"ז) "עוֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ".

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תרב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר וָאֵרָא כ"ח טֵבֵת התשע"ג

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ דֶערְהַאלְסְט זִיךְ, אִיךְ הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ וֶועסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין

בַּת זוּג, און דו וֶועסט אַ חָתָן וֶוערְן און חֲתוּנָה הָאבְּן בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמוּצְלַחַת. מֶען דַארְף זֶעהְן אויסְנִיצְן דִי בָּחוּרִישֶׁע יָארְן, אִיבֶּערְדֶעם מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, דוּ זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן זוּנְטָאג און דוּ זָאלְסְט עֶנְדִיגְן בִּיז עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת, און אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען און זָאגְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק פוּן אָנְפַאנְג בְּרָכוֹת און דוּרְכְלֶערְנֶען און זָאגְן גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, און אַזוֹי זָאלְסְטוּ זִיךְ פִירְן יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען און חַזֶרן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת וָואס דָאס אִיז מְטַהֵר דִי נְשָׁמָה און עֶס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ אַ מוֹרָא'דִיגֶע תְּשׁוּקָה צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, עֶס אִיז אַ שָׁאד וָואס מֶען פִירְט נִישְׁט אַיין אַז יוּנְגֶע בַּחוּרִים זָאלְן זָאגְן און חַזֶר'ן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן, וָוארוּם ווארוּם ווייל אִיז דֶעם בָּחוּר וָואס עֶר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וָואס דָאס הַארְגֶעט אָפּ דֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס עֶס בְּרֶענְט אִין אִים וְכוּ', און אַזוֹי אִיז אוֹיךְ גוּט דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען אַ מַסֶכְתָּא הֵייבּ אָן מַסֶכֶת תַּעֲנִית חַזֶר'ן און דוּרְכְזָאגְן הוּנְדֶערְט אִין אֵיין מָאל, בִּיז דוּ וֶועסְט זַיין בָּקִי אִין דֶעם מַסֶכְתָּא יָשָׁר וְהָפוּךְ, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁוֶוערֶע זַאךְ, מֶען דַארְף זִיךְ נָאר צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ דֶעם וֶועסְטוּ זֶעהְן סְ'אִיז נִישְׁט שְׁוֶוער, און וֶוען דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן מַסֶכֶת תַּעֲנִית, זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת דוּרְכְלֶערְנֶען און דוּרְכְזָאגְן הוּנְדֶערְט און אֵיין מָאל, קוּק נִישְׁט וָואס מֶענְטְשְׁן וֶועלְן דִיךְ שְׁפֶּעטְן און לַאכְן פוּן

דִיר, וָוארוּם דֶער חָכָם מִכָּל הָאָדָם הָאט גֶעזָאגְט (מִשְׁלֵי ט׳ י״ב) ״אִם חָכַמְתָּ חָכַמְתָּ לָּךְ וְלַצְתָּ לְבַדְּךָ תִשָּׂא״; אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז קְלוּג אִיז עֶר קְלוּג פַאר זִיךְ, אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן דֶעם מַאכְט עֶר לֵיצָנוּת פוּן זִיךְ.

**גֶעוואוֹין** זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוּן דֶערְצֵייל אִים אוֹיס אַלְסְדִינְג וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ, אוּן דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן טְרֶעפְן דַיין בַּת זוּג, וֶועסְטוּ זֶעהְן ווִי שְׁנֶעל דָאס וֶועט גֵיין, וָוארוּם וָואס תְּפִלָּה טוּט אוֹיף, טוּט קַיין שׁוּם שַׁדְכָן אָדֶער שַׁדְכָנְ׳טֶע נִישְׁט אוֹיפְטוּהְן, עֶס אִיז דָא אַ קוּנְטְרֵס וָואס הֵייסְט ״מְצִיאַת הַזִּוּוּג״ עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט זִיךְ דָאס פַארְשַׁאפְן, אוּן זָאגְן דִי תְּפִילוֹת אוּן טוּהְן דִי סְגוּלוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט כְּדֵי צוּ טְרֶעפְן גְרִינְג אַ זִיווּג.

**זָאלְסְט הָאבְן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תרג

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה׳ לְסֵדֶר וָאֵרָא כ״ח טֵבֵת התשע״ג**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו וָואס דוּ גִיסְט זִיךְ אוֹיס דַיין שְׁוֶוער בִּיטֶערֶער הַארְץ וְכוּ׳ וְכוּ׳.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז בָּזֶה הָעוֹלָם אִיז דֶער עִיקָר זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, מֶען טָאר נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן בַּיי זִיךְ, אוּן עֶר הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט בְּפֵירוּשׁ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן קי"ב) **אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִים לְקַלְקֵל תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִים לְתַקֵּן**; עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף אוֹיפְגֶעבְּן דֶעם לֶעבְּן, אַדְּרַבָּה כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט קֶען עֶר אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן, מֶען טָאר נִישְׁט צוּבְרָאכְן וֶוערְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק נֶעם זִיךְ אִין דִי הֶענְט אַריין אוּן הֵייבּ אָן צוּ רֶעדְן צוּ גָאט בָּרוּךְ הוּא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ לָעַד וְלָנֶצַח, אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאר אַן אֶמֶת'ן גוּטְן פְרַיינְד, בַּיים אָנְפַאנְג וֶועט זִיךְ דִיר דַאכְטְן אַז קֵיינֶער הֶערְט דִיךְ נִישְׁט אוֹיס, אָבֶּער דוּ זָאלְסְט ווִיסְן אַז אַ יֶעדֶער דִיבּוּר וָואס דוּ רֶעדְסְט וֶוערְט צוּגֶעהֶערְט אוֹיבְן אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, אַ אִיד שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט פָאר וָואס תְּפִלָּה אִיז, וָוארוּם וֶוען עֶר וָואלְט גֶעווּאוּסְט וָואס זַיין תְּפִלָּה טוּט אוֹיף אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת וָואלְט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט מִתְפַּלֵל צוּ זַיין.

**תְּפִלָּה** אִיז בִּיטוּל אֶל הָאֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, וֶוען אַ אִיד קוּמְט אוּן רֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶוערְט עֶר נִכְלָל דֶעמָאלְט אִין עֶצֶם עַצְמִיּוּת אֱלָקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, אוּן עֶר שְׁלֶעפְּט אוֹיף זִיךְ אַרוּיף אַ לֶעבְּטִיגְקֵייט וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, אֱמֶת בַּיים אָנְפַאנְג שְׁפִּירְט מֶען דָאס נִישְׁט, וָוארוּם דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעזִינְדִיגְט בִּפְרַט אִין

פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה וְכוּ', אִיז זַיין קָאפּ פִּיל מִיט שְׁמוּץ מִיט טִינוּף מִיט צוֹאָה וְכוּ' וְכוּ', אוּן עֶר קֶען גָארְנִישְׁט שְׁפִּירְן גֶעטְלִיכְקֵייט, אָבֶּער וָואס מֶער מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אַזוֹי נֶעמְט מֶען פוּן זִיךְ אַרָאפּ אַלֶע קְלִיפּוֹת, אַלֶע הַעֲלָמוֹת אוּן הַסְתָּרוֹת, בִּיז בַּיים סוֹף אִיז מֶען זוֹכֶה אַז מֶען שְׁפִּירְט גֶעטְלִיכְקֵייט.

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע תַּעֲנוּג אִין לֶעבְּן וִוי שְׁפִּירְן רוּחָנִיוּת אֱלֹקוּת, גֶעטְלִיכְקֵייט, אִיבֶּערְדֶעם גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, נָאר וִוי אַ פָּשׁוּטֶער מֶענְטְשׁ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶה גֶעוֶוען (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קנ"ד) דֶער עִיקָר וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיין מַדְרֵיגָה אִיז ווייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט וִוי אַ פְּרָאסְטַאק, דָאס הֵייסְט עֶר הָאט גֶערֶעדְט אַסַאךְ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי וִוי אַ פָּשׁוּטֶער מֶענְטְשׁ, ווידֶערְאוּם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק') אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט אַסַאךְ צַדִיקִים, הָאבְּן זֵיי מִיר גֶעזָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶר מַדְרֵיגָה, נָאר דוּרְךְ אַסַאךְ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**אִיבֶּערְדֶעם** זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, זַיי נִישְׁט גֶעפַּאלְן בַּיי דִיר, נֶעם אוּן רֶעד אַסַאךְ צוּם בַּאשֶׁעפֶער פוּן דֶער וֶועלְט, וֶועסְטוּ זֶעהְן וִוי עֶס וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען קַיין לַאנְגֶע צַייט אוּן דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן צוּ שְׁפִּירְן אַ גְרוֹיסֶער לֶעבְּטִיגְקֵייט, אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ יִשּׁוּב הַדַעַת, אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען.

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ, צוּ זָאגְן אַסאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּיבֶעט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אָן חָכְמוֹת, נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאג זָאג זָאג כְּסִדְרָן אַסאךְ פְּרָקִים, וֶועסְטוּ זֶעהְן ס׳וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען פַאר דִיר אַ מוֹרָא׳דִיגֶע תּוֹעֶלֶת פוּן דֶעם.

אִיךְ הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן זִיךְ אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ,

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תרד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה׳ לְסֵדֶר וָאֵרָא כ״ח טֵבֵת התשע״ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֶעה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, אוּן דוּ זָאלְסְט זַיין נָאר פְּרֵיילִיךְ, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז דֶער עִיקָר אִיז שִׂמְחָה, מֶען מֵיינְט אַז שִׂמְחָה אִיז אַן עֵצָה, דוּ בִּיסְט צוּבְּרָאכְן זַיי פְּרֵיילִיךְ וְכוּ׳ וְכוּ׳, אָבֶער דֶער אֱמֶת׳ן אַרַיין אִיז, שִׂמְחָה אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער מִצְוָה, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן כ״ד) מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד; וָוארוּם מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד אִיז שְׁטֶענְדִיג פְּרֵיילִיךְ, מִיט דֶעם וַוייזְט עֶר אַז עֶר הָאט אַ רֵיינֶעם הַארְץ מִיט רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א׳) כְּשֶׁאָדָם בְּשִׂמְחָה

בְּוָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם עִם אֱלֹקָיו; אוֹיב אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ וֶוען עֶר טוּט אַ מִצְוָה, אִיז אַ סִימָן אַז זַיין אֱמוּנָה אִיז לוֹיטֶער, אוּן עֶר גְלֵייבְּט אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם אִיז אַ מִצְוָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן יֶעדֶער סֶעקוּנְדֶע וָואס אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם אִיז עֶר מְגַלֶה אַז עֶר הָאט אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, ווִידֶערְאוּם אַז עֶר הָאט אֱמוּנָה אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אַלֶע עֲווֹנוֹת, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן ל"ג) עַל יְדֵי אֱמוּנָה יִסְלַח לְךָ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ; אִיבֶּערְדֶעם זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, זַיי נָאר פְרֵיילִיךְ, אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז סְ'וֶועט דִיךְ אַלֶעם גְרִינְגֶער זַיין בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תרה

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ה' לְסֵדֶר וָאֵרָא כ"ח טֵבֵת התשע"ג**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶע בְּרִיוו.

**אוֹיף** דִי וֶועלְט דַארְף מֶען זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינֶען מִיט מִדַּת הַסַּבְלָנוּת, מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד, וָוארוּם אָן גֶעדוּלְד גֵייט גָארְנִישְׁט, עֶס גֵייט דוּרְךְ אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַזוֹיפִיל צָרוֹת מִיט אַזוֹיפִיל יִסוּרִים אַז עֶר מוּז זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינֶען צוּ דִי מִדָּה הַיְקָרָה, צוּ דִי טֵייעֶרֶע מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת, וָואס

מֶער דֶער מֶענְטְש איז אַ סַבְלָן, עֶר הָאט גֶעדוּלְד, וֶועט עֶר מְנַצֵחַ זַיין, אִיבֶּערְדֶעם טוּה אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט נָאר הָאבְּן גֶעדוּלְד.

מֶענְטְשְׁן וֶוערְן אַזוֹי דֶענֶערְוִוירְט פוּן דֶעם וָואס עֶס גֵייט אוֹיף זֵיי דוּרְךְ, בִּיז זֵיי וֶוערְן מְשׁוּגָע פוּן רוֹב צָרוֹת, אָבֶער מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְש הָאט גֶעדוּלְד גֵייט עֶר אַלֶעס אִיבֶּער, אִיבֶּערְדֶעם מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת אַ שִׁיעוּר אִין דֶעם סֵפֶר "אֶרֶךְ אַפַּיִם" וָואס עֶר רֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֶעדוּלְד סַבְלָנוּת, אוּן דָארְטְן וֶועסְטוּ זֶעהְן וָואס הֵייסְט סַבְלָנוּת, גֶעדוּלְד אוֹיף יֶעדְן פְּרַט אִין לֶעבְּן, אוּן אַז דֶער מֶענְטְש קוֹיפְט זִיךְ אַיין דִי טֵייעֶרֶע מִדָה פוּן סַבְלָנוּת עֶר שְׁפִּירְט אַ טַעַם גַן עֵדֶן אִין זַיין לֶעבְּן.

גֶעבּ אַכְטוּנְג זַיי נִישְׁט נֶערְוֶועז זַיי נִישְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט, וָוארוּם דָאס וֶועט דִיךְ נִישְׁט בְּרֶענְגְן צוּ קַיין שׁוּם זַאךְ נָאר צוּ עַגְמַת נֶפֶש.

זֶעה צוּ זָאגְן זַייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וָואס דָאס אִיז מְטַהֵר דִי נְשָׁמָה פוּן אַלֶעם בֵּייזְן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטְן תָּמִיד**

# תרו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וָאֵרָא כ"ט טֵבֵת התשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ מִיטְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים'ס הִילְף צוּ פָארְן זוּנְטָאג אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוֹיף צְוֵויי שַׁבָּתִים מְחַזֵק זַיין דָארְטְן דִי סְפַרְדִישֶׁע אִידְן, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס הֵייסְט מְקָרֵב זַיין דִי אִידְן, דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע רְשָׁעִים הָאבְּן זֵיי דָאךְ אַרוֹיסְגֶערִיסְן פוּן אִידִישְׁקֵייט, אוּן גֶעמַאכְט פוּן זֵיי גוֹיִים גְמוּרִים וְכוּ' וְכוּ', אָבֶער ווִי נִישְׁט דִי טֶבַע פוּן אַ סְפַרְדִישֶׁע אִיד צִיט זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ אֱמוּנָה, אוּן קֵיינֶער קֶען זֵיי נִישְׁט מְחַזֵק זַיין אוּן מְקָרֵב זַיין, נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מִיט זַיינֶע טִיפֶע לִימוּדִים, אִיבֶּערְדֶעם אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט זֵיי, גֶעלוֹיבְּט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים שְׁטִילֶערְהֵייט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעמַאכְט טוֹיזֶענְטֶער סְפַרְדִישֶׁע אִידְן בַּעֲלֵי תְּשׁוּבוֹת וָואס זֵיי קוּמֶען יֶעדֶעם יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, אַזוֹי וַוייט אַז הַיינְט זֶענֶען זֵיי פִינְף אוּן אַכְצִיג פְּרָאצֶענְט, אוּן דִי אַשְׁכְּנַזִים זֶענֶען נָאר פוּפְצְן פְּרָאצֶענְט, דָאס אִיז אַ מְצִיאוּת, דֶער וָואס אִיז דָארְטְן זֶעהְט דָאס.

אִיךְ רֶעד שׁוֹין נִישְׁט דָאס אִין יַבְנְאֵל וואוֹינֶען שׁוֹין אִיבֶּער פִיר הוּנְדֶערְט מִשְׁפָּחוֹת, וָואס עֶס אִיז כְּדַאי אַרַיינְפָארְן דָארְטְן נָאר אָנְקוּקְן וָואס מֶען קֶען טוּהְן מִיט סְפַרְדִישֶׁע

אִידְן, זֵיי גֵייעֶן אַלֶע מִיט שְׁטְרַיימְל וַוייסֶע זָאקְן, וָואס קֵיינֶער ווייל דָאס נִישְׁט גְלֵייבְּן בִּיז עֶר זֶעהְט דָאס נִישְׁט אַלֵיין, אוּן דִי פְּרוּיעֶן נַיינְצִיג פְּרָאצֶענְט גֵייעֶן אָפְּגֶעשָׁארְן אִינְגַאנְצְן, וָואס בַּיי סְפַרְדִים אִיז דָאס אַ זֶעלְטֶענֶע זַאךְ, אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיר הָאבְּן שׁוֹין אִיבֶּער טוֹיזֶענְט קִינְדֶער אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן אִין מֵיידְל שׁוּלֶע, קִינְדֶערְלֶעךְ מִיט שֵׁיינֶע גֶעקְרַייזְלְטֶע פֵּיאוֹת, וֶוער הָאט גֶעגְלֵייבְּט אַזַא זַאךְ דָאס אִין אַ פְּלַאץ וִוי אִין יַבְנְאֵל וואו מֶען הָאט מַעֲבִיר גֶעוֶוען עַל הַדָּת דִי צְוֵויי עֵדוֹת, דִי תֵּימָנֶ'ער אִידְן, אוּן דִי תּוּנִיסֶ'ער אִידְן, דָא אִין יַבְנְאֵל אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אוֹשְׁוִויץ רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן דַיְיקָא אִין דֶעם פְּלַאץ הָאט מֶען אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַזַא שֵׁיינֶע הֶערְלִיכֶע קְהִילָה.

**אִיבֶּערְדֶעם** מוּז אִיךְ מִיטְגֵיין מִיט זֵיי, כְּדֵי וָואס מֶער מְקַרֵב זַיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אָבֶּער אִיךְ זָאג אַרוֹיס בְּפֵירוּשׁ דָאס קַיין שׁוּם הֵיימִישֶׁער אִיד, קַיין שׁוּם אַשְׁכְּנֶזִישֶׁער אִיד הָאט נִישְׁט צוּ גֵיין צוּ דִי בְּחִירוֹת הַטְּמֵאוֹת, מֶען טוּט מְמֵילָא גָארְנִישְׁט אוֹיף בַּיי זֵיי, דָאס אִיז בַּאוואוּסְט, וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר "וַיוֹאֶל מֹשֶׁה" (מַאֲמַר שָׁלֹשׁ שְׁבוּעוֹת סִימָן צח; קטז; קמב; קעד; אוּן אִין נָאךְ אַסַאךְ פְּלֶעצֶער, עַיֵּין שָׁם.)

**אִיבֶּערְדֶעם** זָאל נִישְׁט זַיין בַּיי דִיר שְׁוֶוער אוֹיף מִיר אַ קַשְׁיָא וְכוּ', וַוייל מַיין כַּוָונָה אִיז וָואס מֶער סְפַרְדִישֶׁע אִידְן מְקַרֵב צוּ זַיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן זֵיי זָאלְן קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אוּנְז הֶעלְפְן עֶס זָאל מְקוּיָם וֶוערְן כִּי תַעֲבִיר מֶמְשֶׁלֶת זָדוֹן מִן הָאָרֶץ, וְתִמְלוֹךְ אַתָּה הוּא הֲוָיָ"ה אֱלֹקֵינוּ מְהֵרָה לְבַדֶּךָ עַל כָּל מַעֲשֶׂיךָ, בְּהַר צִיּוֹן מִשְׁכַּן כְּבוֹדֶךָ. וּבִירוּשָׁלַיִם עִיר קָדְשֶׁךָ. אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**

## תרז

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ו' עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ לְסֵדֶר וָאֵרָא כ"ט טֵבֵת התשע"ג**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָאַרְשְׁטֶעלְן וָואס דִי סְפָרִים טוּעֶן אוֹיף, וּבִפְרַט דֶער סֵפֶר "אוֹצַר הַשּׁוֹבָבִים" עֶס וֶוערְט צוּכַאפְּט צְוִוישְׁן יוּנְגֶעלַייט, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶער זְכוּת הָרַבִּים.

סְ'הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן זֵייעֶר אַסַאךְ חֲתָנִים, דָאס זֵיי ווִילְן דֶעם קוּנְטְרֵס "יוֹם הַנִּשּׂוּאִין" אִיבֶּערְדֶעם בֶּעהְט אִיךְ דִיר, אוֹיבּ עֶס אִיז מֶעגְלִיךְ אָפְּצוּדְרִיקְן דֶעם קוּנְטְרֵס, וֶועט דָאס זַיין אַ מוֹרָא'דִיגֶער זְכוּת הָרַבִּים, וָוארוּם עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעבּוּנְדְן מִיט אַ קוּנְטְרֵס "כְּבוֹד חָמִיו" וָואס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג פַאר יוּנְגֶעלַייט זֵיי זָאלְן ווִיסְן ווִיאַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט אַ שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער, וָואס דָאס אִיז אוֹיבֶעט בִּכְלַל מִצְוַות כִּיבּוּד אָב וָאֵם, וָוארוּם זֵיי זֶענֶען דָאךְ דִי עֶלְטֶערְן פוּן דָאס וַוייבּ אוּן מֶען אִיז מְחוּיָב זֵיי טַייעֶר צוּ הַאלְטְן, אוּן בִּכְלַל

אַ פְרוֹי אִיז זֵייעֶר סֶענְצֶעטִיוו צוּ אִירֶע עֶלְטֶערְן, אוּן אוֹיב דֶער אֵיידֶעם רֶעדְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אִירֶע עֶלְטֶערְן, טוּט עֶס זֵייעֶר וֵויי, אוּן אַזוֹי הֵייבְּט זִיךְ אָן קְרִיגֶערֵייעֶן אִין שְׁטוּב, אוּן עֶס וֶוערְט פַארְשְׁטֶערְט דֶער שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ' וְכוּ', אוּן וָואס פֶעלְט דָאס אוֹיס? אוּן אִין דֶעם קוּנְטְרֵס "כְּבוֹד חָמִיו" שְׁטֵייט וְויאַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט אַ שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער, אִיבֶּערְדֶעם וָואלְט וֶוען גֶעוֶוען זֵייעֶר גוּט וֶוען דוּ דְרִיקְסְט עֶס אָפּ, וָוארוּם סְ'אִיז אַ גְרוֹיסֶער זְכוּת הָרַבִּים, לֵיידֶער דִי זַאכְן הָאט מֶען נִישְׁט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דִי אִינְגֶעלַייטְלֶעךְ, ווִי מְכַבֵּד צוּ זַיין אַ שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער, אוּן פוּן דֶעם קוּמְט אַרוֹיס נָאכְדֶעם מַחְלוֹקֶת מִיטְ'ן וַוייבּ, וָואס פֶעלְט דָאס אוֹיס?

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן עֶר זָאל דִיךְ מַרְחִיב זַיין בְּגַשְׁמִיוּת וּבְרוּחָנִיוּת, אוּן דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג זַיין מִמְּזַכֵּי הָרַבִּים,

**זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת**

## תרח

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר מִשְׁפָּטִים כ"ד שְׁבָט התשע"ג**

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו, וָואס דָארְטְן גִיסְטוּ זִיךְ אוֹיס דַיין בִּיטֶער הַארְץ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ בְּגַשְׁמִיוּת אוּן בְּרוּחָנִיוּת וְכוּ' וְכוּ'.

זֶעה זיך צו דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוחות, וָוארום דֶער גַאנְצֶער לִימּוּד פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז וִויאַזוֹי זִיךְ צו דֶערְהַאלְטְן, און נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן בַּיי זִיךְ, בָּזֶה הָעוֹלָם גֵייט אִיבֶּער נִסְיוֹנוֹת אוֹיף יֶעדְן מֶענְטְשׁ, וָוארום דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים פִּירְט דִי וֶועלְט בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִיּוּת, נָאר וֶועגְן דֶעם בְּחִירָה און דֶעם נִסָּיוֹן אִיז אַלֶעס פַארְהוילְן, בִּיז אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז אַלֶעס אִיז מִקְרֶה מַזָּל טֶבַע וְכוּ' וְכוּ' אָבֶּער אִין אֱמֶת'ן אַרַיין אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ טֶבַע מִקְרֶה און מַזָּל, אַלֶעס אִיז בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִיּוּת, הַלְוַאי זָאל דָאס אַ מֶענְטְשׁ אִין זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן, וֶועט זַיין גַאנְצֶער לֶעבְּן נִשְׁתַּנָּה וֶוערְן לְטוֹבָה.

אִיךְ בֶּעהְט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, גֶעוואוין זִיךְ צו, צו רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַן אֱמֶת'ן גוּטְן פְרַיינְד, דָאס אִיז דֶער שְׁלִיסְל פוּן בְּרֶסְלֶבֶ'ר חֲסִידוּת, רֶעדְן מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, כָּאטְשֶׁע בַּיים אָנְפַאנְג וֶועט זִיךְ דִיר דַאכְטְן אַז קֵיינֶער הֶערְט דִיךְ נִישְׁט אוֹיס, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דַארְף מֶען זַיין שְׁטַארְק אִין דֶעם, רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים נָאךְ אַ דִיבּוּר און נָאךְ אַ דִיבּוּר, און בֶּעטְן נָאךְ אַ תְּפִלָּה און נָאךְ אַ תְּפִלָּה בִּיז אִין דֶער סוֹף וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז עֶס וֶועט זִיךְ דִיר עֶפֶענֶען דַיין פַארְשְׁטָאפְּטֶע הַארְץ, און ס'וֶועט זִיךְ דִיר אוֹיסְגְלַייכְן דַיין פַארְקְרִימְטֶע מֹחַ וָואס דוּ הָאסְט אַזוֹיפִיל קַשְׁיוֹת און סְפֵיקוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

**גֶעוואוֹין** זִיךְ צוּ יֶעדְן טָאג צוּ זָאגְן אַסאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן פַאר עֶטְלִיכֶע פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קפ"ה), אוּן דֶעם זֶעלְבְּן תִּיקוּן הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן פַארְ'ן הֵיילִיגְן ר' נָתָן ז"ל, וָואס עֶר אִיז אוֹיכֶעט גֶעוֶוען גֶעוואוֹינְט צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת.

**אַוַודַאי** גֶעפוּנֶען זִיךְ אַסאךְ לֵצִים וָואס זֵיי מַאכְן פוּן דֶעם לֵיצָנוּת, אָבֶער מֶען וֶועט זֶעהְן וֶוער וֶועט לַאכְן בַּיים סוֹף.

**מֶענְטְשְׁן** מֵיינֶען אַז זֵיי וֶועלְן דָא בְּלַייבְּן לֶעבְּן אֵייבִּיג וְכוּ' וְכוּ', זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט אַז עֶס וֶועט בַּאלְד אִינְטֶער קוּמֶען פְּלוּצְלִינְג דֶער טָאג אוּן מֶען וֶועט זֵיי אַוֶועק נֶעמֶען מִזֶה הָעוֹלָם, וָואס וֶועלְן זֵיי דֶעמָאלְט טוּהְן? אָבֶער וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג זֵייעֶר אַסאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת וָואס דָאס אִיז מְטַהֵר דֶעם נֶפֶשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ'נְס נְשָׁמָה נָאנְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיוֹת נְשָׁמָה, אַז מֶען לֶערְנְט אַסאךְ מִשְׁנַיוֹת וֶוערְט דִי נְשָׁמָה אוֹיסְגֶערֵייניגְט.

**וְעַל** כּוּלָם, אַז אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיז עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, וואוּ עֶר גֵייט רֶעדְט עֶר צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וואוּ עֶר שְׁטֵייט רֶעדְט

עֶר צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דָאס בַּאגְלֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ בִּיז צוּם לֶעצְטְן טָאג, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (אִין תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ פֶּרֶק ט"ו) לְפִי שֶׁכָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחוֹת וּתְפִלּוֹת, הֵם הַמְלַוִּים אוֹתוֹ עַד שֶׁיַּגִּיעַ לְבֵית עוֹלָמוֹ; אַז וואויל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר גֶעוואוּינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וֶועט אִיהם גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְּרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תרט

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר מִשְׁפָּטִים כ"ד שְׁבָט התשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.

**זָאלְסְט** ווִיסְן צוּ זַיין אַ שַׁדְכָן לְשֵׁם שָׁמַיִם דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער מִצְוָה וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דֶעם זְכוּת פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט שִׁידוּכִים, מְשַׁדֵךְ זַיין בְּנֵי וּבְנוֹת יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר רַאטֶעוֶועט זֵיי פוּן חֲטָאִים אוּן עֲווֹנוֹת, זַיין שְׂכַר אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיס אִין הִימְל.

**וֶועלְדִיג** וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער הַיינְט אוֹיף דִי יוּגְנְט וְכוּ', אִיז נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה נָאר חֲתוּנָה מַאכְן וָואס יוּנְגֶער, מֶען דַארְף נִישְׁט קוּקְן אוֹיף גָארְנִישְׁט, נָאר

רַחֲמָנוּת הָאבְּן אויף דִי קִינְדֶער, און זֵיי חֲתוּנָה מַאכְן וָואס פְּרִיעֶר'ט, וָוארוּם דִי יוּגְנְט גֵייט אַרָאפּ צוּגְרִינְד אַלְץ נָאר וֶועגְן דִי הֶפְקֵירוּת און פְּרִיצוּת וָואס עֶס טוּט זִיךְ הַיינְט אָפּ אויף דֶער וֶועלְט וְכוּ'.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אוּנְז אָפְּהִיטְן וֶוען אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זֶענֶען זִיךְ מְחַבֵּר מִיט פַארְדָארְבֶּענֶע גֶעמֵיינֶע קִינְדֶער וְכוּ' וְכוּ' דָאס בְּרֶענְגְט זֵיי צוּ דִי אַרְגְסְטֶע זַאכְן, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען טוּהְן אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם חֲתוּנָה מַאכְן וָואס יוּנְגֶער, עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי שְׁוֶוער וִוי מֶען מֵיינְט, מֶען דַארְף זִיךְ נָאר צַאמְנֶעמֶען עֶרְנְסְטֶע עַסְקָנִים און טוּהְן אִין דֶעם, וָוארוּם סְ'אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, און נָאר דוּרְכְדֶעם קֶען מֶען רַאטֶעוֶוען דִי יוּגְנְט.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אוּנְז הֶעלְפְן מֶען זָאל עוֹסֵק זַיין אִין שִׁידוּכִים, מְשַׁדֵךְ זַיין בְּנֵי און בְּנוֹת יִשְׂרָאֵל, און זֵיי רַאטֶעוֶוען פוּן חֲטָאִים און עֲוונוֹת, וֶועלְן מִיר אוֹיפְשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת אַזוֹי וִוי אוּנְז הָאבְּן מִיר מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן און אוּנְזֶערֶע רֶבִּי'ס מִדוֹר דוֹר.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג און אַ פְּרֵיילִיכְן תָּמִיד.**

# תרי

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר מִשְׁפָּטִים כ"ד שְׁבָט התשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו וָואס דוּ גִיסְט זִיךְ אוֹיס דַיין בִּיטֶער הַארְץ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף דִיר דוּרְךְ אַזוֹיפִיל צָרוֹת אוּן יִסוּרִים וְכוּ' וְכוּ'.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ז') אֱמוּנָה תְּפִלָּה מִיט נִסִים, זֶענֶען תָּלוּי אֵיינְס אִין אַנְדֶערְן. אַז אַ אִיד אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה אוּן עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָא מִיט אִים, בַּיי אִים, לֶעבְּן אִים, וֶועט עֶר שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּ אִים, אוּן שְׁטֶענְדִיג מִתְפַּלֵל זַיין צוּ אִים, אוּן בַּאלְד וִוי דֶער אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ מִתְפַּלֵל צוּ זַיין צוּ דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט עֶר זֶעהְן נִסִים וְנִפְלָאוֹת, מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּפִלָּה, וָוארוּם וֶוען דִי חֲזַ"ל הָאבְּן אוּנְז אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט יְסוֹדוֹת אִין תְּפִלָּה, הָאבְּן זַיין אוּנְז אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט גְלַייךְ יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִיד, אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען מִתְפַּלֵל זַיין צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן זָאל עֶר בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, דֶערְפַּאר זָאגְן דִי חֲזַ"ל (תַּעֲנִית ב.) אֵיזוֹ הִיא עֲבוֹדָה שֶׁהִיא בְּלֵב הֱוֵי אוֹמֵר זוּ תְּפִלָּה; מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער וֶוערְט אִים אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט דִי

הַאֶרְץ, וָוארוּם חָלִילָה וְחַס וָוען אַ אִיד וֶוערְט נִכְשָׁל אִין פְּגַם הַבְּרִית אָפְּגֶעהִיטְן זָאל מֶען וָוערְן וְכוּ' וְכוּ', דֶעמָאלְט וֶוערְט אִים דָאס הַאֶרְץ פַארְדְרֵייט מִיט עַקְמִימִיּוּת, און עֶר הָאט קַשְׁיוֹת און סְפֵיקוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"א) אַז אֱמוּנָה אִיז תָּלוּי נָאר אִין שְׁמִירַת הַבְּרִית, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים פ"ט) "וּבְרִיתִי נֶאֱמֶנֶת לוֹ" בְּרִית מִיט אֱמוּנָה אִיז תָּלוּי אֵיינְס אִין אַנְדֶערְן, אֵיינֶער וָואס עֶר הָאט קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן עֶר אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן מִיט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי וִוי הַיינְט אִיז דָאס דָא לֵיידֶער זֵייעֶר זֵייעֶר דָאס בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט וָוערְן נִכְשָׁל מִיט גְרָאבֶּע בִּיטֶערֶע עֲווֹנוֹת וְכוּ' און דָאס בְּרֶענְגְט אִין זֵיי אַרַיין אַ גֶעוַואלְדִיגְן יֵאוּשׁ, און דֶער יֵאוּשׁ אִיז גוֹרֵם נָאכְדֶעם אַז מֶען זָאל אוֹיפְהֶערְן צוּ לֵייגְן תְּפִילִין רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, און מֶען זָאל אוֹיפְהֶערְן צוּ דַאוֶוענֶען רַחֲמָנָא לִיצְלָן וְכוּ' וְכוּ', און אַזוֹי וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעקִילְט אִינְגַאנְצְן פוּן אִידִישְׁקֵייט, בִּיז מֶען נֶעמְט אַרָאפּ דִי בָּארְד און פֵּיאוֹת, בִּיז רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן מֶען קֶען אַרוֹיסְגֵיין אִינְגַאנְצְן פוּן גֶדֶר אֱנוֹשִׁי, מֶען פַאלְט אַרָאפּ און מֶען וֶוערְט אַזוֹי וִוי אַ גוֹי גָמוּר.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֶעהְן זֵייעֶר צוּ שְׁטַארְקְן מִיט פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, און דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיךְ אַוַודַאי און אַוַודַאי מוֹחֵל זַיין, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה סִימָן ל"ג) עַל יְדֵי אֱמוּנָה יִסְלַח לְךָ

הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא; דוּרְךְ אֱמוּנָה אִיז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מוֹחֵל אַלֶע עֲוֹונוֹת, אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ אִין אֱמוּנָה אוּן זָאלְסְט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אֱמוּנָה, וָוארוּם אַז מֶען בֶּעהְט אוֹיף אֱמוּנָה הָאט מֶען אֱמוּנָה, אֱמוּנָה אִיז אַזַא מִין לֶעבְּטִיגְקֵייט אַז מֶען דַארְף אוֹיף דֶעם אַסַאךְ בֶּעטְן, אוּן אַז אַ אִיד שְׁפִּירְט שְׁטֶענְדִיג אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מִיט אִים, דֶעמָאלְט אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג פְּרֵייליךְ, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ וֶועט אִיהם נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְּן.

**דַארְפְּסְט** וִויסְן אַז דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, דָאס בִּיטֶערְנִישׁ וָואס עֶס אִיז אִין דִיר אַרַיינְגֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן דָאס אִיז נָאר פוּן דַיין פַּארְגַאנְגֶענְהֵייט, פוּן דִי פְּגַם הַבְּרִית וָואס דוּ הָאסְט עוֹבֵר גֶעוֶוען וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, דוּ זָאלְסְט זַיין נָאר פְּרֵייליךְ, אוּן דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף דִי זַאכְן 'אֱמוּנָה' גְלֵייבְּן אִין אִים אַז עֶר אִיז דָא, בַּיי דִיר, לֶעבְּן דִיר, אִין דִיר, אוּן דָאס וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגְן צוּ 'שִׂמְחָה', שִׂמְחָה אִיז אַזַא מִין גְרוֹיסְן לֶעבְּט אַז מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מַשִּׂיג זַיין נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה, אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין אוּן דוּ וֶועסְט בֶּעטְן רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זַיי מִיר מְזַכֶּה צוּ אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזוּכֶּכֶת, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַז דוּ בִּיסְט דָא מִיט מִיר בַּיי מִיר לֶעבְּן מִיר אִין מִיר, כְּדֵי אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג פְּרֵייליךְ זַיין, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע שִׂמְחָה וִוי צוּ שְׁפִּירְן אַז דוּ בִּיסְט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, וָוארוּם מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, דוּ גֶעפִינְסְט

זִיךְ אִיבֶּערָאל, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דִיר. אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע צָרוֹת,

**דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג און אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

## תריא

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר מִשְׁפָּטִים כ"ד שְׁבָט התשע"ג**

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זֶעה** צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה סַיי בְּגַשְׁמִיוּת און סַיי בְּרוּחָנִיוּת.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ"ל הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן פַאר אֵיינֶעם פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט אַז עֶר זָאל טַאנְצְן יֶעדְן טָאג. און עֶר הָאט דָאס מְקַיֵּים גֶעוֶוען, און אַזוֹי אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן זַיינֶע צָרוֹת און פְּרָאבְּלֶעמֶען.

**אַמָאל** מַאכְט זִיךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין אִין אַ דִיפְּרֶעשְׁן, און עֶר אִיז טְרוֹיעֶרִיג, און עֶר זֶעהְט נִישְׁט קַיין וֶועג אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דֶעם, עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז עֶר וֶועט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט זֶעהְן קַיין לֶעכְטִיגְקֵייט אִין זַיין לֶעבְּן וְכוּ', און דָאס אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס

גֶעפּוּנְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אִין טְרוֹיעֶרְקֵייט אוּן בִּיטֶערְנִישׁ, דָאס הֵייסְט אַז עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג טְרוֹיעֶרִיג, שְׁטֶענְדִיג בִּיטֶער וְכוּ׳, אָבֶּער אוֹיבּ עֶר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ טַאנְצְן יֶעדְן טָאג, אוּן זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן, כָאטְשֶׁע עֶס קוּמְט אִים אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן צָרוֹת.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן קפ״ט) דָאס דֶער עִיקָר וָואס דֶער מֶענְטְשׁ פַּאלְט אַרָאפּ בַּיי זִיךְ אִיז פוּן עַצְבוּת אוּן עַצְלוּת, פוֹילְקֵייט קוּמְט פוּן טְרוֹיעֶרִיגְקֵייט, אוּן טְרוֹיעֶרִיגְקֵייט קוּמְט פוּן פוֹילְקֵייט, סְ׳אִיז אֵיינְס תָּלוּי אִין אַנְדֶערְן.

**אִיבֶּערְדֶעם**, זֶעה גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ, צוּ גֵיין אִין אַ נֵייעֶם וֶועג, נָאר צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן טְרֶעפְן דָאס גוּטְס פַאר דִיר, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט מֵיינֶען אַז דוּ בִּיסְט דֶער אַרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ הָאפְּפֶענוּנְג צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלְסְדִינְג.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן עֶס זָאל אַלֶעס רֶעכְט וֶוערְן בַּיי דִיר.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תריב

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יוֹם ב׳ לְסֵדֶר מִשְׁפָּטִים כ״ד שְׁבָט התשע״ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ גָארְנִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דַיין זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט מִיט דֶעם וָואס דוּ דְרִיקְסְט דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן דוּ בִּיסְט מְחַיֶּה אִידְן.

אַזוֹי ווִי דוּ בִּיסְט מְחַיֶּה אַנְדֶערֶע זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דִיךְ מְחַיֶּה זַיין.

אַז וואוֹיל אִיז דֶעם בָּחוּר אָדֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס עֶר וֶועט מְנַדֵּב זַיין פַאר דִיר אַ פַּאלֶעט פַּאפִּיר, אוּן מִיט דֶעם וֶועט עֶר הָאבְּן אַ זְכוּת אַז נָאךְ הוּנְדֶערְטֶער אוּן אֶפְשָׁר טוֹיזֶענְטֶער נְשָׁמוֹת זָאלְן שֶׁעפְּן חַיוּת פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים.

שְׁטַארְק זִיךְ, דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע חוֹבוֹת, אוּן דוּ וֶועסְט זֶעהְן סְ׳וֶועט דִיךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תריג

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ב' לְסֵדֶר תְּצַוֶּה ח' אֲדָר התשע"ג

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה וְכָל טוּב סֶלָה יַגִּיעוּ וְיִרְדְּפוּ אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין לַאנְגֶען בְּרִיוו.**

זֶעה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, אוּן וֶוער נִישְׁט צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, וָוארוּם דוּ דַארְפְסְט ווִיסְן דָאס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר טוּט מְסִירוּת נֶפֶשׁ פַארְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים קוּמְט נָאכְדֶעם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן צוּבְּרֶעכְט אִים, אִיבֶּערְדֶעם וֶוער עֶס טוּט אַ מְסִירוּת נֶפֶשׁ פַארְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דַארְף הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ חִיזוּק נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן, וָוארוּם סוֹף כָּל סוֹף מְסִירוּת נֶפֶשׁ אִיז דֶער טַייטְשׁ אַז עֶר גֵייט אַרוֹיס פוּן זַיין טָאג טֶעגְלִיכְן הַנְהָגָה אוּן עֶר וֶוערְט דֶערְהֶעבֶערְט בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט זַיין שְׁטֶענְדִיג בַּעֲלִיָּה, מֶען דַארְף צוּרִיק קוּמֶען צוּ דִי מְצִיאוּת וְכוּ' דֶעמָאלְט וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ צוּבְּרָאכְן, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין אַזַא הוֹיעֶכֶע מַדְרֵיגָה וְכוּ', אוּן יֶעצְט בִּין אִיךְ צוּרִיק וָואכֶעדִיג אוּן נִידְרִיג וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער דֶער אֱמֶת'ן אַרַיין אִיז נִישְׁט אַזוֹי, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') אַז עֶס אִיז דָא אַ בְּחִינָה פוּן "עַיִל" אוּן אַ בְּחִינָה פוּן "וְנָפִיק", וָואס דָאס לִיגְט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים קל"ט) "אִם אֶסַּק שָׁמַיִם שָׁם אָתָּה, וְאַצִּיעָה שְּׁאוֹל הִנֶּךָּ" דָאס הֵייסְט אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף בְּרוּחָנִיּוֹת דַארְף עֶר ווִיסְן אַז דָארְטְן דַארְף מֶען אוֹיבֶעט טְרֶעפְן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, מֶען טָאר נִישְׁט הַאלְטְן זִיךְ גְרוֹיס אַז

אִיךְ הָאבּ עֶפֶּעס גֶעטוּהְן אַ מְסִירוּת נֶפֶשׁ וְכוּ׳, אוּן וֶוען מֶען פַּאלְט אַרָאפּ טָאר מֶען אַוַודַאי נִישְׁט צוּבְּרָאכְן אוּן צוּפַאלְן וֶוערְן וִויאַזוֹי בִּין אִיךְ דוּרְכְגֶעפַאלְן אוּן אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַזַא גְרוּבּ, וָוארוּם אֲפִילוּ אִיךְ בִּין שׁוֹין אִין שְׁאוֹל אִיז אוֹיכֶעט ׳הִנֶּךָּ׳ בִּיסְטוּ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם מִיט מִיר, מֶען טָאר זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, ווִידֶערְאוּם הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ז׳ וְסִימָן ס״ח) אַז אַ אִיד דַארְף זַיין אוֹיבְן אוּן עֶר דַארְף זַיין אוּנְטְן, דָאס הֵייסְט פוּן אֵיין זַייט צִיעֶן זִיךְ אִינְגַאנְצְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאל עֶר זַיין אוֹיסְגֶעמִישְׁט מִיט דִי וֶועלְט, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיךְ גֶעהָאלְפְן אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען אָפְּצוּדְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אוּן דוּ בִּיסְט מְזַכֵּי הָרַבִּים אוֹיף אַזַא פַארְנֶעם וָואס מֶען קֶען גָארְנִישְׁט מַסְבִּיר זַיין וְכוּ׳ וְכוּ׳, אִיבֶּערְדֶעם דַארְפְסְטוּ נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן פוּן דִי חוֹבוֹת וָואס עֶס אִיז אוֹיף דִיר אַרוֹיפְגֶעפַאלְן וְכוּ׳, דֶער זְכוּת הָרַבִּים וֶועט דִיר בַּיישְׁטֵיין, אוּן דוּ וֶועסְט קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי אַלֶע חוֹבוֹת, אוּן דוּ וֶועסְט זֶעהְן גְרוֹיסֶע נִסִּים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט מִיט דִיר טוּהְן, נָאר שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זַיי פְרֵיילִיךְ, וֶועט דִיר אַוַודַאי גְרִינְגֶער וֶוערְן, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה חֵלֶק ב׳ סִימָן א׳) מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד**

# תריד

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג׳ לְסֵדֶר תְּצַוֶּה ט׳ אֲדָר התשע״ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים דָאס דוּ הָאסְט מִיט אַ מַזָל אַ שִׁידוּךְ גֶעטוּהְן, מֶען דַארְף לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיפְן גְרוֹיסְן חֶסֶד חִנָם וָואס עֶר הָאט מִיט דִיר גֶעטוּהְן, דִי חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה ס״ח סִימָן ד׳) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (תְּהִלִּים ס״ח) ״אֱלֹהִים מוֹשִׁיב יְחִידִים בַּיְתָה מוֹצִיא אֲסִירִים בַּכּוֹשָׁרוֹת״ מַהוּ ׳בַּכּוֹשָׁרוֹת׳ בְּכִי וְשִׁירוֹת, מַאן דְּבָעֵי אוֹמֵר שִׁירָה וּמַאן דְּלָא בָעֵי בָכֵי; כָּל זְמַן מֶען אִיז אַ בָּחוּר אִיז מֶען אַזוֹי וִוי אִין אַ תְּפִיסָה, וָוארוּם דִי חֲזַ״ל זָאגְן (יְבָמוֹת ס״ב:) כָּל אָדָם שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה שָׁרוּי בְּלֹא שִׂמְחָה בְּלֹא בְרָכָה בְּלֹא טוֹבָה וְכוּ׳, עַיֵין שָׁם. וָוארוּם כָּל זְמַן מֶען אִיז אַלֵיין אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, וִוי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית ב׳ י״ח) ״לֹא טוֹב הֱיוֹת הָאָדָם לְבַדּוֹ״ אַזוֹי וִוי מֶען זִיצְט פַארְשְׁפַּארְט אִין אַ תְּפִיסָה, אָבֶער וֶוען מֶען טְרֶעפְט דֶעם זִיווּג אִיז דֶעמָאלְט וֶוערְט מְקוּיָם ״מוֹצִיא אֲסִירִים״ מֶען נֶעמְט אַרוֹיס פוּן תְּפִיסָה אִים אוּן אִיר, אָבֶער עֶס אִיז ״בַּכּוֹשָׁרוֹת״, וָואס דָאס אִיז צְוֵויי וֶוערְטֶער ׳בְּכִי׳ ׳וְשִׁירוֹת׳, מַאן דְּבָעֵי אוֹמֵר שִׁירָה, אוֹיבּ אֵיינֶער פְרֵיידְט זִיךְ מִיטְן שִׁידוּךְ וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט אִים גֶעגֶעבְּן זִינְגְט עֶר שִׁירָה, אַ לוֹיבּ גֶעזַאנְג פַארְ׳ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, וּמַאן דְּלָא בָעֵי בָכֵי, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער

אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיטְן שִׁידוּךְ וויינְט עֶר, אֵיי גֶעבֶעךְ אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעפַאלְן דָאס הָאט מֶען אִים גֶעגֶעבְּן? עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וָואס אִיז פַארְהוּילְן פוּן מֶענְטְשְׁן ווִי דֶער זִיווּג פוּן אַ מֶענְטְשׁ, וָואס דָאס קוּמְט נָאר פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי שְׁלֹמְ'קֶע זְעווִילֶער זי"ע הָאט גֶעזָאגְט, בַּיים לֵיינֶען דֶעם תְּנָאִים זָאגְט מֶען "הָעוֹמֵד מִצַד הֶחָתָן", אוּן "הָעוֹמֵד מִצַד הַכַּלָּה", דָאס הֵייסְט מֶען זָאגְט פַאר דֶעם חָתָן'ס עֶלְטֶערְן אוּן פַאר דֶעם כַּלָּה'ס עֶלְטֶערְן "הָעוֹמֵד מִצַד" אִיר שְׁטֵייט אִין דִי זַייט, אִיר הָאט נִישְׁט וָואס זִיךְ צוּ מִישְׁן, דָאס אִיז שׁוֹין אַ פֶּערְטִיגֶער שִׁידוּךְ, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ב.) אַרְבָּעִים יוֹם קוֹדֶם יְצִירַת הַוָּלָד בַּת קוֹל יוֹצֵאת וְאוֹמֶרֶת בַּת פְּלוֹנִי לִפְלוֹנִי, אִיבֶּערְדֶעם אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיךְ גֶעהָאלְפְן אוּן דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן דַיין בַּאשֶׁערְטְן זִיווּג, דַארְפְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוּן דַאנְקֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף דֶעם חֶסֶד חִינָם וָואס עֶר הָאט מִיט דִיר גֶעטוּהְן.

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן עֶס זָאל זַיין אַ קֶשֶׁר שֶׁל קַיָּימָא אַ בִּנְיָן עֲדֵי עַד עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן דִיר לֶעבְּטִיגֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

**מֶען** דֶערְצֵיילְט נָאךְ דָאס דֶער גְרוֹיסֶער גָאוֹן דֶער רַשַ"ש (רֶבִּי שְׁמוּאֵל שְׁטְרַאשׁוּן זצ"ל) ווִי בַּאווּאוּסְט הָאט עֶר גֶעמַאכְט דִי הַגָּהוֹת אוֹיף גַאנְץ שַ"ס פַארְרֶעכְטְן דִי גְרַייזְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי כְּתָבֵי יָדוֹת, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער גָאוֹן אוּן שְׁטֶענְדִיג אִיז עֶר גֶעזֶעצְן אוּן גֶעלֶערְנְט, עֶר הָאט

אוֹיבֶעט גֶעהַאט אַ גְמַ"ח וָואס עֶר פְלֶעגְט פַארְבָּארְגְן גֶעלְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסְן בִּיךְ וָואס עֶר הָאט פַארְשְׁרִיבְּן יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעבָּארְגְט גֶעלְט אוּן וֶוער סְ'הָאט אָפְּגֶעצָאלְט דִי גֶעלְט, אֵיינְמָאל אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אַן עוֹשֶׁר בָּארְגְן גֶעלְט, עֶר הָאט גֶעוָואלְט פַארְגֶרעסֶערְן זַיין גֶעשֶׁעפְט, אוּן עֶר הָאט אַרַיינְגֶעשְׁרִיבְּן זַיין נָאמֶען אַז עֶר הָאט גֶעבָּארְגְט, עֶס אִיז דוּרְךְ אַ שְׁטִיק צַייט דֶער גְבִיר אִיז גֶעקוּמֶען אָפְּצוּגֶעבְּן זַיין חוֹב, אַזוֹי וִוי דֶער רַשַׁ"שׁ אִיז גֶעוֶוען זַייעֶר פַארְטִיפְט אִין לֶערְנֶען הָאט עֶר גֶענוּמֶען דָאס קָאנְוֶוערְט (עֶנְוֶועלָאפּ) מִיט דִי גֶעלְט אוּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אַ גְמָרָא וָואס אִיז גֶעלֶעגְן אָפֶען אוֹיפְן טִישׁ, אוּן עֶר הָאט אַוַודַאי פַארְגֶעסְן אַרַיינְצוּשְׁרַייבְּן דֶעם נָאמֶען פוּן דֶעם גְבִיר אַז עֶר הָאט אָפְּגֶעצָאלְט זַיין חוֹב, עֶס אִיז אַוֶועק אַ שְׁטִיק צַייט אוּן דֶער רַשַׁ"שׁ קוּקְט אִיבֶּער זַיין בִּיךְ אוּן עֶר זֶעהְט אַז דֶער גְבִיר הָאט נָאכְנִישְׁט אָפְּגֶעגֶעבְּן דִי גֶעלְט, הָאט עֶר אִים גֶעשִׁיקְט רוּפְן אוּן עֶר הָאט אִים פָארְגֶעהַאלְטְן פַארְוָואס עֶר צָאלְט נִישְׁט אָפּ זַיין חוֹב? אוּן דֶער גְבִיר טַעֲנֶה'ט אִיךְ הָאבּ בַּאצָאלְט, אוּן דֶער רַשַׁ"שׁ זָאגְט אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַרַיינְגֶעשְׁרִיבְּן, אִיז אַ סִימָן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט בַּאצָאלְט, אוּן עֶר הָאט אִים אַוַודַאי גֶערוּפְן צוּ דִין תּוֹרָה, אוּן בֵּית דִין הָאט גֶעפַּסְקֶ'נְט אַז עֶר דַארְף שְׁוֶוערְן, וַוייל עֶר הָאט גֶעטַעֲנֶה'ט עֶר הָאט בַּאצָאלְט, אָבֶּער אַזוֹי וִוי דֶער גְבִיר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט שְׁוֶוערְן הָאט עֶר לְהֶרְפַּתֵינוּ גֶעמוּזְט נָאכְאַמָאל בַּאצָאלְן, דֶערְוַוייל אִיז גֶעוָוארְן אַ רַעַשׁ אִין שְׁטָאט אַז דֶער גְבִיר אִיז

אַ גַנָב, עֶר הָאט גֶעוָואלְט גַנְבֶ'נֶען גֶעלְט פוּן דֶעם גְרוֹיסְן גָאוֹן דֶער רַשַ"ש אוּן עֶר הָאט לִיגְנְט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט שׁוֹין בַּאצָאלְט, אוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט הָאבְּן אִים פָּשׁוּט מְנַדֶה גֶעוֶוען, אוּן דֶערְוַוייטֶערְט זִיךְ פוּן אִים, אַזַא זַאךְ טוּהְן אָפְּנַארְן דֶעם גְרוֹיסְן גָאוֹן אוּן צַדִיק וְכוּ', אוּן צוּבִּיסְלִיךְ אִיז דֶער גְבִיר צוּגְרִינְד גֶעגַאנְגֶען וָוארוּם קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶער מִיט אִים הַאנְדְלֶען, בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער אָרֶעמַאן, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ זוּהְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַ שִׁידוּךְ טוּהְן מִיט אִים, וָוארוּם קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אַ גַנָב וְכוּ', מֶען הָאט אִים פָּשׁוּט צוּגְרִינְד גֶעלֵייגְט, וַיְהִי הַיוֹם הָאט דֶער רַשַ"ש אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ גְמָרָא אוּן עֶר עֶפְנְט אוֹיף, אוּן טְרֶעפְט דָארְטְן דֶעם קָאנְוֶוערְט (עֶנְוֶועלָאפּ) מִיט דִי גֶעלְט אִין דִי גְמָרָא, הָאט עֶר זִיךְ גְלַייךְ גֶעכַאפְּט וָואס הָאט עֶר דָא גֶעטוּהְן, עֶר הָאט אוּמְזִיסְט פַארְשֶׁעמְט אוּן מְבַזֶה גֶעוֶוען אַ אוּמְשׁוּלְדִיג מֶענְטְשׁ, הָאט עֶר אִים שְׁנֶעל גֶעלָאזְט רוּפְן אוּן אִים אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן אַז עֶס אִיז זַיין טָעוּת, אָבֶּער דֶער גֶעוֶועזֶענֶער גְבִיר הָאט גֶעטַעֲנֶה'ט מַיין נָאמֶען אִיז שׁוֹין פַארְשְׁמִיצְט אוּן קֵיינֶער גְלֵייבְּט שׁוֹין נִישְׁט אַז אִיךְ בִּין אוּמְשׁוּלְדִיג, הָאט דֶער רַשַ"ש גֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט צוּזַאמְרוּפְן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אוּן עֶר וֶועט זָאגְן אַ דְרָשָׁה אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט וֶועט עֶר אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן, אוּן עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטוּהְן, אָבֶּער דִי שְׁטָאטְ'ס לַייט הָאבְּן אִים שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט גְלֵייבְּן, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט דֶער רָב הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִים, דֶערְפַאר בֶּעהְט עֶר אִים

איבֶּער, אָבֶּער דֶער אֱמֶת'ן אַריין איז עֶר אַ גַנָב, און עֶס הָאט נישְׁט גֶענוּצְט אַרָאפְּצוּנֶעמֶען דֶעם פְלֶעק פוּן אִים, הָאט זִיךְ דֶער רַשַ"ש מְיַישֵׁב גֶעוֶוען אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ אַ טָאכְטֶער און דֶער גֶעוֶועזֶענֶער גְבִיר הָאט אַ זוּהְן און קֶען נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ טוּהְן מִיט אִים וַוייל עֶר הָאט אַ שְׁלֶעכְטְן נָאמֶען אַז עֶר אִיז אַ גַנָב וְכוּ', הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעטְרָאגְן פַאר דֶעם גֶעוֶועזֶענֶעם גְבִיר, אִיךְ ווִיל זִיךְ מִיט אַייךְ מְשַׁדֵךְ זַיין, אַזוֹי וֶועט זִיכֶער דֶער שְׁלֶעכְטֶער נָאמֶען אַרָאפְּגֵיין, וָוארוּם אַז אִיךְ בִּין זִיךְ מְשַׁדֵךְ מִיט אַייךְ אִיז אַ סִימָן אַז ס'אִיז מַיין טָעוּת גֶעוֶוען, און עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער חֲתוּנָה דֶער גַאנְצֶער שְׁטָאט אִיז גֶעקוּמֶען און דֶער רָב הָאט זִיךְ אַנְטְשוּלְדִיגְט אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען זַיין טָעוּת, און דִי שְׁטָאטְ'ס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט, און עֶר הָאט צוּרִיק בַּאקוּמֶען זַיין עֶרְלִיכְן נָאמֶען, און עֶר אִיז צוּרִיק גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער גְבִיר, הָאט מֶען דֶעמָאלְט גֶעשְׁמוּעֶסְט דָאס אִיז גֶעוֶוען שׁוֹין אַ אָפְּגֶעמַאכְטְן שִׁידוּךְ פוּן פְרִיעֶרְט, וָוארוּם (סוֹטָה ב.) אַרְבָּעִים יוֹם קוֹדֶם יְצִירַת הַוָלָד בַּת קוֹל יוֹצֵאת וְאוֹמֶרֶת בַּת פְּלוֹנִי לִפְלוֹנִי; נָאר עֶס וָואלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּשְׁטַאנְד גֶעקוּמֶען דֶער שִׁידוּךְ, אַזַא גְרוֹיסֶער גָאוֹן ווִי דֶער רַשַ"ש זָאל זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אַ פָּשׁוּטְ'ן סוֹחֵר, אֲפִילוּ עֶר אִיז אַ גְבִיר, אָבֶּער עֶס פַּאסְט נִישְׁט, הָאט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעפִירְט דֶעם וֶועג בִּיז עֶס אִיז אוֹיסְגֶעפִירְט גֶעוָוארְן דֶער שִׁידוּךְ, און עֶס אִיז מְקוּיָם גֶעוָוארְן וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פָּרָשָׁה ס"ח סִימָן ד') הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יוֹשֵׁב וְעוֹשֶׂה סוּלָמוֹת מַשְׁפִּיל

לָזֶה וּמֵרִים לָזֶה וּמוֹרִיד לָזֶה וּמַעֲלָה לָזֶה הֱוֵי אוֹמֵר (תְּהִלִּים עה) "אֱלֹהִים שֹׁפֵט זֶה יַשְׁפִּיל וְזֶה יָרִים". זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַלֶעם בַּאשֵׁיינְפֶּערְלִיךְ ווִי אַ שִׁידוּךְ אִיז פוּן הִימְל.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְפְּסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵייעֶן וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט דִיךְ מַזְמִין גֶעוֶוען דַיין בַּת זוּג, דִי חֲתוּנָה זָאל זַיין בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמוּצְלַחַת, אוּן דוּ זָאלְסְט אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ בֵּית נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל, עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן דִיר שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

**אִיךְ** וואוּנְטְשׁ דִיר אַ הַארְצִיגְן מַזָל טוֹב, אוּן דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ זַיין.

## תרטו

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם ג' לְסֵדֶר תְּצַוֶּה ט' אֲדָר התשע"ג

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

**אֵיינְס** פוּן דִי יְסוֹדוֹת אִין אִידִישְׁקֵייט אִיז זִיךְ צוּ הַאלְטְן שְׁטַארְק בַּיי דִי מְסוֹרָה וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען בַּיי אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן אוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְנ'ס עֶלְטֶערְן וְכוּ', דִי חֲזַ"ל זָאגְן (מִדְרָשׁ אַגָּדָה) לֹא נִגְאֲלוּ יִשְׂרָאֵל אֶלָּא בִּזְכוּת שֶׁלֹּא שִׁינּוּ אֶת מַלְבּוּשָׁם וְכוּ', אִידְן זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוּהְן אַזוֹי ווִי אַ אִיד גֵייט אָנְגֶעטוּהְן, אַנְדֶערְשׁ ווִי אַ גוֹי.

**לֵיידֶער** לֶעצְטְנְ'ס הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט בַּיי דִי בָּחוּרִים אַ קַלוּת דָאס מֶען שֶׁערְט זִיךְ אָפּ בַּיי אַ בַּארְבֶּער וָואס עֶר פִּיצְט צוּ דֶעם קָאפּ וְכוּ', מֶען פִּיצְט צוּ דִי פֵּיאוֹת מִיט זְשֶׁעלִי וְכוּ', אוּן מִיט אַן מָאדֶערְן הִיטְל וְכוּ', אוּן מִיט שְׁפּוּצִיגֶע שִׁיךְ וְכוּ', מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּן חָכָם וְתַם (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת מַעֲשֶׂה ט') "דָאס דֶער חָכָם הָאט דֶערְזֶעהְן מְשָׁרְתִים זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אַזוֹי וִוי זֵייעֶר שְׁטֵייגֶער אִיז מִיט זֵייעֶרֶע הִיטֶעלֶעךְ, אוּן מִיט דִי שְׁפּוּצִיגֶע שִׁיךְ וְכוּ' וָואס זֵיי הָאבְּן אִין זֵייעֶר גַאנְג, אוּן וִוי זֵיי גֵייעֶן אָנְגֶעטוּהְן", אוּן עֶר הָאט זֵיי אַוַודַאי נָאכְגֶעמַאכְט וְכוּ' וְכוּ', אוּן זַיין סוֹף וֵוייסְן מִיר וָואסְפַּארַא בִּיטֶערְן סוֹף עֶר הָאט גֶעהַאט, אַז דֶער טַייְוול דָאס הֵייסְט דֶער רוּחַ הָאט אִים צוּגֶענוּמֶען אוּן פַארְוָוארְפְן אִין אַ גֶעדֶעכְטְן זוּמְפּ, עַיֵּין שָׁם.

**זֶעהְט** מֶען פוּן דֶעם, וִויפֶער מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דֶעם אִידִישְׁן וֶועג אוּן מֶען פְּרוּבִּירְט נָאכְצוּמַאכְן דִי גוֹיִים הָאט מֶען אַזַא פָּנִים וִוי אַ גוֹי וְכוּ' וְכוּ', אוּן בַּיים סוֹף וֶוערְט מֶען אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן, וָוארוּם מֶען פַאלְט אַרַיין אִין אַ טִיפְן זוּמְפּ.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט אָנְזָאגְן אַלֶע בָּחוּרִים אוֹיבּ זֵיי ווִילְן זַיין עֶרְלִיךְ אִיז דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאל מֶען מַקְפִּיד זַיין הָאבְּן אַ אִידִישְׁן לְבוּשׁ, נִישְׁט נָאכְמַאכְן דִי גוֹיִים מִיט שְׁפּוּצִיגֶע שִׁיךְ וְכוּ', אוּן נִישְׁט קְלֶעבְּן דִי פֵּיאוֹת מִיט זְשֶׁעלִי, אוּן נִישְׁט אָפְּשֶׁערְן זִיךְ וִוי אַ

גוֹי, גְרָאד פוּן אוּנְטֶן, אוּן דִיק פוּן פָארֶענְט ווִי אַ פְּרִיזָאר וְכוּ', וָוארוּם דֶער לְבוּשׁ אִיז דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת פוּן אַ אִיד עֶר זָאל זַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן אַ גוֹי, ווִי עֶס שְׁטֵייט (וַיִּקְרָא י"ח ג') "כְּמַעֲשֵׂה אֶרֶץ מִצְרַיִם אֲשֶׁר יְשַׁבְתֶּם בָּהּ לֹא תַעֲשׂוּ וּכְמַעֲשֵׂה אֶרֶץ כְּנַעַן אֲשֶׁר אֲנִי מֵבִיא אֶתְכֶם שָׁמָּה לֹא תַעֲשׂוּ וּבְחֻקֹּתֵיהֶם לֹא תֵלֵכוּ" מֶען טָאר נִישְׁט נָאכְמַאכְן אַ גוֹי, וָוארוּם דֶעמָאלְט וֶועט מֶען וֶוערְן אַ גוֹי, אִיךְ בֶּעהְט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט דָאס נִישְׁט גְרִינְג שֶׁעצְן, וָוארוּם דֶער גַאנְצֶער אִידִישְׁקֵייט אִיז תָּלוּי אִין דֶעם לְבוּשׁ, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן מ"א) מַלְבּוּ"שׁ בַּאטְרֶעפְט חַשְׁמַ"ל, וָואס דָאס אִיז אַ לֶעבְּט וָואס עֶס הִיט אָפּ דִי בְּגָדִים עֶס זָאל נִישְׁט אַרֵיינְכַאפְּן זִיךְ אִין דֶעם דִי חִיצוֹנִים, אוּן ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיךְ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קכ"ז) דָאס דִי קְלֵיידֶער זֶענֶען בְּסוֹד הַחַשְׁמַ"ל, וָואס זֵיי זֶענֶען דִי שְׁמִירָה אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זַיינֶע קְלֵיידֶער וְכוּ' עַיֵּין שָׁם. אוּן דָאס דַארְף מֶען אַרֵיינְלֵייגְן אִין דִי תַּלְמִידִים יֶעדְן טָאג, וָוארוּם דָאס אִיז דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת פוּן אִידִישְׁקֵייט.

דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אוּנְז הֶעלְפְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג.**

# תרטז

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם א׳ לְסֵדֶר וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי כ״א אֲדָר התשע״ג

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הַבָּחוּר הַיָּקָר ... נֵרוֹ יָאִיר**

**הַיינְט** אִיז גָאר אַ הֵיילִיגֶער טָאג, עֶס אִיז דֶער יוֹם הַהִילוּלָא פוּן דֶעם גְרוֹיסְן הֵיילִיגְן צַדִיק, דֶער רֶבִּי פוּן אַלֶע רֶבִּי׳ס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ מִלִיזֶענְסְק זי״ע, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר זֵייעֶר אוֹיסְגֶערוּהְמְט, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, כָאטְשֶׁע זַיין סֵפֶר ״נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ״ אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס אוּן וואוּנְדֶערְלִיכֶע הַשָׂגוֹת, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז דֶער בַּעַל מְחַבֵּר אַסַאךְ גְרֶעסֶער פוּן זַיין סֵפֶר.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי זוּשָׁא מֵהַאנִיפּוֹלִי זי״ע הָאט אִים אַמָאל גֶעפְרֶעגְט, זָאג נָאר הֵיילִיגֶע בְּרוּדֶער, פַארְוָואס אִיז בַּיי דִיר אַזוֹי אָפֶען דֶער וֶועג וָואס מֶען זֶעהְט וואוּנְדֶערְלִיכֶע מוֹפְתִים וָואס דוּ טוּהְסְט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער? הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט צְווִישְׁן מַיינֶע תַּלְמִידִים אַזַא לִיבְּשַׁאפְט אַז אֵיינֶער הָאט לִיבּ דֶעם אַנְדֶערְן, אוּן מִיט דֶעם כֹּחַ קֶען אִיךְ בַּאוַוייזְן וואוּנְדֶערְלִיכֶע מוֹפְתִים, זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן וֶוען דִי תַּלְמִידִים הַאלְטְן זִיךְ צוּזַאמֶען.

**אִיבֶּערְדֶעם** בֶּעהְט אִיךְ עֶנְק זֵייעֶר שְׁטַארְק, עֶטְץ זָאלְטְס עֶנְק הַאלְטְן צוּזַאמֶען, אוּן אֵיינֶער זָאל אַרוֹיסְהֶעלְפְן דֶעם צְווייטְן, גֶעוֶועגְדְלִיךְ בָּחוּרִים הָאבְּן לִיבּ אָפְּצוּטוּהְן שְׁפִּיצְלֶעךְ וְכוּ׳ סֶעקִירְן וְכוּ׳ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן,

וָואס דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער זִינְד, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ צוּגְלַייכְן צוּ דִי תַּלְמִידִים פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זי"ע, וָואס עֶס אִיז צְווִישְׁן זֵיי גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסְן לִיבְּשַׁאפְט, אוּן אֵיינֶער הָאט אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן דֶעם צְוֵוייטְן, נָאר אִין זְכוּת פוּן אַחְדוּת וָואס עֶס וֶועט זַיין צְווִישְׁן עֶנְק וֶועט עֶטְץ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

**אִיךְ** וויל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, אוּן דוּ זָאלְסְט זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין דֶעם.

**אוֹיבֶּעט** זָאלְסְטוּ זֶעהְן צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג זֵייעֶר אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, לְכָל הַפָּחוֹת אַכְצְן פְּרָקִים אַ טָאג, וָואס דָאס הַארְגֶעט דֶעם יֵצֶר הָרַע, אָבֶער וָואס מֶער פְּרָקִים מֶען לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת אִיז דָאס מְזַכֵּךְ דִי נְשָׁמָה, וָוארוּם מִשְׁנָ"ה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת נְשָׁמָ"ה, אַז אֵיינֶער לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, אִיז עֶר זוֹכֶה אוֹיסְצוּרֵיינִיגְן זַיין נְשָׁמָה פוּן אַלֶע עֶרְלַיי בְּלָאטֶע אוּן זִינְד וְכוּ' וְכוּ' וָואס עֶס הָאט זִיךְ אִין אִים אָנְגֶעקְלֶעבְּט.

**דֶער** עִיקָר אִיז זָאלְסְטוּ זֶעהְן צוּ נֶעמֶען אַ מַסֶכְתָּא אוּן חַזֶרְן הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, וָואס דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, עֶס עֶפְנְט אוֹיף דֶעם קָאפּ מִיטְן מֹחַ, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא גוּטֶע זַאךְ וִוי לֶערְנֶען גְמָרָא יֶעדְן טָאג.

**עֶס** וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "רַחֲמֵי הָאָב" (אוֹת לִימוּד), וְזֶה לְשׁוֹנוֹ, דָאס הַארְץ זָאגְט מִיר אַ עֵצָה דָאס וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ גוּטְן פַארְשְׁטַאנְד אִין לֶערְנֶען, אָדֶער

עֶר אִיז טָרוּד אִין פַּרְנָסָה אוּן עֶר קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען בְּעִיּוּן, זָאל עֶר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא אוּן אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיּוֹת, פָּשׁוּט זָאגְן אַזוֹי וִוי עֶר זָאגְט זוֹהַר אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, וָוארוּם דֶער לָשׁוֹן אַלֵיין אִיז מְסוּגָל פַאר דִי נְשָׁמָה, אוּן אִיךְ בִּין זִיכֶער אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ אַזוֹי פִירְן וֶועט אִים בְּלַייבְּן דִי תּוֹרָה אִין זַיין הַארְץ, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אַ שִׂיסְטֶער וָואס עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט לֶערְנֶען, נָאר עֶר הָאט דוּרְכְגֶעזָאגְט יֶעדֶעם יָאר גַאנְץ שַׁ"ס פָּשׁוּט זָאגְן, אוּן דֶער פָּנִים הָאט אִים גֶעלָאכְטְן וִוי אַ פְלַאם פַייעֶר אַזוֹי וִוי דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

אִיךְ בֶּעהְט דִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דַיין נְשָׁמָה, אוּן דוּ זָאלְסְט זֶעהְן צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן דֶעם גַאנְצְן דַאוֶוענֶען, הֵן שַׁחֲרִית, הֵן מִנְחָה, הֵן מַעֲרִיב, וָוארוּם דֶער זְכוּת פוּן דֶעם אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיס, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ח') דָאס דִי דְרֵייא תְּפִילּוֹת זֶענֶען מַמְשִׁיךְ דְרֵייא מוֹחִין פַארְן מֶענְטְשׁ נִיצוֹל צוּ וֶוערְן פוּן תַּאֲוַת נִיאוּף, אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְזָא זי"ע, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַשֵּׁר דִי מַחֲשָׁבָה צוּם דִּיבּוּר, אוּן עֶר הָאט אִינְזִינֶען וָואס עֶר זָאגְט בַּיים דַאוֶוענֶען פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף, קֶען עֶר דוּרְכְדֶעם זוֹכֶה זַיין צוּ רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ט' וְסִימָן קי"ב) דָאס דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶוענֶען דְהַיְינוּ "תֵּיבַת הַתְּפִלָּה" דָאס אִיז "תֵּיבַת נֹחַ", וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אַ מַבּוּל וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן מ"ד) וָואס דָאס אִיז לָשׁוֹן בִּלְבּוּל, דָאס הֵייסְט עֶר הָאט בִּלְבּוּלֵי מַחֲשָׁבוֹת, עֶס קוּמֶען אִים אַרוֹיף

אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, אִיז דִי עֵצָה זִיךְ צוּ פַארְשְׁטֶעקְן אִין דִי "תֵּיבָה" וָואס דָאס אִיז "תֵּיבַת הַתְּפִלָּה", אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ') דָאס וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ תִּיקּוּן הַבְּרִית, שְׁפִּירְט עֶר אַלֶע טַעֲמִים בַּיים דַאוֶונֶען, בְּחִינַת מַיִין מְתוּקִין, עֶר שְׁפִּירְט אַ זִיסְקֵייט בַּיים דַאוֶונֶען, עֶס גְלִיסְט זִיךְ אִים צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶונֶען, אוּן חָלִילָה וְחַס אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית, דֶעמָאלְט שְׁפִּירְט עֶר אַ בִּיטֶערְנִישׁ בַּיים דַאוֶונֶען, בְּחִינַת מַיִין מְרוּרִין, אוּן עֶס ווִיל זִיךְ נִישְׁט דַאוֶונֶען,

**אִיבֶּערְדֶעם** זֶעה צוּ דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת מִיט מִנְיָן, אִין אַ סִידוּר דַיְיקָא, ווִי דִי צַדִּיקִים טַייטְשְׁן דִי פָּסוּק (אֶסְתֵּר ט) "אָמַר עִם הַסֵּפֶר יָשׁוּב מַחֲשַׁבְתּוֹ הָרָעָה" וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אַרַיין אִין סִידוּר אוּן עֶר זֶעהְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶונֶען טְרַאכְט עֶר נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ דַאוֶונֶען אִין סִידוּר דַיְיקָא אוּן נִישְׁט דַאוֶונֶען פוּן אוֹיסֶענְוֵוייניג.

**אוּן** אוֹיךְ דַארְפְסְטוּ ווִיסְן דָאס תְּפִלָּה בְּכֹחַ מֵיינְט מְקַשֵּׁר זַיין דִי מַחֲשָׁבָה צוּם דִיבּוּר, וָואס אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת, גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאוֶוענְט אוּן זָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶונֶען טְרַאכְט דִי מַחֲשָׁבָה דֶעמָאלְט אַנְדֶערֶע גֶעדַאנְקֶען וְכוּ', אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אַרַיינְלֵייגְן גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת מְקַשֵּׁר זַיין דִי מַחֲשָׁבָה צוּ דֶעם וָואס עֶר רֶעדְט עֶר זָאל צוּהֶערְן צוּ דָאס וָואס עֶר רֶעדְט, אוּן צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת, וָוארוּם דִי מַחֲשָׁבָה

שְׁלֶעפְּט צוּ אֵיין זַאךְ וְכוּ' אוּן דֶער דִיבּוּר זָאגְט אָן טְרַאכְטְן וְכוּ', שְׁלֵימוּת הַתְּפִלָּה אִיז אִינְזִינֶען צוּ הָאבְּן וָואס מֶען זָאגְט, אוּן מְקַשֵּׁר זַיין דִי מַחֲשָׁבָה צוּ דֶעם דִיבּוּר.

**אוֹיךְ** בֶּעהְט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק דוּ זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין צוּגֶעלֵייגְט אוּן טְרוֹיעֶרִיג, שְׁטֶענְדִיג זָאלְסְטוּ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, וָואס דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ד) מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז אַ גוּטֶע עֵצָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ וְכוּ', נָאר עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וָוארוּם שִׂמְחָה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דִבְרֵי הַיָּמִים א' ט"ז) "עוֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ", דָארְטְן בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶערְשְׁט נָאר שִׂמְחָה, דָאס אִיז אַ סִימָן וֶוען אַ אִיד אִיז אִין דִי קְדוּשָּׁה, וֶוען עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר (תְּצַוֶּה קפד:) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים ק' ב') "עִבְדוּ אֶת הֲוָיָ"ה בְּשִׂמְחָה", חֶדְוָה דְבַר נַשׁ מָשִׁיךְ לְגַבֵּיהּ חֶדְוָה אַחֲרָא עִלָּאָה, [דִי שִׂמְחָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, בְּרֶענְגְט אִים אַ שִׂמְחָה פוּן יֶענֶע וֶועלְט]; אוּן וֶוען אַ אִיד אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אַלֶע עֲוֹונוֹת, אוּן עֶר וֶוערְט פָּטוּר פוּן דִי זִינְד, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִילִים ק"ד) "אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּהֲוָיָ"ה יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ וּרְשָׁעִים עוֹד אֵינָם".

**אִיךְ** בֶּעהְט דִיךְ זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט עוֹסֵק זַיין יֶעדְן טָאג אִין מֵפִיץ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וָואס דָאס אִיז אַ זְכוּת הָרַבִּים לְדוֹרֵי דוֹרוֹת, וָוארוּם עֶס גֵייט אִיבֶּער אִין

אוּנְזֶער דוֹר שְׁוועֶרֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, סַיי אִין קְדוּשָׁה וְכוּ׳, אוּן סַיי אִין פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה וְכוּ׳, וָוארוּם דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז פוּל מִיט כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, אוּן נָאר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים רַאטֶעוֶועט אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת אַרוֹיס פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, אִיבֶּערְדֶעם אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ עוֹסֵק זַיין אִין הַפָּצָה, מֵפִיץ צוּ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, אוּן דֶער זְכוּת אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תְּרוּמָה קכ״ח:) תָּא חֲזִי כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְחַיָּיבָא, [קוּם אוּן זֶעה, יֶעדֶער וָואס עֶר הַאלְט אָן אִין דִי הֶענְט פוּן זִינְדִיגֶע] וְאִשְׁתַּדֵל בֵּיה לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא, [אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִשְׁתַּדֵל זֵיי זָאלְן אָפְּלָאזְן דִי שְׁלֶעכְטֶע וֶועגְן וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דֶעם] אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סְלוּקִין מַה דְלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נַשׁ אַחֲרָא, [עֶר גֵייט אַרוֹיף הוֹיךְ הוֹיךְ אִין דִי עוֹלָמוֹת וָואס אַן אַנְדֶערֶע אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ דֶעם] גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא [עֶר אִיז גוֹרֵם מַכְנִיעַ צוּ זַיין דִי סִטְרָא אַחֲרָא] וְגָרִים דְּאִסְתַּלָּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיה, [אוּן עֶר אִיז גוֹרֵם דָאס כַּבְיָכוֹל דֶער נָאמֶען פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל זַיין טַייעֶר אוֹיף דֶער וֶועלְט] וְגָרִים לְקַיְימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיוּמֵיה לְעֵילָא וְתַתָּא, [אוּן עֶר אִיז גוֹרֵם אַז דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט זָאל הָאבְּן אַ קִיוּם, וָוארוּם אַז מֶען אִיז מְקָרֵב מֶענְטְשְׁן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן זֵיי אַיינֶערְקֶענֶען אִים, דָאס אִיז דֶער עִיקָר קִיוּם פוּן דֶער וֶועלְט], וְעַל הַאי בַּר נַשׁ כְּתִיב (מַלְאָכִי ב) "בְּרִיתִי הָיְתָה אִתּוֹ הַחַיִּים וְהַשָּׁלוֹם" וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי, וְזָכֵי בְּהַאי עַלְמָא וְזָכֵי לְעַלְמָא דְאָתֵי, [אוּן

אויף דֶעם מֶענְטְשׁ אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק אַז מַיין בּוּנְד וֶועט זַיין מִיט אִים אוּן עֶס וֶועט רוּעֶן אויף אִים דָאס לֶעבְּן אוּן דֶער שָׁלוֹם, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהְן קִינְדֶער פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין גְלִיקְלִיךְ צוּ זַיין אויף דִי וֶועלְט אוּן אויף יֶענֶער וֶועלְט] כָּל מָארֵי דִינִין לָא יָכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ בְּהַאי עַלְמָא וּבְעַלְמָא דְאָתֵי [קַיין שׁוּם מְקַטְרֵג קֶען נִישְׁט מְקַטְרֵג זַיין נִישְׁט אויף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אויף יֶענֶע וֶועלְט] עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי וְלֵית מַאן דְיִמְחֵי בִּידֵיהּ [אוּן עֶר גֵייט אַרַיין אִין דִי צְוֶועלְף טוֹיעֶרְן פוּן אַלֶע צְוֶועלֶעף שְׁבָטִים, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁטֶערְן] וְעַל דָא כְּתִיב [אוּן אויף אִים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק] (תְּהִלִּים קי"ב) "גִּבּוֹר בָּאָרֶץ יִהְיֶה זַרְעוֹ דוֹר יְשָׁרִים יְבֹרָךְ הוֹן וָעֹשֶׁר בְּבֵיתוֹ וְצִדְקָתוֹ עֹמֶדֶת לָעַד זָרַח בַּחֹשֶׁךְ אוֹר לַיְשָׁרִים" וְגוֹ'.

**אַז** וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר קֶען מְנַדֵב זַיין אַ פַּאלֶעט פַּאפִּיר צוּ דְרִיקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער צְדָקָה וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין, אוּן וֶוער עֶס וֶועט מְנַדֵב זַיין אַ פַּאלֶעט פַּאפִּיר כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען דְרִיקְן דִי סְפָרִים, וֶועט זֶעהְן וואוּנְדֶערְלִיכֶע יְשׁוּעוֹת, וָוארוּם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט "פוּן וֶועמֶען אִיךְ נֶעם, דֶעם גֶעבּ אִיךְ".

**דֶער** בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג גְלִיקְלִיךְ זַיין אוּן עֶס זָאל דִיר גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

**דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג.**